STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10812

FARGESENE BLETLEKH

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעמ-אַלייכעמ

פאַרגעסענע בלעטלעכ

אויפגעזוכט אונ צונויפגעזאמלט
פונ י. מיטלמאנ אונ כ. נאדעל

מעלוכע-פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1939

פאָרוואָרט

ניט געקוקט דערופ, וואָס שאָלעמ־אלייכעמס ווערק זאמלט מענ שוינ העכער 35 יאָר (זינט 1903), איז דאָכ ביז איצט די גרויסע ליטעראַרישע ירושע פונעמ גרויסנ פאָלקס־שרײַבער ניט צונויפגעזאמלט מיט דער נייטיקער פולקייט. ניט אינ די פארשיידענע „געזאמלטע", „געקליבענע" אונ „אויסגעוויילטע ווערק", ניט אפילע אינ די אויסלענדישע אויסגאבעס (אינ 28 בענדער), וואָס טראָגנ דעמ פרעטענציעזנ נאָמענ „אלע ווערק פונ שאָלעמ־אלייכעמ", געפינענ מיר ניט א גאנצ היפשע צאָל ווערק, וואָס שאָלעמ־אלייכעמ האָט אָנגעשריבנ אונ וואָס זײַנענ ביז הײַנטיקנ טאָג ניט צונויפגעקליבנ געוואָרנ אינ קיינ שומ זאמלונג, אונ אזוי ארומ געבליבנ אומבאוווסט די ברייטסטע לייענער־מאסנ.

די סיבעס דערפונ, וואָס די דאָזיקע ווערק שאָלעמ־אלייכעמס זײַנענ געבליבנ ניט צונויפגעזאמלט, זײַנענ פארשיידענע: א גרויסע צאָל פונ זיי איז דערשינענ אינ אלטע, זעלטענע אונ פארגעסענע פעריאָדישע אויסגאבעס, וואָס נאָר געשווירענע ביבליאָגראפנ — אי דאָס ניט אלע — ווייסנ פונ זיי; א ריי פרייִקע זאכנ האָט שאָלעמ־אלייכעמ גופע, וואָס איז צו זיכ געווענ אסאכ שטרענגער, איידער פיל פונ זײַנע שטרענגסטע קריטיקער, געפּאסלט אלס אומרײַפע פרוכטנ; אייניקע ווידער האָבנ מיט זייער שארפנ פאמפלעטישנ אונ סאטירישנ טאָנ געוויס שאָקירט די בורזשואַז־נאציאָנאליסטישע פארלעגער.

דער דאָזיקער באנד האָט דעמ צוועק ארויסצוברענגענ פאר דער ברייטער עפנטלעכקייט א געוויסנ טייל פונ שאָלעמ־אלייכעמס „פארגעסענע בלעטלעכ", די, וועלכע זײַנענ נאָכ ביז אהער ניט דערשינענ אינ קיינ שומ זאמלונג פונ זײַנע ווערק.

דער באנד עפנט זיכ מיט אייניקע פרייִקע ווערק פונ שאָלעמ־אלייכעמענ: „צוויי שטיינער", „די וויבאָרעס".

די דאָזיקע ווערק זײַנענ ניט נאָר וויכטיק פאר דער פאָרשונג פונעמ יונגנ שאָלעמ־אלייכעמ, נאָר זיי שטעלנ מיט זיכ פאָר אייגנצײַטיק א גרויסנ ריינ־ליטעראַרישנ אינטערעס.

די „צוויי שטיינער" טראָגנ אפּ זיכ א בוילעטנ אווטאָביאָגראַפישנ צייכנ: די שילדערונג פונ דער אומגליקלעכער ליבע אונ די צאָרעס, וואָס די ליבנדיקע שטייענ אויס פונ די דעספּאָטישע עלטערנ, וועלכע שטעלנ זיכ אנטקעגנ זייער גליק, — איז אָנ צווייפל אנ אָפּקלאַנג פונ די יעסורימ, וועלכע עס האָט געליטנ דער יונגער מעכאַבער גופע, בייס ער האָט געשפּילט די ליבע מיט זײַנ שילערנ...
דאָס דאָזיקע ווערק איז אָנגעשריבנ ניט אינ שאָלעמ־אַלייכעמס מאַניר, נאָר אינעמ גײַסט פונ דינעזאָנס מאָראַליש־סענטימענטאַלע ראָמאַנענ, אָבער עס איז שוינ דעמאָלט געשטאַנענ אָנ אנ ערעכ העכער פונ אַל דעמ קוואַטש אונ שונד, וואָס האָט דאַנ פאַרפלייצט דעמ יידישנ ביכער־מאַרק, אונ זיי וועלנ אויכ איצט געלייענט ווערנ מיט אינטערעס.

„די וויבאָרעס" — דאָס איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס איז שוינ אונטערגעכאַסמעט מיטנ נאָמענ „שאָלעמ־אַלייכעמ", אונ דאָ פילט זיכ שוינ טאַקע שאָלעמ־אַלייכעמ דער סאַטיריקער, דער אָפּשפּעטער פונ די קאָהאָלשע רעדלפירער, וועמענ עס לוינט ניט, אז מע זאָל זיכ מישנ אינ זייערע קאָהאָלשע איניאָנימ, אונ זיי ווילנ דערפאַר פאַרבײַטנ דעמ פאָלקס־פרײַנטלעכ: ראַבינער מיט אנ אנדערנ, אנ אונטערלעקערישנ.

די סעריע בילדער אונ דערציילונגענ וועגנ מאַזעפּעווקע („סטאַנציע מאַזעפּעווקע", „דאָנ קישאָט פונ מאַזעפּעווקע", „דער דײַטש" אונ דער „אויצער" (די לעצטע דרײַ איבערזעצט פונ העברייִש) זײַנע אינטערעסאַנט אלס פאָראַרבעטנ אונ עסקיזנ צו די שפּעטערדיקע סעריעס דערציילונגענ וועגנ קאַסרילעווקע. אינ דער שילדערונג פונעמ שטייגער־לעבנ פונ די „אָרעמע אונ פריילעכע" מאַזעפּעווקער זעענ מיר שוינ די הויפּט־שטריכנ, מיט וועלכע עס צייכענענ זיכ אויס די אײַנוווינער פונ קאַסרילעווקע. קאַלמענ שאַדכנ פונ מאַזעפּעווקע איז דער ערשטער וואַריאַנט פונ מענאַכעמ־מענדלס שוטעפ רעב אָשער, אונ די געשיכטע מיטנ „אויצער" איז סיוזשעטיש פאַרבונדנ מיט „75.000" אונ מיט דער פּיעסע „דער אויצער" („גאָלדגרעבער").

א גרויסנ אינטערעס רופט אַרויס דער ראָמאַנ „ווער ווייסט", וואָס צייכנט זיכ בעפּיירעש אויס מיט אלע מײַלעס פונ שאָלעמ־אַלייכעמס ראָמאַנענ: דינאַמישקײַט, סיוזשעטישקײַט, מײַסטערשאַפט, געשילדערטע טיפּנ, קוועלנדיקער, געזונטער הומאָר אאַוו. צומ באַדויערנ, איז דאָס ווערק איבער אנ אומבאַוווסטער סיבע געבליבנ ניט פאַרענדיקט. דער לייענער אָבער ווערט טיילווײַז קאָמפּענסירט דורכ דעמ, וואָס שאָלעמ־אַלייכעמ האָט דאָ אָנגעווענדעט אנ אייגנאַרטיקנ „פּריִיאָמ": ער האָט דעמ עפּילאָג — דעמ סאָפּ דערציילט שוינ אינ אָנהייב ראָמאַנ.

די גרעסטע אויפמערקזאַמקײַט ציִענ צו זיכ צו די סאַטיריש־פּאַמפלעטישע ווערק פונ די שפּעטערע יאָרנ (1904—1911). אינעמ צענטער פונ אָט די ווערק דאַרפ מענ שטעלנ די פּאָליטיש־פאַרשאַרפטע בײַסיקע סאַטירעס אפנ צאַרישנ

שאָלעם־אלייכעם אין פּעטערבורג (1904).

רוסלאנד: אפ דער לוי־ייִצלעכ־מילכאָמע מיט יאפאָניע („דער פעטער פיניע אונ די מומע רייזע"), אפ דער „קאָנסטיטוציע" אונ אפ די „פרײַהײַטנ" אונ די פארלאמענטארישע שפילנ — די דומע („דאָס נײַגעבוירענע", „דער בעזעמ אונ די בארשט", „אײַנגעמאכטס"), אפנ קאָרומפירטנ ביוראָקראטיזמ („שאָלעכמאָנעס"). מיר האָבנ דאָ אויכ שארפע פאמפלעטנ אפ די ייִדישע בורזשואזע באלעטויוועס, אפ די קאָהאָלשע פאָראָנדקעס („די אסיפע פונ „ייִקא", „דער פירפענעמדיקער ראבינער"). אייניקע ווערק זײַנענ געווענדעט קעגנ כיידער („דער רעבע אונ די רעבעצנ"). זייער וויציק זײַנענ אויכ די פעליעטאָנענ, וואָס זײַנענ געווידמעט דער ייִדישער בורזשואזער ליטעראטור אונ פרעסע אונ אירע „זיטנ" („ווער בינ איכ", „גוטמאָרגנ", „א פרעמיע"), באזונדערס די טרעפלעכע פאראָדיעס אפ שאָמערנ („אינ ספאָרימ־קלייטל") אונ אפ יושקעוויטשעס כאלטורישער „הייראט־קאָמעדיע" („קאָמעדיע־בראק"). מיר האָבנ אויכ געפונענ פאר נייטיק צו געבנ אינ בוכ צוויי בריוו פונ דער סעריע „מענאכעמ־מענדל", וועלכע זײַנענ ניט ארײַנ אינעמ „קאנאָניזירטנ" טעקסט. די דאָזיקע בריוו שטעלנ מיט זיכ פאָר א גרויסנ ליטערארישנ אינטערעס.

אונדזער בוכ, זעלבסטפארשטענדלעכ, פרעטענדירט ניט אויסצושעפנ אלע אומבאוווסטע אונ פארגעסענע ווערק שאָלעמ־אלייכעמס. מיר זײַנענ אָבער זיכער, אז אָט די צומ ערשטנ מאָל צונויפגעזאמלטע פארגעסענע בלעטלעכ פונ שאָלעמ־אלייכעמס שאפנ וועלנ ווארעמ באגריסט ווערנ פונ יעדנ שאָלעמ־אלייכעמ־ליבהאָבער, דאָס הייסט, פונ אלע ייִדישע לייענער.

י. מיטלמאנ, כ. נאדעל.

צוויי שטיינער

אז דו ווילסט עמעצן קאָווער אָפּגעבן,
איז דאָ אַן אַלטער מינהעג א פײַנער:
ציר אים מיט בלומען באַם לעבן,
אַפּ זײַן קייווער קענסטו וואַרפן שטיינער 1).

I.

פּאָלינקע איז געווען אין גאָרטן, ווען ראָזאַליע, איר ברו־דערס טאָכטער, א מיידל פון א יאָר אכט, איז צוגעלאָפן צו איר מיט א דין קלינגענדיק קעלכל.

— מא טאנט (מומעניו), מא טאנט! דער זיידע איז געקומען מיט אים... מיט אים... גיכער, גיכער קומט אין שטוב אַרײַן! אך, מא טאנט!

פּאָלינקע האָט זיך אפילע קיין ריר ניט געטאָן. זי איז גע־זעסן אונטער א בוים, אין א בעסעדקע, בלאַס און אָפּגעלאָזט, און האָט געלייענט א בוך, כאָטש אירע שווארצע אויגן האָבן געברענט ווי פײַער.

---

1) Если почесть воздать ты желаешь,
То велит нам обычай отцов,
Чтобы цветы мы бросали живущим,
И каменья на гроб мертвецов. (А. Плещеев).

— ראָזאַליע! — האָט פּאָלינקע אופגעהויבן די אויגן צו איר און געזאָגט, — ראָזאַליע, דו פּאָלגסט מיך ניט? איך לערן דיך, אז עס איז שוין צײַט, דו זאָלסט ניט מאכן קיין קינדערשע טנו־עס, ניט לויפן און שפּרינגען און טאַראַרײַקען. פע! ביסט דאָך שוין א גרויסע...

— אך, מא טאנט! דער זיידע איז אָבער געקומען, — האָט ראָזאַליע געענטפערט, — מיט אים, מיט דעם נײַעם לערער... ער הייסט ראַבאָווסקי... אך, עפּעס אזא... כי, כי, כי. אזא גרויסער... כא, כא, כא!

ראָזאַליע איז געשווינד אנטלאָפן. פּאָלינקע האָט נאָך א שמייכל געטאָן און האָט זיך ווײַטער פארטיפט אין דעם בוך.

פּאָלינקע איז געווען א מיידל פון א יאָר זעכצן, מיט לאנגע שווארצע האָר, שווארצע גרויסע אויגן, וועלכע פלעגן טאָמיד זײַן פארטראכט און עפּעס אזויוי טרויעריק, נאָר ווען זי האָט אופּ־געהויבן אירע שווארצע געדיכטע האלבקײַלעכדיקע ברעמען און געגעבן א קוק אפ עמעצן, האָט יענער געפילט, אז די שטראלן פון איר בליק בויערן דורך ביז צום הארצן. אין דעם גלאנץ פון אירע אויגן איז טאָמיד עפּעס געלעגן פארבאָרגן, וואָס קיינער האָט ניט געקענט טרעפן. זי האָט געקענט זײַן פריילעך און לאכן ווי א קינד, נאָר אין די אויגן האָט מען ניט דערקענט זיי זאָלן אויך פריילעך זײַן. אז פּאָלינקע איז אלט געווען אכט יאָר, איז זי שוין קיין קינד ניט געווען. זי איז געוואקסן א באסיעכידע בא אירע עלטערן אין דאָרף, אליין, אָן קליינע קינדער. ווען זי פלעג קומען אין שטאָט ארײַן מיט אירע עלטערן, אָדער מיט דער באָנע (א געלערנטע ניאנקע) און איז זיך צוזאמענגעקומען מיט אירע קליינע קוזינעס (שוועסטערקינדער), פלעגט זי נאָר באטראכטן און צוהערן זיך, וואָס יענע האָבן גערעדט, און ענטפערן נאָר אפ דעם צענטן וואָרט. די עלטערן האָבן זי דערפאר גערופן „דיקאַרקע" (ווילדע), זיי האָבן זי ניט געוואָלט געבן אין קיין פּאנסיאָן, אָדער אין א גימנאזיע אין שטאָט, און האָבן געהאלטן בא זיך אין דאָרף א

פראנצויזן — א באָנע און אַן אַלטע געבילדעטע דאַמע, וועלכע האָבן מיט איר געלערנט. און זי האָט טאַקע זייער גוט געלערנט. צו 14־15 יאָר האָט פּאָלינקע שוין געלייענט ערנסטע ביכער און פלעגט אויסזיצן טאָג און נאַכט איבער זיי. די מוטער איז דער־פון ניט זייער צופרידן געווען, זי האָט ליב געהאַט איר איינציקע פּאָלינקע, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ניט־געבילדעטע מאַמעס האָבן ליב זייערע טעכטער, און דער פאָטער פלעגט לאַכן און אָפט זאָגן אַזוי, ווי כּוויזעק צו מאַכן:

— מײַן טאָכטער וואַקסט אַפּ אַ יוריסט אָדער אַ דאָקטער. לערן, לערן, פּאָלינקע, וועסט קענען, וועט זיך געפינען אַזעלכער, וואָס וועט פאַרשטיין וואָס דו ביסט. מיר ווייסן ניט, מיר זײַנען פון דער אַלטער וועלט און פאַרשטייען ניט די אַלע נאַרישקײַטן און באַסניעס, וואָס דו לערנסט.

ער פלעגט לאַכן פון איר בילדונג און פונדעסטוועגן פלעגט ער אַליין פאָרן און ברענגען די בעסטע באָנעס מיט די טײַערסטע ביכער. ער האָט דערוף גאָר קיין געלט ניט געקאַרגט, כאָטש ער איז ניט געווען קיין מיליאָנער.

רעב מוישע ליכטינאָוו, אַזוי האָט מען גערופן פּאָלינקעס פאָטער, איז געווען פון דער גילדענער פאָן, פון אַן אַלטער מעיר־כעסדיקער פאַמיליע. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ ווילער יונגערמאַן, ער איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן בײַ גאַנץ פרומע עלטערן. שפּעטער איז ער אָנגעקומען פאַר אַן איידעם אין נאָך אַ פרומער הויז, צווישן פרומע שוואָגערס, כסידים, הײַסע ייִדן, פײַנע יונגעלײַט, מיט מוירע און מיט כאָכמע. ער האָט אָבער דאָרט ניט לאַנג געקענט אויסהאַלטן מיט זײַן געמיט, וואָס ער האָט געהאַט, גאָט ווייסט פונוואַנען און זײַט ווען... פון דעם רעבן האָט ער געלאַכט, און די כסידים האָט ער פײַנט געהאַט פאַר זייער פאַלשקײַט און נאַרישקײַט. דערפאַר האָט ער בײַ זײַן שווער ניט געקענט זײַן און איז אַוועקגעפאָרן קיין גאָטלוב, אין זײַן געבורט־שטאָט, און האָט אָנגעהויבן פירן גרויסע מיסכאָרים,

צו וועלכע ער האָט געהאט א גרויסע האסאָגע. אמאָל האָט אים געגליקט, אמאָל ניט. ער האָט געהאט א פעסטן כאראקטער, דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן „סילא־וואָלי", און איז קיינמאָל בא זיך ניט אראָפּגעפאלן. מיט די גאָטלובער יידן האָט ער אויך ניט געקאָנט הויזן, און איז געווען אין קריג מיט דער גאנצער שטאָט. אליין איז ער געווען זייער אן אָרנטלעכער מענטש, דאָס האָבן די גאָטלובער יידן זייער גוט געוווּסט, נאָר פאר זיין פריידענקען האָבן זיי אים פיינט געהאט. ער איז דערצו געווען זייער אן אופ־ריכטיקער מענטש, קיין אוולעס האָט ער ניט געקאָנט איבערטראָגן און פלעגט יעדן ארויסזאָגן פריי און אָפן זיין מיינונג און האָט קיינעם נישט געשוינט. א לאנגע צייט האָט ער זיך געאמפּערט אין גאָטלוב מיט די יידעלעך, ביז עס איז אים נימעס געוואָרן, איז ער ארויסגעפאָרן אין אן אימעניע אין א דאָרף מאָגילא. דאָרט האָט ער זיך באשעפטיקט מיט ערד־ארבעט עטלעכע יאָר, ביז ער האָט אָנגעזאמלט א היפּשן קאפּיטאל און איז געוואָרן א פּאָסעסער פון עטלעכע דערפער. ער איז געוואָרן באקאנט מיט פיל פּאָמעשטשיקעס און האָט זיך פארשלאָסן מיט דער סעמייסטווע אין מאָגילא. די גאָטלובער יידעלעך האָבן, ווי דער שטייגער איז, אים נאָך מער פיינט געקריגן פאר זיין אשירעס און פאר זיין פריי לעבן. זיי האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט איינגעפירט בא זיך אין הויז באָנעס, גווערנאנטקעס, פּאָרטע־פיאנעס מיט רוסישע ביכער. אזוי האָט פיינט דער ארעסטאנט די מענטשן, וואָס גייען ארום פריי אף דער וועלט.

אין דעם יאָר, וואָס מיר הייבן אָן אונדזער מייסע, איז מוישע ליכטינאָוו געווען א ייד פון א יאָר פופציק. א הויכער, א דיקער, מיט א שיינער קײַלעכדיקער באָרד, וועלכע איז נאָך ניט גאנץ גרוי געווען, מיט קלוגע, קארע אויגן; אף זיין פּאָנעם און זיין גאנצער פיגור און אין זיין פּאוואָליעדיקן גאנג האָט מען אָנגע־זען פיל ענערגיע און שטארקייט. ווען מוישע ליכטינאָוו האָט אָנגעקלערט עפּעס א זאך, האָט דאָס געמוזט אויסגעפירט ווערן.

א הארץ האָט ער געהאט זייער א גוטס און איז אינגאנצן געווען ניט קיין שלעכטער, נאָר בא זיך אין דער סעמייסטווע איז ער געווען א קליינער דעספּאָט. מע האָט פאר אים מוירע געהאט. דאָס ערשטע ווייַב איז בא אים יונג געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט צוויי זין. ער האָט דאָס צווייטע מאָל כאסענע געהאט מיט זייער א יונג און שיין מיידל, וועלכע האָט אָבער גאָר קיין אייגענעם ווילן ניט געהאט און איז אים געווען אונטערטעניק, ווי א קנעכט באם סולטאן. זי האָט געקענט אַלע זייַנע קאפּריזן און האָט אים געאכטעט און געליבט, און דערצו מוירע געהאט פאר אים, ווי פאר א מיילעך. מיט איר האָט ער געהאט נאָר איין טאָכטער — פּאָלינקע, מיט וועלכער אונדזערע לעזער זייַנען שוין באקאנט.

— פּאָלינקע, — האָט איר די מוטער געזאָגט, אז זי איז צוריק געקומען פון גאָרטן אין שטוב אריַין, — דער טאטע איז געקומען מיט רא... ראוו.. ווייס איך וויִאזוי מע רופט אים, ער געפעלט מיר ניט, ער האָט א פּאָנעם פון אונדזער גאלעכס זון. נאָר דער טאטע זאָגט, אז ער איז זייער א ווילער... ווייס איך? לאָז זייַן א ווילער, אז ער זאָגט.

— האָסט דו אים שוין פארהערט? — האָט פּאָלינקע געפרעגט מיט א שמייכל און איז צוגעגאנגען צום פאָטער.

— אָ, קום נאָר אהער, מייַן יוריסט, — האָט זי דער פאָטער גענומען בא דער האנט, — איך האָב דיר געבראכט הער ראבאָווסקין, הייַנט וועסטו שוין אוואדע אויסלערנען קאָל האטוירע און וועסט שוין ווערן א דאָקטער.

בא דעם טיש, צו וועלכן מוישע ליכטינאָוו האָט צוגעפירט פּאָלינקען, איז געזעסן א הויכער און א ברייטער יונגערמאן פון א יאָר צוואנציק, מיט א גרויסן קאָפּ, מיט לאנגע צעוואָרפענע בלאָנדע האָר, מיט א ברוינעם פּאָנעם, לאנגע ווייַסע הענט, וועלכע זייַנען אין דעם אויגנבליק באשעפטיקט געווען: ער האָט געגעסן ברויט

מיט פוטער און קעז. ער האָט א שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אז פאָלינקע איז צוגעגאנגען צו אים. ער האָט נאָר אופגעהויבן זײַנע גרויסע אויגן אף איר, וועלכע האָבן באשטענדיק ווי גע־לאכט פון יעדן, און האָט ווידער זיך גענומען צום עסן.

— אָט דאָס איז מײַן טאָכטער, — האָט מוישע ליכטינאָוו גע־זאָגט, — איך בעט אײַך, הער ראבאָווסקי, איר זאָלט פון איר מאכן א מענטש, זי איז נאָך אביסל ווילד און פרעמד פון דער גאנ־צער וועלט.

ראבאָווסקי האָט אפילע קיין בליק ניט געטאָן אף ליכטינאָוון און זײַן טאָכטער און האָט זיך ווײַטער געטאָן זײַנס — ער האָט געגעסן מיט גרויס אפעטיט און מיט פארגעניגן.

— איר דארפט איר געבן צו פארשטיין, אז מע מעג טאקע זײַן געבילדעט, ווי די וועלט, און דערבײַ טאקע זײַן א מענטש אויך, — האָט ליכטינאָוו ווײַטער געזאָגט.

ראבאָווסקי איז אופגעשטאנען פון טיש, האָט זיך אָפּגעווישט די הענט, זיך אויסגעגלײַכט און א וואָרף געטאָן מיט די לאנגע האָר. דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צום פענצטער, ווו פאָלינקע איז געשטאנען און האָט געקוקט אין גאָרטן. ער האָט זי גוט בא־טראכט פון קאָפּ ביז די פיס מיט זײַנע שפּאָטישע אויגן און האָט געזאָגט צו מוישע ליכטינאָוו:

— איך האָב פארגעסן אויסצורײדן מיט אײַך, הער ליכטי־נאָוו, איין פונקט: אז לערנען אײַער מאמזעל טאנצן, קאָמפּלי־מענטן מאכן און נאָך אזעלכע סוועטסקע כאָכמעס — קען איך נישט, מע האָט דאָס מיך אליין נישט געלערנט, דערפאר זאָלט איר אף די זאכן גאָרנישט ארויסקוקן אף מיר...

פאָלינקע האָט בא די ווערטער אופגעהויבן אירע שווארצע גלאנצנדיקע אויגן און האָט זיי איבערגעשטעלט אף ראבאָווסקין, וועלכער איז געשטאנען קעגן איר האלב שפּאָטיש, ווי אן על־טער מאן קוקט אף א קליין נאריש קינד. כאנע — אזוי האָט מען גערופן פאָלינקעס מוטער — האָט פריער אופגעמאכט די אויגן אף

ראבאָווסקין, דערנאָך אפ פּאָלינקען, דערנאָך אפ איר מאַן און איז שוין געווען פּאַרטיק אויסצודראַפּען דעם לערערביידע אויגן און אים ארויסטרייבן אפ דער רעגע פון דער שטוב, דערפאַר וואָס ער האָט געסמייעט אזוי גראָב צו ענטפערן איר מאַן און איר באַסיעכידע, וועלכע איז, נאָך איר מיינונג, געלערנט מער פון אלע לערערס אפ דער וועלט. נאָר אָן מוישעס פּאָנעם האָט זי פאַרשטאַנען, אז מען דאַרף אביסל איינהאַלטן דעם קאַס אין זיך, האָט זי פאַרביסן מיט די ליפּן און האָט א הוסט געטאָן. עטלעכע מינוט איז געווען שטיל. אלע האָבן געשוויגן, ביז מוי־שע ליכטינאָוו האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— איר האָט א טאָעס, הער ראַבאָווסקי, מיין טאָכטער איז ניט פון די דאָזיקע, וואָס טאַנצן און שפּרינגען, איר איינציק פאַרגעניגן איז ביכער, און ווידער ביכער...

— ביכער? אזוי? נו, — האָט זיך ראַבאָווסקי צוגעזעצט צו פּאָלינקען. — נו, פריילן, געוויס האָט איר שוין דורכגעלעזן גאַנץ פּאָל־דע־קאָק, דיומא, קסאוויע דע מאָנטעפּען [1]) און נאָך און נאָך?

כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אז ראַבאָווסקי האָט שוין כאַראָטע געקריגן, וואָס ער האָט אזוי ניט איידל גערעדט מיט פּאָלינקען, דערפאַר האָט ער פאַרפירט מיט איר אזא שמועס פון ביכער מיט אזעלכע מאָדנע ווערטער. זי האָט אים שוין מויכל געווען, און דער קאַס איז איר פונעם האַרצן אָפּגעגאַנגען. דערפאַר האָט זיך אָבער פּאָלינקע אָנגעצונדן און איז געוואָרן רויט, ווי א רויז, און האָט אים שטיל געפרעגט:

— פונוואַנען נעמט איר, אז איך האָב פונקט געליינט פּאָל־דע־קאָק מיט נאָך אזעלכע ביכער?

— וואָס, ניין? נו, פאַרצייעט מיר, — האָט ראַבאָווסקי זיך אויפגעכאַפּט פון בענקל און האָט זיך מיט א געלעכטער פאַרנייגט פאַר פּאָלינקען, — פאַרדאָן, פאַרדאָן, פריילן.

1) דאָס זיינען פאַרפאַסער פון באַקאַנטע פראַנצויזישע לייכטע ראָמאַנען. (באַ־מערקונג פונעם אויטאָר).

מוישע ליכטינאָוו האָט באמערקט, אז זײַנ טאָכטער ווערט אלע מאָל רויטער אונ קוקט אפ ראבאָווסקינ מיט בייזע אויגנ, איז ער אופגעשטאנענ, האָט גענומענ ראבאָווסקינ פאר א האנט אונ האָט אימ געזאָגט:

— נו, איר וועט האָבנ גענוג צײַט צו רעדנ פונ אײַערע ביכער. איצט קומט, וועל איכ אײַכ ארײַנפירנ אינ אײַער צימער.

דאָס צימער, וווּהינ ליכטינאָוו האָט אימ ארײַנגעפירט, איז געווענ א קליינ ליכטיק שטיבל מיט זייער באקוועמ אונ רײַכ מעבל. ראבאָווסקי האָט באטראכט דעמ גרויסנ בראָנזענעמ שפיגל, דאָס שיינע אײַזערנע בעטל מיט דעמ העלנ קאָווריק, די קארטינעס אפ די ווענט, דעמ שרײַבטיש מיט די צוויי קרעסלעס אונ די פריבאָרנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ דעמ טיש, דערנאָכ האָט ער זיכ אנידערגעזעצט אפ דער קאנאפע אונ האָט זיכ פארטראכט.

„דו ביסט נאָכ אלצ דער אייגענער עלנטער, וואָס דו ביסט געווענ ביז אהער״, — האָט ער צו זיכ אליינ געזאָגט, — „דער וועטשנער זשיד״. פאָר ווײַטער, דו פוסטע לאָדקע, אינ דעמ ברייטנ, טיפנ יאמ, דאָס וואסער וועט דיכ שוינ אליינ ברענגענ צו א ברעג אָדער צומ דנאָ, ווער ווייסט?״ א טיפער זיפצ האָט זיכ דערבײַ ארויסגעכאפט פונ זײַנ הארצ...

II

שלוימע ראבאָווסקי איז געווענ עלנט, אָנ עלטערנ אונ אָנ פרײַנט, האָט ער זיכ געוואלגערט ביז צוועלפ יאָר אינ דער טאלמעטוירע אינ דער שטאָט נ. ער האָט געליטנ הונגער אונ קעלט. דער דאָרטיקער ראבינער פלעגט אָפט ארײַנקומענ אפ א שעה אינ טאלמעטוירע, איז אימ געפעלנ דאס אָרעמע ייִנגל דורכ זײַנ פייִקנ קאָפּ, האָט ער אימ גענומענ צו זיכ אונ האָט מיט אימ געלערנט רוסיש אונ דײַטש דרײַ יאָר קעסיידער. דערנאָכ האָט ער אימ אוועקגעשיקט מיט א רעקאָמענדאציע קיינ זשיטאָמיר-

דאָרט האָט ער איבערגעטראָגן די גרעסטע נויט א גאנץ יאָר, ביז ער איז אריינגעטראָטן אין א יידישן לערער־אינסטיטוט. שוין אפן דעם צווייטן יאָר האָט מען דערקענט זיין טאלאנט, און פון דעם דריטן קורס האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צום אוניווערסיטעט. מיט דער גרעסטער געדולד האָט ער געלערנט לאטיין און גריכיש און איז אין אוניווערסיטעט געווען דער בעסטער שילער. ער האָט דערצו זייער פיל געלייענט, און אלע כאווירים האָבן אים דערפאר געאכטעט און געליבט פאר זיין גוטן כאראקטער. אין דער שטאָט האָט ער געהאט צוויי גוטע קאָנדיציעס (שטונדן) אין די רייכסטע הייזער. דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געהאט קיין גראָשן אין דער קעשעניע. פון דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אויסגעהאלטן פיל אָרעמע שילער און האָט נאָך דערצו מיט זיי אליין געלערנט אומזיסט. קיינער האָט ניט געקאָנט פארשטיין, ווי בא אזא „גיגאנט" (וועליקאן, ריז) — אזוי האָבן אים אלע גערופן — וואָס האָט טאָמיד ליב געהאט פון איטלעכן צו שפּעטן, זאָל זיין אזא גוט הארץ. אין אינסטיטוט, בא אלע זיינע כאוויירים, איז ער געווען ראָשעווערישן, קיין זאך האָט זיך אָן אים ניט געטאָן. א קרוזשאָק פון זשיטאָמירער אינטעליגענציע (אופגעקלערטע מענטשן) האָט אים אריינגענומען צו זיך פאר א טשלען, און ער איז דאָרט אויך באלד געוואָרן דער רעדל־פירער. מען האָט מוירע געהאט פאר דעם „סעמינאריסט", ווי זיי פלעגן אים דאָרט רופן. ראבאָווסקי האָט געהאט א באזונדערע פייקייט יעדן זיך צו מאכן אונטערטעניק, און דאָס, וואָס אנדערע האָבן דערוף געדארפט אויסזיצן נעכט, האָט ער באלד גענומען מיט דעם סייכל אין עטלעכע מינוט. ער האָט געפילט בא זיך, אז ער שטייט העכער פון אלע, מיט וועלכע ער האָט זיך באגעגנט אפן זיין לעבן. דערפאר האָט ער יעדן אראָפּגעקוקט מיט זיינע שפּאָטישע אויגן. פון פּרויען־צימער האָט ער געהאט גאָר א באזונדער מיינונג. אין זיינע אויגן זיינען זיי

נאָר פּייַק צו קינדער ניאַנטשען און ספּלעטניעס פירן. אין דעם פּראַקטישן לעבן האָט ראַבאָווסקי נאָך ווייניק זיך אַרומגעזען. דער לעצטער זומער איז אינסטיטוט איז געקומען, די שילער פון דעם פערטן קורס האָבן אָנגעהויבן בויען שלעסער אין דער לופט, יעדערער נאָך זײַן האַסאָגע. ראַבאָווסקי איז שוין פּאָר־טיק געווען צו דעם אוניווערסיטעט, נאָר ער האָט קיין גראָשן געלט נישט געהאַט. אַף אַ קאַזיאָנע שטעלע האָט ער אַזוי ווי קיין האָפענונג ניט געקענט האָבן, האָט ער געבעטן בײַ דעם אינספּעקטאָר, ער זאָל אים קריגן ערגעץ אַ שטעלע אַף אַ יאָר, בכדי ער זאָל קענען צונויפשלאָגן אַ קאַפּיטאַל און פאָרן קיין ק... אין דעם אוניווערסיטעט. דער אינספּעקטאָר איז געווען באַ־קאַנט מיט מוישע ליכטינאָוו, ער האָט בײַ אים אָנגעפרעגט, אויב ער דאַרף ניט אַ לערער, און האָט ערהאַלטן אַ טשוווע, אַז ער דאַרף אַ לערער, וואָס קאָן יידיש אויך, און ער וויל צאָלן 500 רובל אַ יאָר אַף אַלעס גרייטן. דעם 10־טן יול... 187 איז ראַבאָווסקי געקומען קיין גאָטלוב און האָט שוין דאָרטן געטראָפן מוישע ליכטינאָוו, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך אין וואָגן און האָט אים געבראַכט קיין מאָגילאַ.

III

עס איז פאַרגאַנגען מער ווי אַ האַלב יאָר, זינט ראַבאָווסקי איז שוין געוואָרן אַן אייגענער בײַ ליכטינאָוון אין הויז. אַלע מענטשן האָבן אים ליב געקראָגן, פון גרויס ביז קליין, נאָר באַזונדערס איז צו אים צוגעבונדן געוואָרן דער אַלטער ליכטינאָוו. ער האָט אין אים דערקענט אַ זעלטן גוט האַרץ מיט איידעלע געפילן, אַ מענטשן, וואָס זוכט נאָר צו שאַרפן זײַן סייכל און פאַרגרעסערן זײַנע קענטענישן. די מענטשן פון דעם הויף, אַז זיי האָבן געזען, וואָס פאַר אַ כאָשעוו דער לערער איז בײַם באַלעבאָס, האָבן זיי זיך שטענדיק געלאָזט צו אים מיט באַקאָשעס.

טכּילעס האָבן זיי גאָר מוירע געהאַט צו אים צו צוטרעטן. אַז זיי האָבן אָבער געזען, אַז ער באַהאַנדלט זיי ווי זײַנע גלײַכן, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך מער צו אים צוצולאָזן. ער אַליין פלעגט אָפט גיין צו זיי אין די „נאָרעס"—אַזוי פלעגט ער רופן זייערע קליינע שטיבלעך, מיט קאַמיש געדעקט—פלעגט מיט זיי רעדן, שפּילן מיט זייערע קינדער. „טיפּשים!—פלעגט ער צו זיי זאָגן,—וואָס מאַכט איר אָנשטעלן? איר האַלט מיך פאַר אַ פּאָרעץ? איך בין דער זעלבער סלוזשיטעל ווי איר, נאָר אין אַן אַנדער פעל. ווי לאַנג איז, אַז איך בין געגאַנגען אין שמאַטעס און האָב געטראָגן שאָלעכמאָנעס!"—ער האָט זיך גאָר־ניט געשעמט זיי צו דערציילן זײַן ביאָגראַפיע (לעבנסבאַשרײַבונג). ראַבאָווסקי האָט פײַנט געהאַט צו זיצן לײדיק. אַז ער האָט פאַר זיך קיין אַרבעט ניט געהאַט, האָט ער זיך גענומען לערנען מיט די קינדער פון די אָרעמע סלוזשיטעלעס, וואָס האָבן ניט געקענט צאָלן קיין לערער. ער האָט זיך דערצו גענומען מיט זײַן גאַנצן קויעך, מיט דער גרעסטער ענערגיע. ער האָט אײַנגעפירט אַן אָרט שולע אין מאָגילאַ, האָט דערצו אָפּגעדונגען אַ שטיבל באַם אופּראַווליאַיושטשי, האָט געלאָזט מאַכן בענק, געקויפט ביכער און האָט געלערנט מיט די קינדער פיר שאָ אַלע טאָג. באַלד פון אָנהייב האָט ער געהאַט זעכצן טאַלמידים—זעקס יידישע און צען קריסטלעכע. ער האָט געפּועלט באַ פּאָלינקען, זי זאָל אויך געבן אַ שטונדע, ווײַל אין דער שולע האָבן זיך געמעלדעט דרײַ מיידלעך. דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אויסגעגעבן אַף דער שולע. מוישע ליכטינאָוו האָט אפילע ניט געוואָלט לײַדן, אַז זײַן טאָכטער זאָל לערנען מיט די קינדער אין דער שקאָלע, נאָר ראַבאָווסקי האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט אויסגעפירט זײַנס. ביסלעכווײַז איז ראַבאָווסקי נעענטער געוואָרן מיט פּאָלינקען. זי איז געווען די ערשטע פּרויען־צימער, אין וועלכער ער האָט דערקענט אַזוינע מײַלעס, וואָס ער וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געגלייבט; ער האָט

אָנגעהויבן צו איר צו האָבן גרויס צוטרוי, מיט קיין מענטשן אין דער וועלט האָט ער אַזוי אָפן און פרײַ נישט גערעדט, ווי מיט איר. נישט איין שאָ פלעגן זיי אויסזיצן אין די שיי־נע זומער־נעכט אין גאָרטן און שמועסן פון ערנסטע זאַכן... דאָך האָט ראַבאָווסקי זײַן פּלאַן וועגן דעם אוניווערסיטעט נישט אויפגעגעבן. ער האָט פלײַסיק געלערנט און האָט געהאָפט זומער אוועקצופאָרן קיין ק... און אָפּגעבן עקזאַמענס. עס איז אָבער אוועקגעגאַנגען איין זומער און דער אַנדערער, עס איז שוין געקומען דער דריטער, און ראַבאָווסקי איז אַלץ נאָך געזעסן אין מאָגילאַ, עס איז אים גאָרנישט אײַנגעפאַלן זיך צו פרעגן פאַרוואָס ער איז נאָך ניט אוועקגעפאָרן. נישט ראַבאָווסקי, נישט פּאָלינקע האָבן דעריבער ניט געטראַכט. דאָס לעבן איז פאַר זיי ביידע זייער אָנגענעם געווען, און מיט זיי איז אין זייערע הערצער געוואַקסן אַ געפיל, וואָס זיי האָבן גאָרנישט פאַר־שטאַנען... לעסאַטע זײַנען זיי געווען צופרידן און גליקלעך...

IV

דרײַ ליכטיקע גליקלעכע יאָר זײַנען שטיל אָן ראַש פאַרי־בערגעגאַנגען איבער פּאָלינקען מיט ראַבאָווסקין. פּאָלינקע פלעגט זיך זייער היימלעך פילן מיט אים; ווען ער פלעגט אַמאָל אוועק־פאָרן אַף צוויי־דרײַ טעג, האָט זי ערשט דעמלט געפילט, אַז די וועלט איז אָן אים פּוסט און פינצטער, דעמלט פלעג זי זיך דערמאָנען, אַז ער מוז אוועקפאָרן, און אוועקפאָרן אַף אייביק!..

— נו, וואָס איז? — פלעגט פּאָלינקע זיך אַליין פרעגן, — ער וועט אוועקפאָרן? גאָרנישט, כ'לעבן גאָרנישט! עמעס, ער איז טאַקע זייער אַן אָרנטלעכער, אַ פײַנער מענטש, אַ גוטער, אַ געבילדעטער, אַ קלוגער מיט זייער פיל מײַלעס. איך שעץ אים געוויס זייער הויך... אָבער מער נישט... ער וועט געוויס קומען צו זײַן ציל, און די פרוי, וואָס וועט ווערן זײַנע, וועט

געוויס גליקלעכ זײַנ... אזעלכע געדאנקענ פלעגנ אָפט דורכפליִענ בא פאָלינקענ אינ קאָפ, נאָר בא דער „פרוי” פלעגט זי פילנ, אז עס טוט איר עפעס א ברי אינ הארצ... ראבאָווסקי האָט אויכ ניט איינמאָל געקלערט—וואָס פאר א קויעכ האלט אימ אזוי צוגעבונדנ צו ליכטינאָווס הויז. ער האָט זיכ אליינ אָפט פאָרוווּרפנ געמאכט דעריבער און פלעגט קלערנ: „דיר איז דאָ גוט, דערפאר גלוסט זיכ נישט פונדאנענ אוועקפאָרנ, דיר איז דאָ ליכטיק און ווארעמ, דו האָסט וואָס צו עסנ, ביזט פרײַ, דעריבער ביסטו געוואָרנ א דארמאָיעד, א באיבאק! דו פארגעסט גאָר, אז דו ביסט א פרעמדער! מע שעצט דיכ, ווײַל דו ביסט נוצלעכ, און מע צאָלט דיר דערפאר געלט!.. און פאָלינקע?..” בא דעמ געדאנק פלעגט ער בלײַבנ שטיינ און ניט גיינ ווײַטער...

מוישע ליכטינאָוו האָט ניט געוואָלט אוועקלאָזנ ראבאָווסקינ און האָט אימ געמאכט פאר סעקרעטאר בא אלע זײַנע געשעפטנ, וועלכע ווײַנענ מיט יעדנ טאָג געוואקסנ. ליכטינאָוו איז געוועזנ א גוטער פאָטער, ווי אלע גוטע טאטעס. ער האָט פיל געזאָרגט פאר זײַנע קינדער און האָט זיי געוויס געוואָלט מאכנ גליקלעכ, נאָר ער האָט זיי זייער ווייניק געקענט! עס איז אימ אפילע קיינמאָל אפ די געדאנקענ נישט געקומענ, ער זאָל זיכ אמאָל אויסריידנ מיט זײַנ טאָכטער און אויסהערנ איר ווילנ. ער האָט טאָמיד גערעכנט, אז קיינער קענ נישט אזוי זײַנ טאָכטער, ווי ער קאָנ זי, און אז ער איז מעכוייעוו זי גליקלעכ צו מאכנ נאָכ זײַנ פארשטאנד און געפינענ פאר אירעטוועגנ א שידעכ נאָכ איר ווערט, ד.ה., מיט אסאכ געלט און פונ א גרויסער מישפאָכע. פאָלינקע איז שוינ ארײַנגעגאנגענ אינ דעמ נײַנצנטנ יאָר. אז מוישע ליכטינאָו האָט עפעס אָפגעקלערט צו טאָנ, האָט דאָס באלד געמוזט געשענ. ער האָט אָנגעהויבנ פירנ א פערעפיסקע מיט די וועלט־שאדכאָנימ, וועלכע האָבנ זיכ נישט געלאָזט לאנג אײַנבעטנ און זײַנענ געקומענ קיינ מאָגילא, איטלעכער מיט זײַנ פאק כאסאנימ אינ קעשעניע, איינער האָט

איבערגעיאָגט דעם אַנדערן, און ווי די הונגעריקע וועלף האָבן זיי דערפילט מענטשן־פלייש. דער קאָרעספּאָנדענט בא ליכטינאָווען איז געווען ראַבאָווסקי און אפ אים איז געפאלן דער גורל, ער זאָל פאָרן אָנקוקן דעם כאָסן, וואָס מע האָט אָנגעשלאָגן פאר פּאָלינקען אין דער שטאָט נ... ביז צום לעצטן וואָרט האָט פּאָלינקע מיט ראַבאָווסקין ניט גערעדט קיין וואָרט וועגן זיין רייזע קיין נ... נאָר אז פּאָלינקע האָט דערהערט, אז דער פאָטער הייסט שוין אריינלייגן ראַבאָווסקיס זאכן אין וואָגן און שפּאנען די פערד, איז זי צוגעגאנגען צו ראַבאָווסקין, האָט אופגעהויבן אפ אים אירע פארקלערטע אויגן. ראַבאָווסקי האָט א ציטער געטאָן, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז פּאָלינקע קוקט אפ אים ניט אזויווי אלע מאָל.

— איר וועט געוויס מיר ניט אָפּזאָגן און וועט ארויסגיין אביסל אין גאָרטן, — האָט אים פּאָלינקע שטילערהייט געזאָגט.

דאָס איז געווען אין איינעם פון די לעצטע טעג מיי. די זון האָט שוין רעכט געבראָטן, דער גאָרטן איז שוין איינגאנצן גרין און פול מיט אראָמאט, די פייגעלעך האָבן געזונגען לוסטיק, די היישעריקן האָבן געבורטשעט, די קאָמאַרעס האָבן זיך ארומגעדרייט און באַזעצט ראַבאָווסקיס, שטרויענעם קאַפּעליוש מיט די ברייטע רענדער, אונטער וועלכע מע האָט ארויסגעזען זיינע לאַנגע בלויע האָר, וואָס האָבן זיך צעוואָרפן אפ זיינע ברייטע אקסלען, דעם קאַפּעליוש האָט ער געטראָגן אפ דעם שפּיץ קאָפּ, מע האָט ארויסגעזען זיין הויכן ברייטן שטערן מיט די גרויסע אויגן. ער איז געגאַנגען גיך, האָט געוואָרפן מיט זיינע לאַנגע האָר און איז אביסל ווי אונטערגעשפּרונגען. ווי ער האָט נאָר דערזען פּאָלינקען אין דער אלייע, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין שטילער און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס זאָגט איר צו דער היינטיקער לופט? — האָט אים פּאָלינקע געפרעגט און האָט געקוקט אפ די ביימער.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט ראַבאָווסקי געענטפערט מיט

א שמייכל, — איך זאָג, אז איבער דער לופט איז זייער גוט צו רעדן, ווען עס גייען אויס רייד, אָדער ווען מע וויל זאָגן נישט דאָס, וואָס מע טראכט.

פּאָלינקע האָט א קוק געטאָן אף אים מיט א פאָרוווּרף.

— עס איז שוין צײַט איר זאָלט אופהערן צו שפּעטן, יעדער זאך האָט זיך זײַן צײַט. איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן... צו פרעגן... צוליב וועמען פאָרט איר איצט אין נ...?

— צוליב אײַך.

— איר האָט מיך דען געפרעגט, צי וויל איך איר זאָלט פאָרן, צי איז דאָס פאר מיר גוט, צי שלעכט?

ראבאָווסקי איז געבליבן ווי פארשטיינערט. דאָס הארץ האָט אים אזוי געקלאפּט, אז ער האָט נישט געקאָנט גיין ווײַטער. עס איז אים אופגעגאנגען דער געדאנק: עפּשער נאר איך מיך נישט אָפּ, עפּשער האָט זי מיך טאקע ליב.

— וויפל ווערטער האָט איר אויסגערעדט אף דעם וואָרט „פרײַהײַט” (סוואָבאָדא), — האָט פּאָלינקע ווײַטער געזאָגט, — וויפל מאָל האָט איר אליין געזאָגט, אז יעדער מענטש מוז זיך פריִער אָנפרעגן בא זײַן סייכל און דערנאָך בא זײַן הארץ? צום סאָף האָט איר מיך נישט געפרעגט און האָט מיר קיין צײַט ניט געגעבן, איך זאָל מיך אָנפרעגן בא מײַן סייכל, בא מײַן הארץ! אָ, ראבאָווסקי! איר אליין גיט אײַער האנט דערצו מיר מײַן פרײַהײַט אוועקצונעמען, דאָס איז נאָך ערגער...

— פּאָלינקע! — האָט ראבאָווסקי איר איבערגעשלאָגן די רייד, — אירווילט נישט, אז איך זאָל פאָרן קיין נ...? — פארוואָס האָט איר מיר ביז הײַנט גאָרנישט ניט געזאָגט?.. איך בין אנטשלאָסן, איך פאָר נישט מער...

— שאט, נישט געכאפּט, — האָט פּאָלינקע געענטפערט און אים אָנגענומען בא דער האנט. — פונוואנען נעמט איר, אז איך וויל נישט איר זאָלט פאָרן קיין נ...? וואָס פאר א רעכט האָט איר צו קלערן אזוינס?

ראבאָווסקי איז ווי אראָפּגעפאלן פון דעם זיבעטן הימל...

„א יאָ, דו האָסט גאָר קיין צײַט ניט געהאט, — האָט ער בא זיך געקלערט, — דו האָסט צו הויך-געקוקט און האָסט פריִער באדארפט וויסן דײַן אָרט".

מיטאמאָל האָט מען דערהערט פונדערווײַטנס א דין זילבערן קעלכל: ראָזאליע איז שוין אויסגעלאָפן דעם גאנצן גאָרטן און האָט געזוכט ראבאָווסקין, ער זאָל שוין פאָרן.

— גייט, — האָט פּאָלינקע געזאָגט און האָט אים געגעבן די האנט. ער האָט זי אזוי צוגעקוועטשט, אז פּאָלינקע איז אזש רויט געוואָרן. זי האָט אף אים עטלעכע מינוט געקוקט מיט אזוינע אויגן, אז ראבאָווסקי האָט די באדײַטונג נישט פארשטאנען.

„אוי, נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — האָט פּאָלינקע געקלערט, אז ראבאָווסקי איז שוין געזעסן אין דעם וואָגן, און דאָס קלאפּן פון די רעדער האָט זיך געהערט פון דעם הויף, — גאָט ווייסט, אז ניט דאָס האָב איך אים געוואָלט זאָגן... פאר-וואָס האָב איך אים אזוי געזידלט? אָ, טײַערער! ווי וואָלט ער זיך געווען דערפרייט, ווען איך זאָל אים געווען זאָגן, וואָס איך טראָג אין הארץ! און איך האָב אים אזוי אָפּגעהאקט די פליגל... איך וועל שוין קליגער זײַן: ער וועט נאָר קומען פון נ..., וועל איך אים באלד זאָגן, אינגאנצן אויסזאָגן!.."

עס זײַנען פארגאנגען מער ווי צוויי כאדאָשים. ראבאָווסקי איז שוין לאנג צוריק געקומען פון דער שטאָט נ... מיט גוטע פּסורעס. דער כאָסן איז אים געפעלן, און פּאָלינקע האָט נאָך אים אלץ נישט געזאָגט „אינגאנצן", זי האָט אָפּגעלייגט פון איין טאָג אף דעם אנדערן: מאָרגן, מאָרגן וועל איך אים זאָגן...

אז ראבאָווסקי איז צוריק געקומען קיין מאָגילא, האָט ער געטראָפן א בריוו פון זײַנעם א כאווער פון ק... ער האָט אים גערופן קיין ק... און האָט אים פארזיכערט, אז דעם עקזאמען וועט ער געוויס אויסהאלטן און וועט נאָך האָבן א קאָנדיציע

(א לערער־שטעלע) אויכ אפ א יאָר. ראבאָווסקי האָט אימ מיט דאנק אָפּגעענטפערט און האָט אימ צוגעזאָגט צו קומענ אינ כוידעש אָקטיאבער קיינ ק... ער האָט געבעטנ דעמ כאווער, ער זאָל אימ שיקנ עטלעכע ביכער. פאָלינקע האָט געזענ, אז ער גרייט זיכ אָנ צו פאָרנ... אפ אייביק...

עס איז געווענ אינ דער העלפט פונ דעמ כוידעש אווגוסט אינ א ווארעמענ אָוונט. די פינצטערע נאכט מיט איר שווארצנ הימל האָבנ ארויפגעקוקט אפ דער ערד, די ביימער האָבנ זיכ געסוידעט צווישנ זיכ, די נאטור איז געשלאָפנ... ראבאָווסקי איז ארויסגעגאנגענ אינ גאָרטנ שפּאצירנ. אינ דער פינצטערער נאכט האָט מענ קוימ באמערקט זײַנ הויכע פיגור ארומגיינ טריט בא טריט אינ דער אלייע. פלוצעמ האָט ער זיכ אנידערגעשטעלט: צו זײַנע אויערנ זײַנענ צוגעפלויגנ עטלעכע אקאָרדנ פונ א באקאנטער מעלאָדיע. דאָס האָט פאָלינקע געשפּילט איר געליבטע אומעטיקע פאנטאזיע „דומקא”... ראבאָווסקי האָט זיכ פארוווּנדערט: עס איז שוינ געווענ אזייגער צוועלפ, און זי שפּילט נאָכ. ער איז צוגעגאנגענ צומ פענצטער פונ איר שטוב. די אומעטיקע מעלאָדיע האָט אימ גערעדט צומ הארצנ, עס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אז איעמעצער רעדט און וויינט... מיטאמאָל האָט זיכ דער געזאנג איבערגעריסנ אינמיטנ... עס איז אוועקגעגאנגענ א מינוט צענ, האָט ער דערזענ פונ דעמ אנדערנ עק אלייע א ווײַסע פיגור אנקעגנ אימ... ער האָט זיכ געלאָזט גיינ און איז פלוצעמ געבליבנ שטיינ... ער האָט דערזענ, אז דאָס איז א מענטשלעכע געשטאלט, וואָס איז שוינ ניט ווײַט פונ אימ געווענ... דער פאכעד איז אלע רעגע גרעסער געוואָרנ, פונדעסטוועגנ איז ער געגאנגענ ווײַטער און ווײַטער, ביז די ווײַסע פיגור איז אימ אפ די הענט געפאלנ...

— ראבאָווסקי!!!

— פאָלינקע!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טונקעלער אָוונט האָט גאנץ אומגעריכט צוזאמענגע־בראכט די צוויי ליבנדע, וואָס האָבן אזא לאנגע צײַט געהאלטן בעסאָד איינער פון דעם אנדערן און פאר זיך אליין זייערע גע־פילן... ראבאָווסקיס געזונטע הענט האָבן שטארק געהאלטן די ציטערנדיקע פאָלינקע, וועלכע האָט געוויינט מיט גליקלעכע זיסע טרערן... נאָר די שטילע נאכט מיט דעם קליינעם ווינטעלע, וואָס האָט זיך ארום זיי ארומגעדרייט, האָבן געהערט, וואָס ראבאָווסקי מיט פאָלינקען האָבן גערעדט...

א העל בלויער פאס האָט זיך געוויזן אף דעם הימל; די זון איז נאָך נישט אופגעגאנגען, נאָר א קיל ווינטעלע האָט זיך צע־שפילט, די גרויע ראָסע (טוי) האָט פארזילבערט דאָס גראָז; פון דעם הימל האָבן אראָפּגעקוקט די לעצטע שטערן, ווען די צוויי ליבנדע זײַנען זיך צעגאנגען...

צען גליקלעכע טעג זײַנען אריבערגעפלויגן פאר ראבאָווסקין און פאָלינקען. צען טעג, פאר וועלכע זיי וואָלטן גיט געגומען קיין צען יאָר לעבן. די עלטערן האָבן גאָרנישט געקענט פאר־שטיין, וואָס מיט פאָלינקען איז פירגעגאנגען, וואָס מיט איר איז געוואָרן. זי האָט גאנצע טעג געשפילט און געזונגען פריי־לעכע ניגונים, געקושט די מוטער אלע מינוט, אוועקגעשענקט די דינסטן העלפט פון אירע קליידער. אפילע די קליינע ראָזאליע האָט אויך נישט געקענט זיך פארוווּנדערן אף דער פארענדע־רונג, וואָס איז פאָרגעגאנגען מיט פאָלינקען. די עלטערן האָבן גערעכנט, אז פאָלינקע איז געוויס צופרידן, וואָס זי וועט אינ־גיכן א קאלע ווערן. אָ, עלטערן! איר האָט ליב אײַערע קינדער, נאָר איר קענט זיי נישט!..

די צען טעג זײַנען געשווינד איבערגעלאָפן, ווי אלע טעג פון דעם מענטשנס לעבן, און אף מאָגילא האָט זיך אָנגערוקט א וואָלקן מיט א שרעקלעכן שטורעם, אף וועלכן קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט... צו מוישע ליכטינגאָוו איז אראָפּגעקומען א כאָסן, זייער א רײַכער און א פײַנער יונגערמאן. ער האָט זיך

געהאלטנ שטאָלצ, גרויס, אריסטאָקראטיש, ער האָט פארבלענדעט די אויגנ מיט זײַנ פראנצויזיש אונ מיט זײַנ אשירעס. ער איז מוישע ליכטינאָוונ זייער געפעלנ, אונ זײַנ ווײַב כאנע האָט פאָשעט אָנגעקוואָלנ פאר פארגעניגנ. פונ ראבאָווסקינ האָט ער זיכ גע־האלטנ פונדערווײַטנס אונ האָט אימ גערופנ „יונגערמאנ”. מוישע ליכטינאָוו האָט אימ באקענט מיט עטלעכע פאָמעשטשיקעס, וואָס האָבנ געזאָגט אפ אימ, אז ער איז א „דזשענטלמענ” (אנ איי־דעלער מענטש). אפ דעמ פינפטנ טאָג האָט ער מיט גרויס צע־רעמאָניע אונ אפ פראנצויזיש געבעטנ בא פאָלינקענ די האנט. זי האָט אימ אָבער אפ יידיש אָפגעזאָגט, אונ ער האָט נעבעכ גע־מוזט מיט ביזיוינעס אוועקפאָרנ פונ מאָגילא.

פאָלינקעס עלטערנ זײַנענ געווענ אויסער זיכ אונ האָבנ דאָס גאָרניט געקענט פארשטיינ.

מוישע ליכטינאָוו איז ארײַנגעקומענ צו דער טאָכטער אינ שטוב אונ האָט זיכ געזעצט צו איר מיט די ווערטער:

— זאָג מיר כאָטש, מײַנ יוריסט, מיט וואָס געפעלט דיר נישט דער כאָסנ, וואָס פאר א כיסאָרנ האָסטו אינ אימ געפונענ?

— איכ האָב אינ אימ קיינ שומ כיסאָרנ נישט געפונענ, — האָט פאָלינקע געענטפערט, — ווײַל איכ האָב בא אימ נישט געזוכט נישט קיינ מײַלעס אונ נישט קיינ כעסרוינעס.

— איכ פארשטיי ניט וואָס דו זאָגסט, — האָט איר דער פאָ־טער געזאָגט.

פאָלינקע איז פלוצעמ אופגעשטאנענ אונ האָט מיט א ציטער־דיק קאָל זיכ געווענדעט צומ פאָטער:

— טײַערער פאָטער! איכ קענ דיכ שוינ מער נישט נארנ... איכ מוז דיר דעמ עמעס זאָגנ... איכ קאָנ נישט זײַנ קיינעמס קאלע... איכ האָב ליב ראבאָווסקינ... אונדזער ראבאָווסקינ! אונ ער מיכ אויכ... איכ וויל זײַנ זײַנע...

ווי א דונער האָט די רייד געטראָפנ מוישע ליכטינאָוו. ער איז שיר ניט אראָפגעפאלנ פונ דער שטול אונ האָט זיכ אָנגע־

כאפּט באמ עק טיש. די הענט האָבנ אימ געציטערט. עטלעכע מינוט איז ער געזעסנ פאַרשטיינערט אונ האָט נישט געקאָנט ארויסברענגענ קיינ וואָרט. א שרעקלעכע קלאָלע האָט ער ארויסגעלאָזט פונ זײַנ מויל אונ ניט מיט זײַנ קאָל האָט ער א געשריי געטאָנ: כאנע!!!

כאנע איז ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב ניט טויט ניט לעבעדיק, זי האָט געוואָרפנ אירע אויגנ באלד אפנ מאנ, באלד אפ דער טאָכטער, זי האָט געפילט, אז דאָ איז געווענ עפּעס שרעקלעכס.

מוישע ליכטינאָוו האָט איר מיט דעמ פינגער אָנגעוויזנ אפ פּאָלינקענ, וועלכע איז געשטאנענ בלאס ער פונ דער וואנט.

— כאנע, זי זאָגט... ראבאָווסקינ.. זי האָט אימ ליב. כא! כא! — ער האָט זיכ אזוי שטארק צעלאכט אונ מיט אזא מעשונע קאָל, אז די פענצטער האָבנ געקלונגענ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעמ אייגענעמ טאָג מיט צוויי שאָ שפּעטער איז שוינ ראבאָווסקי געזעסנ אינ דעמ פאעטאָנ, וועלכער האָט אימ פאר דרײַ יאָר צוריק געבראכט פונ גאָטלוב קיינ מאָגילא. די דרײַ ריסאקעס האָבנ אימ ווידער געטראָגנ קיינ גאָטלוב, וווהינ מע האָט אימ געבעטנ עקסטרענע פאָרנ זיכ זענ מיט א מענטשנ. הינטנ איז נאָכגעפאָרנ אינ א געדעקטנ טאראנטאס מוישע ליכטינאָוו. פארנאכט זײַנענ זיי אָנגעקומענ קיינ גאָטלוב אונ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אינ א קליינ שטיבל. אינ עטלעכע מינוט ארומ איז ארײַנגעגאנגענ אינ שטיבל דער סטאנאָוואָי פּריסטאוו מיט א סאָלדאט. א שאָ שפּעטער איז שוינ ראבאָווסקי געווענ פארשלאָסנ אינ א פינצטער כיידער: ער האָט בא זיכ נישט געהאט קיינ פּאספּאָרט. מוישע ליכטינאָוו האָט סייכל געהאט אָפּצוארבעטנ א געשעפט!..

מוישע ליכטינאָוו איז גאָרנישט געווענ אזא שלעכטער מענטש, ווי די ליבע לעזער קענענ קלערנ. קיינ גרויסער פאנאטיקער איז

ער, ווי איר זעט, נישט געווען. ער איז נאָר געווען א גרויסער אקשן, א קאפריזנע מענטש, וואָס האָט פון זיך געהאלטן אוילעם אומלויע. ווען מע זאָל אים געווען פריער ביסלעכווייז פאָרבערייטן, וואָלט ער זיך עפשער געווען באקלערט, אז ראבאָווסקי איז ווערט צו זיין פאָלינקעס כאָסן, כאָטש ער איז ניט געווען רייך, ביפראט אז זי האָט אים אזוי ליב געקריגן; נאָר מע האָט אים מיטאמאָל איבערגעצויגן דאָס שטריקל, דערפאר האָט עס געמוזט איבערגעריסן ווערן. ער האָט גערעכנט, אז אזא אָרעמער באָכער, ווי ראבאָווסקי, וועלכן ער האָט צו זיך אריינגענומען ווי אן אייגן קינד, האָט געקאָנט האָבן די העזע ליב צו קריגן זיין איינציקע טאָכטער אָן זיין וויסן, איז ער ווערט מע זאָל אים הענגען אָדער טרינקען. מוישע ליכטינאָוו איז אזוי אופגעבראכט געווען, אז ער האָט גאָרנישט געוואָלט איבערלייגן, צי טוט ער גוט, צי שלעכט. ווי ער האָט נאָר באוואָרנט ראבאָווסקין, איז ער געפאָרן אהיים און האָט אָנגעהויבן ארבעטן מיט פאָלינקען, דאפקע אָן קאס, נאָר מיט ווייכע רייד. ער האָט איר דערציילט, אז ראבאָווסקי, ווי ער איז געוואָר געוואָרן, אז פאָלינקע האָט זיך מוידע געווען פון זייער ליבע, האָט ער זיך געבעטן אוועקצופאָרן קיין ק... און אים געגעבן צו פארשטיין, אז נישט פאר גרויס ליבע האָט ער פאָלינקען געוואָלט, נאָר דערפאר, ווייל מע וועט איר געבן א גרויסן נאדן, און נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס האָבן טכילעס ווייניק געווירקט אף פאָלינקען, זי האָט גוט געקענט ראבאָווסקין. נאָר מוישע ליכטינאָוו איז נישט געשלאָפן, ער האָט זיין טאָכטער ליב געהאט און האָט נישט געזשאלעוועט קיין קויכעס ארויסצוטרייבן פון איר קאָפּ די געדאנקען פון ראבאָווסקין. ער האָט איר געוויזן א וויכטיקן סימען, אז ראבאָווסקי האָט זי שוין לאנג פארגעסן, ווייל ער שרייבט איר אפילע קיין בריוו נישט. די אָרעמע פאָלינקע! זי האָט נישט געוווסט, אז ראבאָווסקי זיצט פארשלאָסן. די לעצטע ווערטער האָבן שוין געהאט אף איר אן איינדרוק. זי האָט ארויסגע־

קוקט אפ א בריוו א וואָכ, און צוויי, און דריי, און פיר, פיל טרערנ האָט זי פארגאָסנ, זי האָט שוינ אופגעהערט צו באשולדיקנ די עלטערנ, זיי זיינענ געווענ אומגליקלעכ גלייכ מיט איר.

אזוי זיינענ אוועק פאר פּאָלינקענ צוויי שווערע כאדאָשים. זי האָט נישט געגעסנ, נישט געטרונקענ, נישט גערעדט און נישט געוויינט. זי איז שטענדיק געזעסנ באם פענצטער און האָט ארויס־געקוקט אינ הויפ, ביז זי איז שלאפ געוואָרנ און האָט געמוזט זיכ לייגנ אינ בעט אריינ. די עלטערנ האָבנ זיכ איבערגעשראָקנ און האָבנ אנטשלאָסנ זי צו פירנ קיינ גאָטלוב צו א דאָקטער. כאנע האָט געהאט מיט מוישענ א לאנגנ שמועס און האָט אימ געבעטנ, ער זאָל ראכמאָנעס האָבנ אפ איר קראנקער טאָכטער און זאָל צוריק ברענגענ ראבאָווסקינ. זי האָט אימ געקושט די הענט און די פיס און האָט זיכ באגאָסנ מיט טרערנ. איינ מינוט האָט אימ א בראָט געטאָנ דאָס הארצ, און א גוטער פונק האָט זיכ דאָרטנ אפ א רעגע אָנגעצונדנ — נאָר ער איז באלד ווידער פארלאָשנ גע־וואָרנ. ער האָט זיכ ניט געקענט איבערברעכנ און איז צו ווייט פארגאנגענ... כאנע איז יענע נאכט נישט געשלאָפנ. אזייגער דריי איז זי שטילערהייט אריינגעגאנגענ זענ וואָס פּאָלינקע טוט. פּאָלינקע איז געלעגנ מיט אָפענע אויגנ און האָט ניט געוויינט, נאָר צוויי שמאָלע גרינע פאסנ האָט מענ באמערקט אפ אירע בלאסע איינגע־פאלענע באקנ.

— פּאָלינקע, — האָט די מוטער געזאָגט און האָט זיכ איינגע־בויגנ צו איר, — דו שלאָפסט נישט? וויינ ניט, מיינ טייער קינד, ער וועט נאָכ קומענ צו אונדז... צו דיר...

פּאָלינקע האָט געוווסט וועמענ די מוטער מיינט מיט דעמ וואָרט „ער", זי האָט אפילע קיינ דיר נישט געטאָנ מיט קיינ איי־ווער, נאָר די שווארצע אויגנ, אינ וועלכע עס האָט געשפּילט א פייערל, האָט זי אופגעהויבנ און געגלאָצט אפ דער מוטער און האָט שטיל געענטפערט.

— ניינ, מאמעניו, ניינ, ער וועט שוינ נישט קומענ: ער איז בא מיר געשטאָרבנ...

דעמ אנדערנ מאָרגנ האָט מענ פּאָלינקענ מיט גרויס מי אריַנגעזעצט אינ פאעטאָנ. מוישע מיט כאנענ זיַינענ געזעסנ בא די זיַיטנ, אונ מע איז שטיל געפאָרנ קיינ גאָטלוב. עס איז געווענ א וואָלקנדיקער מאָרגנ מיט א גרויסער בלאָטע, עס האָט געמראקעט א קאלטער רעגנ. מוישע איז געזעסנ איַינגעקוטעט אונ האָט ארויסגעקוקט אפ דעמ וועג, ער האָט מוירע געהאט צו קוקנ אפ כאנענ, וועלכע האָט נישט אופגעהערט צו וויינענ. פּאָלינקע איז געלעגנ אָנגעשפארט אפ דעמ פּאָטער, אירע שווארצע אויגנ האָבנ היַינט מער געגלאנצט ווי אלע מאָל, אונ אפ דעמ פּאָנעמ האָט געשפילט א פארב. זי איז היַינט געווענ אביסל מונטערער אונ האָט צוויי מאָל ארומגענומענ די מוטער אונ האָט זי געקושט. דערנאָכ האָט זי אנידערגעלייגט דעמ קאָפּ צומ פּאָטער אפנ הארצ אונ האָט אימ געקוקט גליַיכ אינ די אויגנ. מושע ליכטינאָוו האָט זי צוגעקוועטשט צומ הארצנ. פּאָלינקע האָט געכאפּט זיַינ האנט אונ האָט זי געוואָלט צוטראָגנ צומ מויל, ער האָט געשווינד צוגעכאפּט די האנט. ער האָט גוט פארשטאנענ, אז ער אליינ איז דער גאנצער כיַיעוו.... עס האָט שוינ אָנגעהויבנ ווערנ נאכט, ווענ מוישע ליכטינאָווס פאעטאָנ האָט זיכ אָפּגעשטעלט באמ ברעג טיַיכ, איבער וועלכנ מע האָט זיכ געדארפט אריבערשיפנ אינ שטאָט אריַינ. דער גאָטלובער אָסטראָג שטייט באמ אנדערנ ברעג. ראבאָווסקי איז געזעסנ באמ פענצטער אונ געקוקט, ווי דער טיַיכ ווערט איַינגעהילט אינ א געדיכטנ טומאנ. עס איז געווענ שטיל, אונ מע האָט נאָר געהערט, ווי די פערד, וואָס האָבנ ליכטינאָוונ מיט זיַינ סעמייסטווע געבראכט צומ ברעג, האָבנ געפאָרסקעט אונ געקלאפּט מיט די פּאָדקאָוועס אינ דעמ זאמד. דער קוטשער איז אראָפּגעקראָכנ פונ דער קאָזלע, האָט צוגעלייגט ביידע הענט צומ מויל אונ האָט אָנגעהויבנ שריַיענ:

פּאראָמ!!! פּא־א־ראָמ!!!

ראַבאָווסקי האָט זיך גוט צוגעקוקט צום קוטשער און האָט דערקענט זײַן קאָל. ער האָט אויך דערקענט דעם פאַעטאָן מיט די דרײַ ריסאַקעס פון מאָהילאַ, ער האָט זיך שטאַרקער צוגעקוקט און דערזען מוישע ליכטינאָוו, דערנאָך כאַנע און פאָלינקען! ראַבאָווסקי האָט זײַנע אויגן נישט געגלייבט, דאָס האַרץ האָט אים אַזוי געקלאַפּט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן אַף עטלעכע מינוט. דער פּאַראָם איז דערווײַל שטיל געגאַנגען פון יענעם ברעג. אַז ראַבאָווסקי איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער, איז שוין דער פאַעטאָן מיט די פערד געשטאַנען אַף דעם פּאַראָם, פיר פּאַראָמשטשיקעס האָבן זיך געלייגט אַף דער שטריק, און דער פּאַראָם האָט זיך שטיל געגליטשט אַף דעם וואַסער ווי אַף גלאָז. דער ווינט האָט שוין לאַנג צעשלאָגן די כמאַרעס. עס איז שוין געוואָרן נאַכט, און די שטערן האָבן אָנגעהויבן פינקלען איינער נאָך דעם אַנדערן. פאָלינקע האָט זיך געבעטן אַרויף אַף דעם פּאַראָם, זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט זיך בעסער. מוישע ליכטינאָוו האָט זי ווי אַ קליין קינד אַראָפּגעשטעלט אַף דעם פּאַראָם. ראַבאָווסקי האָט דאָס געזען, ער האָט גערעכנט, אַז דאָס פאַרגן זיי קיין גאָט־לוב צוליב אים. דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז געזעסן אין אָסטראָג, האָבן זיך זײַנע אויגן ווי צוויי קוואַלן געעפנט און צוויי הייסע טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון זיי. דאָס זײַנען געווען טרערן פון פרייד.

פאָלינקע האָט געזאָגט דעם פאָטער, ער זאָל רויק זײַן, זי וועט זיך אַליין אַביסל איבערגיין איבער דעם פּאַראָם. מוישע האָט זיך צוריק אַרײַנגעזעצט אין פאַעטאָן, און כאַנע האָט געדרעמלט. פאָלינקע איז צוגעגאַנגען צו די פּאַרענטשעס פון פּאַראָם האָט זיך אָנגענומען אָן זיי מיט ביידע הענט און האָט אַראָפּגעקוקט אַף דעם שטילן וואַסער. נאָכדעם האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאַעטאָן, האָט געקוקט עטלעכע מינוט. דערנאָך האָט זי אַ וואָרף געטאָן די אויגן צום הימל און מיט די לעצטע קויכעס האָט זי זיך אָנגעכאַפּט בײַ דער פּאַרענטשע, האָט זיך

אופגעהויבן אפ ביידע הענט און איז אריַנגעשפרונגען אין וואסער !..

די פאראַמשטשיקעס האָבן זיך דריַ מאָל איבערגעציילעמט, און אז מוישע ליכטינאָוו מיט כאנען זיַנען אפן ברעג ארויסגעשפרונגען פון דעם פאעטאָן און האָבן א קוק געטאָן אפן טיַיך, האָבן זייערע אויגן דערזען, ווי א האנט איז ארויסגעשווומען אפ דער וואסער, גליַיך ווי זי וואָלט בעטן הילף, און איז פארפאלן געוואָרן אין די גרויסע כוואליעס...

ראבאָווסקיס אויגן האָבן געזען די גאנצע סצענע...

דאָס לעטע וואָרט.

אפ דעם הייליקן אָרט פון דער שטאָט גאָטלוב, אונטערן בארג, שטייען צוויי שטיינער. הינטער זיי ליגן צוויי יונגע מענטשן: פאָלינקע ליכטינאָוו און שלוימע ראבאָווסקי. נאָך פאָלינקעס טויט האָט האבאָווסקי אָפּגעלעבט צוויי שרעקלעכע יאָר. בעשאס פאָלינקע האָט זיך איבערגעקערט איבער די פארענטשעס פון דעם פאראָם און האָט זיך אריַנגעוואָרפן אין טיַיך, האָט זיך בא ראבאָווסקין איבערגעקערט דער מויעך אין קאָפּ... פון דער ציַיט אָן האָט ער זיך ארומגעשלעפּט פון איין שטאָט אין דער אנדערער, באָרוועס און אָפּגעריסן, און האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי מע האָט געהערט, ווי פאָלינקע האָט נעכטן געשפּילט ד פאנטאזיע „דומקא”... ביז ער איז אין א ווינטער געקומען אי גאָטלוב, ווו די דאָרטיקע יידלעך האָבן אים נישט געוואָלט אריַ זן אין קיין שטוב איבערנעכטיקן און מע האָט אים אָנגעוויזן דער אלטער שול. דאָרט זיַנען געזעסן עטלעכע דארע יונגען און האָבן באם אויוון געבראָטן קארטאָפליעס. ראבאָווסקי האָט פאר קעלט געציטערט, ווי א בלאט, און איז צוגעגאנגען צום פיַיער. די יונגעליַיט האָבן מיט אים אביסל לייצאָנעס געטריבן, האָבן אים אויסגעשמירט מיט קריַיד

און מיט סאָזשע און האָבן זיך געקייַקלט פאַר געלעכטער. ראַבאָווי־סקי איז געשטאַנען אַף איין אָרט, די אויגן האָבן זיך אים פֿלי־צעם אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט געכאַפּט איינעם פון דער כעוורע און האָט אים ווײַט פון זיך אַוועקגעוואָרפן. די יונגעלײַט האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אים מיט שווערער מי אַרויסגע־שטופּט אַף דער גאַס און פאַרשלאָסן די טיר. דעם אַנדערן טאָג האָט מען אים געפונען טויט אַף דער גאַס...

די כעוורע־קאַדישע האָט געפונען, אַז מע מעג דעם געפּראָ־רענעם לייגן לעם דער דערטרונקענער...

מוישע ליכטינאָוו איז אין די צוויי יאָר שטאַרק אַלט געוואָרן, ער האָט פאַרלאָרן אַלע ציין און איז געוואָרן ווײַס ווי אַ טויב. כאַנע קורירט זיך אין אויסלאַנד און האָט פון דאָרט צוגעשיקט אַ מאַרמאָרנע מאַציישווע מיט גילדענע אויסיעס און האָט איר מאַן געבעטן, ער זאָל לאָזן די מאַציישווע שטעלן אַף פּאָלינקעס קייווער... דאָס גאָטלובער קאָהאָל האָט אָבער נישט דערלאָזט, אַז אַף זייער „הייליקן אָרט״ זאָלן שטיין „נײַמאָדישע מאַציישוועס״... מוישע ליכטינאָוו האָט אַוועקגעשיקט צום גובערנאַטאָר אַן אַדוואָקאַט, און דערווײַל ליגן אַף פּאָלינקעס און ראַבאָווסקיס קוואָרים צוויי פּראָסטע שטיי־נער...

די וויבאָרעס

(פעליעטאָן)

באַ רעב פײַוועלע קנאַק איז פול די שטוב מיט ייִדן מיפּע־לעפּע. רעב פײַוול, א באַטאָגטער ייִד מיט אן אויסגעפּליקטער באָרד, מיט צוויי גראָבע פּייעס, מיט א ברייט מויל, איז געשטאַנען (ניט געזעסן) אויבנאָן מיט א שפּיציקער יאַרמאָלקע אַפן קאָפּ, מיט איין האַנט האָט ער פאַרשטעלט דעם אַנדערן ייִדן דאָס מויל, ער זאָל שווײַגן, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם דריטן פאַר דער באָרד און האָט מיט א הייזעריקער שטימע גערעדט:

— מע דאַרף ניט! וואָס טויג אונדז א געבוילבעטער ראַבינער? ער זאָל אונדז נאָך מאַסערן צו נאַטשאַלסטווע? אין דער ערד אַרײַן! זעקס יאָר אָפּגעוועגן — גענוג! מיר וועלן בעסער אויסקלײַבן אונדזער איציקן, ער איז א פּראָסטער שאַלעסודעס, מיט אים קענען מיר מאַכן וואָס מיר ווילן, אַלע לעכער פאַרשטעקן, און פאַר אים דאַרפן מיר דאָס היטל ניט ברעכן. אײַ, וואָס? טאָמער קען ער דאָרט ניט אַזוי שטאַרק אין די ביכלעך?..

— עט! — האָט זיך אָנגערופן רעב יויסעפ אינדיק, א ייִד, וואָס האָט ליב געהאַט אַלצדינג מעוואַטל זײַן, — ווייס איך, נאַט אײַך א גראָשן, אַבי ער זאָל קאָנען פאַרשרײַבן...

— פונדעסטוועגן, — האָט זיך אָנגערופן רעב פּײַטל גלאָק, וואָס רעב פּײַוועלע קנאַק האָט אים ביז אהער צוגעהאַלטן דעם מויל, — פונדעסטוועגן ווי איר ווילט זיך, עס איז פּאָרט שענער, אַז דער ראַבינער איז אַ קענער. עס איז פאַר קריסטן אויך לײַטישער. וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, דער אַלטער ראַבינער איז טאַקע פון כסידיש זיך שטאַרק אָפּגעריסן, און צו סליכעס לויפט ער ניט אַזוי שטאַרק, טוט־זשע אָבער אַ קוק וויאַזוי ער שטייט אָבער פאַר אַ ייִדן? אַף אָרעמעלײַט האַשגאָכע געגעבן, אַ טאַל־מעטוירע געמאַכט, אַ ביקער־כוילים געעפנט און נאָך אַסאַך אַזעלכע זאַכן...

— דו לאָזט יענעם אַ וואָרט ניט רעדן, — האָט אים פּײַוועלע קנאַק ווידער פאַרשטעלט דאָס מויל, — מיר ווייסן די טויוועס, וואָס ער טוט, אָט דער אַפּיקוירעס, מיט זײַנע שקאָלעס, מיט די בענק! און דער אַלטער גוויר רעב צאָדעק האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז עס איז נאָך אַזאַ אַזעס נישט געהערט געוואָרן, אַז די ייִדישע קינדער זאָלן גיין פון אַ טאַלמעטוירע פּאָרווײַז, ווי, לעהאַוודל, פון דער מיגנאַזיע (גימנאַזיע)! עפּעס אַ קלייניקײַט „טאַלמעטוירע"! עס שטייט דאָך געשריבן: „וועטאַל־מוד טוירע קענעגעד קולאָם"... דוואָסי־לייע! גיב עפּעס צו פאַרבײַסן און שטעל דאָס ביסעלע מאַשקע: עס איז דאָך עפּעס הײַנט אַ שטיקעלע יאָנטעוו אַף דער וועלט, עפּעס וויבאָרעס!... שאַט, אָט גייט פרידל בליץ; פון אים וועלן מיר יאָ עפּעס הערן נײַעס; פרידל! וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט?

פרידל בליץ — אַ קליין קײַלעכיק ייִדל, מיט קליינע הענט־לעך, מיט אַ קײַלעכיק פאַרגאָסן פּאָנעם און קליינע אייגעלעך, וועלכע שטייען קיינמאָל ניט אַף איין אָרט. ער איז טאָמיד פריילעך און האָט שטענדיק קיין צײַט ניט; קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג האָט ער ניט, און פון וואָס ער לעבט מיט ווײַב־און־קינדער, ווייסט נאָר גאָט אַליין.

— די שטאָט האָט זיך צעטיילט אַף צוויי כאַלאָקים, — האָט

פרידל בליץ געשווינד געראַפּאָרטעוועט, — די גווירים ווילן א טויווע טאָן איציק דעם שרייבער, זיי האלטן פאר אים שטאָל־און־אייזן, נאָר דער פּראָסטער אוילעם: שניידער, שוסטער, באלעגאָלעס, קלעזמער, מעלאמדים, מיט דער גאנצער שטאָט אָרעמעלייט זאָגן, אז זיי וועלן גיין ביז דעם האלדז אין בלוט פאר דעם אלטן ראבינער; זיי זאָגן, אז זיי וועלן אים ניט פארבייטן אפילע אפן רעבן אליין. דערווייל זיינען אלע קע־לערס מיט די שענקען פול: וועלוול זאיקע האָט באשטעלט בא פעסי־שפּרינצען א 50 געבראָטענע גענדזלעך, 80 קאטשקעס מיט 10 אינדיקעס, און רעפּאָעל־יוינע דער בעקער האָט שוין צוגעגרייט א פּאָר טויזנט קיכלעך, און מע לעבט א גוטן טאָג. א גלעזל וויין וועט מיסטאָמע אויך זיין, אין איך האָב קיין צייט ניט און מוז גיין ווייטער.

* * *

די דומע. בא דריי טישן, געדעקט מיט אלט גרין געוואנט, זיצן די שרייבערס אייַנגעבויגן איינדרייען און סקריפּען מיט די פּענעס. באם ווינקל־טישל זיצט דער סעקרעטאר מיט אן אויס־געטריקנט געזיכט, און דאָ נעבן אים שטייט א הויכער טרו־קענער ייִד, מיט א שפּיצעכיקן בערדל, א שפּיצעכיקן קאָפּ, א שפּיצעכיקע נאָז מיט שפּיצעכיקע פּלייצעס און טיקעט דעם סעק־רעטאר מיט די שפּיצעכיקע פינגער: ער לערנט מיט אים דעם פשאט פון דעם 9־טן טאָמ; דאָס איז איציק דער שרייבער, איציק דער יאבעדניק, דער כאָדאָטיי, וואָס וויל הייַנט ווערן ראבינער אין דער שטאָט „פינצטערניש". דער זאל איז פול מיט ייִדן — דאָס איז די סיערע מאסע, דער געמיינער קלאס, וואָס פארדינט דאָס שטיקל ברויט מיט די הענט, מיט אלע קויכעס... זי שטייען אלע צונויפגעגאָסן, ווי די שאָף, און בא די זייטן, אין די קרעסלעס און אין בענקלעך זיצן גאנץ פיינע היפּשע

ײדן מיט גלאַטע בײַכלעך און מיט שײנע בערד: דאָס זײַנען די גווירים פון דער שטאָט, די אינטעליגענצ, די סמעטענע... מע וואַרט אפ דעם גאָלאָווע; דער אױלעם רעדט אלע צוזאמענ, ווי אינ שול בײנ מינכע לעמײַרעוו. עס איז א כאַאָס: מע הערט נאָר „רעכטס, לינקס, איציק, איציק, דער אלטער, דער פריערדיקער, דער אלטער, דער זעלבער!" אײנער פון די גווירים, אנ אלטער שײנער ײד, איז צוגעגאנגענ צו דער מאסע און האָט געהאלטנ אזא רעדע:

— ברידער, איכ זע, אז איר ווילט נאָר דעם אלטנ ראַבינער, דעם אפיקוירעס, וואָס שרײַבט אינ גאַזעטנ און גײט אָנ א היטל, און זײַנע קינדער גײענ אינ גימנאַזיע און שרײַבנ אום שאַבעס... איכ זע, אז דער שײגעצ האָט אײַכ ווײַטער איבערגערעדט. זאָג איכ אײַכ, אז איר וועט אים אויסקלײַבנ, וועט איר כאַראָטע האָבנ: איר דאַרפט וויסנ ווער איר זײַנט. איר זײַנט קלײנע מענטשעלעכ און דאַרפט ווײסנ ווער עלטער איז, און וואָס האָט איר אזעלעכס דערזענ אינ דעם אפיקוירעס, וואָס איר שטײט פאַר אים? ער איז דאָ אָפּגעווענ זעקס יאָר! גענוג!

— האָט מיר קײנ פאַריבל ניט, רעב צאָדעק, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגנ,— האָט זיכ אַרויסגערוקט פונ דער מאסע א גרײַזגרויער באַלמעלאָכע,— דער אלטער ראַבינער האָט בא אונדז פאַרדינט מיר זאָלנ אים שטײנ אינ זײַנע נויטנ, ער מעג זיכ זײַנ, וואָס ער וויל, וועלנ מיר פאַר זײַנע זינד ניט אָפּקומענ; קײנ שלעכטס האָט ער לעסאַטע נישט געטאָנ קײנעם ניט, און אויב ניט ער, וואָלטנ אונדזערע קינדער געגאנגענ באָטל, און די אָרעמע קראנקע וואָלטנ זיכ אלצ געוואַלגערט אינ גאַס, ווי אַמאָל... נײנ! מיר האָבנ אים אונדזער וואָרט געגעבנ, קאָנ דאָס אנדערש ניט זײַנ!...

— איכ זע, אז ער פאַרבלענדעט אײַכ די אויגנ,— האָט רעב צאָדעק ווײַטער גערעדט,— איכ זאָג אײַכ נאָכאַמאָל, איר

זאָלט קײנ כאראָטע ניט האָבנ... מיר דאכט, אז איך האָב בא אײַך מער פארדינט פונ דעמ קאפצנ, וואָס איז אָנגעקומענ אהער נאקעט אונ באָרוועס מיט אײנ קאפעליוש; איך האָב אײַך געמאכט א באנק אפ גמילעס־כאסאָדימ, אונ מײַנ קאסע איז, דאכט זיך, טאָמיד אָפנ פאר יעדנ, אונ קײנ גרויסנ פראָצענט נעמ איך אויך ניט. די טאקסע האלט איך שוינ באָרעכהאשעמ 28 יאָר!.. ווער האָט אײַך געהאָלפנ די שול צורעכט מאכנ? ווער האָט אײַך געמאכט א מערכעצ, לעהאוודל? ווער האָט אײַך אראָפגעבראכט פונ בראָד א כאזנ מיט אכט מעשוירערימ, ווער האָט אײַך געגעבנ זיבנ שאָכטימ אונ דרײַ ראבאָנימ אינ שטעטל? ווער האָט אײַך...

בא די ווערטער איז ארײַנגעקומענ דער גאָלאָווא, אונ די וויבאָרעס האָבנ זיך אָנגעהויבנ. דער אוילעמ האָט זיך געשושקעט: רעכטס... לינקס... אונ מע האָט זיך אָנגעהויבנ שטופנ, וואו־פנ שארעס. צומ ערשטנ איז געשטאנענ איציק: ער איז ארויס מיט 22 ווײַסע אונ 76 שווארצע... נאָכדעמ איז געשטאנענ דער אלטער ראבינער: ער איז ארויס מיט 22 שווארצע אונ 76 ווײַסע... רעב צאָדעק האָט געברענט ווי א פײַער... דער אוילעמ האָט זיך אָנגעהויבנ שטופנ צוריק; מע האָט געשיקערט א גאנצנ טאָג מיט א גאנצער נאכט ביזנ טאָג, אונ אפ מאָרגנ האָט פרידל בליצ צעטראָגנ איבער דעמ שטעטל אזא נײַעס: אז רעב צאָדעק האָט ארופגעוואָרפנ אפ דער אָקע פלייש נאָכ דרײַ קאָפיקעס טאקסע; אפ דעמ מערכעצ האָט ער אופגעהאנגענ א שלאָס; זײַנע אָרעמע באלכויוועס האָט דער פריסטאוו איבערגעשריבנ די בעבעכעס אונ עטלעכע האָט ער אײַנגעזעצט אינ אָסטראָג...

„דער דײַטש“.

1.

„יפּטאָכ אינ זײַנ צײַט איז ווי שמועל אינ זײַנ צײַט“. אויב פריער, בעשאס דער אקציז פונ בראָנפנ איז געווענ אינ ארענדע בא איינעמ פונ אונדזערע יידישע געלטזוּעק, אונ יענער האָט געזעצט אָנגעשטעלטע אונ אוועקגעשטעלט אײַנמאָנער אונ אקציזניקעס אומעטומ, ווו ער איז געווענ באלעבאָס, — אויב אינ יענער צײַט איז דער אקציזניק געווענ פארעכנט אלס איינער פונ די, וואָס שאפנ דאָס ליכט פונ דער אופקלערונג אונ דאָס נײַע לעבנ, ווו זיי קומענ, — איז דאָכ א קאָמיסיאָנער אוואדע דער, וואָס טוט גרויסע זאכנ אונ מאכט נײַסנ אינ יענע טעג אונ אינ הײַנטיקע צײַטנ צווישנ אונדזערע ברידער, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ כוישעכ אונ פינצטערניש אינ איינער פונ די פארוואָרפענע שטעט, וואָס אינ אונדזער בריטנ גרויסנ לאנד. אויב מײַנע ווערטער זײַנענ ניט ביז גאָר ריכטיק בענעגייע אלע קליינע שטעטלעכ, ווו אונדזערע ברידער רוענ, וועט איר דאָכ מיר גלייבנ, וואָס מײַנע אייגענע אויגנ — ניט קיינ פרעמדע — האָבנ צוגעזענ אינ מײַנ שטאָט מאזעפעווקע. אינ דער דאָזיקער לויבוּוירדיקער שטאָט האָט איינ קאָמיסיאָנער אָפּגעטאָנ אסאכ אונ האָט געבראכט מיט זיכ פיל נײַע זאכנ, צווישנ זיי אי גוטס,

אַי שלעכטס, און איינער פון די טאַטנ פון דעם דאָזיקנ מאַנ זײַנען ווערט פאַרשריבנ צו ווערנ אַפּ צו געדענקען אינ אַ בוך.

דער ערשטער קאָמיסיאָנער, וועלכער איז אַראָפּגעקומענ צו אונדז קיינ מאַזעפּעווקע, איז געווען באַוווּסט בײַ די אײַנוווינער פון שטאָט מיטנ צונעמען „דער דײַטש״, און דער דאָזיקער „דײַטש״ איז געקומען אינ שליכעס פון אַ גרויסנ האַנדל־הויז פון טווע אינ דײַטשלאַנד פון די ברידער די שוטפים... איך געדענק ניט גוט — צי „שימענ און לייווי״ אָדער „לייווי און שימענ״. און ווי נאָר ער איז געקומען אינ שטאָט, האָט ער אַרײַנגעבלאָזן אַ לעבעדיקנ אָטעם און אַן ענערגישע באַוועגונג אינעם טוווע־האַנדל אינ שטאָט און האָט פאַרצווײַגט און פאַרגרעסערט דעם דאָזיקנ געביט ביז גאָר, אַזוי אַז פאַר פיל פון די מאַזעפּעווקער איז דער „דײַטש״ געווען אַ קוואַל פון יעשועה, און ס׳איז זיי, אַדאַנק אים, געוואָרן פרײַער, וואָרעם דורך אים האָבן זיי געקראָגן אַרבעט און כאַיונע, פּאַרנאָסע און אַ גוט פאַרדינסט, און אַלע האָבן אים ליב געהאַט און געערט און געריימט אינ זייערע רייד. אָבער אונדזער ליבשאַפט צום „דײַטש״ האָט געשטיגן ביז צום העכסטנ שפּיץ, אַז מיר האָבן אים דערזען פּלוצעם און אומגעריכט אינ שול! יאָ, מע איז געווירע געוואָרן: ס׳איז אונדזערער אַ ברודער, אַ ייִד פון אַוורעהאָם, ייִצכאָק און יאַנקעווס קינדער, ווי איך מיט אײַך! און ביז דאַן האָבן מיר ניט געוווּסט ניט דעם מענטשנ, ניט זײַנ שפּראַך, וואָרעם ער פלעגט רעדן צו אונדז אַפּ דײַטש, און און ניט אַפּ ייִדיש, דײַטש און ניט זשאַרגאָן, מיט פּאַסעכנ און ניט מיט קאָמעצנ, און דעריבער האָבן מיר אויך געמוזט באַנוצן זיך אינ אונדזער שפּראַך מיט אַ „פּאַסעך״ אומעטום, ווו דער גרונטלייגער פון דער שפּראַך הייסט רעדן מיט אַ „קאָמעץ״, און מיר פלעגנ אַלע רעדן דײַטש, מיט אונדזער „דײַטש״, ביז עס איז אונדז אַנטפּלעקט געוואָרנ: די געהיימניס אינעם גרויסנ און פּאָרכטיקנ טאָג יאָנקיפּער — ווי נאָר דער „דײַטש״ איז אַרײַנגעגאַנגען אינ שול אַרײַנ, איז אַרויס דער סאָד.

— יאָ, ס'איז פאראַן טאקע א גאָט אפֿ דער וועלט! — האָבן די מאזעפעווקער לייצים אָנגעהויבן אָפּלעצעווען פון אים, — ווי נאָר עס האָט זיך אים פארגלוסט געפינען א מעכילע, א פארגעבונג און א קאַפּאָרע פאר זײַנע זינד און אינייגוועגס אויך מאַז־קיר־נעשאָמעס־זײַן — איז ער געקומען צו אונדז אינ שול!

— יאָ! קיינ יידישע נעשאָמע קאָן מען ניט באקלערן, — האָבן זיך אָנגערופן אנדערע, — כאָטש די באָרד איז בא אים אָפּ־געראַזירט און די פייעס אָפּגעשוירן, כאָטש ער איז א דײַטש מיט זײַנ רעדן, זײַנ אָנטאָן און אלע זײַנע פאָסטעמקעס, אָבער דער שוירעש בלײַבט אפ אייביק. דער יידישער פונק ווערט ניט פאר־לאָשן, און מע דארפ זאָגן דעם עמעס: ער איז א גוטער מענטש, כאָטש ער איז א שלעכטער ייד...

— ער איז זייער, זייער ווײַט פון יידישקײַט!

— צווישן די כסידים קומט ער ניט.

— איכ צווייפל זייער, צי ער זיצט טאָג און נאכט אפ דער טוירע און דער אווידע.

— און ווי מיר שײַנט, שטייט ער ניט אופ האלבע נאכט צו „כצאָס" צו קלאָגנ אפנ כורבנ און אפנ גאָלעס פון דער שכינע, און קיינ „שמורע" אום פייסעכ עסט ער אויך ניט.

— און פונדעסטוועגן איז ער א גוטער מענטש, כאָטש א שלעכטער ייד...

אזוי האָבן געשמועסט צווישן זיך די מאזעפעווקער לייצים, צוקוקנדיק זיך פרייליעכ און אופגעלייגט צום „יידישנ דײַטש", אָדער צום „דײַטשישנ ייד", און האָבן נאָכ מער געזוכט זיך צו דערנעענטערנ צו אים.

און דער קאָמיסיאָנער פון זײַנ זײַט האָט אויכ ארויסגעוויזנ סימאָנים, אז ער וויל זיך דערנעענטערנ צו אונדז און נאָכנ פאל פון זײַנ קומען יאָנקיפּער אינ שול ארײַן, האָט ער זיך אָנגעהויבנ מיסקאַרעוו זײַנ צו אונדז, זיך אָנגעדונגענ אפ עסנ שטענדיק באַם יידנ רעב שאבסע דער באל־אכסאניע, אָנשטאָט דעם, וואָס

ביז אהער האָט ער זיך פֿארומרייניקט מיט טרייפֿענע מײַכאָלים. און באַלד נאָך דעם האָט ער געטאָן נאָך מערער, וואָרעם ער האָט זיך אויך איבערגעצויגן צו וווינען בא רעב שאַבסע באַל־אכסאניע. און כאָטש פֿון איין זײַט האָט דער קאָמיסיאָנער געהאַט פֿיל צאָרעס און טרויער אין זײַן נײַער דירע, איבער די פֿאַרשאָלטענע וואַנצן, וואָס אַמאָל גייט אין זיי אַרײַן אין מאַזעפּעווקע אַ שיגאָען און זיי ווילדעווען ביז גאָר, ווי וועלף, וואָס שפּירן נאָך רויב, — איז אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט געווען דעם „דײַטש" דאָס לעבן בא רעב שאַבסען זייער אָנגענעם, און זײַנע טעג זײַנען געפֿלאָסן ווי אַ טײַך אין גאַניידן. וואָרעם אָט דער רעב שאַבסע איז געבענטשט געוואָרן מיט פֿיר טעכטער, זייער שיינע מיידלעך, (אַצינד שוין, ווי איז זיי, זײַנען זיי אין דער אַרבעט בא די מ ע נ ע ר און זיי האָבן שוין געבוירן אָן אַ צאָל קינדער, און זיי זיצן פֿון אינדערפֿרי ביז אָפּדערנאַכט אין קלייט, און זייער שיינקײַט איז שוין פֿאַרדאָרבן געוואָרן). עס קען זייער זײַן, אַז דעם „דײַטשס" האַרץ האָט זיך געצויגן נאָך די דאָזיקע כיינעוודיקע מיידלעך און ער האָט געגלוסט נאָך זייער שיינקײַט, נאָך איידער ער האָט זיך איבערגעצויגן צו רעב שאַבסען, און דאָס קאָן אויך זײַן (איך וועל אײַך ניט שווערן, אַז איך האָב צוגעטראָפֿן צום עמעס און ניט פֿאַרפֿעלט), אַז דאָס איז די סיבע, וואָס דער „דײַטש" האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם, אַ ריינעם און אַ געראָמענעם צימער אינעם ערשטן האָטעל אין מאַזעפּעווקע, און איז אַוועק וואָגלען אין אַן ענגן צימער, ווי אַ הינערשטײַג, פֿול מיט געשטאַנק און מיט קויט, בא רעב שאַבסע באַל־אכסאניע אין שטוב; און אָט דער צימער איז געווען אַ רואָרט פֿאַר כאַיאָלעס פֿון פּרוסאַקעס, וואַנצן, קאָמאַרן און אַ מענגע מײַז און קאָלאָמינע שראָצים, וואָס פֿלעגן באַנאַכט אַרויס פֿון זייערע לעכער און אַרומרינגלען דעם „דײַטש" פֿון אַלע זײַטן און פֿירן מיט אים מילכאָמע און אַרומשפּאַצירן אינדערלענג און אינדערברייט איבערן צאַרטן, קלאָרן און ווײַסן לײַב. איך כאָזער

איבער מײַנע ווערטער: איך שווער אײַך אויך ניט, אז וואָס כ'האָב געזאָגט, איז ריכטיק, און עפשער איז עס גלאט אזוי אַן האשאָרע, א פאלשע פאנטאזיע; נאָר דאָס ווייס איך אפּ געוויס, אז רעב שאבסעס טעכטער זײַנען דעמ „דײַטש" זייער און זייער געפעלן, אסאך מער איידער רעב שאבסע גופע, וואָס האָט ביז־מימעס געגלייבט, אז דער קאָמיסיאָנער האָט זיך צוגעבונדן צו אים, צו רעב שאבסען, מאכמעס זײַן געשיקטקײַט און זײַן גרויסן פארשטאנד אין די דינימ פון מיסכער און אין טאָכ פון געשעפט־זאכן, — אין דער צײַט וואָס איינ לײַכט שמייכעלע פון דער יינגסטער טאָכטער מאלקע איז טײַערער געווען באמ קאָמיסיאָ־נער מער ווי זיבן און זיבעציק אזעלכע געשיקטע סאָכרימ, ווי רעב שאבסע, איניינעמ. וואָרעמ מאלקע האָט אים געפאנגען דאָס הארץ מיט איר שיינ פּאָנעמ, וואָס איז פול מיט באצויבערנדיקן כיינ, מיט אירע שווארצע אויגן, וואָס גלאנצן ווי דימענטן, מיט איר שטענדיקער פריילעכקײַט און איר כיינעוודיקן ריידן... נאָר וואָס טויג אסאך צו רעדן? ניט נאָר מאלקע אליין, נאָר אלע טעכטער רעב שאבסעס, אלע איניינעמ, זײַנען געפעלן געוואָרן דעמ דאָזיקן הער, אלע האָבן זיי געפאנגען זײַן הארץ; און מיט א פולן מויל קאָנען מיר איידעס זאָגן, אז דער קאָמיסיאָנער איז ארײַנגעפאלן אין דער נעץ פון ליבע צו אלע פיר טעכטער פון רעב שאבסע באל־אכסאניע — פיר ליבעס אין איין הארצן.

אָבער צי האָט דען נאָר רעב שאבסע באל־אכסאניע פארמאָגט שיי־נע טעכטער? און רייזעלע רעב שאָלעמ־סימכעס טאָכטער איז דען געווען א מיִעס מיידל? אָדער רעב פרויעמ־דאָוויד דעמ רויטנס טאָכטער האָט מען ניט געדארפט מיט רעכט האלטן פאר א קראסאוויצע? און די איבעריקע שיינע מיידלעך — איז דען וויי־ניק געווען זייער צאָל אין מאזעפּעווקע? צו אלע האָט דעמ „דײַטשס" הארץ געפילט אן אָפּענע ליבע; אָבער צי איז אימ אויך אָפּגעענט־פערט געוואָרן מיט ליבע? דאָס איז א פראגע, וואָס עס איז שווער צו געפינען איר דערליידונג. אויב מיר זאָלן גלייבן דאָס,

וואָס זײַנ מויל זאָגט איידעס, האָט ער זייער האצלאָכע געהאַט אונ געמאַכט דערפאָלג צווישנ די שיינע מיידלעכ אינ מאָזעפּעוו־קע. אָט דאָס זײַנעָנ דאָכ זײַנע ווערטער אינעם בריוו, וואָס ער האָט איינמאָל געשריבנ צו איינעמ פונ זײַנע כאַוויירימ אינ דײַטשלאַנד:

„אינ דער הויפּט־קאָנטאָר פונ די ברידער „שימענ אונ לייווי״.

צומ הער דער אונ דער.

טײַערער הער אונ כאַווער!

אַלס דערגאַנצונג צו מײַנ בריוו פונעמ 1־טנ דעמ כוידעש, ווי כ׳האָב געהאַט די ערע מודיִע צו זײַנ דעמ האַנדל־הויז, אַז ס׳איז דאָ פאַראַנ אַ גוטע האָפענונג אינ דעמ אָרט אַפּ אַסאַכ טוווּע, די זאַנגענ זײַנענ פול אונ גוט, די רעגנס גייענ אינ דער צײַט, די פּרײַז פונ דער טוווּע שטייט אַפּ איינ אָרט אומגעוואַקלט, דאָ איז אַ ברייטער פּלאַצ פאַר גוטע געשעפטנ א. א. וו. — אַלס דערגאַנצונג צו דעמ אַלעמענ בינ איכ דיר מודיִע דאָס מאָל אויכ אייניקע זאַכנ וועגנ זיכ: איכ לעב דאָ אינ שטיל רו אונ פיל זיכ גוט; די ייִדנ, וואָס וווינענ אינ דער שטאָט, כאָטש די פינצ־טערניש דעקט זיי נאָכ צו אונ זיי פאַרגעטערנ יעדער אַלטוואַרג, כאָטש זיי זײַענ נאַריש, ווי בעהיימעס אינ פעלד, ווי ווילדע אינ דער מידבער, זײַנענ זיי אַלע... פונדעסטוועגנ האָבנ זיי טעכטער — וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ, מײַנ פרײַנט — צוקער זיס! א פאַרגעניגנ אָנצוקוקנ. אונ זיי יאָגנ זיכ נאָכ ליבע, ווי א נארישע טויב, אונ אַלע אינייִנעמ האָבנ מיכ ליב — מעשוגע צו ווערנ, אונ איכ שווימ אינ דער דאָזיקער שטאָט, ווי א פײַנקוכנ אינ פוטער... מײַנ טרײַע אייצע דיר, טײַערער כאַווער, אויב דו ווילסט לעבנ, קומ אַראָפּ בא א געלעגנהײַט אינ דעמ דאָזיקנ גלוסטיקנ לאַנד, קומ, קומ אַהער אינ פּעטנ ווינקעלע אַרײַנ, וועסטו געפינענ פאַרגעניגנ... אוי, פאַרוואָס האָב איכ זיכ געכאַפּט?.. נאָר לאָמיר זיכ ניט קלאָגנ: איכ בינ דאָ פרײַ, אָנ א מילשטיינ אַפּנ האַלדז, אונ ווי א טײַכ פונ גאַניידנ, פאַרגייענ מײַנע טעג אינ אָט דער שטאָט! — — —

און די פּאָטערס און די זינ, זע איכ, גייענ מיר נאָכ, ווי א קו— א קאַלב, און אַלצדינג, וואָס איכ לאָז ארויס פונעמ מויל, איז בא זיי הייליק, וואָס הייליק הייסט!.. א. א. וו.״

.2

כ׳וועל ניט ארויסטראָגנ קיינ אורטייל: קאָנ זײַנ, אז ס׳איז דאָ איבעריקס אינ דעמ דאָזיקנ בריוו, און דער „דײַטש״ האָט עפשער איבערגעכאפּט די מאָס, באַרימענדיק זיכ פאר זײַנ כאוועַר; נאָר קיינ צווייפל ניט, אז אביסל עמעס איז דאָ פאַראַנ. די יידנ אינ מאזעפּעווקע, ווי די איבעריקע ברידער אונדזערע אינ אלע לענדער פונ דער וועלט, זײַנענ, נאָכ דער טעווע נאָכ, גרינג אפּ צו ווערנ ניספּאָעל און אופגערעגט, און זייער הארצ איז ווי טריוואקס גרייט אָנצונעמענ יעדער קריצ און יעדע נײַע פאָרמע. דער „גוטער דײַטש״ האָט אומבאמערקט געפלאַנצט די צווײַג פונ דער האסקאָלע אינ מאזעפּעווקע; אלע האָבנ מיר דאָכ געפילט צו אימ ליבע, קאָוועד און אכטונג, און דאָס אליינ איז געווענ גענוג, אז מיר זאָלנ וועלנ אימ געפעלנ ווערנ צו טאָנ זײַנ באגער, און נאָכצומאכנ זײַנע מײַסימ און נאָכצוגיינ זײַנע וועגנ. דער „דײַטש״, כאווערנדיק זיכ מיט אונדז, האָט געלאכט און געשפּעט פונ אונדז, פונ אונדזער אָנטאָנ, אופירונג און דעמ גאנצנ אויפנ פונ דערציִונג, און דערמיט האָט ער אונדזערע עלטערנ, די פּאָטערס פונ אונדזערע קינדער, א שטויס געטאָנ אפּ פאָרויס, אפּ צוצוקוקנ זיכ צו זייער לאגע און צו פארשטיינ דעמ כיסאָרנ פונ זייער דערציִונג, און בא זיכ אינ הארצנ האָבנ זיי געגעבנ גערעכט דעמ „דײַטש״, כאָטש מיטנ מויל האָבנ זיי ניט אופגעהערט צו לעצעווענ פונ אימ און אָפּצושפּעטנ פונעמ דײַטשישנ נוסעכ.

— אויב פאָלגנ אימ,— האָבנ באשלאָסנ די קריטיקער, די לייצאָנעס־טרײַבער און ווערטל־זאָגער,— אויב נאָר פאָלגנ אימ,

דאַרפֿן מיר געבן א געט אונדזער דאס און אונדזער גלויבן.

— אָט דער „דײַטש״ דארשנט שיין, ער וויל, מיר זאָלן מאכן אונדזערע קינדער אויך פאר „דײַטשן״.

— ...און ס׳וועט ארויס פון זיי א דאָר פרומע און טמימעסדיקע ייִדן, וואָס מיט זיי וועט זיך בארימען דאָס גאנצע פאָלק ייִסראָעל!

— לאמדאָנים, מופלאָגים, טאנאָים, ערלעכע און גאנצע ייִדן א. א. וו.

פונדעסטוועגן זײַנען צוליב דעם קאָמיסיאָנער אופגע־שטאנען בא אונדז נײַער לעזער, און צוליב די לעזער זײַנען בא אונדז אויסגעוואָקסן נײַע ביכלעך... אָבער איך כאפ זיך זייער, און מײַן פען לויפט פאָרויס, און איך וויל ניט אויסמאָלן מײַן שטאָט מאזעפּעווקע ווי זי איז איצטער, נאָר ווי איר געשטאַלט איז געווען פריִער, אין מײַנע יונגע יאָרן, פופצן אָדער צוואנציק יאָר צוריק.

בעכיינו, זייער ריכטיק איז דאָס ווערטל „ניטאָ קיין שלעכטס אָן קיין גוטס״. איבער דעם דאָזיקן „דײַטש״ איז ארויסגעקומען, אז ס׳איז אביסל דערהויבן געוואָרן די לאגע פון א מאזעפּעוו־קער, און דורך אים האָבן זיי זיך אופגעכאפּט פונעם שטארקן שלאָף און אָנגעהויבן צו עפענען די אויגן און דערזען, אז זיי זײַנען נאקעטע, אָבער ס׳איז דורך אים געקומען אסאך שלעכטס. די זיטן די מאזעפּעווקער זײַנען אביסל אראָפּ איבער די ליבעס, וואָס דער קאָמיסיאָנער האָט שטענדיק געפירט, און איבער שאבסע באל־אכסאניעס מיידלעך און די איבעריקע שיי־נע און לײַכטזיניקע מיידלעך אין מאזעפּעווקע! אָ! די דאָזיקע „ליבע־יעסורים״ האָבן געבראכט פיל שטרויכלונגען בא אונדז, וואָרעם פון אים האָבן זיך געלערנט און אים נאָכגעטאָן אנ־דערע באָכערים און מיידלעך, ווי נאָך א פרעמדן גאָט, וואָס הייסט „אמור״, און האָבן געליבט און געטאָן נארישקײַטן, — און ניט איינע פון די ייִדישע טײַערע טעכטער האָט פארלאָרן איר אומשולדיקײַט, איר שאצ; ס׳איז טונקל געוואָרן די ריינ־

קײַט פֿון מאַזעפּעווקער מיידלעך, זיך געענדערט דער גוטער גינגאָלד, וואָס מיט אים פּלעגט זיך דאָס יידישע פֿאָלק פֿון טאָמיד אָן באַרימען! און ווער ווייסט צו וואָס עס וואָלט געקומען, ווען ס'וואָלט זיך ניט געטראָפֿן דער פֿאַל, וועגן וועלכן ס'וועט זיך דערוויסן דער לייענער אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

.3

ווער איז געווען דער דאָזיקער „דײַטש" און פֿון וואַנען שטאַמט ער? די דאָזיקע וויכטיקע פֿראַגע האָט ניט שטאַרק אָנגעהירט די נײַגעריקע מאַזעפּעווקער, וואָס פֿון שטענדיק אָן זײַנען זיי געווינט צו כאַפּרענען זיך טיף און דערגרונטעווען זיך צו יעדער זאַך; דאָס מאָל האָבן זיי אײַנגענומען דעם יעצער־הרע, אָן צווייפֿל, דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן געאַכטעט דעם קאָמיסיאָנער, וואָס האָט מיט זײַן פּראַכט צוגעדינט גאַנץ מאַזעפּעווקע, און זיי האָבן זייער געגלייבט אין אים. נאָר איין זאַך איז זיי געווען אומפֿאַרשטענדלעך, האָט געוויבט זייער רו אין ניט געלאָזט שלאָפֿן: דער „דײַטש" איז שוין א מאַנצבל אין די יאָרן, און איז נאָך ניט קיין באַווײַבטער! פֿאַרשטייט זיך, אַז די שטאָט־לייצים, די מאַזעפּעווקער כאַכאָמים, וואָס קריטיקירן יעדער זאַך, האָבן ניט געקאָנט דאָס איבערטראָגן און האָבן גערעגנט מיט שטעכ־ווערטלעך אָפּן אומגליקלעכן „דײַטש" בײַסן זיצן אינײנעם אין שול, אָדער שפּאַצירנדיק מיט כאַווײרים אין מאַרק מיט די שטעקעלעך אין די הענט.

— דער „דײַטש" איז טאַקע זייער א יונגער באָכער, נאָך ניט צײַט צו דער כופּע.

— א באָכער ווי ס'דאַרף צו זײַן...

— ווען ער זאָל זיך ניט אָפּגאָלן די באָרד...

— לאָזט אים צורו, ער איז נאָך א יונגער באָכער, א קינד, וואָס האָט נאָך ניט פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון אַן אווייִרע.

— א פּיצל קינד, א זויג־קינד!
— א גרויסער בײַשן — ניטאָ זײַנ גלײַכנ!..
א.א.וו., א.א.וו.

אָבער ניט מיט דעמ האָבנ זיכ פאַרנומענ די בראווע לײַט, וואָס זייער געשעפט איז — פֿאָרנ פֿאָרלעכ; די שאדכאָנימס אינ־טערעסנ איז ניט געלעגנ באַמ לאַכנ אונ שפּעטנ; די דאָזיקע מענטשנ האָבנ זיכ אפּדערעמעסנ אונ מיטנ גאנצנ ערנסט גע־נומענ זאָרגנ פאַר זײַנ טאכלעס אונ רעדנ אימ שידוכימ פונ אלע פיר עקנ וועלט אונ בריוו צושיקנ וועגנ אימ צו אנדערע שאדכאָנימ, אונ האָבנ אימ געהויבנ ביז צומ הימל אונ דער־ציילט זײַנ גרויסקײַט אונ שיינקײַט אינ שיינע אונ שטארקע מעליצעס. אָט איז פאַר אײַכ א בריוו, וואָס דער מאזעפּעווקער שאדכנ, רעב קאלמענ, האָט געשיקט צו רעב זאלמענענ דעמ גאָנטאיערסקער שאדכנ.

„פרידנ אונ פונ גאָט א גוטע מאראָכע זאָל זײַנ אָנגע־גרייט צו זײַנ געערטנ לײַבלעכנ פרײַנט, דעמ געלערנטנ, דעמ נאָגיד מופלעג, דעמ בארימטנ אאוו, אאוו. רעב זאלמענ, זײַנ ליכט זאָל לײַכטנ אונ שײַנענ, ווי די זונ פונ מיזרעכ־זײַט, אָמיינ אפ אייביק!

ערשטנס, קומ איכ אײַכ מעלדנ, אז איכ אונ מײַנ ווײַב זײַנענ געזונט אאוו... אונ צווייטנס, וואָס איז נעגייע דעמ אינ־יענ, וואָס איר שרײַבט מיר, אז איכ זאָל אײַכ שרײַבנ אלצ־דינג אונ יעדער זאכ וועגנ געערטנ כאָסנ, וואָס איכ האָב פאָרגעשלאָגנ פארנ גערימטנ אונ געערטנ גוויר פונ אײַער שטאָט, דעמ נאָגיד רעב לעמל, קומ איכ אײַכ מוידיע זײַנ אונ טאָג אײַער באגער מיט פיל סימכע אונ פרייד, וואָרעמ ס'איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג, אז אויב דער גוויר אײַערער וועט דערהערנ די דאָזיקע וויכטיקע זאכנ, וועט ער זיכ אָנכאפּנ פאַר דעמ שידעכ מיט בײדע הענט אונ וועט קריגנ מאמעש א מע־ציע, וואָרעמ אזא כאָסנ איז זעלטנ צו געפינענ, אונ ניט יעדנ

טאָג טרעפט זיך אַזאַ ווי דער „דײַטש" — דער קאָמיסיאָנער, וועלכן איך לייג אײַך פאָר. פריער פאַר אַלץ שטאַמט דער דאָזיקער „דײַטש" פון וואַזשנע עלטערן, ייִכעסדיקײַט — פון אַ געהויבענער און גרויסער ייִדישער פאַמיליע, און כוצדעם איז ער אַ שטאַרקער גוויר און ער אַליין איז אַן אינטעפּעקטאָר איבער אַלע געשעפטן פון די ברידער די שותּפים, וואָס זײַנען באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט, „שימען און לייווי", און ער טוט גרויסע מיסכאָרים באַ אונדז אַף גרויסע סומעס געלט, וואָס ער שפּרייט ווי אַש צווישן די סאָכרים פון אונדזער שטאָט. און ס'וואָלט געווען אַ גרויסער ווונדער, ווען ער האָט ניט ווײניקסטנס כאָטש ביז צען טויזנט רובל, און געוויס האָט ער אַסאַך מאָל אַזויפיל מער; און מיר רעדן שוין ניט וועגן געצאָלטס, וואָס ער באַקומט פון דער אויבן־דערמאָנטער פירמע פאַר זײַן אַרבעט דאָרט. ווי קאָן זײַן, אַז ער זאָל באַקומען ווייניקער ווי דרײַ טויזנט רובל אַ יאָר? און דאָס איז גרינג צו זען און צו דערקענען פון זײַן אויפן לעבן, וויאַזוי ער לעבט ווי אַ גראַף, וואָרעם וואָס איז באַ אים אַ קערבל, אָדער אַפילע צען קערבלעך? אָבער ער פּאַטערט ניט, כאַסוועשאָלעם, זײַן געלט, וואָרעם ער לעבט באַשיידן און פירט זיך שטיל און פרײַנטלעך מיט יעדן מענטשן. ער איז אויך אַ שיינער יונג און אַ קראַסאַוועץ אַף צו רימען, הויך ווי אַ צעדערבוים, וואָס וואַקסט אַפן באַרג לעוואָנען, ער מעג שטיין פאַר קייסאָרים, און ער איז נאָך ניט אַלט קיין פינף און צוואַנציק יאָר, און ווי קאָן ער זײַן עלטער פון פינף און צוואַנציק יאָר, אַז ער איז אַ באָכער, ווי אַ צעדערבוים? וואָרעם אַפילע די גרויסע אַריסטאָקראַטן אַף דער וועלט זיצן ניט אָן אַ ווײַב עלטער פון פינף און צוואַנציק יאָר, און ס'איז אַן אַלטע מײַסע. נאָכאַמאָל, פרײַנט מײַנער, רעב זאַלמען, איר קאָנט דאָך מיך ניט פון נעכטן און אייערנעכטן, דאַנקען גאָט, שוין אַסאַך יאָרן, וואָס מיר לעבן אַף דער וועלט, און איך בין ניט פון

יענע שאדכאָנים, וואָס פירנ צונויפ א וואנט מיט א וואנט אונ דעמ בארג גריזימ מיטנ בארג איײוואָל, איכ קומ ניט צווישנ זיי; אונ אויב איכ זאָג אײַכ, קאָנט איר זיכ פארלאָזנ אפ מיר אונ אפ מײַנע ווערטער, אז אײַער גוויר וועט ניט געפינענ פאר זײַנ טאָכטער אזא גוטנ כאָסנ, אפילע ער זאָל געבנ הונדערט טויזנט רובל, אונ צווישנ אונדז גערעדט איז דאָכ אײַער גוויר רעב לעמלס טאָכטער שוינ פונ לאנג א מיידל אפ אויסצוגעבנ, אונ זי איז געוועזנ אינ די יאָרנ נאָכ צוריק מיט צענ יאָר אָדער מערער, אונ פונ איר שיינקײַט אונ כיינעוודיקײַט האָבנ מיר עפּעס ניט געהערט, אונ אז מיר וועלנ נאָכ צוגעבנ דערצו דעמ גוויר רעב לעמלס יִיכעס, וואָס אלע ווייסנ, אז זײַנ פאָטער איז געוועזנ א גרויסער אמהאָרעצ אונ געהאנדלט מיט פערד אונ געכאווערט זיכ מיט אלע באלעגאָלעס, אונ אצינד אויכ, נאָכדעמ ווי די האצלאָכע האָט אימ צוגעשפּילט, איז ער א דאָווער־אכער, וואָס ס׳איז ניטאָ זײַנ גלײַכנ — דער שפּיצ איז — איר פארשטייט דאָכ, אז דער שידעכ איז פונ גאָט אליינ; אקלאל, רעב זאלמענ, מײַנ פרײַנט, זײַט זיכ מישטאדל בא אײַער גוויר אונ אײַלט אײַכ צו ענדיקנ דעמ איניענ גוט, אונ אויב ס׳איז פונ גאָט, זאָל עס זײַנ אינ א גוטער מאזלדיקער שאָ, וואָרעמ עס גייט די טעג פונעמ הייליקנ יאָנטעוו, אונ איכ האָב נאָכ אפילע קיינ מאצעס ניט צוגעגרייט, איז ווענ וועל איכ עפּעס טאָנ פאר מײַנ הויזגעזינד אויכ, אונ די נויט, באאוווינוויסיינו האָראבימ, איז גרויס, אונ וואָס איז שײַעכ דעמ כאָסנס נאָמענ, איז ער הענריכ פרײַפויגל.

מער קיינ נײַס איז ניטאָ, זאָל נאָר גאָט געבנ געזונט אונ לעבנ, ווי עס ווינטשט אײַכ אײַער פרײַנט, וואָס גריסט אײַכ אונ אײַער גאנצ הויזגעזינד אונווארט אפ אײַער געהויבענער טשוווע.

פונ מיר קאלמענ בערעב לייווי שאדכנ, דאָ
אינ דער הייליקער שטאָט מאזעפעווקע״.

נאָכדעם ווי ער האָט אוועקגעשיקט די דאָזיקע מעגילע און באקומען אפּ איר א געהעריקן ענטפער פון זיין טייערן רעב זאלמען, האָט זיך רעב קאלמען בערעב ליוויי זייער פארגלוסט א שמועס צו טאָן מיטן „דייטש" און אים א פרעג טאָן וועגן איינער זייער א וויכטיקער זאך. אין דער צייט האָט דער „דייטש" געגעסן מיטיק צוזאמען מיט רעב שאבסע דעם באל־אכסאניעס גאנץ הויזגעזינד, און אזויווי א קייסער בא זיך אין פּאַלק, איז דער קאָמיסיאָנער זיך געזעסן מיט די פיר טעכטער, און צווישן זיי האָט געגלאנצט די שיינע מאלקע, וועלכע האָט גע־פאנגען דעם גאסט מיט אירע שווארצע אויגן.

— ברוכים האיושווים! — האָט געזאָגט רעב קאלמען, ארייג־קומענדיק אין שטוב אריין, און זיך אוועקגעזעצט אפן עק באנק אין שטוב אין א ווינקעלע.

— באָרוך האבאָ! — האָבן אלע אין שטוב געזאָגט מיט איין קאָל, כוצן „דייטש", וואָס האָט געקוקט אפּ מאלקען מיט אויגן, פול מיט ליבע.

— עסט געזונט! — האָט פארענדיקט זיין גרוס רעב קאלמען, — און איך האָב א נייטיקע זאך צו זאָגן דעם הער קאָמיסיאָ־נער, א סאָד...

— מיר וויסן די סודעס! — האָט זיך שטאָלץ אָנגערופן צו אים דער קאָפּ פון דער פאמיליע, רעב שאבסע אליין מיט זיין קאָוועד.

— אז ווער זאָגט דען, אז איר ווייסט ניט? — האָט אים אָפּגעענטפערט רעב קאלמען און ארייגגעטאָן די הענט אין קע־שענע ארויסצונעמען זיין פּעקל בריוו; אויב קיין סודעס איז דאָ ניט פאראן, איז פאראן דאָ א וויכטיקער איניען; און איך בין געקומען אצינד פאָרלייענען דעם בריוו.

— לאָז שוין צורו אונדזער קווארטיראנט! — האָט רעב שאבסע איבערגעשלאָגן רעב קאלמענען די רייד מיט ביטל, — אונדזער

קוואַרטיראַנט האָט דאָך דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז ער וויל ניט ווערן קיין כאָסן, און וויל ניט ווערן אַ באַווײַבטער, און וויל אַפילו ניט שמועסן וועגן דעם, און דו האַלטסט איינס!

— מיר איז אַ וואונדער צו הערן אַזוינע רייד, רעב שאַבסע! — האָט רויִק אָפּגעענטפערט רעב קאַלמען, — זייער אַ וואונדער. דו ווייסט דאָך, אַז אין מאַזעפּעווקע וועט דער הער ניט געפינען זײַן גלײַכן און דערצו זײַנען מ י ר דאָך דאָ אויף דער וועלט — אונטערצוזוכן יעדן איינעם אַ פּאַסיקע זאַך. זאָג מיר נאָר, טײַערער רעב שאַבסע, וואָס וואָלטן ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך געטאָן, ווען ס'וואָלט בײַ אונדז קיין שאַדכאָנים ניט געווען? ענטפער מיר נאָר, רעב שאַבסע, אויף דער פראַגע, וואָס איך פרעג דיך.

— אָבער אַז דער קאָמיסיאָנער וויל גאָר ניט קיין שידו־כים? — האָט אים רעב שאַבסע אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ פראַגע.

— ניט דו, רעב שאַבסע, דאַרפסט אַזוי רעדן: אָט, גאָט צו דאַנקען, ביזטו אויך אַ פאָטער פון טעכטער. וועט קומען זייער צײַט כאַסענע צו האָבן, וועסטו דאָך זיך זאָרגן פאַר אַ כאָסן, פאַר אַ מאַן, אָדער עפּשער ווילסטו זיי אײַנזאַלצן און אָפּהיטן בײַ זיך אויף אייביק?

— אײַנזאַלצן אָדער ניט אײַנזאַלצן, — האָט די באַלעבאָסטע פון איר זײַט אָפּגעענטפערט מיט אַ באַרויגעזן טאָן, — זאָל דיר נאָר ניט טאָן דער קאָפּ, רעב קאַלמען, אויף דעם, וואָס וועט זײַן מיט מײַנע טעכטער. מיט גאָטס הילף וועל איך זיך אַן איי־צע געבן אָן דיר אויך!

די פיר מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך אָן ווער־טער, און מאַלקע האָט זיך פאַרויטלט, באַגעגענענדיק זיך מיטן קאָמיסיאָנערס אויגן, וואָס האָט דערבײַ געשמייכלט.

אָט אַזוי — כאָטש דער „דײַטש" האָט געשפּילט ליבעס מיט די מאַזעפּעווקער מיידלעך, און יעדער שיין ווײַבל האָט אים גע־פאַנגען, נאָר מאַכן אַ לעבן מיט איינער פון די אַלע געליבטע — צו דעם האָט ער ניט געהאַט קיין כיישעק, און ער האָט פון

אָנהייב טויזנטער מאָל געמאָלדנ, אז ער איז ווײַט פונ וועלנ נעמענ א ווײַב — ניט אינ מאזעפּעווקע, ניט אינ אנ אנדער שטאָט, אונ האָט ניט געוואָלט מע זאָל מיט אים שמועסנ וועגנ דעמ. פונדעסטוועגנ האָבנ רעב קאלמענ מיט זײַנע פאָלקנ מיטהעלפער זיכ ניט געפוילט אונ ניט אופגעהערט זיכ זאָרגנ פאר זײַנ צוקונפט, אונ די לייצימ האָבנ זיכ געוויצלט, אונ די קריטיקער פונ צווישנ די מאזעפּעווקער כאכאָמימ האָבנ אויכ ניט אופגעהערט צו קריטיקירנ דאָס פירעכצ פונעמ „דײַטש”, בוידעק זײַנ אלע זײַנע מײַסימ אונ באהאנדלענ זיי.

— אָט אזוי איז דאָכ דער מינהעג בא די „דײַטשנ”, אז איידער זיי ווערנ אלט פופציק יאָר, האָבנ זיי פאר קיינ געלט ניט כאסענע!

— זיי זײַנענ טאקע קלוגע, די דאָזיקע „דײַטשנ”, קלוגע אונ פארשטאנדיקע לײַט, אונ פלינקע אָנ אנ עק!

— זיי זײַנע די כאכאָמימ, אונ מיר זײַנענ די שויטימ, זיי לעבנ זיכ בעהארכאָווע, אונ מיר האָבנ ביטערע קרעצ, זיי זײַנענ פרײַ פונ יעדער יאָכ אונ יעדער מאקע, אונ מיר טראָגנ אונ לײַדנ ביזיוינעס אונ זידלערײַענ, קלאָלעס אונ בושעס א גאנצנ לעבנ.

נאָכ פיל צײַט האָבנ זיכ געווערטלט מאזעפּעווקער לייצאָנימ איבערנ „דײַטש“ — דעמ קאָמיסיאָנער; נאָכ אסאכ מאָל, אָנ א צאָל, האָט דער שאדכנ רעב קאלמענ געשיקט וועגנ אימ בריוולעכ צו רעב זאלמענענ אונ צו די איבעריקע קאָלעגעס זײַנע; אָבער צו אלעמענ איז דאָ א גרענעצ אונ צו יעדער זאכ אנ עק, אונ צו דעמ איז אויכ געקומענ אנ עק — אנ עק, פול מיט טרויער אונ געלעכטער, מיט ווונדער אונ מיט א קאָנפוז איניינעמ, א ווונדערלעכער עק, וואָס האָט א קנאק געטאָנ, ווי א דונער אינ א העלנ טאָג, איבער די מאזעפּעווקער קעפּ אונ האָט זיי צעמישט די מויכעס אזוי, אז די ערשטע מינוט זײַנענ אויכ די אָבער־לייצימ צעדולט געוואָרנ אונ האָבנ ניט באוויזנ צו לעצעווענ אונ צו דארשענענ וועגנ דעמ, ווי זייער שטייגער איז פונ אייביק אָנ. אונ די מײַסע איז געוועזנ אָט וויאזוי.

.5

דער זומער האָט געוועלטיקט אַפּ דער גרויסער וועלט. ס׳איז
אוועק דער טאָג, און די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס זײַנען געקומען. די
קי און די ציגן די מאַזעפּעוועקער האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער
טשערעדע, אָנגעלאָדענע מיט מילך, און אופגעהויבן אַ שטויב
ביזן הימל, און פֿונעם כיידער זײַנען צוריקגעקומען נאַקעטע און
באָרוועסע ייִנגלעך מיט פֿינגער אויסגעשמירטע אין טינט פֿונעם
שרײַבן, וואָס זיי האָבן געשריבן, און אונטער די אויגן זייערע —
אַ בלויקײַט, מאַכמעס די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געכאַפּט פֿון זייִ־
ער ליבן רעבן... פֿונעם ברעג טײַך, דער טײַך „ריפּשוינ״ (בלאָ־
טיקער), האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פֿון די זשאַבעס, וואָס
האָבן געקוואַקעט אין אַ כאָר, די פֿייגעלעך האָבן זייער שיין גע־
זונגען, און יעדער לעבעדיק באַשעפֿעניש האָט געשעפּט פֿאַרגע־
ניגן פֿון דער שיינקײַט און פֿראַכט פֿון דער נאַטור. אין דעם דאָ־
זיקן זיסן און דערהויבענעם אָפּדערנאַכט איז צו רעב שאַבסע
באַל־אַכסאַניע אין אײַנפֿאָר־הויז פֿאַרפֿאָרן אַ גרויסער וואָגן, אײַנ־
געשפּאַנט מיט פֿיר פֿערד — „לעמפּערטן״, דאָס איז דאָך אונדזער
באַקאַנטע רעב לייזער דעם באַלעגאָלעס ערן־קאַרעטע! אַן אָפּ־
געטראָגענער און אַ געלאַטעטער לײַנענער לײַלעך איז געווען
אויסגעשפּרייט ווי אַ בויד איבער איר צו שיצן פֿון היץ און פֿון
רעגן. פֿון אונטער דער דאָזיקער בויד האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצו־
גיין געסט פֿון קאָלערליי פֿעלקערשאַפֿטן, שפּראַכן, אַלט און יונג,
זויג־קינדער און גרויע לײַט, טראָגעדיקע און געווינערנס — אַלע
מיטאַמאָל. אַז אָט די גאַנצע מאַכנע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט אָנ־
געהויבן צאַפּלען אַפּ אַרויס פֿונעם וואָגן נאָך איין לעבעדיק נע־
פֿעש, אײַנגעהילט אין אַסאַך וואַרעמע שאַלן און וואָלענע שאַלי־
קעס, כאָטש אינדרויסן איז געווען אַ קלאָרע וואַרעמקײַט.

רעב שאַבסע מיט זײַנע זין און טעכטער זײַנען געלאָפֿן אַהער
און אַהין, פֿאַראַרבעט ביז איבערן קאָפּ, צופֿרידענע, וואָס גאָט
האָט זיי צוגעשיקט אַזאַ גוטס דאָס מאָל — אַ מאַסע כאָשעווע

געסט, א גאנצע מענגע מענטשן. דער באלעבאָס האָט געהאלטן אין איין אָפּגעבן „שאָלעם" זייַנע געסט. די באלעבאָסטע האָט אופגעהויבן א קאָל אפ דער קעכנע און איר באפוילן, אז די מינוט זאָל זייַן גרייט דער סאמאָוואר, קעדייַ אָפּצופרישן די אָנגעקומענע פארשוינען מיט א גלאָז טיי, און די טעכטער האָבן געהאָלפן אראָפּנעמען דעם באגאזש פונעם וואָגן. נאָר די ייִנגסטע טאָכטער מאלקע האָט געוווּסט ווען איז די רעכטע צייַט פאר יעדער זאך אפ דער וועלט, און צוזעענדיק דעם טומל און דעם געלויף פון יעדן איינעם צו דער ארבעט, איז זי זיך רויִק געשטאנען אפ די טרעפּ פונעם אריַינגאנג און פיל געשמועסט מיטן „דייַטשישן" הער, איר געליבטן, און האָט זיך פריילעך געמאכט, לאכנדיק פון פארשיידענע וויצן, און בייס איר לאכן האָט זי באוויזן צוויי שנירלעך ציין, ווייַס ווי טופּערשטיין, און די גריבלעך אפ די פולע בעקלעך, וואָס זייַנען שיין ווי ליבלעכע ראָזנבלומען.

— כ'האָב ליב קוקן, ווי איר לאכט, — האָט צו איר דער „דייַטש" געזאָגט אפ ייִדיש־דייַטש, — כ'האָב זייער ליב, אז איר לאכט, וואָרעם ווען איר לאכט, באקומט איר דאָס פּאָנעם, וואָס איך האָב ביכלאל ליב.

— איז וואָס פאר א פּאָנעם האָט איר ליב ביכלאל? — האָט מאלקע געפרעגט און כיטרע געשמייכלט.

— ביכלאל האָב איך ליב אייַער פּאָנעם, — האָט דער „דייַטש" געזאָגט און איז צוגעגאנגען א גלעט טאָן מיט די פינגער אירע באקן; אָבער מאלקע האָט אים מיט א שטיפערישן געלעכטערל א פּאטש געטאָן איבער דער האנט און האָט געזאָגט:

— כ'האָב אייַך געוואָרנט הונדערט מאָל, מייַן הער: מיט די אויגן מעג מען אלצדינג, אָבער מיט די הענט — פּאוואָלי...

אין דער מינוט האָט זיך באוויזן פאר די אויגן א פרוי, וואָס איז געווען אייַנגעהילט אין די שאלן און וואָלענע שאליקעס — דאָס נעפּעש, וואָס איז קאם אראָפּ פון רעב לייזער באלעגאָלעס

וואָגן. א פּאָר מינוט האָט זי צוגעקוקט, ווי זיי שפּילן זיך ליבלעך, און פּלוצעם איז די פרוי ארופ אפן „דײַטש", ווי א ווילדע כײַע אפ איר רויב, ארײַן מיטביידע הענט אים אין טשופּרינע און אָנגעשטעלט אפ אים א פּאָר אויגן, וואָס בליצן יאָגן פון זיי, און פון מויל האָט זי א שפּריץ געטאָן מיט שוים און מיט פלאַמפײַער, פּעך און שוועבל און זײַלן רויך. קוויטשן, גוואלדן און קלאָלעס מיט ביטערע געשרייען! — מיט איין אָטעם האָט די דאָזיקע אומגליקלעכע ארײַנגעטאָן די גאנצע טויכעכע אפ א שפּראך, וואָס ווערט געברויכט אפן פיש־מארק און אפן מארק פון גרינס, און זי האָט געיאָמערט, געקלאָגט און אופגעהויבן א גרויסן און ביטערן געשריי.

— אָט דאָ ביסטו — טײַערער שמערל מײַנער? — האָט זי געשריִען מיט א ביטער הארץ, — קוק, מעשומעד, זע נאָר, האָסט מיך דערקאָנט? פרייסט זיך מיט דײַן ליב ווײַב? פרייען זאָל זיך מיט דיר דער מאלכאמאָוועס! האָסט מיר געשריבן, דו זון פון אן אויסוואורף — א כצופּע, אז אין דער דאָזיקער פינצטערער שטאָט קומען זאָל אפ דיר א כוישעך און א געדיכט פינצטערניש, פארברענגסטו דײַנע טעג אין שווארצן טרויער, פארשווארצט זאָלסטו זײַן אלע טאָג! האָסט ניט געוואָלט, אז איך זאָל צו דיר קומען, קומען זאָל אפ דיר א מאגייפע! דו האָסט בעסער ליב צו שפּילן ליבעס מיט פרעמדע מיידלעך, קומען זאָל אפ זיי א מאפּאָלע, איידער צו זען זיך מיט דײַנע קינדער, זען זאָלסטו זיי מער ניט, וויפל דו וועסט לעבן! כ'ווייס אלצדינג, אלצדינג האָב איך געהערט, פּאָרנדיק אפן וועג. שאדכאָנים רעדן דיר שידוכים — מעשאדעכזײַן זאָל זיך מיט דיר דער מאלעך פונעם קייווער! מע רעדט דיר ווירדיקע שידוכים, רעדן זאָלסטו מיט שיידים פונעם גענעם! דו האָסט דאָ א זיס לעבן, זיס זאָל דיר זײַן די ערד אין גרוב! כ'האָב שוין אויסגעפרעגט, אויסגעפאָרשט וועגן דיר, דו הונט, פאָרשן זאָל דיך אלע מינע שלאפקײַטן און אלע בייזע וויי טעקן פון מיצראַיִם! דײַנע טעג גייען דאָ אוועק ווי יאָנטויווים, און

מיך פאטערסט דו מיט פינף און צוואנציק רובל א כוידעש, פינף און צוואנציק מאקעס דיר אין קאָפּ! גייסט אָנגעטאָן פּריציש, ווי א גראף, האָסט דיר אויסגעפוצט די וואָנצעס און אָפּגעשניטן די באָרד, פארשניטן זאָלסטו ווערן, דעריבער האָבן דיך ליב מיידלעך, דו מעשומעד אפּצולאָכעס! וויי איז מיר—רעב עפראָימס טאָכטער, אז אָך און וויי! איך בין דאָרט אין וועגדזעגאלע, דיין ווייב און דיינע קינדער, און דו דאָ לויפסט נאָך יעדער מיידל, נאָכלויפן זאָלן נאָך דיר און דיך טרעפן קאָלע בייזוווּנדער! און ווו איז דאָס גאנצע געלט, וואָס דו פארדינסט? די טויזנטער און צענער טויזנטער, זאָג נאָר מיר, צוקלעפּן זאָל זיך דיר די צונג צום גומען! אָדער עפשער טראכסטו זיך, אז דו וועסט מיך אוועקשיקן און אוועקפּאטערן מיט א געט? זאָל גאָט געבן, איך זאָל פון דיר פּאָטער ווערן און דיך ביז אייביק ניט אָנקוקן! בעסער איך זאָל בלייבן נאָך דיר אן אלמאָנע און דיינע קינדער יעסוימים היינטיקס יאָר, היינטיקן טאָג, די מינוט, דאָ אפן אָרט, האר פון דער גאנצער וועלט!.....

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אפן געשריי פון דער פרוי האָבן זיך גיך צונויפגעזאמלט אלע איינוווינער פונעם הויף און פון דער גאס; אלע די, וואָס האָבן פיס, האָבן זיך געיילט און געלאָפן קוקן די אומזיסטיקע פאָרשטעלונג, און דער קלאנג, אז צום „דייטש דעם באָכער״ איז פלוצעם און אומגעריכט געקומען זיין ווייב פון דער שטאָט וועגדזעגאלע — דער דאָזיקער איבעראשנדיקער קלאנג איז געפלויגן פון מויל צו מויל, ווי פייל־אויסן־בויגן און האָט ארומגערינגלט גאנצ מאזעפּעווקע פון אלע עקן.

— האָסטו געהערט? צום „דייטש״ איז געקומען א ווייב פון דער ווייט!

— וואָסער „דייטש״? ער איז דאָך א ייִד!

— און הייסן הייסט ער שמערקע!

— פון דייטשלאנד, פון וועגדזעגאלע!

— נאָענט פונ בערלינ, א צוויי שאָ גאנג!

— טאקע א ווײַב בא אימ א קראסאוויצע, אונ מיט א מויל, אונ א צונג!

— שוינ־זשע האָט ער נאָר איינ ווײַב אונ ניט מער?

— אונ ווער איז שולדיק דערינענ, אויב ניט רעב קאלמענ דער שאדכנ? נאָר איבער אימ האָט זיכ אופגעהויבנ דער שטורעמ איבערנ „דײַטשס" קאָפּ.

— איבער רעב שמערלס קאָפּ פונ ווענדזעגאלע!

נאָכ טאקע אינ יענער נאכט, איידער ס'איז טאָג געוואָרנ, האָט רעב לייזער באלעגאָלע מעכאבעד געווענ זײַנע פערד מיט א ביסל האָבער אונ שטרוי אונ געשפאנט אינ וועג ארײַנ, אונ דער קאָמיסיאָנער איז אוועקגעפאָרנ מיט זײַנ ווײַב, די שטילע טויב, פונ מאזעפעווקע, אפּ מער זיכ ניט צוריקקערנ, אונ מיט זײַנ ארויספאָרנ פונ דער שטאָט איז אוועק איר שיינקײַט אונ איר גרויסארטיקײַט, אונ זײַנ אָנדענק איז פארבליבנ בא מאזעפעווקער כאכאָמימ, שאדכאָנימ אונ לייצימ נאָכ א לאנגע צײַט; אונ דער אײַנדרוק, וועלכער ער האָט בא אונדז געלאָזנ, איז געווענ זייער א שטארקער אײַנדרוק, וואָרעמ אונדזערע באָכערימ אונ מיידלעכ האָבנ זיכ אוועקגעקערט נאָכ פרעמדע געטער. אָבער סאָפּקאָלסאָפּ איז ער געווענ דער ערשטער, וועלכער האָט אוועקגעלייגט דעמ ווינקלשטיינ פאר אונדזער אופקלערונג, אונ ווער עס האָט ניט געזענ מאזעפעווקע אזוי, ווי זי איז אצינד, אינ די טעג, אינ הײַנטיקער צײַט, דער האָט קיינמאָל ניט געזענ קיינ אייראָפּייִשע שטאָט מיט אלע פּישטשעווקעס.

„יִפּטאָכ אינ זײַנ צײַט איז ווי שמועל אינ זײַנ צײַט"...

דער „איצער"

1.

די מאזעפעווקער זײַנען גרויסע צדאָקע־געבער און געלט־שפרייטער, ווי קיינער אין דער וועלט. דער מאזעפעווקער שיט מיט נעדאָוועס אף רעכטס און אף לינקס, שפרייט געלט ווי אש, און קערבלעך זײַנען ווי מוראשקעס בא אים אין די אויגן, עפנט ברייט זײַן האנט און זעטיקט אָן יעדן לעבעדיקן מיט ווילגנע־דיקײַט, אי דעם אָרעמאן אי דעם פרעמדן, וואָס איז בא אים.

— ריבוינעשעלוילעם — אף דעם בעט יעדער איינער — ריבוינעשעלוילעם, פאָטער דערבארעמדיקער! דאָס געלט איז דאָך דײַנס און דאָס זילבער איז דײַנס, וואָס זשע אַרט דיך, אז איך וועל באקומען אן אשרעס און ווערן א גוויר צווישן מײַנע אָרעמע און דאלעסדיקע ברידער? בין איך דען דאָס ניט ווערט? גאָט, מײַן גאָט! ווײַז מיר נאָר דײַן גענאָד, ווײַז מיר דײַנע ווונדער־לעכע מײַסים און לאָמיך אויסנעמען דאָס מאָל דאָס גרויסע גע־ווינס, וועט דיר אויך זײַן גוט צוליב מיר, וואָרעם איך וועל דיר דינען מיט פאָרכט און טאָן דאָס, וואָס דיר איז ליב, און נעדאָוועס וועל איך אויך געבן אָן אן עק: אף דער שול בין איך מענאדער אזוי און אזוי, אפן מערכעץ, לעהאוודל, אזויפיל און אזויפיל, אף דער טאלמעטוירע א פײַנע נעדאָווע און אף ביקערכוילים צווייי מאָל אזויפיל, און צדאָקע די אָרעמלײַט און אף די כעווירעס

„סוימעב־נויפלים״, „רויפע־כוילים״ און „מאטיר־אסורים״ א. א. וו.,
א.א.וו., א. א. וו.

מיט איין וואָרט — די מאזעפעווקער זײַנען גרויסע צדאָקע־און געלט־שפּרייטער, וואָס ניטאָ זייער גלײַכן; און אויב איר וועט זען, הערן, אז מאזעפעווקער אָרעמעלײַט און קאפצאָנים הונגערן, און די יינגלעך אין טאלמעטוירע גייען נאקעטע און מיט אנט־בלויזטע הינטנס, און ארום דער שול איז א שרעק, און די ווענט ווילן אײַנפאלן, און דאָס מערכעצ...— נאָר לאָמיך דאָ לאָזן אנ־אָרט אפ צו פארנעמענ זיך דערמיט אויך דעם קאָרעספּאָנדענט פון מאזעפעווקע; זאָל ער באקומענ דאָס וואָרט, וואָס געהערט אים, און נאָך וואָס זאָל איך צוראבעווענ דאָס שעפּעלע באמ אָרעמאנ? — אויב איר וועט זען אָדער הערן דאָס אלץ, זאָלט איר זיך ניט ווונדערן, וואָרעמ קיינער פון זיי האָט נאָך ניט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס, און פונדעסטוועגן זײַנען זיי צדאָקע־געבערס גרויסע און געלט־שפּרייטערס, וואָס ניטאָ זייער גלײַכן, און אויך גרויסע באלעביטאָכן און גלויביקע, וואָס אפ דער וועלט איז ניטאָ אזעלכע; אלע, ווי איינער, גלייבן זיי, אז עס וועט קומען זייער „גוטער טאָג״, און די האצלאָכע וועט זיי א שײַנ טאָן, און דאָס גליק וועט זיך שטעלן לעבן זיי רעכטס, און כאָטש ער פארזאמט זיך, פונדעסטוועגן ווארטן זיי אפ אים, אפן „גוטן טאָג״, אז ער וועט נאָך קומען. דרייט זיך נאָר ארום איבער דער גאנצער גרויסער וועלט און קוקט און זוכט אין אירע אלע פיר עקן, צי וועט איר געפינען נאָך אזא שטאָט, וואָס אירע אײַנוווינער זאָלן אזוי שטרעבן נאָך געלט און אשירעס, אזויווי די מאזעפעווקער אײַנוווינער. א ש י ר ע ס — דאָס איז זייער גאנצער אינטערעס, פון דעם רעדן זיי א גאנצן טאָג, און דאָס מאכט ריידעוודיק זייערע ליפן אויך אין שלאָף אפן געלעגער. און ס'איז ניטאָ אפילע קיין איינער פון זיי, וואָס ס'זאָל ניט ווארטן אפ אים קיין אשירעס, אָבער ניט פון זייער האנדל און וואנדל, אָדער פון זייער האָרע־וואניע, פאוואָלי און פאמעלעך. נאָר פלוצעמ און אומגעריכט.

אָנ עפּעס — „פונ הימל וועט מענ זיי אראָפּוואַרפנ”. אפדערנאכט וועט ער זיכ לייגנ שלאָפנ אנ אָרעמאנ, א קאפּצנ, אונ אינדערפרי — אנ אשרעס, א געזאנג, א פרייד! טויזנטער, צענ טויזנט, הונדערט טויזנט... באַ גאָט איז דענ אומעגלעכ? פונוואַנענ איז צו זיי געקומענ אזא שטארקע טײַווע? אינ מאַזעפּעווקע שפּראָצנ ניט קיינ געלט־מאגנאטנ, אזוי ווי שוואָמענ אָדער פּעטשעריצעס, אָנ רעגנ אונ אָנ טוי, זיי וואקסנ ניט, ווי גראָז פונ דער ערד; באַ אונדז איז פארקערט: די אָרעמקײַט גייט ארום אינ שטאָט, גרויס אופגעשטעלט, די קאפּצאָנימ מערנ זיכ פונ טאָג צו טאָג, אלע טויערנ פונ פּארנאָסע זײַנענ פארשלאָסנ. אונ אלע קוואלנ פונ דער כאיונע זײַנענ פארשטאָפּט, אונ יידנ זיפצנ מאכמעס דאכקעס אונ דרייענ זיכ ארומ ווי שאָטנס, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָנ, קעדיי צו געפינענ שפּײַז פאר זייער הויזגעזינד... אָבער מײַנע ברידער — די מאַזעפּעווקער זײַנענ באלע־ביטאָכנ אונ גלויביקע, לויט וואָס זייער גלײַכנ איז ניטאָ אפ דער וועלט. זיי, וואָס זוכנ אינ אָט דעמ פינצטערנ טאָל, זיצנ אונ קוקנ נאָר ארויס אפ ניסימ אונ וווּנדער, זיצנ אונ וואַרטנ נאָר אפ געבראָטענע טויבנ, וואָס זאָלנ פליענ צו זיי גלײַכ אינ מויל ארײַנ, ניט אָפּקערעווענדיק זיכ פונ זייער וועג. מיט גלויבנ אונ ביטאָכנ לעבט דאָ דער ייד פונ אָנהייב יאָר ביזנ עק יאָר, אונ ווער גיט עס זיי אזא גרויסנ ביטאָכנ, אויב ניט בערקע דער קאָלעקטאָר, וואָס פארקויפט לאָטעריי־בילעטנ — „זאקסישע” אונ „ברוינשווייגישע”. אינ די הונדערטער אונ טויזנטער צעטיילט אָט דער קאָלעקטאָר זײַנע בילעטנ צווישנ די מאַזעפּעווקער יידנ, אונ ס'איז ניטאָ קיינ הויז, ווו סע זאָל ניט זײַנ אזא מינ בילעט, אונ אלע, ווי איינער, וואַרטנ אפנ טאָג פונעמ גורל, דאָס הייסט, דער טיראַזש! אונ כאָטש קיינ איינער האָט נאָכ דאָרט ניט געווונענ גאָרניט, פונדעסטוועגנ האָפנ זיי, אז ס'וועט קומענ דער טאָג, אונ כאָטש ער פארזאמט זיכ — וואַרטנ זיי אפ אימ.

„געוועזנ א פרומער מאנ, אָנ שפּײַז אונ כאיונע”... איר

געדענקט נאָכ די געשיכטע פונ יענעמ פרומענ מאנ, וואָס אָנ שפּײַז אונ כאיונע, אונ וואָס מיט אימ האָט געטראָפנ? אָט וועל איכ אײַכ דערציילנ א מײַסע ניט מיט איינ פרומענ מאנ, נאָר מיט א שטאָט, וואָס איז פול מיט פרומע לײַט, „אָנ שפּײַז אונ כאיונע"; ניט מיט עליאָהי האנאָווי, נאָר מיט אנ ייִדישער פרוי, א קאָשערער אונ צניִעסדיקער פרוי, א פרוי א כאכאָמע... אונ ניט מיט אכט הונדערט טויזנט גילדנ, ווי סע שטייט געשריבנ אינ די זמירעס צו מאָצע־שאבעס, נאָר מיט צוויי הונדערט מיליאָנ רובל! 200.000.000 מיט א פארשלאָסענעמ אויצער, מיט גאָלד אָנ א שיר!!

.2

די זאכ האָט זיכ געטראָפנ אונ פאָרגעקומענ סאָפ 19־טנ יאָרהונדערט לויט דער ציילונג, וואָס מיר ציילנ דאָ אינ אייראָפּע אונ אינ די איבעריקע ציוויליזירטע לענדער, אינ יאָר 5649 זינט די וועלט איז באשאפנ. אינ עלפ טאָג פונעמ כוידעש איִאָר, אזויפיל אונ אזויפיל טעג אינ ספירע, בייס א קלאנג האָט זיכ פארשפרייט אינ דער ייִדישער גאס אינ מאזעפּעווקע, אז עס איז געקומענ די פרוי, וואָס באזיצט די שליסלענ פונעמ אויצער, אז זי איז עס געקומענ קיינ מאזעפּעווקע — האָט זיכ א וויג געטאָנ די שטאָט.

וועגנ דער פרוי מיטנ אויצער האָבנ זיי, פּראוודע, געהערט שוינ לאנג, נאָכ פאר פּייסעכ; אלע האָבנ געוווּסט, אז דאָרט אינ די נאָענטע אָדער ווײַטע שטעט דרייט זיכ ארומ אָט די פרוי אונ אומעטומ, ווו זי קומט, ברענגט זי גליק אונ רײַכקײַט אינ אירע פּאָלעס די אָרעמעלײַט; ווער עס וויל, קומט אונ געווינט זיכ א ביילעק אינ איר אויצער. ווי גליקלעכ זײַנענ זיי, די מענטשנ פונ יענע שטעט! פאראנ אזא איינער, וואָס געווינט זײַנ וועלט אינ איינ שאָ! אָט ליגט אײַער גליק פאר אײַכ, ציט אונ נעמט, שטרעק אויס דײַנ האנט אונ כאפּ עס אָנ אונ נעמ וואָס דיר געפעלט,

פיל אָנ דײַנע רוקזעק, דײַנע זעק אונ קאסטנס: א קלײניקײַט — 200.000.000? צווייהונדערט מיליאָנ שטיקער גאָלד — אוי, דו גאָט פונעמ גאָלד אונ זילבער!.. ווו איז ער אונ ווו ארומ איז דער אויצער געקומענ צו דער פרוי — דאָס ווייסט קײנער ניט. נאָר אצינד, אז די באַלעבאָסטע איבערנ אויצער איז געקומענ קײנ מאזעפעווקע זיכ פארזאמענ דאָרט נאָר עטלעכע געצײלטע טעג, וואָרעמ אָט נאָכ א ביסל, אינ צוויי־דרײַ וואָכנ ארומ, וועט זי אופדעקנ דעמ סאָד אונ אופעפענענ די פארבאָרגענע אונ פארבאהאלטענע זאכנ פונעמ אויצער, — אצינד איז אלצדינג באוווסט געוואָרנ, קײנ זאכ איז מער קײנ סאָד ניט פאר אונדז!

דאָרט אינ דאָרפ כרוקאָווקע לעבנ מאזעפעווקע איז זײַנ בעקאָוועדיק רו־אָרט. אינ דעמ טאָג פונ ערעוו שוועס האיאָר — דאָס איז דער באשטימטער טאָג, אינ וועלכנ מע וועט ארויסציִענ פונעמ שויס פונ דער ערד דעמ אויצער, דאָס באהאלטענע ליכט. אונ זײַנ אָרט איז צווישנ צוויי בערג, דאָרט אפ יענעמ אָרט, ווו עס איז דערהארגעט געוואָרנ דער פאָרעצ דער אונ דער, וועלכער האָט געפרווט גראָבנ אונ ארויסציִענ דעמ אויצער, אײדער ס'איז געקומענ די צײַט זײַנע אנטפלעקט צו ווערנ. דעמ דאָזיקנ אויצער האָט באהאלטנ אינ די טיפענישנ פונ דער ערד צוריק מיט זײער פיל יאָרנ דער העטמאנ — דער קאָמאנדיר איבער אלע קאָזאקישע כאיאָלעס, וואָס איז באוווסט מיטנ נאָמענ מ א ז ע פ א. דאָרטנ געפינענ זיכ מעזומענע צוויי הונדערט מיליאָנ רובל גאָלד, כוצ א מענגע זילבערנע אונ גאָלדענע קײלימ, פערל אונ דימענטנ, וואָס זײַנענ צונויפגעזאמלט געוואָרנ אינ א מאסע אײַזערנע אונ קופערנע קרוגנ מיט טעפ. די טיפ פונעמ אויצער איז זיבנ אײלנ, אונ א קופערנע טיר איז אפ אימ פונויבנ, אונ זי איז פארשלאָסנ מיט א גאָלדענעמ שלאָס, וואָס עפנט זיכ מיט א גינגאָלדענעמ שליסל, אונ אָט דער שליסל געפינט זיכ אצינד בא דער יידישער פרוי. נאָר ווו ארומ איז דער שליסל געקומענ צו איר אינ די הענט? די זאָגנ: מאזעפא האָט פארלוירנ דעמ שליסל, האָט אימ געפונענ

א ייִד מיטן נאָמען „מוישע דער לאַנגער״ און האָט אים געלאָזט ירושה זײַנע קינדער און האָט זיי אויך אָנגעשריבן א צוואָה; די קינדער האָבן געלאָזט ירושה זײַנע קינדער, און אזוי איז דער שליסל מעגולגל געוואָרן פון איין יורעש צום אנדערן אסאך דוירעס, ביז ער איז געקומען אין די הענט אריַין צו דער פרוי, וואָס לעבט אצינד בא אונדז. אין דער צוואָה, וואָס מוישע דער לאַנגער האָט אָנגעשריבן פארן טויט, שטייט גאנץ דײַטלעך, אז אין א באשטימטער צײַט און נאָך אין צוויי מאָל און האלב מאָל אזויפיל, אין טאָג פון ערעוו שווועס, דאָס איז 5649 יאָר זינט די וועלט איז באשאפן, וועט אנטפּלעקט און געפונען ווערן דער אוצער, און יעדער, ווער ס׳וועט אָנרירן דעם אוצער פאר דער צײַט — וועט באקומען דעם טויט, אזוי ווי מיר האָבן באשײַמפּערלעך געזען דעם סאָף פונעם פּאָרעץ, וואָס אים איז אויך אנטפּלעקט געוואָרן דער סאָד, און ער האָט זיך געקלוגט פעדערן זיך פאר דער צײַט און אריבערנעמען צו זיך די נאכלע פון די ייִדישע יאָרשים; דאָס איז דאָך אים געקומען פון זײַן האנט אליין און זײַן סאָף איז געווען — דער אומקום.

און די זאָגן: ניט אזוי! ניט מאזעפּא האָט באהאלטן דעם אוצער, נאָר גאָנטע, און ניט דאָ ארום מאזעפּעווקע, נאָר אין דער שטאָט אומאן. און אָט אזוי איז געווען די מײַסע: געווען אין אומאן א ייִד מיטן נאָמען רעב אנשל אומאנער, און דער דאָזיקער מענטש איז געווען א טמימעסדיקער און ערלעכער, א פרומער און גאָטספאָרכטיקער. און זײַן ארבעט איז געווען טראָגן סכוירע אין די הויפן פון די פּוילישע פּריצים, און געהאט האָט ער א וואָגן, געשפּאנט מיט א דארער קליאטשע; און ס׳איז געווען, ווען גאָנטע איז ארויסגעגאנגען באהאלטן דעם אוצער, איז רעב אנשל געשטאנען אין נאָענטן וואלד לעבן זײַן וועגעלע מיט סכוירע און געדאוונט שמוינעסרע. און אז ער איז געקומען צו די ווערטער „און אונדזערע אויגן זאָלן דערזען״, האָבן זײַנע אויגן דערזען, ווי גאָנטע מיט א מאכנע קאָזאקן גראָבן אין דער

ערד א טיפֿן גרוב; דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט פֿון דער קאַרעטע אין גרוב אַרײַן זייער פֿיל זעק, פֿול מיט גאָלדענע און זילבערנע מאַטבייעס און איידלשטיינער מיט דימענטן, וואָס אַקעגן זייער לײַכטן און זייער גלאַנץ זײַנען ר' אנשלס אויגן קימאַט טונקל געוואָרן. און אַז די קאָזאַקן האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, זײַנען זיי אַוועק זייער וועג אין אײַלעניש און יאָגעניש, און רעב אנשלען האָבן זיי ניט געזען; דעמאָלט איז רעב אנשל אַרויס פֿונעם וואַלד און אַרופֿגעצויגן דעם אוצר און אים אַרײַנגעלייגט אין וואָגן אַרײַן, און די סכוירע האָט ער אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב אַרײַן, האָט צוגעדעקט מיט ערד און זיך אַוועק זײַן וועג בעשאָלעם א.א.וו...

און אַנדערע האָבן געזאָגט: ניט אַזוי איז געווען די מײַסע! דער אוצר איז פֿאַרשלאָסן אַף א שלאָס אין א זילבערנעם קאַסטן, וואָס געפֿינט זיך בא דער פֿרוי אין שטוב אין איר ווינשטאָט. דאָרט אין יענעם קאַסטן (ווי סע שטייט געשריבן אין דער צוואָע) ליגן אָפּגעהיט קרעדיט־בילעטן פֿון איינעם פֿון די ענגלישע באַנקן אַף דער ריזיקער סומע פֿון צוויי הונדערט מיליאָן רובל גאָלד, וואָס איז פֿאַרבאַהאַלטן געוואָרן ביז אין דער באַשטימטער צײַט — דאָס איז ערעוו שוועס הײַנטיקס יאָר. כוץ די בילעטן געפֿינען זיך אין קאַסטן אויך א מאַסע גאָלדענע רענדלעך און טײַער צירונג, וואָס זיי קאָן יעדער איינער זען מיט זײַנע אויגן דאָ, בא דער פֿרוי אַליין... יעדער איינער פֿון די מאַזעפּעווקער גייט צו נאָענט, קוקט זיך אײַן אין די גאָלדענע רענדלעך, אין עם שליסל, אינעם אַלטן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז שוין צעפֿוילט פֿאַר אַלטקײַט, און א שטאַרקע טײַווע צעפֿלאַקערט זיך בא יעדן איינעם אין האַרצן, די טײַווע צו געלט. דאָס בלוט ווערט אים הייס, זײַן פֿאַנטאַזיע שטורעמט, און פֿול מיט געדאַנקען גייט ער אַרויס אינדרויסן און ציילט און מאַכט א כעזשבן: וויפֿל טרעפֿט אָן די סומע 200.000.000. „ווײ מיר, — טראַכט ער זיך אין האַרצן, — וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען די דאָזיקע צוויי הונדערט מיליאָן רובל

זאָלן זײַן מײַנע?" און אַט די מאכשאָוועס באהאלט יעדער מענטש בּא זיך אינעווייניק, באַגראָבּט זיי אין הארצן און בּרענגט זיי ניט אפן מויל.

און די פרוי האָט צוויי גאַבּאָיִם, פײַנע מענטשן, מענטשן, וואָס זייער פּאָנעם זאָגט קלאָר אײדעס, אַז דאָס זײַנען כאָשעווע לײַט, זיי זײַנען געווען די ארײַנפירער און ארויספירער, די, וואָס האָבּן געשמועסט און זיך געײסעקט מיט דער זאך. יעדער אײנער, וואָס האָט געגלוסט וויסן די פּראָטים וועגן אויצער, האָט זיך געווענדעט צו די צוויי גאַבּאָיִם, און זיי האָבּן אים געוויזן — אומזיסט אָן געלט — דעם וועג, ווי ער זאָל גײן, און אַז ער האָט אָפּגעצײלט זיי אין די הענט ארײַן אײן רובּל — וועט ער נעמען פונעם אויצער אַפ זײַן כײלעק הונדערט רובּל, און אויבּ ער גיט הונדערט — וועט ער קריגן צען טויזנט! מיט אײן וואָרט — דאָס געשעפט איז זייער א גוט געשעפט, און ווער איז דאָס אן אכזער אַפ זיך אלײן און וויל זיך ניט זאָרגן וועגן קומענדיקן טאָג און זיך אײַנשאפן גליק און אשירעס בּא אזא געלעגנהײַט! „דײַן העמד פונעם לײַבּ זאָלסטו פארזעצן, און א גוויר זאָלסטו זײַן!"

און דאָס גאנצע פאָלק פון אלע עקן שטאָט האָט אָנגעהויבּן בּרענגען דאָס געלט צו דער פרוי, די פונעם אויצער. און דער, וואָס האָט ניט געהאט בּעיאַד, האָט פארמאשקנט זײַן ווײַבּס צירונג, בּימכילע, און אויך הויז־גרײט און מאַלבּושים. אין יענער צײַט האָט זיך געעפנט א קוואל פון שעפע און בּראָכע אָן א שיר פאר רעבּ אלטער פּראָצענטניק און די איבעריקע איסקע־נעמער אין שטאָט. מע האָט זיי בּאלאגערט פון אלע זײַטן: „נאט אײַך א מאַלבּוש, נעמט אויך אסאך פּראָצענט, אבּי גיט געלט!" וואָרעם ס'איז ארויס א קאָל, אז סע קאָן זײַן, אַז נאָך לעגבּוימער וועט די פרוי מער ניט צונעמען קײן געלט און אופהערן פארקויפן טײלן פונעם אויצער, וואָרעם צו וואָס דארף זי עס? ס'איז דאָך אזוי ווי א טראָפּן פון אן עמער אין פארגלײַך מיטן מעסורקענעם פארמעגן, וואָס איז איר בּאשערט!

און אז אינ איר אויצער איז פאראנ געלט — דאָס איז געוועזנ העכער פונ יעדער צווייפל. האָבנ דאָך יעדנ איינעמס אויגנ געזענ לעבנ דער פרוי א קופּערנעמ קרוג, וואָס פונ אימ ווייעט מיט אַלטקייט, און דער קרוג איז פול ביז איבער די ברעגנ מיט גאָל־דענע רענדלעך, אימפּעריאַלנ, קערבלעך און בליאסקענדיקע מאט־בייעס, וויאַזוי־זשע זאָל מענ איר ניט גלייבנ? ווייניק אויצרעס זיינענ עס פארגראָבנ אינ די טיפעניש פונ דער ערד פונ קאַד־מונים? עמעס, מאזעפּעוקער כאַכאָמימ, די לייצימ, וואָס זיינענ באקאנט אונדזערע לייענער פונ די פריערדיקע דערציילונגענ אונדזערע, האָבנ געפּרווט טכילעס אופעפענענ א ביז מויל און האָבנ אָפּגעלעצעוועט פונ די מענטשנ, וואָס האָבנ זיך געיילט און געכאפּט זיך צו דער פרוי אָפּצוגעבנ איר זייער געלט.

— רייניקט אָפּ אנ אָרט! גרייט אָנ א ביטל! — האָבנ די דאָזיקע לייט מיט די שארפע מיילער אויסגערופנ, זעענדיק איי־נעמ גייענ אינ איינ אײַלעניש צו דער פרויס סטאנציע, — אָט גייט ער באגראָבנ דאָס ביסל, וואָס ער האָט פונ פריער.

— ער לאָזט אוועק זיינ געלט אפנ ווינט.

— אזויוי ער זעט זיינע אויערנ, אזוי וועט ער זענ צו־ריק זיינ געלט.

— ער וועט געבנ געלט, און באקומענ א פולע זשמעניע שמאטעס.

אָבער אינ צוויי־דריי טעג ארומ האָבנ די דאָזיקע לייצימ — די קריטיקער אוועקגעוואָרפנ דאָס לעצאָנעס און געוואָרנ קליגער און אויך אָנגעהויבנ צו פארגאנווענענ זיך איינציקווייז צו דער פרויס סטאנציע, און געגאנגענ זיינענ זיי אינדער־פינצטער, קיינ פרעמד אויג זאָל זיי ניט אָנקוקנ. און זיי האָבנ אָפּגעגעבנ דער פרוי דאָס ביסל, וואָס ס'איז בא זיי אי־בערגעבליבנ, דאָס לעצטע קערבל פונעמ ביסל, קעדיי זיי זאָלנ אויך האָבנ א כיילעק אינ איר אויצער, ווייל באלד וועט אריבער דער טערמינ, אָט באלד וועלנ די

טויערן צוגעשלאָסן ווערן, און דאנ וועט שוין קיין שום אויסקויפן ניט העלפן. עמעס, ניט מיט כיישעק האָט די פרוי גענומען דאָס געלט, און אירע צוויי גאבאָים זײַנען אויך געווען גרויסע אקשאָנים דעמלט, נאָר אזויווי זיי האָבן שטארק געבעטן — „נעמט, וואָס ארט אײַך, אז איר וועט נעמען?“ — האָבן זיי גענומען.

און זיי האָבן גענומען — פון אינדערפרי ביז האלבער נאכט! די טיר האָט ניט אופגעהערט זיך צו דרייען אף אירע זאוויסעס אפילע אף קיין מינוט ניט — דער ארויס און דער ארײַן. און ס׳איז געקומען מאנצבילען און פרויען, אלטע און יונגע, באָכערים און מיידלעך, כאסאנים און קאלעס מיט זייערע קניפלעך אין די הענט און זיי האָבן זיך געשטופט און געשטויסן איינער דעם צווייטן אין די זײַטן און אין די אקסלען אף ארײַנצוגיין די ערשטע, ווי דער שטייגער איז. די סטאנציע פון דער פרוי מיטן אויצער איז געווען בא אונדזער באקאנטן רעב שאבסע דער באל־אכסאניע, אין דעם צימער, ווו ס׳האָט פריִער געוווינט דער „דײַטש“. און די פרוי איז געווען א כאָשעווע און צניִעסדיקע פרוי, מיט א זײַדענעם שאל אף די אקסלען, א ריינעם הייבל אפן קאָפ, מיט א גאָלדענעם שנירל, באפוצט מיט דימענטן, טאָפאזן און סמאראגדן אפן שטערן, מיט אוירינגלעך אף די אויערן און אסאך רינגען אף די פינגער. מיט די באזוכער האָט זי גערעדט ווייניק, און די פארמיטלער צווישן זיי זײַנען געווען די צוויי קרויווים אירע, די גאבאָים, וועלכע זײַנען ארומגעגאנגען אין צימער אהער און אהין און געשמועסט און געסוידעט זיך צווישן זיך, אָן שום אופמערקזאמקײַט צו די מענטשן, וואָס שטייען און ווארטן מיט די קניפלעך געלט אין די הענט. און ווויל איז דעם מענטשן, וועלכער האָט זוכע געווען צו געפעלן די דאָזיקע גאבאָים און צו פארשריבן ווערן פאר א שטיקל כאבאר אין געדענק־בוך בא זיי. אויך אונדזער באקאנטן רעב שאבסען איז אָנגעקומען אף זײַן כיילעק א

ווילער שטיק פון דער דאָזיקער סודעס־מיצווע, וואָרעם צו אים פרעגט זיך צום אַלעם ערשטן יעדער, וואָס קומט צו דער פרוי, ער זאָל זײַן פאַר אים א רעדנער, און א כאַדאָטײַ, א שטאַדלען און אַן אַדוואָקאַט. אַזוי איז דער מינהעג בא די מאַזעפּעווקער פון טאָמיד אָן, אַז צו יעדער איניען דאַרפן זיי האָבן א מײליץ־יױשער, אָדער ווי זיי רופן דאָס — א „צאַד". באם פּאָרעץ — א צאַד; בא גוויר — א צאַד; בא שטאָט־פּריסטאַוו — א צאַד; בא דאָקטער — א צאַד; באם רעבן — א צאַד; מיט איין וואָרט: זיי רירן ניט מיט קיין האַנט און מיט קיין פוס, איידער זיי האָבן ניט פריִער עפּעס א צאַד. בא דער פרוי מיטן אויצער איז רעב שאַבסע געווען דער „צאַד", אין זײַן באַגלייטונג איז גרינג געווען צו קומען אין שטוב אַרײַן. ער שטעלט פאָר דעם מענטשן פאַר די גאַבאָים. אַשטייגער: „אָט איז דער און דער, א היגער באַלעבאָס, דאַוונט אין אַלטן בעסמעדרעש"... אָדער: „דאָס איז די און די, א לײַטישע ייִדענע, פאַרקויפט מילך, פּוטער"... און ווײַל איז דעם מענטשן, וואָס א „צאַד" גייט מיט אים פאָרויס! דערפאַר האָט רעב שאַבסע אויך באַקומען עפּעס געצאָלטס, וואָרעם „נאָך אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן איז גוט פּאַמעלעך נאָכצוגיין". אַזוי איז געווען זײַן ווערטל, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען אָנצוגרייטן נאָדן פאַר זײַנע פיר טעכטער, און ער האָט פאַר יעדער איינער אײַנגעטיילט צוויי טויזנט פינפהונדערט רובל. דאָס הייסט, ער האָט געגעבן דער פרוי מיטן אויצער פינף און צוואַנציק רובל פאַר יעדער טאָכטער, און אין פּינקעס איז פאַרשריבן געוואָרן אויף זײַן קאָנטע אָט וואָס: „אויפן כעזשבן פונעם נאָגיד רעב שאַבסעס טויזנט רובל פאַר זײַנע פיר טעכטער פונעם אויצער. די סומע הונדערט רובל אָפּגעצאָלט"...

עמעס, רעב שאַבסע, ווי מיר ווייסן, איז ניט געווען פון די נאַראָנים, איז ער געקומען מיט א טײַנע, אַז אַזוי־ווי ער איז דער באַל־אַכסאַניע, איז ער דאָך כאָשעווער איידער איינער

פון דער גאס, קומט אים אנ הויסאָפּע אפ די צענ טויזנט רובל, קעדיי ער זאָל קאָנענ אויסטראָגנ די כאסענע־הויצאָעס. אונ רעב שאבסע איז צוגעגאנגענ צו די גאבאָים אונ האָט זיי געזאָגט:

— הערט נאָר, ראבויסיי! ס׳איז א געלעכטער בא אייך כאסענע מאכנ פיר טעכטער! אופּ נאָכ פארגעסט ניט, אז מיינ פרוי, מאָראס דווירע, זאָל לעבנ, איז אויכ א לעבעדיקער מענטש, אונ אז עס וועט קומענ צו דער כאסענע, וועט זי דאָכ וועלנ איכ זאָל איר מאכנ א זיידנ קלייד אונ א פוטער; אונ ווּ איז די איבעריקע הויצאָעס? אונ ווּ איז רעכאש, אונ קלעזמער, אונ נאָכ אונ נאָכ?

אפ די דאָזיקע טייַנעס האָבנ די כאָשעווע גאבאָים אָפּגעענט־פערט, אז אויב ער וועט זיי נאָכלאָזנ פונ געצאָלטס פאר דער סטאנציע אונ פארנ עסנ, וועלנ זיי אים געבנ פונעם אויצער א שנירל פערל אונ בריליאנטנ, וועלכע ער וועט קאָנענ פאר־קויפנ פאר גוט געלט, אויב ער וועט וועלנ.

— פארקויפנ די פערל אונ בריליאנטנ?!—האָט אויסגעשריגנ דווירע,—נייג, דאָס ניט! פאר קיינ שום געלט אינ דער וועלט וועל איכ דיכ ניט לאָזנ, שאבסע, טאָנ אזא זאכ, וואָרעמ זיי וועלנ זיינ מייַנע! דו הערסט?!

— טו ווי דו ווילסט,—האָט רעב שאבסע געענטפערט אינ גוטנ מוט,—איכ וועל זיכ מיט דיר ניט קריגנ אצינד, האלעוויי וואָלט שוינ געוואָרנ שוועס!..

.3

אונ וואָס נעענטער עס איז געקומענ דער יאָנטעוו, אלץ שטארקער איז געוואָרנ די טייווע בא די מאזעפּעווקער צו קריגנ פארמעגנ אונ אשירעס אָנ גאָרניט, אונ אלץ גרעסער אונ מע־רער איז געוואָרנ דאָס ענגשאפט אונ דאָס שטופעניש בא רעב

שאבסענ אינ הויז. אונ דער כאָשעווער רעב שאבסע האָט גע־מאָלדנ אלעמענ, אז אנ עק! פארשלאָסנ געוואָרנ די טויערנ, אונ די פרוי מיטנ אויצער וויל מער ניט מעזאקע זיינ יעדנ מיט איר גוטנ אויצער. אונ מאנצבלענ אונ פרויענ האָבנ שטארק געבעטנ רעב שאבסענ אונ האָבנ זיכ אויסגעזוכט אסאכ „מיי־ליצ־יוישערס" אונ „צדאָדימ" „צו אימ, מע זאָל בעטנ פאר זיי, אונ נאָר מיט גרויס מי אונ מאטערניש האָט זיכ זיי איינגע־געבנ אָנצוקומענ צו דער פרוי. דעמ לעצטנ גראָשנ האָבנ זיי אויסגעליידיקט, דאָס לעצטע ביסל אָפגעגעבנ פאר א מאשקנ, פארקויפט הייזער אונ הייפ — אונ געטראָגנ געלט דער פרוי, וואָס האָט דאָס, עמעס, גענומענ אָנ כיישעק... אסאכ האָבנ אוועקגעוואָרפנ זייערע געשעפטנ אונ זייער ארבעט, אסאכ פאר־בינדונגענ זיינענ אופגעלייזט געוואָרנ, אטאכ שידוכימ באָטל געוואָרנ אונ אסאכ געטנ געגעבנ געוואָרנ איבערנ אויצער. נאָר אינ דעמ איז געווענ זייער גאנצער אינטערעס. וועגנ אוי־צער איז געווענ אלע זייערע שמועסנ אונ באשעפטיקונגענ, זייערע געדאנקענ אונ טראכטנ! נאָכ א וואָכ — וועט זיינ ערעוו שוועס — דער טאָג, וואָס ער וועט ברענגענ מיט זיכ גליק אונ אשירעס צו די מאזעפּעווקער, אונ אָט פּלוצעמ האָט געטראָפנ אנ אומגליק, געקומענ א צאָרע, מע ווייסט ניט פונוואַנענ. אונ אָט וואָס ס'איז געשענ:

צווישנ די אלע פארשיידענע פּארנאָסעס, מיט וועלכע עס האָבנ זיכ פארנומענ די מאזעפּעווקער יידנ אינ היינטיקע שלעכטע צייטנ, איז געווענ איינ מינ פּארנאָסע, א גרינגע אונ מע־ווזעדיקע, זייער א קויטיקע אונ נימעסע. די דאָזיקע פּארנאָסע איז די מעסירע — א קרעציקע מאקע, וואָס האָט זיכ באהעפט אינ אונדז אינ כוישעכדיקע טעג, טעג פונ ענגשאפט אונ פינצ־טערניש... אונ נאָר דאנ וועט דאָס יידישע פאָלק וויסנ, אז עס איז אויסגעלייזט פונ אלע זיינע צאָרעס אונ אז עס איז גע־קומענ דאָס יאָר פונ זיינ יעשוע, ווענ די דאָזיקע זינד וועלנ

פארשוווּנדן ווערן בא אים, און די מאָסרים וועלן פארשניטן ווערן פון גאָטס איידע! כוץ די מאָסרים און דאָנאָסטשיקעס, וואָס געבוירן האָט זיי די קאָנקורענץ אין מיסכער און אופגע־צויגן האָט זיי די קינע, וואָס איינער איז מעקאנע דעם צווייטן, געפינט זיך אין יעדער שטאָט, צו אונדזער ווייטעק און דעם גאנצן פאָלק צו שאנד, א מאָסער, וואָס דאָס איז זײַנמע־לאָכע, א מענטש מיט א צונג, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן די מעסירע פאר א קוואל פון פארנאָסע און שפּײַזונג, וואָס פון דעם האָט ער זײַן ברויט. אויך אין מאזעפּעווקע אין דער יידישער קעהילע רוט בעקאָוועד אזא מין „מאָסער א מײַסטער" און זײַן נאָמען איז „ר' יאנקל מאָסער". דער דאָזיקער יאנקל איז אזויווי „יאָנטל כאפּער" אָדער „מענדל נאָווי" פון אמאָל; דער דאָזיקער יאנקל איז א כאָשעווער באַלעבאָס אין מאזע־פּעווקע, און אַלע גיבן אים אָפּ קאָוועד, וואָרעם ער איז דאָך א מאָסער! יעדער קרעמער אין שטאָט—צי ער האָט יאָ פּאָ־סעלע סכוירע אין קלייט, צי ניט; יעדער סויכער—צי ער האָט יאָ געקויפט א „בלעטל" אפּ צו מעגן האנדלען, צי ניט; יע־דער מעלאמעד—צי ער האָט יאָ א „בלעטל" אפּ צו מעגן לער־נען, צי ניט—אַלע ווייסן זייער פליכט, אז זיי מוזן ברענגען יאנקלען א „מאטאָנע", איין קערבל אָדער עטלעכע קערבלעך. צי עס איז אן אסיפע אין שטאָט, א סימכעלע, א פּריזיוו, אָדער עס שטארבט איינער אין א דאָרף, אָדער סע קומט א רעבע אין שטאָט ארײַן—יאנקל באקומט זיך זײַן לוין און טראָגט אוועק עפּעס א גאָב: זאָל דער הונט ניט האווקען... און די דאָזיקע פּיאווקע האָט צוויי טעכטער: צוויי קעשענעס, טיפע, ווי דער טהאָם, און ברייטער פונעם יאם, און זיי ווייסן ניט קיין זעט, אזוי ווי דער שעאָל. ווער איז ער, דער יאנקל, און פונוואנען איז ער געקומען צו אונדז קיין מאזעפּעווקע— וועל איך דערציילן אן אנדערש מאָל, נאָר איינס וויל איך דאָ באמערקן, אז פון זײַנע פינף כושים איז דער וויכטיקסטער

דער „כוש־האָרייעכ״ — יאנקל האָט א נאָז, וואָס מיט אים דערשמעקט ער אפילע וואָס עס טוט זיכ אונטער דער ערד! אָ, זײַנ נאָז, זײַנ לאנגע נאָז, וואָס נישטערט אונ בוידעקט, זוכט אונ גריבלט זיכ! די דאָזיקע נאָז באגעגנט אײַכ צום ערשטנ, ווענ איר קומט קיינ מאזעפּעווקע, אונ מיר דוכט, אז אָנ דער דאָזיקער נאָז וועט די גאנצע שטאָט אָנווערנ איר פּאָנעם אונ לאכלוטנ בײַטנ איר צורע...

די דאָזיקע נאָז האָט דערשמעקט אויכ דעם רייעכ פונ דער פרוי מיטנ אויצער, אונ שאבסע באל־אכסאניע, לויטנ באפעל פונ די צוויי גאבאָימ, האָט אוועקגערופנ יאנקלענ אינ א זײַט אונ א רעד געטאָנ מיט אים אייניקע פוסטע רייד אונ אומבאמערקט אים ארײַנגעשטעקט זײַנס. נאָר יאנקלס נאָז האָט זיכ דאָס מאָל ניט באנונגט אונ האָט ניט געשטילט זײַנ טײַווע מיטאמאָל; ער האָט אָנגעהויבנ ארײַנצוקומענ איינ מאָל נאָכנ אנדערנ אונ האָט טיפ געשמעקט, געגריבלט זיכ אונ אוועקגערויבט רעב שאבסעס רויִקײַט. ווענ אפנ אָרט פונ רעב שאבסע דעם קײַסנ וואָלט געווענ אנ אנדער מענטש, וואָלט ער געווענ בארויִקנ יאנקלענ נאָכ מיט א פּאָר קערבלעכ, אונ אלצ וואָלט געווענ פרידלעכ אפ זײַנ אָרט. אָבער אָט דער רעב שאבסע איז פונ ארנ־האקויהענס אייניקלעכ, אונ די קויהאניס זײַנענ פונ טאָמיד אָנ קאפּצאָנימ, ווערנ גיכ אינ קאס אונ בעטנ זיכ איבער ניט גיכ. האָט רעב שאבסע זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ אונ האָט אויסגעגאָסנ זײַנ גאל אונ זײַנ ביטער הארצ אפ יאנקלענ.

— ביזוואנענ, — האָט רעב שאבסע געשריגנ אינ זײַנ גרימצאָרנ, — ביזוואנענ וועסטו זויגנ אונדזער ד׳אמ־האטאמציס אונ אויסציִענ ווי א פּיאווקע דאָס בלוט בא דײַנע ברידער? אלצ האָט דאָכ א גרענעצ, אונ אפ יעדער זאכ איז דאָ א צײַט! א קרענעצע הערט דאָכ אויכ אופ צו געבנ וואסער, אז מע שעפּט פונ איר צופיל! גיי, גיי דיר געזונטערהייט, אונ לאָמיכ דײַנ פּאָנעם מער ניט אָנקוקנ!

און יאנקל האָט א דריי געטאָן מיט זײַן לאנגער נאָז און אָן ווערטער ארויס פון רעב שאבסעס הויז, און זײַן צאָרן האָט זיך אין אים צעפּלאקערט.

— וואָס פאר א אינטערעס איז דיר צו קריגן זיך מיט יעדן איינעם, — האָט דווירע א זאָג געטאָן צו איר מאן רעב שאבסען — ס'איז דאָך יאנקל!...

— וואָס האָב איך מוירע פאר אים, — האָט רעב שאבסע מיט גאדלעס אָפּגעענטפערט דעם ווײַב, — נאדן פאר די טעכ־טער מײַנע האָב איך דאָך שוין, כאסענע־הויצאָעס פארמאָג איך, פּערל און בריליאנטן פונדײַנעטוועגן האָב איך אָנגעגרייט, וואָס־זשע האָב איך זיך צו שרעקן פאר עמעצן? עפּשער וועט ער מיך מאסערן, אז איך האלט אן אכסאניע? — זאָל דאָס זײַן פאר מיר די קאפּאָרע! לאָמיך נאָר כאסענע מאכן די טעכטער... נאָך שוועס אימירצעשעם, — וועל איך א שפּײַ טאָן מיט א פול מויל אף יאנקלען, אף דער אכסאניע און אף דער גאנצער שטאָט, קומען זאָל אף איר א פײַער, און א שרעק, און א גרוב, און א צאָרע!..

או — וואַ! נאָך אסאך כאָשעווע מענטשן, אזוינע ווי רעב שאבסע, האָבן זיך געגרייט אָנשפּײַען מיט א פולן מויל אף דער שטאָט, איר ראש, איר טומל און איר מיסכער מיט אלע־מען און ארויסציִען זיך פון איר אין דער גרויסער וועלט ארײַן. ס'איז זיי נימעס געוואָרן די דאָזיקע שטאָט!.. און אָט, ס'האָט ניט געדויערט קיין סאך טעג, און אפּדערנאכט ערעוו שוועס איז געוואָרן א גרויס גוואלד בא רעב שאבסען אף דער סטאנציע — א מעהומע און א טומל און א שטראָף — פּאָ־ליציע! באוואָפנטע סאָלדאטן! דונערן און בליצן, מענטשן לויפן פון אלע פיר עקן שטאָט. וואָס איז? וואָס איז געשען?

* * *

אינמיטן טומל און ראש זײַנען די ביידע גאבאָים מיט דער פרוי אנטרונען געוואָרן, און קיינער האָט ניט געוווּסט, וווהין

זײַנען זיי אַהינגעקומען, און נאָך זיך האָבן זיי איבערגעלאָזט אַף אַן אָנדענק אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַן אַרבעקאַנפעס און נאָך אַ פּאָר צעריסענע זאַכן, און צווישן זיי אויך דעם גאָלדענעם שליסל. אין יענער נאַכט האָבן שאַבסע באַל־אַכסאַניע מיט נאָך עטלעכע פון די כאַשעווע לײַט אין שטאָט געגעכטיקט אין טורמע, דאָרט, אינעם קאַלטן, ענגן צימער, ווו מע גיט נאַכטלעגער אומזיסט, אָן געלט... און אַף מאָרגן זײַנען זיי אַרויס פרײַ, ווײַל ס׳איז געפונען געוואָרן, אַז זיי זײַנען ריין פון יעדער פאַרברעכן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. און אָט וואָס דער סליעדאָוואַטעל האָט פאַרצייכנט בא זיך אין בוך: „א) די פרוי מיט אירע צוויי גאַבאָים — ווייסט מען ניט ווער זײַנען זיי, ווי הייסן זיי, וואָס איז זייער געשעפט, פונוואַנען זײַנען זיי געקומען און וווהין זײַנען זיי אַוועק; ב) דער גאָלדענער שליסל — נאָך פיל פאָרשן און אויספרעגן, איז מען געווירע געוואָרן, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן דאָ אין מאַזעפּעווקע פאַר פייסעך נאָך באַם שלאָסער „רעב צאָדעק דער רויטער״, וועמען מע האָט געזאָגט, אַז דעם גילדענעם שליסל דאַרף מען האָבן פאַר אַן אָרן־קוידעש אין אַ שטאָט אין ערעץ־יִיסראָעל; ג) די דאָזיקע לײַט, דאָס הייסט, די פרוי און אירע צוויי גאַבאָים די מאָשעניקעס, האָבן אויסגענאַרט בא ייִדן זייער אַסאַך געלט, אויסגעליידיקט מאַזעפּעווקע און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פולע שטאָט מיט נאַרישע בעק, טיפּשים, וואָס גלייבן אַלצדינג, פול מיט רויגעז, מיט ליידיקע בײַטלען, געוואָרן צו לײַטישן געלעכטער, צו שפּאָס און כויזעק. אָט דאָס פאָלק, וואָס אַלע זײַנען זיי מאָשעניקעס, זין פון מאָשעניקעס, דורכגעטריבענע און כיטרע, וואָס ניטאָ זייער גלײַכן״ — און די איבעריקע ווערטער פונעם סליעדאָוואַטעל — זיי זײַנען געשריבן, געשטעמפּלט און צונויפגעבונדן אין מאַזעפּעווקער אַרכיוו און וואַרטן אַף די קומענדיקע אַלטערטום־פאָרשער.

דאָן־קישאָט פון מאזעפּעווקע און זייַן כאַווער סימכע־פּינכעס

די געשיכטע פון זייער ווייַטער נעסיִע, פון אַלצ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט, געטאָן און אָפּגעטאָן, און אַלע צאָרעס, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן אין וועג.

געזאמלט און איבערגעגעבן צום דרוק דורך שאָלעם־אַלייכעם.

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

די ערשטע פּלייטע.

די אייַנוווינער פון מאזעפּעווקע, א שטאָט אינעם יִדישן טכום, פלעגן אָפּהיטן בא זיך אליין דעם בעפיירעשן דין: „קיינער זאָל ניט ארויסגיין פון זייַן אָרט", ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן. אין מאזעפּעווקע האָבן זייערע עלטערן געוווינט פון אייביק אָן, דאָרט זייַנען זיי געבוירן געוואָרן און קינדער געהאט, דאָרט איז די גאנצע ערד געווען פאר זיי באם לעבן, און די טויערן פונעם הימל — פאר דער דערהויבונג פון זייערע נעשאָמעס נאָכן טויט. מאזעפּעווקע דאָס איז א הויפן מיסט, און אירע אייַנוווינער — א געזעמל ווערעם, וואָס פויזען און פּאָרפּלען זיך אינעם הויפן און זוכן דאָרט זייער כאַיונע. אזוי פלעגן פארגיין זייערע טעג אינעם צוזאמענוווינונג פון

ווערעמ, זינט זייער ק״ק (קעהילעס־האקוידעש), די הייליקע גע־מיינדע איז געגרינדעט געוואָרנ אפ דער וועלט אונ ביז איצט. אָבער פּלוצעמ, שוינ אינ אונדזערע צײַטנ, האָט זיכ די קופּע ווערעמ פאנאנדערגעטיילט אונ זיי זײַנענ געוואָרנ איינצלנע בינט־לעכ: עס האָט זיכ די קופּע א ריר געטאָנ, אונ די ווערעמ — אייניקע פונ זיי קוקנ ארויס פונ די שפּאלטנ, אונ אנדערע קריכנ ארויס פונ זייערע לעכער. מיר ווייסנ ניט וואָס איז מיט זיי גע־וואָרנ אונ וואָס איז די גאנצע בעהאָלע? צי דער מאנגל אינעמ מיסט — דער קוואל פונ זייער כאיונע — האָט זיי פארטריבנ פונ זייער פארגעניגנס־אָרט, אָדער א בעהאָלע פונ דרויסנ איז גע־קומענ אונ אופגערודערט זייער רו. אָדער עפּשער האָט מיט זיי געטראָפנביידע זאכנ. אינ דער דאָזיקער ווערעמ־איבערקערע־ניש איז ארויס פונ זײַנ לאָכ איינ יִדיש ווערעמל מיטנ נאָ־מענ דאָנ, אונ נאָכ אימ האָט זיכ נאָכגעצויגנ זײַנ כאווער סימכע־פּינכעס, וועגנ וועלכע איכ קלײַב זיכ דערציילנ די יִדישע קינ־דער: די געשיכטע פונ זייער ווײַטער נעסיִע, אלצדינג, וואָס זיי האָבנ געזענ אונ געהערט, געטאָנ אונ אופגעטאָנ, אונ אלע צאָ־רעס, וואָס מיט זיי האָט געטראָפנ אינ וועג.

1.

א מעהומע אונ א טומל איז בא עלכאָנענ דעמ קאצעוו אינ שטוב. נאָכ איידער ס׳איז טאָג געוואָרנ, איז זײַנ איידעמ דאָנ אופגעשטאנענ פונ שלאָפ, זיכ אָנגעטאָנ די שאבעסדיקע מאלבושימ, גענומענ די פּיס אפ די פּלייצעס אונ ארויס פונ שטוב. עס איז אוועק א פּאָר שאָ — אונ ער איז אלצ ניטאָ צוריק. האָט די שטאָט אָנ־געהויבנ ראשנ: „איר האָט געהערט — דאָנ, עלכאָנע דעמ קאצעווס איידעמ, איז אוועק פונ דער שטוב אונ איז ניטאָ! אויכ דער כאווער זײַנער, דער באָכער סימכע־פּינכעס, אטנע דער אלמאָנעס זונ, איז נעלעמ געוואָרנ!״ אונ קיינ עק איז ניט געוועננ צו די

קאָלע מינע האשאָרעס און סוואָרעס. דער זאָגט אזוי, און דער אזוי, דער בויט, און דער צעוואָרפט, דער פלאנצט, און דער רייסט אויס דאָס פארפלאנצטע. אלע יידן רעדן מיטאמאָל, דיסקוסירן איינער מיטן צווייטן, זיינען זיך מיספאלפל און פילאָזאָפירן, ווי דער שטייגער איז. און די קלוגע, די באוווסטע לענאָנעס־טרייבער, וואָס זייער צונג איז ווי א שארפע פייל, האָבן דאָ געפונען אן אָרט ווו ארויסצוווייזן זייער כאָכמע און אויסגיסן זייער ביטערן שפּאָט אפ עלכאָנע דעם קאצעווּס קאָפ און אפן קאָפ פון זיין איידעם דעם מאסקיל, און פון דער רוט פון זייער צונג זיינען ניט אנטרונען געוואָרן אויך די איבעריקע מאסקילים אין שטאָט. און אין דער צייט, וואָס זיי האָבן דיספּוטירט, פילאָזאָפירט און געוויצלט זיך, האָט זיך אוועקגעשטעלט איין קלוגע פרוי און האָט אזוי געזאָגט:

— שאט, יידן! וואָס קריגט איר זיך אומזיסט? הערט מיך אויס, קינדער, וועל איך אייך דערציילן, וואָס כ'האָב מיט מיינע אויגן געזען. ווי איר ווייסט, לייד איך, ניט פאר אייך געדאכט, פון ציין־ווייטעק. באנאכט אפן געלעגער וועקט מיך אוף, ניט פאר אייך געדאכט, דער ווייטעק פון שלאָף, ווייניקסטנס איין מאָל, און היינטיקע נאכט — צוויי מאָל. בין איך אופגעשטאנען גאנץ פרי, ווען ס'גייט ארויס די טשערעדע. אין מארק איז ניט געווען קיין לעבעדיקער נעפעש, און אפילע די פישער, וואָס זיינען שטענדיק פון די ערשטע, זיינען נאָך ניט געווען אפ זייער אָרט. קוק איך זיך אום און דערזע דורכן טומאן, ווי לייזער דער באלעגאָלע פאָרט מיט צוויי פארשוינען אפן וועג קיין כ מ ע ל נ י צ ק אין גרויס איילעניש. טראכט איך זיך: וואָס איז דאָס פאר א בעהאָלע און ווער זיינען אָט די צוויי? איך האָב געמיינט, אז דאָס פאָרן די ברידער ש י מ ע ן א ו ן ל י י ו ו י קיין כמעלניצק. האָב איך זיי נאָכגעשיקט א בראָכע, זיי זאָלן פאָרן און צוריק שוין אייביק ניט קומען, וואָרעם זיי האָבן פארגאָסן מיין מאנס, אָלעוואשאָלעם, בלוט אומזיסט. צאָל זיי אָפּ, ווי זיי קומט, ריבוי־

נעשעלוילעם! איך זאָל אזוי לעבן, און אזוי זאָל גאָט מיר געבן צו זען מײַנע טאָכטער אונטער דער כופּה מיט איר זיווג, ווי איך ווינטש מיר — און אינגיכן, ווי איך וועל ניט פארגעסן אָט די רעשאָים דאָס, וואָס זיי האָבן מיר און מײַן פאמיליע אָפּגע־טאָן, וואָרעם הימל און ערד האָבן געשווירן, אז קיין זאך אפּ דער וועלט זאָל ניט גיין פארלוירן... אָבער ווהין האָבן מיך מײַ־נע רייד פארטראָגן? א יִדענע האָט נײַן מאָס רייד (טוט זיך א פּאטש איבער די ליפּן). יאָ, יאָ, אצינד איז מיר קלאָר געוואָרן דאָס רע־טעניש: ראבויסײַ! יענע צוויי — דאָס איז דאָך מיט זײַן כאוועך.

און ציפּוירע די קאצעווטע האָט זיך געכאפּט בוידעק זײַן, נישטערן און באטאפּן אלץ, וואָס איז פאראן אין שטוב, און האָט מיט דערשרעק דערזען, אז אין איר איידעמס גארדעראָב איז א שרעקלעכע איבערקערעניש, און זײַנע טאלעס־און־טפילן זײַנען אויך ניטאָ. און ציפּוירע האָט זיך צעוויינט, צעשפּרייט די הענט און ביטער געשריגן: „עלכאָנען, ווײַ איז אונדז — אונדזער טאָכ־טער איז אן אגונע!" און עלכאָנען האָט געהאט גרויס צאאר און זיך בעראטן מיט זײַנע פרײַנט און באקאנטע, וואָס צו טאָן אינעם אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן, און פארשטאנדיקע מענטשן האָבן אים געייצעט גיך כאפּן — די מינוט נאָכיאָגן דעם אנטלאָפענעם, עפּשער וועט זיך אײַנגעבן פאקן אים און ברענ־גען צוריק אהיים. און אויב ער וועט ניט ווען — זאָל ער ראכ־מאָנעס האָבן אפּ א יִדישער טאָכטער און געבן איר א געט, ווי דער דין איז. דאָס איז עלכאָנענען געפעלן געוואָרן און ס'ניט פאָריבער קיין שאָ, אז צוויי וועגענער, באזעצט מיט קאָלע מינע יִדן, יונג און אלט, זײַנען ארויסגעפאָרן נאָכצויאָגן די אנטלאָפענע, פאקן זיי און צערײַסן זיי ווי די פיש. די נאָכיאָגער זײַנען ארויס אין איילעניש און טומלעניש. בײַ עלכאָנען דעם קאצעוו אין שטוב איז א יאָמער און א קלאָג, און די שטאָט מאזעפּעווקע איז אופגערודערט...

און דאָן מיט זײַנן כאוועך סימכע־פינכעס זיצן זיך אין וואָגן בא לייזערן „מיט די אָדלערס” און שמועסן וועגן זייער נעסיע. איינער איז פרייליך און אופגעלייגט, און דער צווייטער איז טרויעריק און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס האָסטו אזא שלעכט פּאָנעם, טײַערער סימכע־פינכעס? אין צען שאָ ארום קומען מיר אָן קיין כמעלניצק! גלייב מיר, ברודער, אז אלע מאָל, בײַס איך רופ אָן דעם נאָמען פון דער גרויסער שטאָט, פיל איך א הייליקע דערהויבנקײַט, און א פּראכט־פולער כיין ליגט אף איר און אף אירע אײַנוווינער. דאָס איז א גע־בענטשטע שטאָט פון גאָט, כמעלניק — דאָס איז א שטאָט פון כאכאָ־מים, מאסקילים, שרײַבער, פּאָעטן, נאציאָנאליסטן, כויועווים, פאר־שיידענע קאָמיטעטשיקעס, וואָס זאָרגן זיך פארן קלאל, און זייער גאנצער ציל איז — דאָס גליק פונעם פאָלק. איז ווויל איז צו די, וואָס וווינען דאָרט. ניט אזוי ווי אונדזער שטאָט מאזעפּעווקע, א פארוואָרפענע שטאָט, ווו עס איז ניטאָ אפילע קיין איינער, וואָס זאָל פילן די צאָרע פונעם פאָלק און וואָס זאָל פארמאָגן אפילע אן אויבערפלעכלעכן באגריף וועגן דער נאציאָנאלער אופ־לעבונג, וועגן דער אויסלייזונג פונעם יידישן פאָלק און זײַן מיסיע אין דער צוקונפט. אָ, ווו נעמט מען פליגל ווי א טויב, וואָלט איך געפלויגן און בא דיר געוווינט, וווּנדער־שיינע שטאָט! איך נעם ארום אין מײַנע אָרעמס אלע דײַנע מאסקילים, דײַנע שרײַבער, פּאָעטן, נאציאָנאליסטן, כויועווים...

— גיב נאָר א קוק, דאָן, זע נאָר, דאכט זיך מיר — צוויי וועגענער פאָרן אונדז נאָך און זיי זײַנען פול מיט מענטשן, די פייעס זײַנען יידישע פייעס, און די בערד אויך, און זיי זעען אויס, ווי מאזעפּעווקער. כ׳האָב מוירע, אז זיי יאָגן אונדז נאָך, און אויב זיי פאקן אונדז — זײַנען מיר פארפאלן. גוואלד, וואָס טוט מען?

— גאָרניט דארף מען ניט טאָן. שטארק און קרעפטיק זיך,

טײַערע סימכע־פּינכעס. זאָלן זיך פּאָרן אַלע מאזעפּעװקער ייִדן מיט זײערע װײַבער און קינדער, אונדז װעט קײן בײז ניט געשען.

— װאָס־זשע װעט זײַן, אז זײ װעלן אונדז פרעגן פארװאָס זײַט איר שטילערהײט אנטלאָפן ?

— זאָלסטו זײ גאָרניט ענטפערן, האלט סימויל און שװײַג.

— כ'האָב דאָך אויך מוירע, דאָן מײַן פרײַנט, טאָמער װעלן זײ שפּעטן און לאכן פון אונדז, און מיר װעלן זײַן בא זײ אין די אויגן װי מעשוגאָיִם.

— כ'פארשטײ ניט דעם סײכל פון דײַנע רײד, נאר אײנער ! װאָס ארט דיך, אויב אײניקע פינצטערע מענטשן, װאָס היטן אָפּ פוסטע זאכן און באזיצן ניט קײן פארשטאנד, װילן שפּעטן פון אונדז ? מענטשן, װאָס זײער גאנצער צװעק איז די מאטבײע, און זײער ציל — דאָס עסן און טרינקען, װאָס יעדער גרױסע אידײע און יעדער דערהויבענער געדאנק איז זײ פרעמד, און פארן אלגעמײנעם װױלזײַן הײבן זײ ניט אָן זיך צו זאָרגן — אָט זײ װארפן א שרעק אָפּ דיר, סימכע־פּינכעס ? זאָלן זײ לאכן און שפּעטן, װיפל זײער הארץ גלוסט, און מיר װעלן זיך גײן זיכער אונדזער װעג, און אז גאָט װעט װעלן און מיר װעלן זיך אומקערן בעשאָלעם אהײם, אזוי װי מיר װילן, דאן װעט מען װיסן און אנערקענען, אז איך בין דאָן, און דו ביסט מײַן כאװער סימכע־פּינכעס, דער אויסדערװײלטער, װאָס מײַן הארץ באגערט.

3.

און לײזער דער באלעגאָלע, דערשמעקט, אז אנדערע באלעבאָלעס טרײַבן זײערע פערד און װילן אים דעריאָגן, האָט דאָס געהאלטן פאר א פּכיסעס־האקאָװעד פאר זיך און פאר זײַנע „אָדלערס", האָט ער א פיר געטאָן מיט דער בײַטש, געגעבן זײ

די עמעסע שמיץ און געריט צו זיי אזוי: „אפילע איר זאָלט דעם טויט באקומען און ארײַנ אינ דער ערד ארײַנ, זאָלט איר מיר ניט פארשווארצנ דעם פּאָנעם און מיר אָנטאָנ אזא כארפּע און אזא ביזויענ, אז אנדערע פערד זאָלנ אײַך איבער־יאָגנ, נעוויילעס! איך האָב פאר אײַך באצאָלט זעקס און זעכציק קארבנ איינס און איינס, כוץ סכאר־טירכע, וואָס עס האָט בא מיר באקומען טאָדרעס דער מעקלער, דער שעד זאָל אים נעמענ, ווי דער דאָזיקער „לאָוואָנ האאראמי" האָט מיך אָפּגע־נארט, געשווירנ מיר בא זײַנ ווײַב און זײַנע קינדער, אז איר זײַנט פלינקער פאר די אָדלערס, און צום סאָף קריכט איר ווי די ראקעס. זאָל ער גיינ אינ דער ערד ארײַנ, אָט דער טאָדרעס!"

אָבער יענע באלעגאָלעס זײַנענ אויך ניט געזעסנ פארלייגט די הענט און האָבנ אויך געגעבנ זייערע פערד א־זאָריעסדיקע שמיץ, ווײַל די פארשוינע האָבנ זיי געטריבנ. און באלד זײַנענ אָנגעקומען אלע באלעגאָלעס מיט פערד־און־וואָגנ און האָבנ זיך פארפּלאָנטערט איינער אינ צווייטנ, און ס'איז געוואָרנ צווישנ זיי א מעהומע: א פײַפערײַ פונ בײַטשנ, פּעטש און האָר־רײַסע־ניש, זידלערײַ, הירזשערײַ פונ פערד און א טופּעניש פונ פיס — א גרויסער טומל, אנ ערד־ציטערניש.

און דאָנ, דערזענ, אז ס'איז שלעכט, האָט זיך אָנגענומענ מיט הארצ און געזאָגט זײַנ כאווער:

— צײַט צו טאָנ עפּעס, סימכע־פּינכעס מײַנ טײַערער, און דו שווײַגסט! גורט נאָר אָנ דײַנע לענדנ, ווי א גיבער, און באַ־ווײַז די נארישע פאנאטיקער, וואָס האסנ אונדז פאר אונדזער ליבע, דײַנ שטארקע האנט, זיי זאָלנ מער זיך ניט דערוועגנ אומזיסט צו רוידעפנ די, וואָס ווילנ זיי גוטס, וואָס האָבנ זיך מאפקיר גע־וועג צו פאָרנ קיינ כמעלניצק, וואָרעם אפ דיר האָב איך זיך פארלאָזט..

— וואָס רעדסטו, — האָט סימכע־פּינכעס אויסגערופנ מיט א ברויזנדיק הארצ, און אינ זײַנ פּאָנעם האָט מענ דערקענט, אז די

נעשאָמע איז אים ארויס. — ביסט דענ בלינד און זעסט ניט, אז די ייִדנ, וואָס יאָגנ אונדז נאָכ, זײַנעג קימאט אלע קאצאָווימ, געזונטע יונגענ, און דו שיקסט מיכ מילכאָמע האלטנ מיט אָט אָ די שלעגערס?

— איצט זע איכ, אז דו ביסט א טרוס און א פאכדנ, און איכ בינ געוועג נאיִוו און זיכ פארלאָזט אפ דיר, מײַנ טײַערער סימכע־פינכעס! נאָר כ'שווער בא גאָט מײַנ באשעפער, אפנ אייבערשטנ פארלאָז איכ מיכ, און פאר וועמענ זאָל איכ מוירע האָבנ? ער וועט אײַנשטילנ דעמ שטורעמ־ווינט און אונדז פירנ צו אונדזער געווּנטשענעמ ציל מיט געזאנג און אויסלייזונג...

— גוואלד, — שרײַט סימכע־פינכעס מיט א געוויינ, — צוויי מיניאָנים ייִדנ, סאמע גיבוירימ, שטייענ און ווענ מאכנ א טעל פונ אונדז, און דו זאָגסט א לויב־געזאנג? — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ לאָמיר זיכ אָפּשטעלנ, געדולדיקער און פילגנעדיקער לייענער! דו זעסט דאָכ, אז דער גאנג פונ אונדזער דערציילונג איז לויט דער אלטער מאָדע. אזוי האָבנ זיכ נויהעג געווענ די פארצײַטיקע מעכאברימ, אָלייהעמ האשאָלעמ — קעדיי צו האלטנ בא דער פאָלע דעמ נאיִווּנ לייענער, וואָס איז ארײַנ צו זיי אינ האנט, ער זאָל כאס־ווּעשאָלעמ ניט אנטרונענ ווערנ פונ זיי פארנ ענדיקנ דאָס לייענענ פונ זייער בוכ, פלעגנ זיי זיכ קלוגנ און אָפּהאקנ אינמיטנ דעמ אינטערעסאנטנ איניענ און געבעטנ זיכ בא אימ, ער זאָל זיי מויכל זײַנ איבערלאָזנ אינעמ סיפער־האמײַסע דעמ „ראָוו“ אָדער דעמ „בענ־מעלעכ“ און זיכ מאטריִעכ זײַנ צו דער „רעבעצנ“ אָדער צו דער „באסמאלקע“. לאָמיר־זשע אויכ, זײַט־זשע מויכל, איבערלאָזנ די נאָכיאָגער און די נאָכגעיאָגטע מיט דער גאנצער גרויסער מאכנע מענטשנ און פערד, און לאָמיר זיכ אומקערנ צו עלכאָנענ דעמ קאצעוו אינ שטוב א קוק טאָנ, וואָס טוט זיכ דאָרטנ, און הערנ, וואָס איז אזוינס געוואָרנ דאָנענ, וואָס אימ איז נימעס געוואָרנ מאזעפּעווּקע, און ער האָט אויסדערווײלט

כמעלניצק, וואָס איבער דעמ האָט ער פארלאָזט זײַנ ווײַב אונ זיכ באהעפט צו סימכע־פינכעס.

.4

אפילע די מאלאָכימ פונ פרידנ טוענ ביטערלעכ וויינענ אפנ בראָכ פונ דער יידישער טאָכטער, וואָס איז געבליבנ אנ אגונע, אָנגעגורט מיט א זאק, פונ איר יונגנמאנ. עס וויינט דינע עלכאָ־נענס טאָכטער אפ איר ערע, וועלכע איז אוועק פונ איר. א פינצ־טערניש דעקט צו איר שיינ פּאָנעמ, אירע טויבנ־אויגנ טריפנ פונ טרויער, אונ א שווארצע פאטשיילע איז אפ איר קאָפּ — דאָס איז איר אלמאָנע־שלייער. איר מוטער, ציפּוירע די קאצעוועטע, איז אויכ געקומענ, צו זשאלקעווענ זי אונ צו טרייסטנ׳ אונ האָט גע־שאָקלט אפ איר מיטנ קאָפּ. נאָכדעמ האָט זי געעפנט איר מויל אונ געזאָגט:

— אז וויי איז דער מאמענ, אז אירע אויגנ זעענ דאָס צו! וויפל יאָרנ זאָרג האָב איכ פארבראכט, איידער כ׳האָב זוּיכע געוועג דיכ צו זענ אונטער דער כופּע מיט דײַנ יונגנ האר, וועלכער האָט מיכ געקאָסט זייער אסאכ געלט. כ׳האָב געמיינט, אזויוי איכ האָב קיינ זונ ניט, וועט ער נאָכ מיר קאדעש זאָגנ נאָכ הונדערט מיט צוואנציק יאָר, איז נא דיר א בראָכ אונ א צאָרע! אפילע אונדזערע באקאנטע שפּעטנ פונ אונדז, די סאָנימ אונדזערע לאכנ פונ אונדזער בייז־ווונדער, אונ וואָס זאָגנ מענטשנ! טאָכטער, טאָכטער מײַנע, דײַנ אויג זאָל ניט אופהערנ וויינענ, וואָרעמ דער גאזלענ האָט געבראכט א קלאָלע אפ מיר אונ האָט ניט ראכמאָנעס געהאט אפ מײַנ איינציקער טאָכטער, וועלכע איכ האָב געפּעסטעט אונ אופגעצויגנ, אונ דאָס איז אימ נאָכ געווענ ווייניק — האָט ער נאָכ אָפּגענארט זײַנ שוויגער.

— אז ער האָט אפילע פונעמ ווײַב פארבאָרגנ די זאכ, — האָט דינע געענטפערט מיט א צעבראָכנ געמיט, — איז פונ דער שוויגער דאָכ אוודע אונ אוודע.

— אוואדע און אוואדע, — האָט די מוטער אופגעהויבן אפ איר א קאָל מיט קאס, — פארוואָס עפּעס? זאָג נאָר, האָב איך אים דען ניט אָנגעהאָדעוועט מיט פלייש צו זאט אלע דרייַ יאָר, וואָס ער איז געווען בא מיר אפ קעסט? האָב איך דען ניט געפּאנקעוועט אים מיט קאָלע מינע לאקעטקעס און אָנגעגרייט אים געשמאקע זאכן פון די קישקעלעך און פּולקעלעך, אזויווי ער האָט ליב געהאט? איז דאָס צאָלט ער מיר אָפּ פאר מייַן גוטסקייַט און לייַטישקייַט? זאָל ער ברעכן רוק־און־לענד אין וועג און זאָל ניט דערלעבן זיך אומקערן, א וויטעק אים אין די זייַטן, א גרימעניש אין די ביינער, א בראָך, א קלאָג און א זיפצעניש, און אלע מאקעס, וואָס שטייען געשריבן אין דער טוירע...

— גענוג, מאמע, שעלט ניט, איך בעט דיך! — האָט זיך דינע געבעטן מיט א פארביטערט קאָל און צעבראָכענעם געמיט.

— זייַ־זשע אזוי גוט און דערצייל נאָר מיר, וואָס האָט אים געבראכט צו פארלאָזן אונדזער הויז, אויב דו דערוועגסט זיך נאָך זייַן א גוטער מייליץ פאר אזא אויסוואורף?

.5

— ווי איז מיר, אז כ'וועל דיר זאָגן, און ווי איז מיר, אז כ'וועל ניט זאָגן! — האָט דינע אָנגעהויבן מיט א זיפץ, — איך זיץ אויך און קלער — וואָס איז אזוינס געוואָרן מיט דאָנען, וואָס ער איז פון א שטיק צייַט פארוואנדלט געוואָרן אין אן אנדער מענטש? ס'איז קיינמאָל ניט געווען קיין זאך, וואָס ער זאָל פאר מיר פארדעקן, און פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן זיך מיסבוידעד זייַן און זיך באהאלטן. זינט ער האָט זיך באקאנט מיט אָט דעם באָכער, אסנע דער אלמאָנעס זון, האָב איך זיך איבערצייַגט, אז זיי האָבן עפּעס פארבאָרגענע זאכן, פאראן בא זיי טיפע סוידעס, וואָרעם שטענדיק פלעגן זיי ביידע גיין און זיך טוידענ. עמעס, ניט איינמאָל האָב איך דאָנען געפרעגט: „וואָס טויג דיר אָט דער נארי־

שער באָכער?" פֿלעג ער מיר ענטפֿערן פֿאַרשטעלט, ווי זײַן שטיי־גער איז: „אויב דו האָסט נאָך גאָרניט געהערט פֿון סימכע־פּינכע־סעס קלוגשאפט, ווערסטו באַלד זוכע זײַן צו הערן וועגן זײַן גרויסקײַט". כ'האָב געטראַכט, עפּשער זײַנען זיי אַזוי נאָענט צווישן זיך איבער זייערע ביכלעך, און האָב ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. נאָר איינמאָל האָב איך עפּעס געהערט דורכן פֿאָרהאַנג פֿונעם צימער, ווי דאָן מיט זײַן כאַווער זײַנען געזעסן, אָפּגעהאַקטע ווערטער: „כמעלניצק... ראָטשילד... ערד־אַרבעט... סטאַמבול... מאַזעפּעווקער ייִדן... באַראָן הירש..." האָב איך זיך אויפֿגעהויבן און אַ קוק געטאָן דורך די שפּאַלטן אין דער טיר און דערזען, ווי דאָן גייט אַרום הין און צוריק, מאַכט מיט די הענט, ווינקט מיט די אויגן, דאָס פּאָנעם באַ אים פֿלאַמט, און סימכע־פּינכעס שטייט שווײַגנדיק און פֿאַרכושט און שלינגט דאָרשטיק זײַנע רייד. האָב איך טיף זיך פֿאַרטראַכט: וואָס געהער זיך אָן ערד־אַרבעט אין סטאַמבול באַ ראָטשילדן מיטן שוטע סימכע־פּינכעס? ס'עפּעס גאָר אַ רעטעניש געווען באַ מיר! האָב איך אָנגעהויבן בעטן דאָנען און דערקוטשען אים, ער זאָל מיר אויסזאָגן זײַנע סודעס: „דאָן מײַן מאַן! איך בין דאָך דײַן ווײַב, וואָס באַהאַלטסטו פֿאַר מיר? זאָג מיר נאָר, וואָס עפּעס פֿאַרטראַכט איר טאָן, דו און דײַן כאַווער סימכע־פּינכעס, באַ ראָטשילדן אין סטאַמבול?" האָט ער מיר געענטפֿערט זאַכן, וואָס כ'הייב זיי ניט אָן צו פֿאַרשטיין: „גרויס איז די ענגשאַפֿט אין מאַזעפּעווקע, ביז גאָר שטאַרק די אָרעמקײַט און די נויט. עס רינגלען אונדז אַרום צאָרעס אָן אַ שיר, און קיין אָרדענונג און קיין לאַד איז ניטאָ, און ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל זאָרגן און זוכן, דעריבער האָב איך זיך זייער דערבאַרעמט אויף מאַזעפּעווקע, און מײַן האַרץ טוט מיר וויי אויף אירע אײַנוווינער! האָב איך זיך געזאָגט: כ'וועל גיין צו די גרויסע און רעדן מיט זיי"... „אָבער, טײַערער מאַן מײַנער, — פֿרעג איך אים, — וואָס דאַרפֿסטו זיך מישן צווישן די גרויסע? קאַרג באַלעבאַטים באַ אונדז, וואָס זאָלסט אַרויס זיך פֿאַרנעמען מיט קאָהאָלשע

געשעפטן? ווילסט אומזיסט זיך קריגן סאָנים אין שטאָט?" — „עס איז מיר אַ שאָד אָף דיר, מײַן ווײַב, — האָט ער מיר דאַן געענטפערט, — וואָס דער ווײַבערשער סייכל קאָן ניט באַגרײַפֿן מײַנע געדאַנקען. ווען דו ווייסט אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין די הויכע פענצטער — דאָרט שיטן האַרן און הערשער פון דער וועלט מיליאָנען אָן אַ שיר, לאָזן פליסן גאָלד פון זייער בײַטל, יידן גייען אַרויס אַהין, פאָרן איבער יאַמען, לענדער, מידבאָריעס און ווײַטע אינדזלען, און מיר שווײַגן און ליגן רויִק אין דער מאַזעפּעווקער בלאָטע, ווי אַ וואָרעם אין כריין"...

יענע נאַכט איז פון מיר אַוועק דער שלאָף. אַסאַך געדאַנקען געווען בײַ מיר אין קאָפּ, מאַכשאָוועס אָן אַן עק, און ערשט פאַרטאָג האָב איך צוגעמאַכט די אויגן און דערזען דאָנען מײַן מאַן, אָנגעטאָן אין אַ טאַלעס, רײַט אָף אַן אייזל, וואָס האָט אַ פּאָנעם ווי סימכע־פּינכעס, און אַסאַך יידן גייען זיי נאָך, און טיטשקעס ייִנגלעך באָרוועסע, מיט נאַקעטע הינטנס גייען פאַר זיי מיט אַ געשאַל: „הוראַ, סטאַמבול"!... האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז ס'איז אַ כאָלעם. האָב איך דערציילט דעם כאָלעם דאָנען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און מיר דערקלערט מיט גרויס היספּײַלעס: „אַ גוטן כאָלעם האָסטו געזען! ס'אַ גוטער סימען!... מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז ס'איז געקומען די גוטע צײַט. פריי זיך, מאַזעפּעווקע! עפן אויף אַ געזאַנג און פריי זיך! ווי וויל איז אײַך, יידן, ווי וויל איז אײַער גויראל!" דערהערט אָט די ווערטער, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ פלאַטערניש און כ'בין זייער דערציטערט געוואָרן און אויסגערופן: „דאָן, גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסט עפּעס דײַן צונג? ווייִ איז מיר, פרעמדע וועלן דערהערן, וועלן זיי דיך האַלטן פאַר דול און מעשוגע!"

דינע. האָט נאָך געהאַלטן אין רעדן, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרײַן דער פּסורע־אָנזאָגער: „געכאַפּט, מיר האָבן זיי געכאַפּט! מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו!"

ענדע פונעם ערשטן קאַפּיטל.

סטאנציע מאזעפעווקע

(פעליעטאָנ)

— סטאנציע מאזעפעווקע, 40 מינוט !..

אזוי האָט אויסגערופנ דער קאָנדוקטאָר, אונ פונעמ מאזעפעווקער וואָקזאל האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ ייִדנ, ווײַבער אונ מיידלעכ — באקאנטע פארשוינענ מיט אלערליי פּנעמער: צווישנ זיי ייִדנ צעטראָגענע, ווײַבער מעבערעסע, מאמזעלנ געבילדעטע, מיט הענטשיקלעכ, זאָנטיקלעכ, פײַערדיקע אייגעלעכ, אונ יונגעלײַטלעכ פארשיידענע: יונגעלײַטלעכ מיט שטעקעלעכ, וואָס זיצנ אפ קעסט, אונ אזעלכע, וואָס נישטערנ, זוכנ געשעפטנ, אונ אזעלכע, וואָס גיבנ געלט אפ פּראָצענט, אונ אזעלכע, וואָס נעזער איז זייער געווער — ייִדישע נעזער, אונ אזעלכע, וואָס לייענענ ביכלעכ אונ צײַטונגענ, מאכנ אסיפעס, שרײַבנ אינ „מיילעצ״ ארײַנ, פײַנע יונגעלײַט. אויכ „שיינע ייִדנ״, ייִדנ מיט בערד, באלעבאטימ געזעצטע — די פירער פונ שטאָט, אונ אויכ געפאלענע, שוינ לאנג פארגעסענע הוישײַנעס אָנ בלעטלעכ, פּאראיאָריקע לוכעס, געוועזענע מעיוכאָסימ, פארצײַטיקע נעגידימ, איבעריקע נעפאשעס, וואָס דרייענ זיכ, פּלאָנטערנ זיכ אונ טאנצנ אינ קאָנ... איכ בינ נאָר ארויס פונעמ וואגאָנ, איז געוואָרנ פריילעכ ארומ מיר: כעוורע האָבנ מיכ באפאלנ, פארוואָרפנ מיט שײַלעס:

— אלייכעם שאָלעם, רעב שאָלעם־אלייכעם, א גאסט, א גאסט! וואָס־זשע מאכט איר, וואָס מאכנ אײַער ווײַב אונ קינ־דערלעכ? וואָס הערט זיכ עפעס נײַס? פונוואַנענ פאָרט איר אונ ווי קומט איר אהער? אונ וואָס עפעס מיטנ „הויזפרײַנט”, מיט ספעקטאָרנ גאָר? שוינ זיכ איבערגעגעטנ? אונ ווער ווע־מענ פריִער: ער אײַכ, צי איר אים? אונ וואָס הערט זיכ עפעס מיט דער „ביבליִאָטעק”? וואָס הערט זיכ, ווענ וועט זי זײַנ? צי עפשער איז בא אײַכ שוטפעס? אונ וויִאזוי ווערט זײַנ הײַנט? אונ...

* * *

— ששש, שאט, ראבויסים! לאָזט זיכ דינענ איינציקוויַז, איכ בינ דאָכ ניט אימשטאנד ענטפערנ איטלעכנ מיטאמאָל. אביסעלע געדולד — וועל איכ אײַכ אלע באפרידיקנ, אימירצע־שעמ, אלעס פארענטפערנ ארומ אונ ארום. וואָס איכ מאכ — אפ אלע אײַערע סאָנים געזאָגט געוואָרנ: עס קאָנ נאָכ בעסער זײַנ, ערגער האָט קיינ שיר. פונוואַנענ איכ פאָר? — פונ כמעלניצק, ראבויסים, פונעמ גרויסנ יאריד, אָכ איז מיר... נו, נו, א יאריד, קיינ רעכטער ייִד זאָל אימ ניט קענענ! ס'איז א טומל, מע יאָגט, מע לויפט, מע ברעכט זיכ רוק־אונ־לענד: הײַנט דער, מאָרגנ יענער, דער פאלט, דער שטייט אופ, — ייִדנ פלוטעווענ, דרייענ די וועלט! לײַט גייענ פארבײַ, שטעלנ זיכ אוועק, באטראכטנ פונדערווײַטנ דעמ געפּילדער, שאָקלענ מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אָט ווענמענ עס לעבט זיכ אפּ דער וועלט! אָט ווער עס שארט געלט! אָט וווהינ אונדזער גאנצ דאָברע־מאזל קומט אהינ!” אויכ מיר א לעבנ, מישטיינסגעזאָגט; ווער ס'איז זיי מעקאנע, מעג קיינ בעסערס ניט האָבנ! נאָר ווער איז שולדיק, ווענ נישט ייִדנ אליינ? „פּילדערט ניט! טראסקעט ניט אזוי! — שרײַ איכ, — אינ גאָטעס ווילנ, לאָז מיט אײַכ ניט זײַנ פול די וועלט! האָב אײַכ אכציק גוטע יאָר. איר רײַסט דאָכ די אויגנ

מיט אײַער קנאקנ, וואָס איר קנאקט, אונ מיט אײַער אופירנ זיכ אונ מיט אלע אײַערע גאנגענ!" נאָר גיי טײַנע מיט יידנ. א ייד, אז ער דערטאפט א קערבל, פארלעבט ער צוויי; אונ אז ער פארדינט צוויי, ברענגט ער אויס דרײַ; אונ אז ער כאפט שוינ אלע דרײַ, שרײַט ער דרײַסיק, טוט אָנ דאָס פיזעמענע טולעפל, ציט ארופ אפ זיכ אונ אפ זײַנ ווײַב דאָס רועכ אונ בלאָזט פונ זיכ: טארבוס! דערעכערעצ! עפעס א ווערטעלע — רעב האָצעלע?! רעב האָצעלע איז הײַנט אינ די פעדערנ, גאָר בעגילופנ; רעב האָצעלע קנאקט, רעב האָצעלע פײַפט, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז... ער פײַפט אָנ, פארקויפט דאָס פיזעמענע טולעפל, נעמט דאָס שטעקעלע אינ דער האנט אונ גייט ארויס אפנ יאריד. אונ אפנ יאריד קנאקט שוינ אנ אנדערער, אנ אנדערער טראָגט שוינ רעב האָצעלעס פיזעמענע טולעפל אונ טראסקעט אונ פײַפט.

„פײַפ, פײַפ! — קלערט זיכ האָצעלע, — הײַנט איז דײַנע זיבנ יאָר! וועסט אויכ אָנפײַפנ אימירצעשעמ, מיט גאָטעס ווילנ!.."

אונ אזוי גייט עס בא אונדז פונ דאָר צו דאָר: יידנ טראסקענ, יידנ קנאקנ, יידנ פײַפנ... אונ לײַט גייענ פארבײַ, שטעלנ זיכ אָפ, באטראכטנ פונדערווײַטנ דעמ געפילדער, שאָקלענ מיט די קעפ, ווי איינער רעדט: אָט וועמענ עס לעבט זיכ אפ דער וועלט! אָט ווער עס שארט גאָלד! אָט ווהינ אונדזער דאָברע מאזל קומט אהינ!..

* * *

— איר פרעגט דאָכ מיכ, ווי קומ איכ אהער? — מיטנ אײַזנבאנ, ענטפער איכ אײַכ, מיטנ אײַזנבאנ. איכ האָב דערהערט, אז עס גייט אהער די אײַזנבאנ, אונ מאזעפעווקע איז צו מאזל א „סטאנציע", האָט זיכ מיר פארוואָלט א קוק טאָנ, וואָס טוט זיכ דאָ בא אײַכ? וואָס מאכנ מײַנע ברידער? ווי גייט עס אײַכ אצינד, אונ וויאזוי פירט איר זיכ אופ ביזמאנ האזע? א

ווערטעלע אויסצורעדן — א שטאָט מיט אן אײַזנבאַן! פּאַרנאָסע האָט איר דאָך מינאסטאַמ מיטן פולן מויל, שמועסט מען ניט, און די מינהאָגים באַ אײַך אצינד, געוויינטלעך, נישט די וואָס אמאָל: אויס אינטריגעס, אויס פּעטש אין בעסמעדרעש, אויס ניצאָכן פאר גאַבאָעס, פאר אליִעס, אויס קאָנקורענציע, אויס רעדיפעס און מעסירעס, דאָנאָסן, פע! און די באַלטויוועס, שטאָטפּארזאָרגער, רעדלפירער, קאָכלעפל, לײדיקגײערס, פּוסטעפּאַסניקעס, כאָדאָטאַיעס און קאָלבויניקעס? נישטאָ שוין אָט די שיינע לײַט?.. נאָר עפּעס שווײַגט איר מיר צו. איך האָב מוירע. עפּעס שמאָרעט איר מיר מיט די נעז, הא? איך קען אײַך, ברידער, אוי, קען איך אײַך! איך זע, עס קוועטשט אײַך עפּעס אינעווייניק, א ביין אין האלדז, נישט אראָפּצושלינגען, נישט ארויסצושפּײַען. ווי זאָגט מען, שנײַץ די נאָז און שמיר דאָס פּאָנעם... נו, נו, איך שווײַג, איך שווײַג, כאַטאַ פּאָקרישקע, איך שווײַג!..

* * *

— איר פרעגט: וואָס עפּעס מיטן „הויזפרײַנט" גאָר, מיט ספּעקטאָרן? ענטפער איך אײַך: פאַרוואָס דען ניט? פאַרוואָס ניט מיטן „הויזפרײַנט"? פאַרוואָס ניט מיט ספּעקטאָרן? איך פאַרשטיי אײַך, ברידער: בראָש איז באַ אײַך אלצדינג א קאָנקורענציע, א לויפעניש איינער איבערן אנדערן, א כאַפּעניש פון די הענט, א רײַסעניש פונעם מויל — עס כאָלעמט זיך אײַך אומעטום קאָנקורענציע! צוויי יידישע רעדאַקטאָרן, ארויסגעבער, זײַנען באַ אײַך צוויי קרעמער, און צוויי יידישע זשורנאַלן זײַנען באַ אײַך צוויי קלייטלעך. שרײַבן הייסט באַ אײַך א געשעפט, און די ליטעראַטור איז באַ אײַך א פּאַרנאָסע. אָך און וויי איז צו דער יידישער ליטעראַטור, דער פּאַרנאָסע, און ווונד און וויי איז צום יידישן ליטעראַטאָר, וואָס איז זיך מעפאַרנעס מיט דער פעדער, ציט פון איר, ווי דער ליטוואַק דריקט

זיך אויס, דאָס שטיקעלע כאיונע! בא לייטנ א שרייבער לעבט אָפּ זייַנ וועלט, ווייסט קיינ אנדער מעלאָכע ניט, כוץ דאָס שרייַבנ, האָט קאָוועד בא זייַנ לעבנ אונ נאָכ זייַנ טויט. אונ אז ער איז א רעכטער שרייַבער, פארדינט ער זיך אי א נאָכ־מענ, אי געלט, אי א מאָנומענט, אונ אלע זייַנעג אימ מעקאנע, יעדער ווינטשט זיך זייַנ אָפּ זייַנ אָרט; אונ בא אונדז, מ׳שטיינס־געזאָגט, א מעכאבער איז נישט קליינ, נישקאָשע, צו גיינ אי־בער די הייַזער, אבי ער קאָנ, קאָלזמאנ די פיס דינענ אימ... אונ אפּ דער עלטער, אז ער בלייַבט אָנ קויעכ, זעענ שויג אנדערע מע זאָל אימ מאכנ א נעדאָווע; מע רופט דעמלט אויס אינ אלע שולנ, אז דער אונ דער שרייַבער שטארבט פונ הונגער... וואָס־זשע איז דאָס כידעש, אז בא אונדז א שרייַבער שעמט זיך מיט זייַנ מעלאָכע צווישנ לייַטנ? דערפאר זייַנענ מערסטנטייל אונדזערע מעכאברים אָדער סאָכרים, אָדער מעלאמדים, וואָס געבנ זיך אָפּ מיט דער ליטעראטור צווישנ טאָג אונ נאכט, — מיט איינ וואָרט, א ייִדישער שרייַבער דאָס איז:

א מענאכעמ־מענדל,
וואָס פארנעמט זיך מיט הענדל,
אונ אז עס זעט ניט דאָס ווייַב,
טוט ער א שרייַב...

* * *

אונ וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער „ביבליאָטעק”, ווילט איר ויסנ? ווענ וועט זי זייַנ? איכ זע, איר עקט זיך, מאמעש עס גייט אייַך אויס דער כיעס, א ביטערער ראכמאָנעס אפּ אייַך, כ׳לעבנ! איכ באקומ דאָכ פונ אייַך בריוולעכ אלע טאָג, ווו איר בעט זיך ראכמימ, ווי בא א גאזלענ: שאָלעמ־אלייכעמעניו, הארצעניו, ליובעניו, האָט ראכמאָנעס אפּ אייַערע מאזעפּעווקער

ייִדעלעך און באַוויליקט זיי שוין איינגיכן מיט אייַער ליבער טייַערער מאַטאָנע — די „ייִדישע פאָלקס־ביבליִאָטעק", אַפּ וועלכער מיר קוקן שוין אַרויס, ווי אַפּ מאָשיִעכן, און אָן וועלכער מיר קאָנען זיך ניט באַגיין! צו וואָס טויג אונדז דאָס לעבן, אַז מיר האָבן נאָך נישט דעם דריטן טאָם פון אייַער ביבליִאָטעק? פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט דערבאַרעמען? עס שטייט פאַר אייַך קיין איינהאָרע אַזאַ אײדע ייִדן, וואָס צאַפּלען, כאַלעשן, טאַ־טעניו, געטרייַער! אין וואָס גייט דען דאָרט בא אייַך, וואָס איר ציט אונדז אַזוי לאַנג (שוין קאָרעוו צו דרייַ יאָר) בא דער נעשאָמע? עפּשער אין „יענער מייַסע"? עפּשער פעלט אייַך די מאַמטאַקים? איי, פע, שאָלעם־אַלייכעם, לעבן, ווער שמועסט פון געלט? געלט שפּילט דען עפּעס אויך אַ ראָלע בא אונדז? הונדערט, צי טויזנט, צי צוויי טויזנט? וואָס פאַר אַ ווערט, אַשטייגער, האָט בא אונדז, אין מאַזעפּעווקע, פרעגן מיר אייַך, טויזנט, צי צוויי טויזנט? אָט איז בא אונדז יענע וואָך געוועזן אַן אַסיפע מעקויעך צעדערבוימען, אָלעוו האַשאָלעם, וויִאַזוי מע זאָל זייַן נאָמען באַוואָרענען אַפּ אייביק און אייביק, האָט איי־נער פאָרגעלייגט מע זאָל באַלד מאַכן גאַבאָיִם מיט „טשלעניס", וואָס זאָלן צונויפנעמען, לעכאָלאַפּאָכעס, דורייַ טויזנט קערבלעך אַפּ אַ סטיפּענדיע, דער אַנדערער האָט פאָרגעגעבן מע זאָל מאַכן געלט און קויפן אַ נייַע קאָלאָניע אין ערעצ־ייסראָעל מיט דעם נאָמען א"ר"ז" [1]), דער דריטער איז געפאַלן אַפּ אַ שענערער האַמצאָע: מען זאָל טאַקע דאָ אין מאַזעפּעווקע אַרויסגעבן אַ ייִדישן זשורנאַל מיט דעם נאָמען „צעדערבוים", דעם זשורנאַל זאָל מען טיילן אומזיסט, און דאָס געלט זאָל גיין אַפּ ערעצ־ייִסראָעל... און נאָך איינער האָט געדרונגען טאַקע נאָך אַמאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, אַז אַ זשורנאַל טויג ניט, בעסער אַ בלאַט, און נאָך איינער האָט געזאָגט, אַז...

1) א"ר"ז — א. צעדערבוימס פּסעוודאָנים.

* * *

— גענוג, ברידערלעך, גענוג! עס איז כ'לעבן שוין נישט אויסצוהאלטן פון אייך! די צייט שטייט ניט, די 40 מינוט זיינען אוועק, מע קלינגט שוין, מע דארף פארן וויטער. זייט געזונט און גליקלעך. גיב גאָט צו הערן איינס פונעם אנדערן פשורעס טויוועס. האָט קיין פאריבל נישט, וואָס איך האָב אייך דאָ געזאָגט א ביסל דעם עמעס, אימירצעשעם אָט באלד אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" וועלן מיר איבערשמועסן מעקויעך אלצדינג באאריכעס, גיב גאָט מיט פריילעכע הערצער אין גיכע צייטן, אָמיין!

קיעוו, 1 דעצעמבער, 1893.

שאָלעם־אליי‏כעם.

P. S. שאט, ראבויסים! איקאָר שאָכאטי! איר פרעגט דאָך מיך אפּ מיין וויב און קינדער, וואָס זיי מאכן און וואָס הערט זיך מיט זיי? — זיי זיינען אלע, באָרעכהאשעם, אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע ניט ערגער פון אייך צו הערן. און וויטער, וואָס זאָל זיך מיט זיי הערן? מיין עלטערע טאָכטער איז אוואדע זייער א גערעאָטן קינד, נאָר פון א שידעך מיט איר בין איך נאָך גאנץ ווייט, אימירצעשעם, אז עס וועט קומען די צייט, וועט מען אייך געווינטלעך א יעדיע געבן... און מיט מיין וויב, זאָל לעבן, קערט איר זיך אוואדע גאָרנישט אָן, כאָטש אפילע דער מינהעג איז נישט אזוי; נאָר גאָרנישט, איך פארהאָפ, אז איר וועט מיר ·מויכל זיין און וועט צו מיר קיין טיינעס דערפאר ניט האָבן... גריסט איטלעכן באזונדער גאָר פריינטלעך!

מימעני שאָלעם־אליי‏כעם.

זייט וויסן, אז אויסער דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָב איך בעדייע ארויסצוגעבן פארן פאָלק קליינע, גאנץ ביליקע, מייסע־

ביכלעך אין אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אַף דעם אופן, ווי עס גיבן זיך אַרויס די העברעיִשע ביכלעך אין וואַרשע פון בען־אַוויגדאָר. „וויאַזוי וועלן זיי הייסן? צי מיינט איר זיי אַרויסגעבן אינאיינעם מיט ספּעקטאַקלען, צי אַליין? און ווען וועלן זיי אַרויס? און ווער וועט דאָרט שרײַבן? וויפל וועט איר צאָלן? און וואָס וועלן זיי קאָסטן?" האָט צײַט, ראַבויסים, קוועטשט מיך ניט, וואַרט צו אַ ווײַלעטשקע — איר וועט אַלעס, אַלעס וויסן!..

שאָלעם־אַלייכעם.

אין ספאָרים־קלייטל

(א שפּאַס)

— גוט מאָרגן.
— גוט יאָר, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?
— א ביכל אפּ פּראָקאַט. א זשאַרגאָניש ביכל, נאָר פון די אנטיקן.
— דעהײַנע?
— עפּעס א רעכטס, עס זאָל זײַן וואָס צו לייענען, עפּעס א געשמאקע זאַך.
— די „קליאַטשע" עפּשער?
— פּע!
— עפּשער „פישקע דער קרומער"?
— וואָס איז דאָס? ווער איז דער שלאַק?
— אבראַמאָוויטשעס א ווערק.
— א ווערק? ניין, איך וויל ניט קיין ווערק, וואָס טויג מיר א ווערק? איר גיט מיר עפּעס א ביכל, נישט קיין ווערק.
— עפּשער א זשורנאַל? „די פאָלקס־ביבליאָטעק", „דער הויזפרײַנט", אָדער גאָר „דער יוד".
— איך וויל נישט, איך וויל נישט! איך וויל א געשיכטע, א ראָמאַן, עפּעס א שיינעם ראָמאַן, עס זאָל ציפּן, רײַסן, אָנע־מען באַם האַרצן.

— שײַקעװיטשעס מינעסטאם? אויסגעגאנגען, צעכאפּט.
— האָט־זשע מיר א גוטן טאָג. איך גיי אין דער אנדע־רער קלייט.
— זײַט־זשע מוחל, קערט זיך אום אף א װײַלע.
— װאָס נאָך?
— איך האָב פון אײַערטװעגן אן אנטיקל.
— א ראָמאן?
— א „העכסט אינטערעסאנטער ראָמאן אין פיר טײלן מיט אן עפּילאָג".
— װאָס־זשע שװײַגט איר?
— װאָס זאָל איך שרײַען?
— װיאזוי הייסט ער, דער ראָמאן?
— ער הייסט: „טאטע, מאמע, קאלע, שװעסטער און ברי־דער, אָדער געשאָסן, געסאמט, געקױלעט און געשטאָכן. א העכסט אינטערעסאנטער ראָמאן אין פיר טײלן מיט אן עפּילאָג. פארפאסט אף שײַקעװיטשעס שניט פון שאָלעם־אלייכעמען".
— שאָלעם־אלייכעם? עפּעס א נײַער מעכאבער, קיינמאָל נישט געהערט, נאָר װעדליק דער נאָמען פון דעם ראָמאן, װײַזט אויס נישקאָשע פון א ביכל. גיט דאָס, זײַט מוחל, אהער, װעלן מיר זען, װיאזוי שרײַבט ער.
— נאט, לייענט.

ערשטע טײל.

צװישן מערדער.

אין דער שטאָט ליװנאָ, װאָס אפן טײַך ליװייקע, איז איינ־מאָל ארום האלבער נאכט, בא א גראָשנדיק ליכטל, געזעסן בא זיך אין רײַכן פאלאץ רעב שמערל מערדערמאן דער שקאָנטיסט מיט זײַן שותּף רעב רעפאָעל שעכטמאן דעם פּראָצענטניק און האָבן געהאלטן צװישן זיך אזא מין געשפּרעך:

— וואָס טוט מען, רעפּאָעל, ס׳איז שלעכט, גיט מיר אַן אייצע, וואָס טוט מען?

— וואָס איז שוין, שמערל? עס האָט זיך דיר ווידעראַמאָל פאַרגלוסט מענטשן־פליש? קאַרג ייִדן האָסטו אויסגעקוילעט אַפּ דײַן לעבן? ווינציק האָסטו אויסגעצויגן בײַ די היגע אָרעמעלײַט, נעבעך?

— קוק אים אָן, דעם באַל־ראַכמאָנעס! דאַכט מיר, דו האָסט נישט אַזויפיל האָר אין קאָפּ, וויפל נעשאָמעס דו האָסט אומגע־בראַכט, זינט איך קען דיך.

— שמערל! ברענג מיך נישט אַרײַן אין קאַס און זאָג מיר גלײַך, וואָס איז דיר?

— רעפּאָעל, העלף מיר, איך באַדאַרף האָבן דײַנע איי־צע, איך בין שטערבלעך פאַרליבט!

— שמערל! דו ביסט פאַרליבט? כאַ, כאַ, ווי קומט דאָס צו דיר? כאַ־כאַ־כאַ!

— רעפּאָעל, דו וועסט ניט אופהערן צו לאַכן? אָט נעם איך דיך בײַם גאָרגל און מאַך פון דיר אַ טעל!

— שאַ, שאַ, לאָז זײַן שטיל. זאָג מיר — אין וועמען ביסטו דאָס אַזוי פאַרליבט, שמערל?

— ס׳איז אַ גאַנצע געשיכטע, רעפּאָעל, איך וועל דיר דער־ציילן. איך האָב אַ פּאָקאָיאָווע, אַ שטובמיידל, ליזע הייסט זי, ווי די וועלט איז זי שיין, זי איז אַ ברונעטן מיט שוואַרצע און מיט בלויע אויגן, און איר שטימע איז זיס ווי צוקער. אַז זי טוט אַ קוק, גייט מען אויס, און אַז זי הייבט אָן רעדן, קען מען שטאַרבן.

— ווו האָסטו די זי דערטאַפּט, שמערל?

— זי איז אַן אָרעמע יעסוימע, אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער, האָב איך זי פאַר ראַכמאָנעס צוגענומען פאַר אַ דינסט־מיידל און האָב זיך פונעם ערשטן טאָג פאַרליבט אין איר שטערב־לעך!

— שוין גוטע יאָרן, אז דו האָסט געקאָנט האָבן ראכמאָנעס. נאָר אין וואָס־זשע איז די מעניִע? ביזט דאָך אן אלמען, נעמט מען און מע האָט מיט איר כאסענע קעדאָס מוישע וועיִיסראָעל. קיין נאדן באדארפסט דו דאָך ניט.

— דיר איז גרינג צו זאָגן ווערטלעך, רעפאָעל, ס'איז אָבער א סוואָרע, אז זי וויל מיך ניט.

— זי איז גאָר קיין נאר ניט. וואָס איז די מייַסע?

— ס'איז א מייַסע, פארשטייסט דו מיך, זי „ראָמאנסירט" מיט כאיִמקען דעם מעלאמעדל. איך בין געוואָר געוואָרן, אז זי „ראָמאנסירט" מיט אים שוין באלד א יאָר.

— נו, ווייסט דו ניט, וואָס מע טוט, שמערל?

— וואָס טוט מען, אדעראבע?

— מע רופט אים ארויס אפ א „דועל".

— ביסט מעשוגע, צי כאָסערדייע? ערשטנס, טאָמער כאָלילע הארגעט ער מיך, און צווייטנס, וועט דאָך די שטאָט האָבן מיט מיר צו טאָן. ניין, גיב אן אנדער אייצע, רעפאָעל. רעפאָעל, דאָס טויג אפ קאפּאָרעס!

— נו, הער־זשע, שמערל. ביסט דאָך פאָרט עפּעס א גוטער־ברודער. נא, אָט דאָ האָסטו א פראָשעק, פון יענע גוטע פראָש־קעס, וועלכע מיר האָבן אמאָל איינגעגעבן יענעם פאָרעצ, וואָס מיר האָבן געהאט אפ אים פאלשע וועקסלען. פארופ כאיִמקען דעם מעלאמדל צו זיך אפ טיי און שיט אים ארייַן דעם פראָ־שעק און שלאָג מיט אים קאפּאָרעס.

— ביסט גערעכט, רעפאָעל, הייַנט זע איך, אז דו ביסט טאַ־קע א ייִד א כאָכעם, א דאנק דיר, א דאנק דיר, דו האָסט מיך מאמעש מעכייַע געווען, וואָרעם איך בין שטערבלעך פארליבט.

צווייטע טייל.

איבערגעקערט דעם בילבל.

אפ מאָרגן איז שמערל מערדערמאַנ געזעסן בא זיך אינ זאַל מיט כאַימקען דעם מעלאַמעד, אונ ליזע, דאָס דינסטמיידל, האָט זיי צוגעטראָגן אפ א גרויסער זילבערנער טאַץ צוויי גלעזער טיי.

— טרינקט, רעב כאַים! — מאַכט צו אימ מערדערמאַנ אונ רוקט אים צו די גלאָז טיי אונ שיט בעשאַס מײַסע פונעם ארבל עפּעס א ווײַסן פּראָשעק.

— א דאַנק, רעב שמערל, — מאַכט צו אים כאַימקע דאָס מעלאַמעדל אונ וויל צוטראָגן די טיי צום מויל. עפנט זיך פּלוצעמ די טיר אונ עס קומט ארײַן דער פּראָקוראָר מיט צוויי זשאַנדארמ אונ מיט א דאָקטער.

— הער מערדערמאַנ! — רופט זיך אָן דער פּראָקוראָר, — אינ איינע פונ די צוויי גלעזער טיי געפינט זיך סאַם. הער דאָקטער! פּראָבירנ זיי די טיי!

טויט ווי די וואַנט איז געבליבנ זיצנ רעב שמערל מערדער־מאַנ, אונ אויך כאַימקע דאָס מעלאַמעדל האָט געקוקט פארוווּנדערט אפנ פּראָקוראָר אונ אפנ דאָקטער.

מע האָט געוואָלט נאָרוואָס אומברענגענ א מענטשנ, — רופט זיך אָנ דער פּראָקוראָר, — זײַט זיך מוידע, ווער האָט דאָס געטאָנ?

— אהא, איכ ווייס ווער! — מאַכט רעב שמערל מערדערמאַנ אונ כאַפּט זיך אופ פונעמ בענקל. — דאָס איז ליזעס ארבעט. ליזע, אנו, קומ נאָר אהער, ליזע!

ניט טויט, ניט לעבעדיק קומט ארײַנ דאָס שטובמיידל אונ קוקט אפנ באַלעבאָס, אפנ פּראָקוראָר אונ אפנ דאָקטער.

— וואָס האָסטו געהאַט צו כאַימענ? — מאַכט צו איר מער־דערמאַנ מיט קאַס, — וואָס האָסטו געוואָלט האָבנ פונ זײַנ לעבנ? פארוואָס קומט אים סאַמענ? נעבעך אזא ערלעך קינד. גענוג

וואָס דו האָסט אים אָפּגענאַרט, געפּירט באַ דער נאָז א גאַנץ יאָר קעסיידער, צוגעזאָגט אים, אז דו וועסט זײַן זײַנע, און האָסט גאָר „געראָמאַנסירט" מיט יסראָליק דעם שנײַדער. דו מיינסט איך ווייס נישט?

— אָ, מערדערנ! — מאַכט צו איר כאַימקע דער מעלאַמעד און הייבט אָפּ איר ביידע הענט, — ביזט ערגער פון א שלאַנג, פאַרפלוכט און פאַרשאָלטנ זאָלסטו ווערנ פון גאָט!

— קייטנ! — האָט א געשריי געטאָנ דער פּראָקוראָר, און די זשאַנדאַרנ האָבנ געכאַפּט ליזענ, זי געשמידט אינ אײַזערנע קייטנ און אוועקגעפירט אינ אָסטראָג אַרײַנ. און כאַימקע דער מעלאַמעד האָט זיכ פאַר גרויס האַרצווייטעק צונויפגעשלאָגנ עט־לעכע קערבלעכ, גענומענ דאָס קלומעקל אָפּ די פּלייצעס און הײַ־דא קיינ פּאַריז.

דריטע טייל.

כאַימקע דער מעלאַמעד — גראַף טאַרנעגויל פונ פּאַריז.

סאָרע־ריווע די קעכנע איז געווענ אַנ אגונע פונ א קליינ שטעטל פּאָקוליע. צוויי יאָר נאָכ דער כאַסענע האָט זי דער מאַנ אוועקגעוואָרפנ מיט צוויי פּיצלעכ קינד'ער — א יינגל מיט א מיידל, כאַימקע מיט לייצענ, וועלכע גוטע לײַט האָבנ צוגענומענ צו זיכ. און די אגונע, נעבעכ, האָט זיכ געלאָזט פונ שטאָט צו שטאָט זוכנ איר מאַנ, ביז זי איז געקומענ קיינ ליוונאָ און האָט זיכ געשטעלט פאַר א קעכנע באַ ר' שמערל מערדערמאַנ, וועל־כער איז געווענ, פאַרשטייט זיכ, טאַקע איר מאַנ און וועלכנ זי האָט באַלד דערקענט. נאָר זי האָט זיכ געמאַכט טאַמעוואַטע, ווײַל זי האָט ניט געהאַט קיינ פּאַפּיר. האָט זי אוועקגעשריבנ קיינ פּאָקוליע צום ראָוו א בריוול, ער זאָל איר צושיקנ א פּאַפּיר, און דערווײַל האָט זי, נעבעכ, געמוזט שווײַגנ, שטיינ טאָג ווי

נאכט באַם אויוונ. ווי גרויס איז אָבער געווענ איר ווונדער, אז זי האָט דערקענט אינ כאַימקענ דעמ מעלאמעד איר זונ כאַימ־קענ, אונ אינ ליזענ דאָס דינסטמיידל — איר טאָכטער לייצע. אונ זי האָט גאָרנישט געקאָנט מאכנ, ווארעמ דער פּאָקוליער ראָוו האָט איר נאָכ אלץ ניט צוגעשיקט די פּאפּירנ.

ווי גרויס איז אָבער געווענ איר שמערצ, אז זי איז געוואָר געוואָרנ פונ דעמ אומגליק, אז איר כאַימקע נעבעכ איז אוועק קיינ פאריזש, אונ איר טאָכטער ליזע איז פארשטעקט אינ אָסט־ראָג! פולע טײַכנ טרערנ האָט נעבעכ סאָרע־ריווע די אומגליק־לעכע קעכנע פארגאָסנ! איינמאָל אינ א שיינעמ פרימאָרגנ, אינ עטלעכע יאָר ארומ, איז זי געזעסנ אפ דער קיכ־באנק אונ האָט געזונגענ זייער א מאָראליש ליד:

קיינעמ האָט נאָכ אפ דער וועלט אזא אומגליק נישט געטראָפנ,
אז דער מאנ זאָל אוועקוואַרפנ, אונ דער זונ זאָל פליִען קיינ פאריז,
די טאָכטער זאָל זיצנ אינ אָסטראָג, אונ דאָס ווײַב זאָל ניט אופהערנ צו האָפנ,
זײַנ א קעכנע בא איר מאנ אונ טראָגנ זײַנ קאפּריז!..

פלוצעמ עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ אינ קיכ ארײַנ זייער א רײַכער מאנ מיט אסאכ אָרדענעס אונ רופט זיכ אָנ צו סאָרע־ריווענ:

—איכ האבע די ערע זיכ פאָרצושטעלנ: גראפ טארנעגויל פונ פאריז.

— כאַימקע מײַנ זונ! — שרײַט אויס סאָרע־ריווקע די קעכנע אונ פאלט אינ אָנמאכט.

— מײַנ מוטער! מײַנ אומגליקלעכע מוטער!! — שרײַט אויס דער גראפ טארנעגויל אונ פאלט אינ אָנמאכט.

פערטע טייל.

ווי בוימל אפנ וואסער.

רעב שמערל מערדערמאנ זיצט בא זיכ אינ קאבינעט מיט רעב רעפאָעל שעכטמאנ אונ מע ציילט געלט.

— שוינ פארטיק בא דיר אפנ בעסוילעמ אלעס, רעפאָעל?

— נאָך א מינ פארטיק! הײַנט באַנאכט ארום זייגער צוויי נעמט מענ א פרישינקנ מעס אונ מע ווארפט אונטער דעמ היגנ גוויר. ס'איז שוינ אפילע גרייט בא מיר אינ קעשעניע א „דאָ־נאָסל" אויכ.

— נו, אונ איידעס האָסט דו באשטעלט?

— נאָך א מינ איידעס! א האלבע שטאָט וועט בא מיר שווערנ, אז מע האָט אימ געזענ טראָגנ א טויטנ מענטשנ פאר די פיס. וועט ער געבנ א מיליאָנ קערבלעך, איז גוט, עלע ניט, וועט ער בא מיר פארפוילט ווערנ אינ אָסטראָג.

— וועט דער מיליאָנ זײַנ יאכדאָוו, רעפאָעל?

— נאָך א מינ יאכדאָוו!

— ערנ וואָרט?

— בענעמאָנעס!

פלוצעמ עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ דער גובער־נאטאָר מיט א גאנצנ פאָלק קאָזאקנ אונ זשאנדארנ. מערדערמאנ אונ שעכטמאנ האָבנ אפילע געוואָלט ארויסשפרינגענ דורכנ פענצ־טער, רופט זיכ אָנ צו זיי דער גובערנאטאָר: „סטוי" אונ ער טוט א געשריי, מע זאָל זיי באלד שמידנ אינ קייטנ, אונ עס טרעט ארויס דער גראפ טארנעגויל פונ פאריז אונ רופט זיכ אָנ צו מערדערמאנ בעזע האלאָשנ:

— הערסט דו, דו מערדער, דעמ סאָפ, וואָס דו האָסט פאר אלע מערדערײַענ, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָנ מיט דײַנ שוטעפ שעכטמאנ ביז הײַנטיקנ טאָג. איכ האָב אויסגעוויזנ אלע אײַערע גנייוועס אונ גאזלאָנעס אונ רעציכעס. זאָג נאָר, דו האָסט מיכ דערקענט, צי ניינ? איכ בינ כאימקע דאָט אָרעמע מעלאמעדל, וואָס האָסט מיכ פארנארט צו זיכ אפ טיי אונ געוואָלט מיכ סא־מענ, דו אומענטש איינער, ביכדיי דו זאָלסט קענענ כאסענע האָבנ מיט דײַנ געליבטער ליזענ, וועלכע איכ האָב נאָרוואָס ארויסגענומענ פונ אָסטראָג. אָט שטייט זי פאר דײַנע אויגנ, דו מערדער! דו דעספאָט! גיב אונדז אָפּ מאזלטאָוו, דו טיראנ, זי

איז מײַן געליבטע קאַלע. איך װעל גיך הײראַטן מיט איר, און זי װעט טראָגן דעם נאָמען גרעפֿן טאַרנעגױלעס, װאָרעם מײַן נאָמען איז הײַנט שױן נישט כאַימקע, נאָר גראַף טאַרנעגױל, איך בין אָנגעהױער רײַך און גרױס! װיפֿל שמערצן האָב איך אָבער איבערגעטראָגן, ביז איך בין געקומען צו אַזאַ הױכער מאַד־רײגע! װיפֿל טרערן האָבן מיר בײדע פֿאַרגאָסן — איך דאָרטן, אין פּאַריז, און זי, מײַן ליבע קאַלע, ליזע, נעבעך, דאָ אין אָסטראָג!!

בײַ די װערטער האָט זיך כאַימקע דער גראַף טאַרנעגױל אַזױ צעװײנט, אַז דער גובערנאַטאָר האָט געמוזט אָפּטרעטן אין א זײַט און אַפֿילע די קאָזאַקן מיט די זשאַנדאַרן האָבן זיך געװישט די אױגן. נאָר אײן מערדערמאַן און זײַן שוטעף האָבן נישט געװײנט. זײ זײַנען געשטאַנען צוגעקװעטשט אײנס צום אַנדערן און געקוקט אין דער ערד אַרײַן. דער גובערנאַטאָר האָט נאָר־װאָס געװאָלט אָפּגעבן אַ באַפֿעל, מע זאָל זײ אַװעקפֿירן אין אָסטראָג אַרײַן. פּלוצעם עפֿנט זיך די קיך־טיר און עס פֿליט אַרײַן סאָרע־ריװע די קעכנע, טוט אַ פּליעסקע מיט די הענט און שרײַט אױס צום גאַנצן עולם:

— גאָט! גאָט! גאָט! דו ביסט גערעכט! זײַט װיסן, ראַבױ־סים, אַז מערדערמאַן — דאָס איז טאַקע מײַנער אַ מאַן. ער האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אַגונע. אָט קענט איר זען, עס זײַנען מיר נאָרװאָס אָנגעקומען די פּאַפּירן פֿון אונדזער ראָװ פֿון פּאָקוליע. אָט דער טיראַן, דער מערדער האָט מיך אַװעקגעװאָרפֿן מיט צװײ קינדער פּיסקליאַטעס, אַ ײִנגל מיט אַ מײדל. אָט דאָס זײַנען זײ טאַקע: דער גראַף טאַרנעגױל פֿון פּאַריז — דאָס איז מײַן כאַימ־קע, לעבן זאָל ער, און זי, ליזענקע, װאָס איז נעבעך אומזיסט־אומנישט געזעסן אין אָסטראָג, דאָס איז מײַן טאָכטער לײצע.

— אָ, גאָט! — האָט אױסגעשריגן רעב שמערל מערדערמאַן ניט מיט זײַן קאָל און איז אַרופֿגעפֿאַלן אױף זײַן שוטעף שעכט־מאַן, האָט אים געכאַפּט באַם האַלדז און האָט אים אַזױ לאַנג געשטיקט, ביז יענער איז געפֿאַלן טױט.

— געשאָסן זאָל ער ווערן! — האָט דער גובערנאַטאָר גע־
געבן א באַפעל, און צען ביקסן האָבן ארויסגעלאָזט א שאָס, און
רעב שמערל מערדערמאַן איז געפאַלן טויט.

— פּאָטער! — האָט אויסגעשריגן כאַימקע טאַרנעגויל פון פּאַ־
ריז נישט מיט זײַן קאָל, — דאָס האָב איך דיך געטויט?! ליזע,
ביסטו, הייסט עס, מײַנע אַן אייגענע שוועסטער? אָ, גאָט! — ער
כאַפּט א שפּיז, שטעכט זיך אַרײַן אין האַרצן און פאַלט.

— פּאָטער, מוטער, ברודער! שרײַט אויס די אומגליקלעכע
ליזע, כאַפּט א שווערד, קוילעט זיך איבער דעם האַלדז און פאַלט.

— אָ, מײַנע קינדער!!! — שרײַט אויס די אומגליקלעכע מו־
טער, כאַפּט א מעסער, שטעכט זיך אַרײַן אין בויך און פאַלט.

— אָ, אומגליקלעכע העלדן מײַנע! — שרײַט אויס דער מע־
כאַבער פונעם ראָמאַן, כאַפּט דאָס ווערק, שלינגט דאָס אײַן און
ווערט דערוואָרגן.

— אָ, אומגליקלעכער פאַרפאַסער! — שרײַט אויס דער לעזער
פון דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע און לויפט זיך הענגען
אָדער טרינקען.

עפּילאָג.

נאָך אַדײַעם קאָנט איר זען אין ליוואָנאָ אַפּן בעסוילעם א גאַנצע
ריי קוואָרים: אויבנאָן ליגט מערדערמאַן דער שקאָנטיסט, לעם
אים שעכטמאַן דער פּראָצענטניק, אַנטקעגן ליגן סאָרע־ריווע די
אַגונע מיט אירע צוויי קינדער כאַימקען, אָדער גראַף טאַרנעגויל
פון פּאַריז, און איר טאָכטער לייצע. בא דער זײַט ליגט דער פּאַר־
פאַסער פון דער דאָזיקער עמעסער געשיכטע און טאַקע לעם אים —
דער לעזער.

ענדע

. . . .

— המ... קיין מײַסע ניט. ער שרײַבט ניט שלעכט, אָט דער
שאָלעם־אַלייכעמ אײַערער, נאָר ווי קומט ער צו שײַקעוויטשן!

— דעהיינע מיט וואָס?

— ערשטנס, איז דאָ ווינציק מאָראַליש, ווינציק אומגליקן, און צווייטנס...

— וואָס רעדט איר? קאַרג מענטשן זיינען דאָ ניזעק געוואָרן?

— און צווייטנס, ווינציקלעכ מאַטעריע, עפּעס נאָר קיי־אונ־שפּיי. זאָגט אים, לאָז ער שרייבן אביסל לענגער.

— אז איכ וועל אים זען, וועל איכ אים זאָגן. דערווייל גיט אהער, זייט מויכל, א קאָפּיקע.

— פאַר וואָס קומט אייכ א קאָפּיקע?

— וואָס הייסט פאַר וואָס? פאַר „פּראָקאַט“.

— א שיינע מייסע, נאָר א קורצע! מיר זיינען נישט געוווינט געוואָרן צאָלן געלט פאַר אזעלכע ביכלעך. אונדזערע לייט, אז מיר באצאָלן, האָבן מיר ליב זיכ אָנלייענען ווי א פּויק, אנדערש לוינט אונדז נישט.

אווגוסט 1899, בויבעריק.

ווער ווייסט?

א ראָמאַן אין צוויי טיילן.

ערשטע טייל.

I.

ווער איז דאָס פּאָרל?

אין א שיינעם ווארעמען זומער־טאָג איז צוגעפאָרן צו דער געלער אכסאניע, וואָס אין יאמפּעלע, א מאזעפּעווקער באלע־גאָלע מיט א גרויסער בויד, ווי א סוקע, איבערגעצויגן מיט לייַוונט, געבונדן מיט שטריקלעך און געקאָוועט מיט אייַזן, מיט אסאך גלעקלעך און באָמבעלעך, אזוי אז דאָס צופאָרן פון דער בויד האָט זיך געלאָזט הערן קימאט איבערן גאנצן שטעטל. די יאמפּעלער קרעמער און קרעמערנס, וואָס זיצן א גאנצן טאָג און קוקן ארויס אף א קוינע, בראָטן זיך און פּרעגלען זיך אף דער זון, האָבן זיך אופגעכאפּט פון זייער דרעמלען און האָבן אריינגעקוקט אין בויד זען—ווער האָט דאָס געקענט פּלוצעם אינמיטנדרינען קומען קיין יאמפּעלע? עפּשער א פּאָרעץ? עפּ־שער האָט גאָט צוגעשיקט א קוינע? טאָמער וועט דער

איבערשטער ראכמאָנעס האָבן און ער וועט עפּעס געבן צו לייזן?

פון דער געלער אכסאניע איז ארויסגעקומען מעקאבל־פּאָ־נעם זײַן די בויד דער באלעבאָס אליין, רעב עליע באָרד ביכ־ווידוי אווועאצמוי. רעב עליע באָרד איז א ייִד א נידעריקער, א געפּאקטער, מיט א מוירעדיקע באָרד: דאָס גאנצע פּאָנעם איז באוואָקסן מיט געדיכטע געלע האָר פון אויבן ביז אראָפּ, אז מע ווייסט ניט וועלכע געהערט צו די וואָנסן, וועלכע איז פּייע, און ווו איז ברעמ — גאָלע באָרד! מאכמעס ס'איז געווען זומער, א הייסער טאָג, איז רעב עליע באָרד ארויסגעקומען אָן א קאָ־פּאָטע, מיט ברייטע ווײַסע ארבל, וואָס פון דאָרט האָט ארויס־געקוקט א פּאָר פּעטע הענט, אָנגעשוואָלן ווי די פּאמפּושקעס, אויך באוואָקסן מיט באָרד. דאָס הארצ איז געווען צעכראסטעט, און פון אונטערן ברייטן טאלעסקאָטן האָט ארויסגעקוקט א נײַע באָרד — באָרד, באָרד און באָרד! „עקאָי באָראָדאטש קאקאָי!״ האָבן אפּ אים געזאָגט די פּריצים, וואָס פלעגן זיך בא אים אָפּשטעלן. און די יאמפּעלער ייִדן, וואָס האָבן ליב א גלײַכ־ווערטל און וואָס זיי טאקע האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען „באָרד״, פלעגן זאָגן אפּ אים בעלאָשן סאגינאָהער, און דאפּקע אינ די אויגן, אז רעב עליע איז א ייִד, „וואָס קאָטאָרי סע שיט זיך שוינ בא זיי א בערדל...״

די מאזעפּעווקער בויד איז צוגעפּאָרן ברייט, מיט ייִרגאָזן, מיט א הוק און מיט א פּײַפּ, און מיט א טפּררררר! אלע דרײַ פערדלעך האָבן שטארק געפּאָרשקעט, זיך מעלײַע געווען, וואָס מע איז געקומען צו פאָרן. זיי האָבן געקוקט איינס אפּ דאָס אנ־דערע מיט א האלב אייגל, צעלאָזט די נאָזלעכער, שטארק גע־סאָפּעט און געמאכט מיט די זײַטן. פון דער קעלניע איז אראָפּ־געשפּרונגען נעכעמיע דער באלעגאָלע, א ייִד מיט א פּארש־מאָלצעוועטער פּארוסינעווער נאקידקע, אונטערגעבונדן מיט א שטריקל, מיט א ברייטן פּליסענעמ אָפּגעבארעטן קאשקעט, מיט גרוי־סע גוט־אָנגעשמירטע שטיול. דאָס פּאָנעם איז אים געווען פּאר־

ברענט און פארפּאָראָשעט מיט שטויב. דאָס מאָל האָט ער פאר־גרויס היץ געהאַלטן אָפן, אזוי, אז ער האָט אויסגעזען ווי א קוימענקערער, בעשאס ער שמייכלט.

— פאראן בא אײַך, רעב עליע, א ליידיקער נומער? — האָט ער זיך אָנגערופן צום באַלעבאָס.

— וואָס דען? ס'איז ניטאָ? — האָט אים רעב עליע געענט־פערט און געכאַפּט א קוק אין בויד אַרײַן, געוואָלט שוין גי־כער זען די פארשווינדלער, וואָס נעכעמיע האָט אים געבראַכט צו פירן. נאָר לאַנג קוקן האָט ער נישט באַדאַרפט, וואָרעם עס האָבן זיך גיך באוויזן צוויי יונגע נעפּאשעס, אַן „ער" מיט א „זי". ער — א הויכער, א שיינער יונג מיט א ווײַס ליכטיק פּאָ־נעם, באַברעמט מיט ווײַסע ציינדלעך הערעלעך, מיט שיינע גוטע בלויע אויגן, אָנגעטאָן אין א לאַנגן ציגאַר־קאָלירענעם אויבע־ראָק און מיט א געלן רײַזנטאַש איבער די פּלייצעס, און זי — א קליינינקע, א שווארצכיינעוודיקע, מיט גרויסע שווארצע ברענענדיקע אויגן, מיט שווארצע געקרײַזלטע האָר, מיט א לאַנגער גרויער נאָקידקע ביז דער ערד, מע האָט קוים־קוים ארויסגעזען די שפּיצן פון אירע קליינע קינדערשע פיסלעך. ארויסגעקראָכן פון דער בויד, האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פון נעם פּאָרעך, בעשאַסמײַסע א קוק געטאָן איינס דאָס אנדערע אין די אויגן אַרײַן און צעלאַכט זיך מיט אזא צופרידן גליק־לעך געלעכטערל, גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען די גליקלעכסטע פּאָר אין דער וועלט, וואָס האָבן פאר גרויס ראָסקאָש געמאַכט א לוסט־רײַזע, א ווײַטע נעסיע, און גאָט האָט זיי געהאָלפן — זיי זײַנען געקומען צו פאָרן בעשאָלעם אָפּן אָרט.

— ווער איז דאָס פּאָרל? — האָט רעב עליע באָרד זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט א פרעג געטאָן באַם באַלעגאָלע שטילערהייט.

— איך ווייס? פרעגט מיך עפּעס גרינגערס! — האָט נעכע־מיע געענטפערט הויך אפּ א קאָל, — דאָס איז אָדער כאָסנ־קאַלע, אָדער מאַן־און־ווײַב, אָדער שוועסטער־און־ברודער.

— ששש, שרייַט ניט, וואָס שרייַט איר אזוי? — מאכט צו אים דער באַל־אכסאניע ווידער שטילערהייט, — פונוואנען זייַנען זיי?

— איך ווייס פונוואנען? פון אַלדע שווארצע יאָר! — ענט־פערט אים דער באַלעגאָלע ווידער הויך אפ א קאָל, — דאכט זיך, אז פון קעשעניעוו. א יאָ, איר זענט פון קעשעניעוו?

— פון קעשעניעוו? — מאכט צו זיי דער באַל־אכסאניע, — ווער זענט איר פון קעשעניעוו?

דאָס פּאָרל האָבן זיך איבערגעקוקט איינס אפ דאָס אנדע־רע און ווידעראמאָל זיך צעלאכט.

— וואָס איז אייַער באָבעס דייַגע? — האָט זיך אייַנגעש־טעלט פאר זיי נעכעמיע דער באַלעגאָלע, — וואָס באדארפט איר זיך אזוי דאָביוועג ווער זיי זייַנען? איר גיט זיי בעסער א נומער, וועט מען אייַך באצאָלן. דאָס זייַנען אזעלכע פארשווינ־דלעך, וואָס איר מעגט זיך ווינטשן אָפּט אזעלכע.

— מעכעטייסע, קומט, איך וועל אייַך ווייַזן, — מאכט דער באַל־אכסאניע און פירט זיי באווייַזן א נומער, נאָר גייענדיק, ווארפט ער אפ זיי אן אויג מינאצאד, — פארשטייט איר מיך, איך האָב א מעכותן אין קעשעניעוו, האָב איך, אויך מייַן שנור איז א קעשעניעווער, פון קעשעניעוו, דערפאר פרעג איך.

רעב עליע באָרד האָט געפירט זייַנע פארשווינדלעך דורכן הויף, ווו סע געפינען זיך די באַלעגאָלישע פערד, מיט דער קי, מיטן קעלבל, מיט דער מיסטגרוב, מיט אַלע איבעריקע זאכן. ס'איז דאָרטן זומער און ווינטער א רייעך מיט סאקאָנעס־נעפּאָשעס. נאָכדעם האָט ער זיי געפירט פארבייַ דער קיך, ווו ס'זייַנען געלעגן נאָרוואָס אויסגעמאכטע אויפעס, די קעפּלעך פארוואָרפן ארונטער, די פיסלעך ארופ, די בייַכלעך אופגעשניטן, און א יידענע, מיט א פּאָנעם ווי אפצולאָכעס און מיט א קאָל פונעם אשמעדייַ, האָט זיי באגעגנט מיט א שיינעם באָרעכאבע — א פולע פּאָמויניצע ווי אן אויג, מיט קישקעלעך, שיר ניט אָפּגע־

גאָסן זיי פון קאָפּ ביז די פיס. „דער רועך טראָגט זיי!" — האָט זי א זאָג געטאָן. און ערשט נאָכדעם האָט ער זיי אריינגעפירט גלייך אין זאַל אריין. די זאַל איז געווען זייער א שיינע זאַל, מיט געצאצקעטע ווענט, אונטערגעפירט מיט געלע און מיט גרינע פאסן און באהאנגען מיט אויסגעצייכנטע בילדער: „נאפּאָלעאָן מיט א ביקס", „יולי פּאָסטאָראנע" — א פּריצטע מיט א בּאָרד, די מעאַראס־האמאכפּיילע, וואָס זעט אויס ווי אן אויוון, „מוישע מאָנטיפיאָר" מיט אן אָנגעדראָלענער ליפּ פון פליגן, א יעגער מיט ווילדע כּיַעס — די ווילדע כּיַעס האלטן אָפּן די מיַילער, זיי ווילן אים דוירעס זיַין, און ער, דער יעגער, שטייט ווי א ליימענער גוילעם, גלייך ווי ניט אים מיינט מען... בא די פענצטער שטייען טעפּ מיט מעשונע־מאָדנע וואַזאָנעס, וואָס מע זעט ניט אין ערגעץ אזעלכע. אפן טיש שטייט א לאָמפּ אפּ אן אויסגעארבעט טעצל פון בלעכשקע — אלערליי מיסע־מעשונע קאָלירן, און אפן גלעזל הענגט א יארמעלקעלע, אויך פון בליטשקע: אפּ וואָס באדארף א לאָמפּ א יארמאָלקע? — דאָס ווייסט מען נאָר אין יאמפּעלע... איך האָב שיר פארגעסן רעכענען א שפּיגל, וואָס אז מע טוט אין אים א קוק, מעג זיַין ווי ביטער אפן הארצן, מוז מען זיך צעלאכן... אונדזער פאָרפאָלק, אז זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל, האָבן זיך ניט געלאָזט לאנג בעטן און האָבן זיך טאקע באלד צעלאכט, נאָר אזוי צעלאכט, אז ס'האָט דעם באלעבאָס גוט פארדראָסן.

— וואָס לאכט איר אזוי? — מאכט צו זיי רעב עליע מיט די ברייטע וויַיסע ארבל, — סע געפעלט אייַך עפּשער ניט מיַין זאַל?

— ניין, פארוואָס? אדעראבּע! — מאכן זיי צו אים און הערן ניט אוף צו לאכן, — עס געפעלט אונדז זייער.

— וואָס־זשע איז דער געלעכטער? — פרעגט זיי דער באַלעבאָס...

— סע שטופּט זיי האנאָע, — רופט זיך אָן נעכעמיע באַלע־גאָלע און טראָגט אַרײַן דעם טשעמאָדאַן. — וויפל וועט איר זיך הייסן געבן פאַר אַזא נומער?

— עט, איך וועל בא זיי טײַער ניט נעמען, — מאַכט דער באַלעבאָס! — איר ווילט דאָך מיסטאמע א סאמאָוואר, און עפּעס עסן?

— וואָס דען, זיי וועלן יויצע זײַן מיט אײַך? — ענטפערט פאַר זיי נעכעמיע, — קומט, וועט איר מיר, ריישעס־כאָכמע, געבן אַביסל בראָנפן.

נעכעמיע נעמט דעם באַלעבאָס פאַרן אַרבל און פירט אים אַרויס, און דאָס פּאָרל בלײַבט אַליין.

II.

יאַמפּעלע ברעכט זיך דעם מויעך.

גאָט האָט צוגעשיקט פאַר יאַמפּעלע א רעכט שטיקל אַר־בעט: גיי זײַ א גאָווי' און טרעף ווער איז דאָס פּאָרל, אַז זאָגן זאָגן זיי ניט, גיין גייען זיי אין ערגעץ, און פּאָדערן גאָרנישט, און באַדאַרפן גאָרנישט, אַכוץ צוויי מאָל אין טאָג דעם סאַמאָוואר, איין מאָל אין טאָג עסן און אַמאָל א שטיקל ליכט אין נומער אַרײַן — און ווײַטער גאָרנישט.

נעכעמיע דער באַלעגאָלע, וויפל רעב עליע האָט אים ניט געמוטשעט, ער זאָל אים זאָגן ווער און וואָס — אַן אײַזערנע וואַנט! „ער ווייסט ניט" — זאָגט ער, און גענוג... רעב עליע האָט זיך געפּרוווט וויפל מאָל אַרײַנקומען צו זיי, לאָזן זיי ניט, זיי האַלטן צוגעשלאָסן די טיר. און אָט אַזוי זיצן זיי אָפּ גאַנצע טעג. קומט אָפּדערנאַכט, דעמלט ווען אַלע יאַמפּעלער יידן האַלטן שוין נאָך וועטשערע און רעכענען שוין גיין שלאָפן, דעמלט כאַפּט זיך אַרויס דאָס פּאָרפּאָלק פונעם נומער און גייען אָפּגן

שפּאַציר, העט ווײַט הינטערן שטאָט אױפֿן פֿרײַען פֿעלד — דײַנע מעשוגאָים!

— זעט נאָר, רעב עליע, זײ זאָלן זיך בא אײַך ניט אָנעסן און אָנטרינקען און אוועקפֿאָרן אָן א „זײַ געזונט" אפֿילע.

— עט, נו, — האָט זײ רעב עליע באָרד אָפּגעענטפֿערט, — איך האָב דערפֿאר קײן מוירע ניט; דאָס זײַנען נישט אזעלכע לײַט, ס'איז נישט קײן הונגעריקע אקטיאָרן.

— וואָס־זשע פֿאָרט איז דאָס פֿאר אן אוודע — מענטשן קומען צו פֿאָרן אין שטאָט אָן שום געשעפֿט, זיצן גאנצע טעג פֿארשלאָסן, און קומט באנאכט, גײט מען מאכן א שפּאציר מיט דער לעוואָנע. זעט נאָר, רעב עליע, ס'איז ניט גלאט. קוקט זיך נאָר צו, עפּשער קאָכט זיך בא זײ ספּירט אָן אקציז, אוכדוימע אזעלכע זאכן? איר קאָנט נאָך האָבן אױף זיך נאָכדעם א פּעקל. רעב עליע, פֿאָלגט וואָס מע זאָגט אײַך, קוקט אײַך גוט צו...

יאמפּעלער ייִדן האָבן ניט געוואָלט וואַרטן, ביז רעב עליע וועט זיך אמאָל ארומקוקן. זײ האָבן זיך מעיאשעוו געווען און האָבן א פּאָר מאָל אלײן אונטערגעגאנוועט זיך אונטער דעם פֿענצטער, געוואָלט כאפּן א קוק אין זאל ארײַן, זײַנען אָבער געווען אראָפּגעלאָזט די פֿאָרהענגלעך, איז מען נעבעך אוועק מיט א נאָז.

און יאמפּעלע האָט געפּאסקנט, אז דאָס באדארפֿן זײַן אָדער צוויי מעשוגאָים, אָדער דאָ מוז ליגן עפּעס א פֿארבאָרגענע זאך, וואָס מע מוז דאָ געוואָר ווערן, עס זאָל זיך איבערקערן אפֿילע די גאנצע וועלט!

און יאמפּעלע האָט גענומען גראָבן, זוכן, נישטערן, נאָכקוקן, שמעקן — עס האָט נישט געהאָלפֿן קײן שמאַ־ייִסראָעל — מע ווײסט ניט! ביז גאָט האָט ראכמאָנעס געהאט און אין עטלעכע טעג ארום איז צוגעפֿאָרן צו דער זעלבער אכסאניע צוויי בוידן. פֿון אײן בויד איז אראָפּגעקראָכן א הויכער ייִד, א גראָבער; מיט א שײנער באָרד, מיט א גרויסער גאָלדענער קײט

איבערן גאנצן זשילעט, ווייזט אויס, א ייִד א נאָגיד, און טיי־
קעפ נאָך אים — א הויכע ייִדענע מיט א דרייַגאָרנדיקן גוידער,
מיט א האלדז פערל און מיט א פאריק אפן קאָפּ. און פון
דער אנדערער בויד איז אראָפּגעקראָכן א קליין ייִדל, א שווארצס,
מיט שווארצע געקרייַזלטע האָר, אביסל א סטולעוואטער, מיט
אן אייַנגעבויגענער נאָז און מיט א נידעריקער ריִע, און נאָך
אים א ייִדענע — א קלייניטשקע, א ווייַסע, מיט קלייַנע אפן פּאָ־
נעם, און מיט א זייַדן טיכל אפן קאָפּ, און מיט א פאר־
טעך.

ביידע פּאָרלעך זייַנען געווען עפּעס ווי צערודערט, צווישן
זיך ווי באַרויגעז, נישט גערעדט איינס מיט דאָס אנדערע. רעב
עליע באָרד איז זיי ארופגעקומען אנטקעגן, אָן א קאפּאָטע, ווי
געוויינטלעך, מיט א באָרעכאבע און מיט א שאָלעם־אלייכעם.

— פונוואנען קומט מען אָן?

— פון מאזעפּעווקע, — מאכט צו אים דער גראָבער, וואָס
מיט דער גאָלדענער קייט, — בא אייַך האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט
מיט עטלעכע טעג צוריק א באָכער מיט ווייַסע האָר?

און טייקעף נאָכן גראָבן ייִדן רופט זיך אָן דאָס קליינע
שווארצע ייִדל:

— בא אייַך האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט מיט איניקע טעג
צוריק א מיידל מיט שווארצע געקרייַזלטע האָר?

— וואָס איז דען? — מאכט רעב עליע, — וואָס געהערן זיי
זיך אָן מיט אייַך?

— דאָס איז מייַן זון, — מאכט דער גראָבער.

— דאָס איז מייַן טאָכטער, — מאכט דער שווארצער.

— ווען איז געווען די כאסענע? — רופן זיך אָן ביידע
ווייַבער מיטאמאָל צו רעב עליען.

— וואָסער כאסענע? — מאכט רעב עליע פארוווּנדערט.

— נאָך נישט געווען די כאסענע? — רופן זיך אָן ביידע
ווייַבער נאָך מער פארוווּנדערט.

— פרעגט מיך בעסער נישט, — זאָגט רעב עליע, — איך ווייס גאָר ניט, צי באַדאַרף זיין א כאַסענע.

אלע אָנגעקומענע פאַרשוינען האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און א פרעג געטאָן:

— אָבער זיי זיינען דאָ בא אייך? וואָזשע, ווו שטייען זיי?

— קומט, — מאַכט צו זיי רעב עליע און איז זיך מאַמעש מע־כאַיע, וואָס אַצינד וועט ער שוין געוווירע ווערן ווער דאָס איז. און די גאַנצע כאַליאַסטרע לאָזן זיך גיין אַלץ איבער דעם איי־גענעם בלאָטיקן הויף, מיט די באַלעגאָלישע פערד, מיט דער אייגענער קיך, מיט דער אייגענער יידענע, מיט דער אייגענער פאָמויניצע, מיט די אייגענע קישקעלעך פון די אויסגעמאַכטע אויפעס, ביז מען איז צוגעגאַנגען צו דער „זאַל".

צוגעגאַנגען צו דער זאַל, האָט רעב עליע פּאַוואָלינקע א קלאַפּ גע־טאָן אין טיר:

— עפנט! עפנט אויף, זייט מויכל.

מע ענטפערט נישט. רעב עליע קלאַפּט שטאַרקער.

— זייט־זשע מויכל, עפנט אויף!

סע שטיל. רעב עליע קלאַפּט נאָך שטאַרקער.

— עפנט! עפנט! געסט זיינען צו אייך געקומען! אייערע פאָטער און מוטער פונדערהיים זיינען געקומען! אָט שטייען זיי אָט דאָ בא דער טיר. ענטפערט, פאַרוואָס ענטפערט איר ניט? אַזוי? זיינען זיי גאָר פון מאַזעפּעווקע, הייסט עס? האָסטו געהערט א מייסע?

— זיי קערן שלאָפן, — מאַכט רעב עליע ווי צו זיך אַליין, — זיי שלאָפן טאָמיד באַטאָג, גאַנצע טעג שלאָפן זיי, און קומט באַנאַכט, גייען זיי אָפּ שפּאַציר. איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז זיי זיינען מאַזעפּעווקער. איך האָב געמיינט זיי זיינען פון קעשעניעוו. נו, עפנט! עפנט! פאַרוואָס רופט איר זיך ניט אָפּ? אביסל א שלאָף אָפּ זיי! איר לעבט, צי איר זיינט אויסגע־שטאָרבן? נו, עפנט! עפנט! עפנט!... וואָס הייסט דאָס? וואָס

זאָל דאָס באַטײַטן? מע באַדאַרף גײן זײ עפֿענען אַ פֿענצטער, װעלן זײ זיך פֿון דער שײַן אױפֿכאַפּן.

און רעב עליע איז אַװעק דורכן הױף צוריק אױף דער גאַס עפֿע־נען אַ פֿענצטער, און די געסט זײַנען געבליבן שטײן פֿון דער זײַט טיר. פּלוצעם הערט זיך אַ געשרײ:

— גװאַלד! ייִדישע קינדער! קומט אַהער! אַן אומגליק! גיכער! גיכער!

די געסט, און די גאַנצע אַכסאַניע, און די גאַנצע גאַס, און דער גאַנצער מאַרק איז זיך צונױפֿגעלאָפֿן אױף דעם דאָזיקן געשרײ. איטלעכער, װאָס ס'איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער און אַ קוק געטאָן אין זאַל אַרײַן, איז אָפּגעשפּרונגען צוריק מיט אַ מוירע, מיט אַזאַ שרעק, גלײַך מע װאָלט דערזען פֿאַר זיך דעם מלאך־המװת. ס'איז געװאָרן אַ ליאַרעם. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צונױפֿגעלאָפֿן. עס איז געקומען פּאָליצײ, דער דאָקטער, מיטן פֿעלדשער, און גלאַט קריסטן. מען האָט אױסגעבראָכן די טיר און מע האָט געטראָפֿן די פּאָר אַרומגענומענע, אײַנגעפֿלאָכטן זיך מיט די הענט. זי איז געלעגן אױפֿן בעט מיטן קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען, די האָר צעװאָרפֿן, די אױגן אָפֿן, שײן װי אַ פּרינצעסן, דאָס מױל עטװאָס אָפֿן, װי מיט אַ שמײכל אױף די טױטע ליפּן; און ער — דעם קאָפּ באַהאַלטן בײַ איר אױפֿן האַרצן, װי אַ מענטש װאָס שלאָפֿט, נאָר די אַראָפּגעהאַנגענע פֿאַרגליװערטע פֿיס האָט באַװיזן, אַז ער איז טױט... זײ זײַנען בײדע געװען קאַלט װי אײַז... אױפֿן טיש איז געשטאַנען אַ פֿלעשל און אַ גלעזל, ניט אינגאַנצן אױסגעטרונקען, און קײן שום בריװ האָט מען ניט געפֿונען אין ערגעץ, קײן שום שטיקל פּאַפּיר, קײן דרײַ װערטער נישט אַפֿילע — װיפֿל מע האָט נישט געזוכט, װיפֿל מע האָט נישט איבערגעקערט די שטוב אין אַלע װינקעלעך.

III

דאָס ערשטע באגעגעניש פונ אונדזער פאָרל.

אויב איר האָט צײַט, פאָרט זיכ דורכ צו אונדז אינ מאזעפעווקע, נישט צוליב עפעס א מיסכער, וואָרעמ בא אונדז איז די פארנאָסע נאָכ אלצ שטארק געשלאָגנ; נישט אפ צו קורירנ זיכ זאָלט איר קומענ קיינ מאזעפעווקע, וואָרעמ בא אונדז איז ניט קיינ אָרט צו היילנ זיכ; בא אונדז איז אנ אָרט פונ קרענקען. אדעראבע, מיר מיט אונדזערע ווײַבער גיבנ צו לייזנ קיינ יעהופעצ גענוג געלט די דאָקטוירימ מיט די פראָפעסאָרנ, וואָס 99 פראָצענט פראקטיקע ציִענ זיי פונ אונדז אונ פונ אונדזערע ווײַבער. נישט איינ מויער שטייט אינ יעהופעצ פאר אונדזערע מאזעפעווקער ייִדישע קערבלעכ. אויכ אָדעס איז גוט באוווסט אונדזערע „רעמאטיזניקעס", וואָס מיר טראנספאָרטירג אהינ אלע זומער אפנ „לימאנ". באטאָג גייענ זיי דאָרט איבער די הײַזער, אונ באנאכט באָדנ זיי זיכ אינ יאמ אונ זײַנענ, אפאָנעמ, זייער צופרידנ, וואָרעמ איבעראיאָר, אימירצעשעמ, פאָרנ זיי ווידער אהינ...

אז איר וועט קומענ צו פאָרנ בעשאָלעמ קיינ מאזעפעווקע, זאָלט איר זיכ מאטריִעכ זײַנ אפ דער ברוקירטער גאס שאבעס באטאָג נאָכנ טיש, ווענ ייִדנ באלעבאטימ רוענ, געניסנ אוינעגשאבעס, כראָפענ אונ פײַפנ אפ אלערליי נאָטנ. דעמלט טוט זיכ דאָס אביסל אָנ יונגווארג יאָנטעוודיק, מיידלעכ צירענ זיכ אויס, ווי די פריצעס, לעהאוודל, אונ מע גייט „אפ דעמ שפאציר". דעמלט ווערט די גאס פארפלייצט מיט זײַדענע קליידלעכ, סאמעטענע מענטעלעכ, מיט בראָנזנ, גאָלדענע קייטלעכ, היטלעכ, זאָנטיקלעכ, הענטשיקלעכ, פעדערנ — אלערליי פארבנ, מערסטנטייל געלע אָדער „טונקל־גרינ־פאָפעליאטע" — די צוויי באליבטע פארבנ, וואָס זײַנענ שטארק אָנגענומענ בא אונדזערע מאזעפעווקער „דאמענ" אונ „מאמזעלנ". אזוי, אז טאָמער באגעגנט איר ערגעצ

אין יעהופּעץ אין א גאָרטן, אין טעאטער אָדער באַם פּראָפעסאָר א פּאָר דאמענ (זיי גייען קיינמאָל נישט אליין, שטענדיק אינצווייען, אינדרײַען און אמאָל אינפירן), מיט געלע מענטעלעך, טונקל־גרויע־פּאָפּעליאטע קליידלעך, און זיי רעדן גאנץ ברייטלעך. הויך, אויסגעצויגן און מיט א ניגנדל, באדארפט איר זיי נישט פרעגן פונוואנען זיי קומען אָן: דאָס זײַנען אונדזערע, און אויב איר האָט אין מאזעפּעווקע עמעצן א קאָרעוו אָדער א באקאנטן, מעגט איר דורך זיי איבערגעבן א גרוס...

אין איינעם פון די גאנץ הייסע זומערדיקע שאבאָסים האָט דינע (אָט וועט איר באלד וויסן ווער זי איז) שפּאצירט איבער דער געברוקירטער גאס מיט נאָך מיידלעך. דינע מיט איר נאטירלעכער, ניט געמלאָכעטער שיינקײַט, מיט איר גרויסארטיקן ארויסטריט און מיט אירע דאפּקע פּראָסטע, וואָלוועלע, נאָר ריינע קליידער, האָט אויסגעזען צווישן אלע מאזעפּעווקער געלע־טונקל־גרינע־פּאָפּעליאטע מאמזעלן, ווי א געבוירענע פּרינצעסן, אָדער ווי א קאלע פארן באדעקנס. אָפּמאָלן זי דאָ פאר אײַך, רעכן איך, איז איבעריק: ערשטנס, זײַנען נישט אלע גוסטנס גלײַך — וואָס איינעם געפעלט, געפעלט דאָס ניט דעם אנדערן; און צווייטנס, איז דאָס אומעגלעך—א פּען איז ניט קיין פאָטאָגראפיע, און א פאָטאָגראפיע אליין איז אויך א טויטע זאך. עס וועט אײַך שוין זײַן גרינגער, אז איך וועל אײַך, לעמאָשל, זאָגן, אז דינעס אויגן זײַנען שווארץ, ווי די נאכט, און טיף, ווי דער יאם? און אז אירע שווארצע געקרײַזלטע האָר האָבן ארומגעברעמט איר ליכטיק פּאָנעם מיט איר קלאָר־ווײַסן האלדז? אָדער וואָס וועט אײַך שוין זײַן אזוי גוט, אז איר וועט שוין וויסן, אז דינעס נאָז איז מיט א בערגל — א יידישע נאָז, וואָס ניט באַ איטלעכן האָט דאָס דעם אייגענעם כיין? אָדער אז איך וועל אײַך זאָגן, אז זי איז א קורצזיכטיקע, און דאָס קורצזיכטיקײַט אירס פּאסט איר דאפּקע צום פּאָנעם? באָכערים שוין דערוואקסענע, מיט סימאָנים פון בערדלעך, האָבן געקוקט אף דינען מיט אָפּנטלעך

פארגעניגן און מיט פארבאָרגענער ליבשאפט, אָפטמאָל גע־טראכט וועגן איר אפן געלעגער און געזען זיך מיט איר נישט איין מאָל נאָכדעם... אין כאָלעם. מיידלעך האָבן מעקאנע געווען, איר נישט פארגינענ, געזוכט אפ איר כעסרוינעס, און נישט געפונען.

צווישן די באָכערים, וואָס האָבן דעם שאבעס באטאָג שפּא־צירט אפ דער געברוקירטער גאס, איז געווען איינער א הויכער, מיט בלאָנדע האָר, מיט גוטע בלויע אויגן, מיטן נאָמען דאָוויד, וואָס איז נאָרוואָס געקומען צו פּאָרן פון דער גרויסער שטאָט קיין מאזעפעווקע צוגאסט. דערזען דינען, האָט ער זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט און א פרעג געטאָן בא זײַנע געוועזענע כאוויירים:

— ווער איז אָט דאָס מיידל?

— דאָס איז אונדזער צירונג, — האָבן די כאוויירים אים געענטפערט, — מע רופט זי „די שיינע דינע”.

— דינע? האָט דאָוויד זיך אָנגערופן אזוי הויך, אז דינע האָט דערהערט איר נאָמען און האָט א קוק געטאָן אפ אים מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן.

— ווער איז אָט אָ יענער הויכער? — האָט זי א פרעג געטאָן בא אירע כאווערטעס.

— דאָס איז דאָך פישמאנס זונדל, וואָס איז געקומען צו פּאָרן אפ יאָנטעוו אהיים.

— דאָוויד? אָט דאָס איז דאָוויד? — רופט זיך אָן דינע אויך אזוי הויך, אז דאָוויד, וואָס איז געגאנגען פארבײַ, האָט זיך אָפּגע־שטעלט, און זייערע אויגן האָבן זיך באגעגנט.

זייערע אויגן האָבן זיך באגעגנט, און זייערע הערצער האָבן זיך אופגעכאפט. עס האָט זיך אופגעוויקלט פאר זיי א גאנצער קנויל פון זיכרוינעס פון אמאָל. זיי האָבן זיך ביידע דערמאָנט אָן זייערע קינדערשע יאָרן, און עס זײַנען אופגעשטאנען פאר זייערע אויגן בילדער שוין אָפּגעריבענע און סצענעס שוין לאנג פארגעסענע. מאכשאָוועס, זיכרוינעס פון קינדהײַט, זײַנען, ווי

לאנג געשטאָרבענע, פון יענער וועלט געקומענע מײַסים, וואָס זײַנען אונדז ליב, וואָס זײַנען אונדז טײַער, אײַנגעבאַקן אין הארצן. דינע האָט ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס האָט איר דאָס הארץ אזוי אָנגעהויבן קלאפּן, אז זי האָט דערזען דאָווידס גוטע בלויע אויגן, און דאָוויד האָט ניט געקאָנט פארשטיין, פאר־וואָס האָט די ברוקירטע גאס מיטאמאָל באקומען אין זײַנע אויגן אזא פולן כיין, אז ער האָט גאָרניט געוואָלט אוועקגיין פונדא־נען. און זיי האָבן זיך נאָך לאנג, לאנג ארומגעדרייט הין און צוריק אָט דאָ אפן דער גאס. זיי האָבן זיך גאָרנישט ארומגע־קוקט, אז ס'איז שוין פארגאנגען שטערן, אז מע האָט שוין אָפּגע־דאַוונט מײַרעוו אין אלע שולן און אז מע האָט שוין מעקאדעש געווען די לעוואָנע. אז דינע איז געקומען א פארפלאמטע אהיים, האָט זי די מוטער, לייע די צעלניקערן, באגעגנט מיט א באַרעכ־אבע:

— ווו ביסטו דאָס געווען אזוי שפּעט? וואָס ביסטו אזוי פארפלאמט? גיי קוק זיך אָן אין שפּיגל וואָס פאר א פּאָנעם דו האָסט!

דינע האָט פארבײַגייענדיק געכאפּט א קוק אין שפּיגל און האָט זיך אליין דערשראָקן פאר אירע פארפלאמטע באקן און פאר אירע אויגן, וואָס האָבן עפּעס מיטאמאָל באקומען א מע־שונע מאָדנעם גלאנץ, ווי נאָך קיינמאָל ניט. און אויך אין הארצן האָט זי זיך געפילט אזוי ווי נאָך קיינמאָל נישט אין איר לעבן... זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שאבעסדיקע קליידער, גע־כאפּט אפ זיך א קלאָר, ווײַס קאָפּטל, אין וועלכן זי האָט אויס־געזען נאָך שענער ווי פריִער, און האָט זיך גענומען צו איר שטוב־ארבעט: פארקאָכן טיי, איבערוווישן די גלעזער, געבן די קלענערע קינדער עסן, אויסטאָן זיי און לייגן זיי שלאָפן. שפּע־טער, אז דינע האָט דאָס אלץ אָפּגעטאָן, ארויסגעקוקט אין דרויסן ארויס, באטראכט דעם טונקל־בלויען הימל מיט די פינקלדיקע בריליאנטענע שטערן, איז זי אוועק אינגאנצן אין אירע געדאנקען.

ווער איז געווען דינע, און פאַרוואָס זיינען אירע געדאנקען געווען אזוי ניִשט פרייליכע?

IV.

די „טויטע גאס״ מיט אירע איינוווינער און דינע מיט אירע פריידן און ליידן.

איין גאס איז פאראן אין מאזעפעווקע אזעלכע, וואָס מע רופט זי „די טויטע גאס״. קערט איר מיינען, אז זי הייסט אזוי דערפאר, ווייל זי איז טויט, ס'איז דאָרט ניטאָ קיין לעבן? האָט איר א טאָעס. אדעראבע, דאָ איז שוין צופיל לעבן. יידן זיצן דאָ קאָפּ אף קאָפּ אין א שרעקלעכער ענגשאפט, א דערשטיקעניש, עטלעכע מישפּאָכעס אין איין שטיבל, עטלעכע באלעבאָסטעס בא איין אויוון, א קלייטל אף א קלייטל, און קומט זומער, קריכן ארויס אפן גאס, ווי ווערעם, קליינע קינדער, נאקעטע און באָרוועסע, וואלגערן זיך אפן מיסט, אָדער זיי פּאָליוסקען זיך אין דער בלאָטע. מענטשן קיין איינהאָרע אוף־און־אָפּ, צומיינסטנס אָרעמעלייט, גייען ארום מיט פארטארעראמטע פּענעמער, וואָס אף זיי שטייט אופגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס: „ווו נעמט מען אף שאבעס״?... קרעמערס קוקן ארויס אף קוינים, סאָכרים דרייען זיך ארום, טאָמער וועט מען עפּעס האנדלען, באלמעלאָכעס האָרעווען, מעלאמדים קנעלן, כאזאָנים לערנען זיך זינגען, אָרעמעלייט גייען איבער די הייזער, און ווייבער קיין איינהאָרע, אויך ניט צו פארזינדיקן, מיט קאָשעקעס און אָן קאָשעקעס, אלערליי מינים און געשטאלטן: לאנגע און קורצע, אָפּגעריסענע, געזונטע און יאדישליווע, אזעלכע, וואָס מוזן זיך אָפּשטעלן אלע מינוט זיך אויסהוסטן — אלע לויפן, אלע כאפּן זיך, מע האָט קיין צייט ניט. אלע רעדן, שרייען, ליארעמען, פּילדערן, גלייך ווי בא זיך אינדערהיים. עס קאָכט ווי אין א קעסל אף דער „טויטער גאס״.

ווײַבאַלד אזוי, פאַרוואָס־זשע רופט מען זי די „טויטע גאס״? דערפאַר ווײַל זי שטייט אַף יענער זײַט בריק, ניט ווײַט פונעם בעסוילעם, און פאַרבײַ איר טראָגט מען דורך אַלע טויטע. די אײַנוווינער פון דער „טויטער גאס״ זײַנען שוין אזוי אײַנגעוווינט געוואָרן צו דער שווארצער מיטע מיטן שווארצן צודעק, מיטן קלאַפּ פון דער פּושקע „צדאָקע טאציל מימאָוועס״, אז ס׳איז בא זיי א וואָכעדיקער גאנג: זיי שטעלן זיך נאָר אָפּ אַף א ווײַלע און טוען א פרעג: „ווער איז געשטאָרבן?״ — און גייען ווײַטער.

אָט דאָ אַף דער גאס איז געבוירן געוואָרן, דערצויגן געוואָרן און אויסגעוואקסן אונדזער שיינע דינע, ווי מע זאָגט, אַף גאָטס כאסאָדימ און אַף לײַטישן גענאָד, ווײַל איר פּאָטער און מוטער זײַנען געווען ביידע מארק־מענטשן — ער, יעשוע־יאנקל, האָט זיך ארומגעדרייט אין מארק, טאָמער א פּאָרעצ, טאָמער א פּארדינסטל, טאָמער דאָס, טאָמער יענץ (פאַראַן אסאך אזעלכע אין מאזעפּעווקע, וואָס לעבן פון „טאָמער״), און זי, לײַע די צעלניקערן, איז געווען א איישעס־כאיל, געפירט א צעלניק־קראָם בעיערושע פון איר מוטער, כאוועלע די צעלניקערן. וואָס האָט לײַע געהאט פון דער קראָם איז שווער צו וויסן: ס׳האָבן זיך געבאָמבלט דאָרט עטלעכע קערבלעך, מע האָט געצויגן פון איר, וואָס מע האָט געקאָנט, אונטערפרישן איז ניט געווען מיט וואָס, געמוטשעט זיך, ווי אַלע קרעמער אין מאזעפּעווקע, אבי זיך שיינ אויסגעהאנדלט מיט דער וועלט, כאָלילע ניט אָנגעזעצט קיינעמ. פארנומען און פארטאראראמט איז זי געווען קעסיידער, ווי א גרויסער סויכער, בייז, זאָל גאָט שוימער און מאצל זײַן. פּלעג קומען פון קלייט פארנאכט אהיים, אויסגעמידט, הונגעריק און בארויגעז אַף איר מאן, דעמ שלימאזל, שרײַען אַף אים און שעלטן אים מיט טויטע קלאָלעס, אויסלאָזן צו אים דאָס גאנצע ביטער הארצ. דינע האָט שוין געוווסט, אז די מאמע האָט דעמלט געהאט א שלעכטן טאָג, קיין געלט ניט געלייזט, און

מאכמעס אזעלכע טעג זײַנען געווען בא לייען אָפטלעכ, פלעג, נעבעכ, איר פאָטער האָבנ ביטערע נעכט, אויסהערג פונעמ ווײַב די גאנצע טויכעכע, אָנרוקנ דאָס היטל און שווײַגג—דאָס בעסטע מיטל, וואָס קענ נאָר זײַנ אפ דער וועלט קעגנ א ווײַב—א שלאק. דינע האָט ראכמאָנעס געהאט אפ איר פאָטער. זי פלעג שוינ פילנ נאָכנ קלונג פונ די שליסל, ווענ די מאמע איז אינ קאס און ווענ ניט, דאָס הייסט, ווענ זי האָט געלייזט געלט, און ווענ ניט. און דינע פלעג בעטנ גאָט, טפילע טאָנ שטילערהייט: „ריבוינעשעל־וילעמ, דערבארעמדיקער פאָטער, טו א נעס, אז די מאמע זאָל הײַנט לייזנ אסאכ געלט, גאָטעניו, זיסער, הארציקער, געטרײַער!“... ניט אלעמאָל האָט דער ריבוינעשעלוילעמ צוגעהערט איר טפילע. לייע האָט געלייזט קאדאָכעס, ניט קיינ געלט. און יעשוע־יאנקל נעבעכ, איז אויסגעריכנ געוואָרנ—געטראָגנ אפ זיכ דעמ גאָלעס פונעמ ווײַב, דער גרעסטער גאָלעס אפ דער וועלט, דער גאָלעס, וואָס ציט זיכ פונ אונדזער עלטער־עלטער־זיידנ אָדעמ האָרישנ און וואָס ער וועט זיכ נאָכ ציִענ און ציִענ, קאָלזמאנ א מאנ וועט האָבנ א ווײַב... א שטיקל גליק וואָס א ייִד טרינקט קיינ בראָנפנ ניט און האָט מוירע פאר גאָט, אניט וואָלט יעשוע־יאנקל, זיכ גענומענ צומ פלעשל, וואָלט געוואָרנ א שיקער. און די געשעפטנ זײַנענ בא אימ געגאנ שלעכט, קיינ געלט האָט זיכ ניט פארדינט, צאָרעס האָט ער געהאט גענוג, האָט ער זיכ מעיאשעוו געווענ, האָט א שפײַ געטאָנ אפ דער וועלט און האָט זיכ ארײַנ־געלאָזט גאָר אינ שטאָט־זאכנ. געוואָרנ אומעטומ א קאָכ־לעפל. יווּ ערגעצ אנ אָרעמאנ, ווו ערגעצ אנ אלמאָנע, ווו ערגעצ אנ אומגליק, איז דאָרטנ יעשוע־יאנקל. טאָמער וועט זיכ אײַכ מאכנ, איר וועט זענ אינ מאזעפעווקע לויפנ א ייִדנ, מיט א שווארצ קײַלעכיק בערדל, אָפטמאָל באשטעקט מיט פעדערנ, דאָס היטל אינ א זײַט, די פאָלעס צעלאָזט, און אליינ איז ער פארטראָגנ, ווי אפ א יאריד,—זאָלט איר וויסנ, אז דאָס לויפט יעשוע־יאנקל. ער איז געווענ אפ אנ אָרעמענ בריס, אָדער כאָלילע אפ א

לעווײַע, אָדער בא א קראנקן, וואָס מע דארפ אימ ערגעץ קריגן א פערטל אָפ אפ א ײַיכל, אָדער גלאט אזוי עפעס וועגן א א שטאָט־זאך: זען דער ראָוו זאָל האָבן פונוואנען צו לעבן, דער שאמעס זאָל ניט שטארבן פונ הונגער, די טאלמעטוירע־ייִנגלעך זאָלן ניט גײן נאקעט (מײלע פונ באָרוועס איז שווער צו בא־וואָרענען) אוכדוימע. אסאָקימ, צו אלדי שווארצע יאָר!.. „זײַן אײסעק, אז די רעבעצן האָט ניט אפ שאבעס, באדארפ אימ דארן דער קאָפ!.. אשטײגער, וואָס גײט אימ אָן א ווײַב — ברענען זאָל אימ דאָס לײַב! צי א קינד — ווײ איז אימ אונ װינד! קוינימ — א כאָלערע זאָל אפ זײ קומען מיט אימ אינײנעמ! גיב זײ אפ באָרג — גיבן זאָל זײ גאָט א קרענק, אפ טיש אונ אפ בענק, א פולע שיסל אונ אימ אויך אביסל!"

אָט אזוי פלעגט לײע שילטן איר מאנ נאָכן גראמ, באגראָבן נײַן אײלן אינ דער ערד אָן א גראמ, אונ ער פלעג אָנרוקן דאָס היטל אונ שווײַגן. קײנער האָט ניט געפילט זײַן הארץ, אכוץ דינען. כאָטש זי איז געווען א קינד, דאָך האָט זי פארשטאנען דעמ פאָטערס אומגליק. דינע איז ניט געוואקסן צווישן קינדער, ווי אנדערע קינדער, זיך ניט געשפילט מיט קײן צאצקעס, ווי אנדערע מײדלעך, טאָמעד פארבראכט צווישן אלטע ווײַבער, גע־הערט ווי זײ וואָרטשען, קריגן זיך, שעלטן זיך, קרעכצן, קלאָגן זיך אפ די אלטע בײנער אונ אפ די שניר מיט די אײדעמס, וואָס זײַנען ניט יויצע קעגן זײ, גאָט־באָרוכהו זאָל זײ צאָלן! צווישן די דאָזיקע אלטע ווײַבער איז געווען אײנע א נאָענטע שכײנע, אנ אײַנגעבויגענע אינדרײַען, אנ אויסגעטריקנטע ייִדענע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אָן צײנ אונ מיט אסאך בראָדעווקעס אפן פאָנעמ. סאָרע־האָדיע האָט זי געהײסן. געווען זײער א פרומע, א ווילקענעוודיקע. פלעג האלטן אינ אײנ זאָגן טכינעס, באקאָ־שעס, סליכעס, טילימ, מאמאָדעס, מאכזער, האגאָדעס — וואָס איז איר געקומען אינ די הענט ארײַן, פלעג זי זאָגן. אונ אלץ מיט אײנ ניגן, מיט דעמ ניגן פונ „מײַנע־לאָשנ", וואָס מע זאָגט אפ

קייוועַר־אָוועס... דעם ניגן האָט דינע געהערט טאָג ווי נאכט, ער פלעג איר קלינגען אין די אויערן קעסיידער. אין שלאָף פלעגן איר זיך כאָלעמען טכינעס, באקאָשעס: ריבוינעשעלוילעם, דו האר פון אלע הארן! געבענטשט און געאכטעט זאָל זיין דיין נאָמען פון אייביק ביז אייביק! זאָלסט מיט דיין גרויס גענאָד פאר־געבן מיינע זינד, פארגעבן מיינע אוויירעס און זאָלסט אָפּמעקן מיין שולד... סאָרע־האָדיעס „אוויירעס", „זינד" און „שולד" זיינען, אפּאָנעם, געווען זייער פיל, וואָרעם לויט זי דערציילט זיך אָן פון אירע צאָרעס מיט די שלעק, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן אף איר לעבן, שטעלן זיך די האָר קאפּויר. שטעלט זיך פאָר, סאָרע־האָדיע האָט באגראָבן דרייצן קינדער, זעקס מאָל אָפּגע־ברענט געוואָרן, ארויס ווי די מאמע האָט זי געהאט, פינף מאָל ארויסגעפאלן פון א וואָגן בעשאס פאָרן אפן יאריד, פיר מאָל בא־גאנוועט געוואָרן ביזן לעצטן פאָדעם, דריי מאָל געלעגן אונטערן איין, שיר ניט דערטרונקענע געוואָרן, צוויי מאָל געזעסן אין טור־מע איבער א בילבל, איינמאָל געלעגן בא גאזלאָנים אונטער דער האק, היינט גלאט אזוי קליינע אומגליקן, פּכאָדים, צאָרעס, יע־סורים, הונגער און קעלט — א שרעק!... דינע האָט זיך מעכייע געווען, אז זי האָט אָנגעהויבן גיין אין כיידער אריין און איז פּאָטער געוואָרן סאָרע־האָדיען מיט אירע אומגליקן, מיט אירע פּכאָדים, מיט אירע טכינעס, באקאָשעס, און מיט אירע „אוויי־רעס", מיט אירע „זינד" און מיט איר „שולד"...

.V

ער און זי אין איין כיידער.

דינע איז געווען א געראָטן קינד. זי האָט גיך איבערגעיאָגט אלע יינגלעך, וואָס בא שעפּסל דעם מעלאמעד אין כיידער, און עס האָט מיט איר געשעמט די גאס. „א מאנצבלשע קאָפּ" האָט מען אף איר געזאָגט. יעשוע־יאנקל איז געווען אפן זיבעטן הימל:

גאָט האָט אים געשטראָפט, ער האָט נישט געהאט קיין זון, האָט ער געוואָלט, אז זיין טאָכטער זאָל כאָטש קאָנען איוורע, און פארוואָס ניט אָפלערנען א פארשע כומעש און אָנשרייַבן א יידישן בריוול? אפילע לייע איז אויך צוגעשטאנען דערצו, כאָטש פון אָנהייב איז זי געווען דערפון נישט אזוי צופרידן און געזאָגט, אז א מיידל באדארף ניט קאָנען לערנען, וואָרעם „א הון, אז זי הייבט אָן קרייען קוקורעקו, שיקט מען זי צום שויכעט". נאָר גאָרנישט, אויך די אייגענע מייַסע, אויב דו ווילסט לערנען, לערן, ווי זאָגט מען: „א מענטש זאָל אלצדינג קאָנען, און קיין זאך נישט באדארפן". — און דינע האָט געלערנט.

דינע איז געווען בא שעפסל דעם מעלאמעד איינ מיידל אינ ביידער, וואָס האָט געלערנט אכוץ שרייַבן, אויך טאנאך גלייַך מיט אלע יינגלעך; סע פארשטייט זיך, אז די יינגלעך האָבן זי ניט געקאָנט לייַדן. פריער האָבן זיי פון איר גלאט געלאכט, געמאכט כויזעק, נאָכדעם האָבן זיי איר אָנגעהויבן דאָקוטשען, טאָן צום טויט, געריסן באם צעפל, אָנגעשריבן אפ די פלייצעס מיט קרייַד „וואשטי" אוכדוימע אזעלכע יינגלשע כאָכמעס. נאָר מער פון אלע האָט זיך איר איינגעגעסן אין דער לעבער דאָוויד, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, „דעם נאָגידס זונדל".

דאָוויד איז געווען א יינגל מיט א שיינ וויַיס פענעמל, מיט בלויע, ווייכע, גוטע אייגעלעך, טאָמיד ריין, ציכטיק אָנגעטאָן און אביסל פארטראכט, האָט געהאט נישט קיין שלעכט הארץ, פלעגט ראכמאָנעס האָבן אפ אן אָרעמאן, העלפן אים מיט א שטיקל ברויט, א שטיקל צוקער, אמאָל מיט א גראָשן. נאָר פאר איין זאך האָט זי אים פייַנט געהאט און האָט געפילט, אז זי איז אים א סוינע: דערפאר, וואָס ער איז א „נאָגידס א יינגל", נישט ווייַל זי האָט אים מעקאנע געווען, אָדער נישט פארגינען, נייַן: נאָר דערפאר, וואָס אלע כאוויירים האָבן אים געכאנפעט, און מער פון אלעמען — שעפסל דער מעלאמעד. אָנקוקן האָט זי אים נישט געקאָנט, בעשאס ער פלעגט אים קוקן אין די אייגעלעך אריַין

און זאָגן: „דאָווידל, וואָס מאַכט עפּעס דער טאַטע?" גלײַך ווי איין טאַטע איז פאַראַן אַף דער וועלט — בא דאָווידן, און די אַלע איבעריקע טאַטעס פון די אַלע איבעריקע טאַלמידים זײַנען בלאָטע! עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָוויד פילט דאָס, וואָס ער איז אַ „נאָגידס אַ יינגל", און ער נעמט זיך דערמיט איבער, און עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן. איין מאָל האָט זיך דאָוויד עפּעס זייער שטאַרק באַרימט פאַר די כאַווײרים מיט זײַן טאַטן: דער טאַטע קומט צו פאָרן, דער טאַטע האָט פאַרדינט געלט, דער טאַטע מויערט אַ נײַע שטוב... דינע, וואָס איז געזעסן באַ דער זײַט און געשריבן, האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן שמועס, און די אויגן האָבן זיך בעשאַס מײַסע באַ איר אָנגעצונדן מיט אַ מעשונע־מאָדנעם פײַערל.

— און מײַן טאַטע זאָגט, אַז ער געדענקט, אַז דײַן טאַטע איז נאָך געשטאַנען מיט אַ וואָגן פיש אינמיטן מאַרק און געשריגן: „ווײַבעלעך, אהער, ווײַבעלעך, פיש! פרישע צאַפּלדיקע פיש!"...

דער גאַנצער כיידער האָט ניט געענטפערט דאָס אַנדערע וואָרט; נאָר אין האַרצן האָט ער געטראָגן אַף דינען אַ פאַרבאָרגענע סינע. ס'איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער מענטש אַף דער וועלט, וואָס זאָל איך זאָגן אַ דאַנק דערפאַר, וואָס איר האָט געזאָגט דעם ריינעם עמעס. ניטאָ דער מענטש אַף דער וועלט, וואָס זאָל איך זײַן אַ סוינע דערפאַר, וואָס איר האָט אים געלויבט אין די אויגן, כאָטש ער ווייסט, אַז איר זאָגט אַ ליגן..

אַז דאָוויד איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט דערציילט דער מאַמען, אַז באַ זיי אין כיידער איז פאַראַן אַ מיידל — הייסט זי דינע, זאָגט די דאָזיקע דינע, אַז איר טאַטע געדענקט, אַז מײַן טאַטע איז געשטאַנען מיט אַ וואָגן פיש אינמיטן מאַרק און געשריגן: „ווײַבעלעך, אהער, ווײַבעלעך, פיש! פרישע צאַפּלדיקע פיש!"...

דערהערט אַזאַ מײַסע, איז דאָווידס מאַמע געקומען צו לויפן אין כיידער אַרײַן און האָט מעכאַבעד געווען שעפּסלען דעם

מעלאמעד, אימ געמאכט א וויסטנ סאָפּ, געזאָגט, אז זי וועט אָפּנעמען איר זונ פונ כיידער... איז שעפּסל געוואָרנ אָנגעצונדנ אונ האָט ארויסגעטריבנ דינענ פונ כיידער. האָט דאָך דינעס מוטער, לייע די צעלניקערנ, מיסטאמע געגעבנ יעשוע־יאנקלענ א וויסטנ פּסאק, וויפל ס'איז אינ אימ ארײַנ, אונ צו דינענ האָט זי געזאָגט:

— גענוג שוינ, טאָכטערל, דו קאָנסט שוינ! צײַט זאָלסט זיך בּעסער צולערנענ צו זײַנ א קרעמערנ, א בּאלעבּאָסטע אינ שטוב, העלפנ דער מאמענ. „האָרעווע, מיידעלע, וועסטו האָבּנ א קליידעלע”, — האָט לייע צעלניקערנ אויסגעלאָזט, ווי איר שטייגער, מיט א ווערטל.

אונ דינעס גליקלעכע קינדערשע יאָרנ האָבּנ זיך אויסגעלאָזט, זי איז געוואָרנ א קרעמערנ אונ א בּאלעבּאָסטע אינ שטוב.

.VI

דינע ווערט אנ איישעס־כאיעל, לייענט בּיכלעך אונ בּאקאנט זיך מיטנ אפּטייקער פּאנ יאסטרעמבּסקי.

אזעלכע מיידלעך—קרעמערנס זײַנענ פאראנ אינ מאזעפּעווקע אסאך. אז איר וועט מיט זיי רעדנ נאָר עטלעכע ווערטער, וועט איר זיי דערקענענ: בּא זיי אפנ פּאָנעמ שטייט אָנגעשריבּנ „איישעס־כאיעל”. צווישנ זיי זײַנענ דאָ אזעלכע, וואָס ס'איז א פארגעניגנ מיט זיי צו רעדנ. זיי זײַנענ בּא זיך פּראָסט, האָבּנ נישט אינ זיך די געוויסע מיידלשע טנועס: דרייענ זיך נישט, בּרעכנ זיך נישט, מאכנ נישט קיינ פּיסקלעך, אונ איר פילט זיך מיט זיי זייער אָנגענעמ. איינע פונ די דאָזיקע מיידלעך איז געווענ דינע, וואָס מיט דער צײַט, אז זי איז אונטערגעוואָקסנ, איז זי געוואָרנ דער גאנצער קאָפּ אינ קלייט. קיינער האָט נישט געקאָנט רעדנ אזוי געלאסנ מיט א קוינע, ווי דינע; קיינער האָט נישט געוווסט אזוי, וואָס אינ קלייט טוט זיך, ווי דינע, אונ מיט קיינעמ האָט מענ אזוי נישט ליבּ געהאט צו האנדלענ, ווי מיט דינענ. יעשוע־

יאנקל איז פארטראָגן מער אין שטאָט־געשעפטן, ווי אין קלייט, און לייע איז א „שוועבעלע" און דערצו נאָך א „יאקרענטע", האָט ליב אויסבעטן א מעקעך דרײַ מאָל אזויפיל, און בעשאס מײַסע שווערן זיך בא אירע הייליקע נעמאָנעס און ווינטשן זיך די מייעס „מיט אײַך אינײנעם", וואָס עס קאָסט זיך אסאך טײַערער אין קערן. אלע ווייסן אָבער, אז לייעס נעמאָנעס מיט לייעס שווערן זיך איז ווערט דרײַ גראָשן. איר באדארפט וויסן, אז א מאזעפּעווקער קוינע, אז מען שווערט שוין אים גוט אָפּ און מע זאָגט אים שוין דעם „רעכטן לעצטן פון אלע לעצטע אפּ הייליקע יידישע נעמאָנעס" — נעמט ער ערשט די סכוירע נאָכאמאָל אין די הענט אריין, טראָגט עס צו גאנץ נאָענט צו דער נאָז, טאפּט און טאפּט און הייבט אָן נאָכאמאָל פון „מאטויווו": הערט נאָר, אויב איר קאָנט מיר אָפּלאָזן, אזויווי איך האָב אײַך געזאָגט, איז גוט .. דערפאר אָבער, אז דינע האָט געזאָגט לעצט, האָבן אלע געוווּסט, אז ס'איז לעצט, און אז זי האָט געזאָגט דאָס וואָרט „בענעמאָנעס" — איז דאָס געווען הייליק.

ווי אין קלייט, אזוי אויך אינדערהיים, אין שטוב איז דינע געווען די גאנצע באלעבאָסטע, הענ באם אײַנקויפן אפּן מארק, וועהען בא גיין ארום די קינדער. די קלענערע קינדער, וואָס האָבן געציטערט פאר דער מוטער איימעסמאָוועס, זײַנען געווען צוגעבונדן צו זייער עלטערער שוועסטער דינע און ליב געהאט זי ווי דאָס לעבן. אפּ אלצדינג האָט זיך געפונען בא איר צײַט: אפּ דער קלייט, אפּ דער שטוב, אפּ די קלענערע קינדער, און אפילע אפּ צו לייענען א ביכל, דען אין מאזעפּעווקע איז די שעפּע גרויס מיינסטנטייל ערעוו שאבעס. א גאנצע וואָך קאָנט איר זען די קרעמערס גאנצע טעג זיצן שפּילן אין „ביינדלעך" אָדער אין „ציג־און־וואָלף", און די קרעמערנס אינדרויסן אפּ די בענקלעך פירן רעכילעס, בארעדן די גאנצע וועלט. אין דער דאָזיקער פרײַער צײַט פלעגט זיך דינע פארקלײַבן אין קלייט און פארברענגען איבער די ביכלעך. ביכלעך פלעגט איר לײַען, ברענגען צו טראָגן

אין קלייט אריין פאן יאסטרעמבסקי, דער פראָוויזאָר פון דער אפטייק, אן אלטער פוילישער באָכער מיט א רויטער נאָז, מיט א גלאנצנדיקער ליסינע און מיט בלויע ברילן. פאן יאסטרעמבסקי איז א גוטערברודער, אויסגעבונדן מיט אלע יידן אין מאזעפעווקע, קען אלע מיידלעך בא די נעמען, רעדט יידיש ווי א ייד, ווייסט אסאך לאָשן־קוידעש־ווערטער: „אימירצעשעם, אלקאָלפּאָנעם, מאכ־טייסע, אדעראבע, לעמיי, א נאפקעמינע״ אוכדוימע אזעלכע ווער־טער, וואָס זיינען אריין אין אונדזער זשארגאָן, האָבן זיך דאָרטן באזעצט און פילן זיך גאנצ היימיש. פאן יאסטרעמבסקי איז א שטיקל פארשלעפּטע קרענק, דאָס הייסט, א פריילעכער יונג, אָדער א שלימאזל, ווי מע רופט אים בא אונדז. ער האָט ליב טרייבן קאטאָוועס מיט אלע מיידלעך, וואָס קומען אריין אין אפטייק, אויספרעגן בא זיי „וואָס הערט זיך עפעס אין שטעטל?״, „וואָסער א גאבע האָט געכאפט פעטש פאר שישי?״, „ווען ווערסט דו, מייד־דעלע, אימירצעשעם, א קאלע ביז הונדערט און צוואנציק יאָר?״, „ווען איז בא דיר לעמאזל די כאסענע, אפ מיינע סאָנים געזאָגט געוואָרן?״, „סע שפּארט דיר שוין ווידער אונטערן לעפעלע, בא דיר בלייב עס?״... אוכדוימע. ס'פארשטייט זיך, אז מע ענטפערט אים נישט דאָס אנדערע וואָרט—ווער וועט זיך שטעלן מיט אים אויסטיינען, מיטן שלימאזל? מע צעלאכט זיך, מע ווערט רויט ווי פייער, מע טוט א זאָג שטילערהייט: „שלימאזל, מיינע צאָרעס אפ דיין קאָפּ!״, מע טוט א וויש די נאָז פונונטן ארויף און מע אנטלויפט.

אָט דער פאן יאסטרעמבסקי איז געווען אן אָפטער קוינע בא יעשוע־יאנקל צעלניקער און אביסל צו אן אָפטער אריינגייער אין קלייט אריין. עס קאָן זיין נישט אזוי צוליב צעלניקעריי, ווי צו־ליב זיין שיינער, קלוגער טאָכטער דינע, מיט וועלכער פאן יאס־טרעמבסקי האָט ליב געהאט צו פארברענגען. פאן יאסטרעמבסקי, אז ער האָט א פּאָר מאָל א רעד געטאָן מיט דינען, האָט ער ארויסגעזונגען, אז זי איז נישט פון די מיידלעך, וואָס מע טרייבט

מיט זיי קאַטאָוועס; ער האָט ארויסגעזען, אז איר קאָפּ קאָן פארשטיין גרעסערע זאכן, און איר נעשאָמע איז באשאפן געוואָרן צו פאר־נעמען העכערע איניאָנים. און אזויוויי דער גאנצער מיכער אין מאזעפּעווקע איז מיט פּריצים, און די פּריצים זיינען צו־מיינסטנס פּוילן, דעריבער קאָנען דאָרט אַלע יידן און אַלע ווייבער פּויליש רעדן, און ס'איז דעריבער קיין חידעש ניט, וואָס דינע האָט געקאָנט לייענען און פארשטיין א פּויליש ביכל, און פּוילישע ביכער האָט פּאַן יאסטרעמבסקי געהאט אסאך, צומיינסטנס ראָמא־נען... האָט ער זיי ביסלעכווייז איבערגעטראָגן צו דינען, און דינע האָט זיי פּאַוואָלינקע איינגעשלונגען. דינע האָט געלייענט, פּאַן יאסטרעמבסקי האָט אָנגעקוואָלן. די ליסינע האָט בא אים גע־גלאנצט, און די רויטע נאָז זיינע איז געוואָרן נאָך רויטער, און די ווייבער, די איבעריקע קרעמערנס אין מאזעפּעווקע, האָבן געשושקעט זיך, געשמאָרעט מיט די נעזער, אונטערגעהוסט, גע־מאכט מיט די אייגעלעך פון אונטן ארויף, געטייטן מיט די פינגער אהין, אַף לייע צעלניקערנס קלייט אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מע האָט דינען געגומען אין די מיילער אריין, ווי דער שטייגער איז אין א קליין שטעטל, ווו די ווייבער זיינען גרויסע צנועס, קאָנען קיין אוולעס נישט ליידן, זיי וועלן נישט דערלאָזן בע־שומויפן, אז בא זיי זאָל זיך עפּעס טרעפן אזעלכעס, וואָס די גאנצע וועלט זאָל דערנאָך מיט זיי האָבן צו טאָן... אז די מייסע איז אָנגעקומען צו לייען, איז געווען „הימל עפן זיך". עס זיינען געפלויגן צווישן לייען מיט אירע שכיינעס שטעכווערטלעך, קלאָלעס און פייגן פון ביידע צדאָדים, און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס פּאַן יאסטרעמבסקי האָט אופגעהערט צו גיין אין קלייט אריין, דינע האָט אופגעהערט צו זיין מיט אים באקאנט, און קיין ביכלעך האָט זי שוין מער נישט געלייענט. זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט שטילערהייט אין א ווינקל, אויסגעווישט די אויגן און ארויסגעקומען צוריק אין קלייט אריין.

וואָס האָט דינע געוויינט? נישט אפן פּראָוויזאָר האָט זי

געוויינט, ניין! פאַנ יאסטרעמבסקי האָט פארנומענ נישט זייער קיינ גרויס אָרט באַ איר אינ הארצנ. דינע האָט געוויינט אפ דעמ, וואָס זי איז געבליבנ אָנ ביכער, אינ וועלכע זי האָט ערשט אָנגעהויבנ צו פילנ א טאַמ. דינע האָט געוויינט אפ דעמ, וואָס א יידישע טאָכטער איז אינ גאָלעס, וואָס ווילד־פרעמדע, ווער עס האָט גאָט אינ הארצנ, האָט אפ איר א שליטע, קאָנ איר זאָגנ א דייע, מיט וועמענ זי זאָל רעדנ און מיט וועמענ ניט. דינע האָט געוויינט אפ דעמ, וואָס אינ דער גאנצער שטאָט, צווישנ אזויפיל באקאנטע, האָט זיכ נישט געפונענ קיינ איינציקער מענטש, פאר וועמענ זי זאָל קענענ אויסרעדנ איר ביטער הארצ. דינע האָט געוויינט... נאָר ווער איז דאָס אימשטאַנד צו וויסנ אפ וואָס א מיידל, א יידישע טאָכטער, וויינט אמאָל, בעשאס עס דערגייט איר צומ הארצנ?...

VII

מע רעדט איר שידוכימ.

די מיַיסע מיט דעמ פראָוויזאָר דעמ „שלימאזל" האָט אָנגעארבעט אינ שטעטל א שטיקל קאָכעניש, אָבער נאָר אפ א ווײַלע. דינעס ריינ קלאָר אויסזענ, איר קוקנ איטלעכנ גלײַכ אינ די אויגנ אריַינ און איר באגיינ זיכ מיט דער וועלט האָבנ ארויסבאוויזנ, אז בייזע מײַלער האָבנ נישט געהאט וואָס צו טאָנ און האָבנ אומזיסט געשארפט זיכ די צינגלעכ. נישט אזוי אָבער האָט די זאכ אויסגעוויזנ באַ אירע עלטערנ. יעשוע־יאנקל און זײַנ ווײַב לייע, וואָס זײַנענ געוווינט געוואָרנ צו קוקנ אפ דינענ ווי אפ א קינד נאָכ, האָבנ מיטאמאָל דערזענ, אז זייער טאָכטער איז אויסגעוואקסנ, געוואָרנ א מיידל „צו לײַטנ", און מע האָט אָנגעהויבנ צו טראכטנ מעקויעכ א שידעכ טאָנ. עמעס, ס'איז לייענ געוועננ ניט גרינג צו שיידנ זיכ מיט דער גאנצער פירערנ אינ קלייט און אינ שטוב, נאָר וואָס זאָל מענ טאָנ? צוליב דעמ

וועט דאָך זייער טאָכטער ניט זיצן אַן אייביקע מויד. און רעב שאָלעמ שאדכנ איז געוואָרנ אַנ אָפטער גאסט בא יעשוע־יאנקלענ. פריִער איז ער אריַינגעקומענ קלוימערשט גלאַט אזוי זיך, א ביטל שמועסנ מיקויעך דעמ, יענעמ, לאָקש, בוידעמ, כאפּנ דערבײַ א קוק אפ דינענ, און ווי א קעצעלע זיך אונטערגאַנווענענ צו איִר מיט עפּעס א וואָרט. און נאָכדעמ איז ער ביסלעכוויַיז שוינ גלײַך, פּאָשעט און גאנצ אָפנטלעך אונטערגעפּאָרנ צו דינענ מיט א וואָרט און געקוקט בעשאסמײַסע נישט אפ איר, נאָר אפ זײַנ אייגענער באָרד.

— אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, וואָס פאר א מינ כאָסנ, וואָס, וואָלסט דו געהאט א האסאָגע, דו, איך זאָל דיר געבנ, איִך, הא? און רעב שלוימע שאדכנ האָט געעפנט זײַנ קראָמ פונ כאסאנים — א גאנצער אויצער — הענ פונדערהיימ, פונ מאזעפּעווקע, הענ פונ דער פרעמד: פונ טעטרעוויצ, פונ מאקאראָווקע, פונ קעשעניעוו, פונ וואָראָטילאָווקע, פונ יאמפּעלע און פונ סטריטש און אפילע פונ דער גרויסער שטאָט, פונ יעהופּעצ, ווי איינער רעדט: „סכוירע איז בא מיר פאראנ — קלײַבט אײַך אויס, וואָס אײַער הארצ גלוסט".

רעב שלוימע שאדכנ אליינ איז אפילע ניט אזא גרויסער בעריע אפ אויספירנ שידוכימ, נאָר וואָס העלפט דאָ בעריעשאפט? דער איקער איז מאזל. א שטיק האצלאָכע, אז גאָט גיט, איִז שוינ גענוג. לעמאָשל, נעמט אונדזער נאָגיד פישמאנ. וואָס איז ער געווענ פריִער? א גאָרנישט מיט א נישט. הײַנט איז ער א גאנצער מאכער. באשער וואָס? ער איז א באר־מאזל. עמעס, מע זאָגט, אז ער האָט באנומענ די שוטפימ פונ קאָפּ ביז די פיס, צוגעשטעלט אפ זיי פאלשע קוויטלעך, געסטראכירט און געברענט, געטאָנ מײַסימ „אשער לוי יעאָסו" — דאָס איז אלצ גערזאָגטע זאכנ. אנו, פּרוּווט איר מאכנ פאלשע קוויטלעך, פּרוּווט איר סטראכירנ און ברענענ — בלאָטע, אז ס׳איז ניטאָ קיינ האצלאָכע, וועט אײַך ניט העלפנ קיינ כאָכמעס... דאָס אייגענע איז מיט שאדכאָנעס:

איינעמ גליקט דאָס אָפּ, עס נעמט זיך אָנ ווי פּאָקנ, אונ דעמ אנדערנ גייט נישט, כאָטש צערייַס זיך; וואָס פאר א גלייַכע זאך ער זאָל ניט פאָרלייגנ, קומט דאָס אויס קרומ, ווי א קאָטשערע. וויל דער מעכוטנ, וויל ניט די מעכוטענעסטע, ווילנ זיי ביידע, וויל נישט יענער צאד; ווילנ ביידע צדאָדימ, ווילנ ניט כאָסנ־קאלע; ווילנ כאָסנ־קאלע, מישנ זיך אריַינ ווילד־פרעמדע אונ מאכנ קאליע. — „א שידעכ איז אנ איידעלע מאטעריע, נאָר א שלאפע, סע רייַסט זיך; שאדכאָנעס איז א גאנצ פייַנע פּארנאָסע, נאָר קיינ ברויט קאָנ מענ דערפונ נישט האָבנ, אפּ א קאפּאָטע אוואדע אונ אוואדע ניט“, — אזוי זאָגט רעב שלוימע שאדכנ, אונ פונדעסטוועגנ זוכט ער זיך ניט קיינ אנדער פּארנאָסע: „מיט קיינ ברויט, זאָגט ער, ווארפט מענ זיך ניט“, אונ ער שרייַבט זיך איבער מיט דער גאנצער וועלט, דאָס הייסט, מיט אלע שאדכאָנימ פונ דער וועלט, אונ די שאדכאָנימ שרייַבנ זיך איבער מיט נאָכ שאדכאָנימ, איינער שרייַבט דעמ אנדערנ, אונ סע פליִענ בריוולעכ אפּ דער וועלט, אז ס'איז כאראנ אינ מאזעפּעווקע בא האנאָגיד מעהורער יעשוע־יאנקל א טעכטערל — א זעלטענע יעפאס־טויער אונ א קענערנ דערצו, א באל־טאנאכ איינע אינ דער וועלט, דיקדוק, אונ געמאָרע, אונ שפּראכ, אונ „וואָס איר ווילט“, אונ צוליב איר הייבט מענ שוינ אופּ יעשוע־יאנקלענ אפּ דרוקעס אונ מע קרוינט אימ פאר א „נאָגיד“ אונ פאר א „יאכסנ“ אונ א „כאָכעמ“, א „לאמדנ“, א „מופלעג“, ווי געוויינטלעכ... די שידוכימ, וואָס רעב שלוימעס קאָרעספּאָנדענטנ האָבנ פּאָרגעלייגט, זייַנענ אלע געוועני די גרעסטע, די שענסטע אונ די פייַנסטע פונ דער וועלט, אונ ווערליק די שאדכאָנימ האָבנ געשריבנ, איז איטלעכער שידעכ געווענ ווי געווונטשנ אונ אינ איטלעכנ פונ זיי האָט געשטעקט א גליק פאר דער קאלע אליינ, פּאָר איר פּאָטער אונ מוטער, פאר דער גאנצער מישפּאָכע זייערער. שפּעטער, אז ס'איז געקומענ צומ צונויפּפּאָרנ אונ אָנקוקנ זיך, האָט זיך אויסגעלאָזט, געוויינטלעכ, א בוידעמ: דער גרויסער מעיוכעס איז

טאקע געווען א מעיוכעס, נאָר עס איז געווען א שטיקל כעסאָרן: די מישפּאָכע איז געווען פון גאָלע נידעריקע מענטשן... דער גוויר דער „מעפורסעמ״ איז טאקע געווען א גוויר, נאָר קיין געלט האָט ער נישט געהאט; דער „לאמדן״, דער „כאָכעמ״, דער „קענער״, דער „קאסוואָ־ראבאָ״ איז געווען אן אמהאָרעץ, קיין ציילעמ פון קיין אלעפ, אָדער א אידיאָט, אָדער א פּוסטער פראנט — א שארלאטאן, איינער ערגער פון דעמ אנדערן. רעב שלוימע שאדכן איז פונדעסטוועגן ניט אראָפּגעפאלן בא זיך אפ קיין האָר. „אלץ איניינעמ איז ניטאָ בא קיינעמ״, האָט ער געזאָגט מיט א ווערטל, „מיסטאמע איז דאָס ניט איר זיוועג, מיסטאמע״, און ער האָט ניט אופגעהערט צו שרייבן בריוולעך. דינען איז נימעס אומאָעס געוואָרן דאָס אָנקוקן אלע מאָל, מיט דעמ אויסהערן אלע מאָל די זיסע רייד, וואָס זיינע קימאט בא אלע כאסאנימ גלייך און וואָס שלאָגן צו דער גאל. צומ ביישפּיל: „ווי געפעלט אייך די פּאָגאָדע״? אָדער: „ווי איז בא אייך דער כאראקטער?״ אָדער: „ווי איז אייך בעסער צומ הארצן — א בלאָנדינ צי א ברוניעט?״ אָדער: „פאראן עפּעס אסאך מיידלעך קאלעס בא אייך אין שטאָט?״ אוכדוימע. א קוק טאָן אפ דינען און אפ אירע כאסאנימ, האָט א בלינדער אויך געקאָנט ארויסזען, אז ס׳איז גלייך, ווי א קאָטשערע. קיין טיינעס האָט צו איר קיינער נישט געקענט האָבן, און דאָך האָט זי באקומען אין שטאָט א שעמ פון אן איבערקלייבערן. יעשוע־יאנקל און נאָך מער זיין ווייב לייע האָבן דערפון קיין נאכעס ניט געהאט און אָנגעהויבן מוירע צו האָבן, אז זייער טאָכטער זאָל, כאָלילע, נישט פארבלייבן קיין איבערגעזעסענע מויד, כאָטש דינע איז דעמלט, אייגנטלעך, נאָך נישט אלט געווען קיין גאנצע צוואנציק יאָר.

.VIII

א גלֿיק מיט שינ אלֿאָפֿימ.

איינמאָלֿ אינ א שיינעמ פֿרימאָרגנ האָט יעשוע־יאנקלֿ צעלֿניקער אָפּגענומענ א בֿריוו פֿונ דער פּאָסט אונ האָט איבֿערגעלֿייענט די דאָזיקע ווערטער, וועלֿכע מיר גיבֿנ דאָ איבֿער פֿינקטלֿעך איבֿערגעזעצט פֿונ לֿאָשנ־קוידעש אינ אונדזער אָרעמער ייִדישער שפּראך, אינ זשארגאָנ:

„בֿעעזראס האשעמ יוימ... פּארשע... שנאס לֿפּ׳ק קעשעניעוו.

ערשטנס, בֿינ איך געקומענ אייַך צו לֿאָזנ וויסנ, אז מיר זייַנענ אלֿע דאנקענ גאָט לֿעבֿעדיק אונ געזונט, גיבֿ גאָט דאָס נעמלֿעכע פֿונ אייַך צו האָרכנ מיטנ גאנצנ קלֿאלֿ ייִדנ— אָמענ האלֿעווייַ. אונ צווייטנס, בֿינ איך אָנגעבֿרייט אייַך צו לֿאָזנ וויסנ, אז איך בֿינ דער געוויסער לֿאנדשאדכנ, וואָס זייַנ נאָמענ לֿאָזט זיך, בֿאָרעכהאשעמ, הערנ פֿונ איינ עק וועלֿט בֿיזנ אנדערנ, דענ איך בֿינ נישט פֿונ יענע שאדכאָנימ, שאקראָנימ, קאזוואָנימ, וואָס ס׳איז נישטאָ קיינ עמעס אינ זייערע מייַלֿער, אונ נאָר פֿאלֿשקייַט איז אינ זייערע הערצער: דאָס, וואָס זיי האָבֿנ נישט געזענ, טוענ זיי רעדנ, אונ דאָס, וואָס זיי האָבֿנ נישט געהערט, טוענ זיי זאָגנ. ניינ! נישט דאָס איז מייַנ וועג. צווישנ זיי לֿאָז ניט גערעכט ווערנ מייַנ נאָמענ. נאָר לֿעמיַי לֿאָז איך מערענ מיט ווערטער? איך בֿינ דאָך נישט פֿונ די דאָזיקע, וואָס לֿויבֿנ זיך אלֿיינ אונ בֿאשייַנענ זיך כאָלֿילֿע מיט יענעמס אומקאָוועד, נייַערט אזויווי מייַנ אויער האָט געהאָרכט, אז מאאלֿאָסוי האָט א טאָכטער א יעפּאסטויער, אונ דערצו נאָך א כאכאָמע ניפֿלֿאָע אונ א געבֿילֿדעטע, הענ אינ אלֿערלֿיי שפּראכנ, אונ כעזשבֿויגעס, אונ לֿאָשנ־קוידעש, טאנאך, דיקדוק, געמאָרע אונ נאָך, אונ נאָך, אונ נאָך, אלֿע אינ איינ מוילֿ טוענ זי לֿויבֿנ אונ איידעס זאָגנ, אז עס איז ניטאָ צו איר קיינ גלֿייַכנ אפֿ דער ערד, לֿאָכיינ בֿינ איך אָנגעבֿרייט צו פֿאָרלֿייגנ אייַך א גלֿיק, וואָס טרעפֿט זיך איינ מאָלֿ אינ

טויזנט יאָר, הײַנע, א פײַנעמ מענטשנ, אנ אלמענ מיט סאכאקל צוויי קינדער, שוינ אויסגעגעבענע, א גוויר אנ אדיר פונ אוואדע שינ אלאָפּימ ראכ, אויב נישט מערער, אונ דערצו נאָכ פונ העכסטנ ייכעס, פונ דעמ שענסטנ אדל אינ דער וועלט — אקלאל פונ דער זײַט, וואָס קער זיכ אָנ מיט מישפּאָכע, איז ניטאָ וואָס צו רעדנ. אונ מאכמעס ער איז ניט גאָר קיינ יונגערמאנ (ער איז נאָכ נישט אלט קיינ פופציקער), אונ גאָט האָט אימ געטאָנ בענטשנ מיט פיל גוטס, לאָכיינ פארלאנגט ער נישט קיינ געלט, נײַערט ער זוכט דאָס קערנ אליינ, דאָס הייסט, די בסולע זאָל זײַנ א שיינע, וועט ער זי נעמענ פאר א קאלע ווי זי איז, אָנ א פּרוטע נאדנ פונ איר צאד. אדעראבע, ער וועט זיכ נאָכ צעווארפנ מיט מאטאָנעס אסאכ אונ מיט געבעכצנ פונ דער ברייטער האנט, ווי דער מינהעג איז. אונ איר מעגט מיר גלייבנ בעעמונאָ שעלי, אז אײַער טאָכטער, זאָל לעבנ, וועט טרעפנ א גרויס גליק, וואָרעמ ער איז א גוויר אָצומ, וואָס האָט מויערנ אייגענע, וואָס זײַנענ געבויט אפ בערג, מיט רײַטוואָגנס אונ מיט פערד אונ מיט אלדאָס גוטס. אונ איכ בעט אײַכ זייער, אז טייקעפ ווי איר וועט ערהאלטנ מײַנ בריוו, זאָלט איר מיר געבנ טשוווע אונ ארײַנשיקנ מיר א רעשימע מיט א קויעכ־הארשאָע, אונ אויכ דאָס בילד פונ אײַער טאָכטער, זאָל לעבנ, זאָלט איר מיר לעמאנאשעמ צושיקנ, אונ אויב ס'איז פונ גאָט ארויסגעגאנגענ די דאָזיקע זאכ, זאָל ער זאָגנ צומ באהויפּ־טונג, אז ס'איז גוט אונ עס וועט אימירצעשעמ זײַנ אינ א גוטער שאָ, א מאזלדיקעד, ווי עס ווינטשט אײַכ אײַער אומבאקאנטער בעס־טער פרײַנט, יוינע בערעב עלקאָנע לאנדשאדכנ מיקעשעניעוו".

אז יעשוע־יאנקל האָט איבערגעלייענט דאָס דאָזיקע בריוול, איז ער געוועזנ שטארק צעקאָכט, בארויגעז אפנ לאנדשאדכנ רעב יוינע בערעב עלקאָנע מיקעשעניעוו: — סטײַטש! — האָט ער זיכ געטראכט, — אנ אזעס פונ א יידנ. דו קענסט מיכ נישט אונ ווייסט מיכ נישט, אונ רעדסט מײַנ טאָכטער אנ אלמענ, א טאטנ פונ אויסגעגעבענע קינדער. וואָס איז? באשער ער איז א גוויר

און פֿאַרלאַנגט נישט קײן נאַדן? און וואָס בין איך? אַן אָרעמער מעקאַבל, וואָס פֿאַרקויפֿט זײַן קינד צוליב געלט? פֿע, מע באַדאַרף אים אָנרײַבן אַ מאָרדע, אָט דעם לאַנד־שאַדכן, רעב יוינע בערעב עלקאָנע, אָדער גאָר נישט ענטפֿערן אים; לאָז ער דאָרט זיצן און וואַרטן, אין קעשעניעוו. נאָר אַז ער האָט דאָס בריוול איבערגעלייענט פֿאַר זײַן ווײַב לײע, האָט זי דאָס ערשט אינײנעם מיט אים רעכט צעקײַט און אַרײַנגעלייגט אים אין מויל אַרײַן.

— בעהיימע! — האָט זי צו אים געזאָגט, — וואָס איז מיט דיר דער ייִכעס, וואָס דו בלאָזט זיך, ווי אַן אינדיק? די שײנע שידוכים, וואָס מען האָט אונדז אָנגעשלאָגן ביז אַהער? צי די טאַרפֿאַט אַלאָפֿים, וואָס דו גיסט איר נאַדן! אַ מענטש איז שטאַרקער פֿון אײַזן און שלאַפֿער פֿון אַ פֿליג. וואָס איך טראָג איבער, אַז סאָנים באָדן זיך אין מײַן בלוט. איך וואָלט שוין וועלן אַ שידעך טאָן אַמאָל; בעסער, זאָגט מען, אַ יונגע אַלמאָנע, אײדער אַן אַלטע מויד. נאָר נעמען אַזאַ קינד, ווי אונדזער דינע, און פֿאַרקויפֿן זי פֿאַר אַ שמעק־טאַבעקע — ניט דערהאַרן זאָלן די סאָנים! ווי זאָגט מען, אַז עסן כאַזער, זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד... פֿאָלג מיך, יאַנקל, פֿאַרבײַג דעם גאַדלען אַף אַ זײַט און דעם שאַדכן זאָלסטו ענטפֿערן טאַקע הײַנט און טאַקע באַלד; זאָלסט אים שרײַבן דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי... און מעקויעך דינען — זאָלסט דו זיך גאָר נישט זאָרגן — איך וועל שוין מיט איר אַלײן איבערשמועסן פֿון אַלצדינג, ווי עס געהער צו זײַן.

יעשוע־יאַנקל האָט זי געפֿאָלגט (אַ ווײַב באַדאַרף מען פֿאָלגן) און האָט דעם זעלבן טאָג אָוועקגעשריבן דעם לאַנד־שאַדכן רעב יוינע בערעב עלקאָנע קײן קעשעניעוו אַ טשוווע אויך אַף לאָשנ־קוידעש, נאָר אַזאַ טשוווע ווי ער האָט געוואָלט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך מיט זײַן טאָכטער אָנגערעדט. מיר געבן איבער דאָס בריוול אָס בעאָס:

„ליכוויד יעדידי האַיאָקאָר האָראַבאָני מעהורער רעב יוינע בערעב עלקאָנע ניירוי יאָיר.

ערשטנס, בינ איכ אייַכ געקומענ לאָזנ וויסנ, אז מיר זייַנענ גאָט צו דאנקענ אינ בעסטנ געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פונ אייַכ צו הערנ נאָר גוטס מיט בשורעס טויוועס אפנ קלאל ייִדנ אָמיינ וועאָמיינ. אונ צווייטנס, בינ איכ גרייט אייַכ צו לאָזנ וויסנ, אז דער שידעכ, וואָס איר האָט מיר פאָרגעלייגט אינ אייַער ליבנ בריוו פאר מייַנ טאָכטער, זאָל לעבנ, איז אוואדע זייער א פייַנער שידעכ, נאָר איינ שטיקל כיסאָרנ, וואָס מייַנ טאָכטער, זאָל לעבנ, איז שוינ לעמאזל א קאלע, אונ אינגיכנ באדארפ זייַנ די כאסענע לעמאזלטאָוו. אלקיינ בעט איכ, אז מאאלאָסוי זאָל שוינ מער קיינ בריוולעכ ניט שרייַבנ — אנ אויירע מארקעס, אונ מאכמעס איכ האָב קיינ צייַט ניט, מאכ איכ דאָס בעקיצער, וועדיי לאכקימאָ בירמיזאָ (א קלוגער שטויסט זיכ אפנ ווונק). פונ מיר אייַער בעסטער פרייַנט... יעשוע־יאנקל...”

אונ לייע איז אוועקגעגאנגענ אינ קלייט אריַינ אונ מיט א זאָק אינ דער האנט האָט זי זיכ אוועקגעזעצט אפ א בענקל נעבנ דינענ, ארויסגעכאפט א שפיזל פונ אונטערנ אויער אונ אָנגעהויבנ צו ציילנ די אייגלעכ גיכ־גיכ איינס נאָכ דאָס אנדערע אונ טאקע אינאיינוועגס האָט זי פארבונדנ מיט דער טאָכטער אזא מינ שמועס:

— „גאָט זאָל ניט שטראָפנ פאר די רייד... דייַנ מומע פלעקל, מיינ איכ... אָנקוקנ קאָנ איכ זי ניט פאר אירע זיסע ריידעלעכ, א פאלשע זאכ, א וועצידקאָסכאָ... זי וועט דיר קיינמאָל ניט זאָגנ גלייַכ, נאָר מיט א שטאָכ, שמעכנ זאָל זי אונ ברעכנ. זי באגעגנט מיכ נעכטנ, דייַנ מומע פלעקל: גוט מאָרגנ.—גוט יאָר.—עס קומט אונדז, זאָגט זי, מאזלטאָוו. — וואָס עפעס פלוצעמ, זאָג איכ, מאזלטאָוו? אנ אָקס האָט זיכ געקעלבט? — פייגע־פערל, זאָגט זי, האָט א שידעכ געטאָנ מיט דער קלענערער טאָכטער שוינ, נאָכ ניט אלט, זאָגט זי, קיינ זיבעצנ יאָר, האָט זי שוינ קיינ צייַט ניט — ציטערט מענ זאָל ניט אויסכאפנ... א גליקלעכער שידעכ, שמועסט מענ, אפילע אנ אלמענ מיט פיר קינדער, נאָר א גוויר, זאָגט

מענ, א גרויסער... האָט א אימעניע אנ אייגענע.. אפּאָנעם, זאָגט זי, א שיינ מיידל איז טאקע פּאָרט א האלבער נאדנ... כאָטש איך זע נישט ארויס, זאָגט זי, איר שיינקייַט, דאָס נעזל וואָלט איר געמעגט זייַנ אביסל קירצער, אונ וואָלט זיך געמעגט, זאָגט זי, א ביסל ווינציקער דרייענ... פאראַנ, זאָגט זי, בא אונדז אינ מאזע־פּעווקע עפּשער נאָך אביסל שענערע פונ איר, נאָר מיט ווינציקער מאזל, אפּאָנעם, וואָרעמ, אז מענ זאָל וועלנ, זאָגט זי, רעדנ אפּ פייגע־פּערלס טאָכטער אסאך מער, ווי אפּ אנדערע... זי מיינט, זאָגט זי, אז מענ האָט שוינ פארגעסנ די מייַסע מיטנ קלעזמערל, זי מיינט, זאָגט זי, אז א קלעזמער איז מער יִיכעס פונ א פּראָ־וויזאָר...— פארשטייסט דאָך שוינ, טאָכטער, אז איז האָב דייַנ מור־מע פלעקל אָפּגעשפּילט פארנ פּראָוויזאָר א פרימאָרגנ, אז זי וועט שוינ פארזאָגנ קינדס־קינדער!.. נאָר אנטקעגנ וואָס דערציייל איך דאָס דיר? איך דערציייל דיר דאָס גלאט אזוי, ווייַל איך בינ א מאמע. א מאמע, זאָגט מענ, איז א פּאָקרישקע, וואָרעמ וואָס א מאמע פילט, קאָנסט דו נישט וויסנ... אז דו וועסט, אימירצעשעמ, אליינ זייַנ א מאמע, וועסט דו פילנ דעמ טאמ, וואָס א מאמע פילט, בעשאס מע רעדט אפּ איר קינד... כאָטש בא מיר האָבנ די אלע רעדענישנ, וואָס מע רעדט, אזא פּאָנעמ, ווי דער פארא־יאָריקער שניי, ווי זאָגט מענ: „לאָזנ זיי לאכנ, איך וועל מיר גוט מאכנ".

— וואָס זשע דארפסטו דאָס, מאמע, איבערעדנ?

— איך רעד דענ איבער? איך זאָג דענ עפּעס? גלאט, מע רעדט, רעדט זיך: עס פארדריסט מיך, לעמיי זאָל אזא וועציד־קאָסכאָ, ווי דייַנ מומע פלעקל, האלטנ דיך אינ מויל. ווי זאָגט מענ: „ארנ ארט דאָס מיך ניט, נאָר עס בראָט מיך אונ עס ברענט מיך"...

— אז עס ארט מיך ניט, מאמע, וואָס־זשע ארט דאָס דיך?

— וואָס דיך ארט ניט — איז פונ די קלייניקייַטנ! לעמיי עס ארט דיך ניט, וואָס אלע מיידלעך האָבנ כאסענע, נאָר דו אליינ

זיצסט אונ ווארטסט אפ דייַנ באשערטנ, טאָמער וועט ער טרעפנ צו דיר אינ שטוב אריַינ?.. וועסט מעגנ ווארטנ, טאָכטער מייַנע, ווי זאָגט מענ: „ווארט אפ פורימ, וועסטו עסנ א האָמענטאש"... ווער שמועסט, אז דו וועסט זיכ פארלאָזנ אפ דייַנ טאטנ, וועסטו, כאָלילע, געוויס מעגנ זיצנ אונ זיצנ ביזנ גרויענ צאָפ, וואָרעמ דער טאטע דייַנער האָט דאָכ טאָמעד צייַט! וואָס גייט אימ אָנ, איכ בעט דיכ, א ווייַב, צי א קינד? ער זאָל אָבער נעמענ, אש־טייגער, אפנ קאָפ: קינדער וואקסנ אונטער, שאדכאָנימ שרייַבנ בריוו, מע שלאָגט אָפ די טירנ... אָט שרייַבט איינער עפעס זייער א גרויסער שאדכנ פונ קעשעניעוו, לייגט פיר א גליק, עפעס זייער א גרויסנ גוויר פונ שינ אלאָפימ, אנ אלמענ מיט קינדער צוויי.

— מיט צוויי קינדער?! האָט דינע אויסגעשריגנ.

— וואָס־זשע האָסט דו זיכ אזוי איבערגעשראָקנ? קוק זי אָנ אביסל! וועסט אפ זיי, כאָלילע, ניט באדארפנ האָרעווענ, נישט וואשנ, נישט נייענ, נישט ארבעטנ: זיי זייַנענ שוינ אויסגעגעבענע.

— אויסגעגעבענע? — האָט דינע ווידער אויסגעשריגנ.

— נאָכ גלייַכער, נארעלע, וועסט פארשפאָרנ זייַנ פאר זיי א שטיפמאמע, כאָטש אפילע אינ דעמ גראד, דאָרט, ווו ס'איז פאַראנ מויערנ אייגענע, ווי דער שאדכנ שרייַבט, מיט פערד אונ מיט קארעטעס... וועסט, אימירצעשעמ, אריַינקומענ אהינ א פאַרטיקע גווירנטע, אפ אלעמ גרייטנ, ווי זאָגט מענ: „א רייַכנ טאטנ איז גוט צו באגראָבנ". גאָט באָרוכהו זאָל נאָר העלפנ, מע זאָל זיכ צונויפפאָרנ אינגיכנ, אונ דו זאָלסט אימ געפעלנ... דער טאטע האָט שוינ אוועקגעשריבנ אהינ, איכ האָב אימ קוימ איַינגעבעטנ, ער זאָל שרייַבנ א בריוו! ער האָט דענ עפעס אינזינענ, דער טאטע דייַנער? איכ האָב אימ געהייסנ, ער זאָל אימ שיקנ דייַנ פאָרטרעט.

— מייַנ פאָרטרעט?!

— וואָס דענ האָסטו געמיינט? דייַנ בעריעשאפט דארפ ער האָבנ, צי עפשער צוליב דעמ, וואָס דו האָסט א מומע פלעקל?

לייע האָט נאָך לאנג גערעדט איבער דינעס קאָפּ. און דינע? דינע האָט געטאָן דאָס אייגענע וואָס דער פאָטער — זי האָט געשוויגן. לייע האָט גערעכנט, אז דאָס, וואָס די טאָכטער שווײַגט, איז א סימען, אז זי איז שוין פארטיק מיט איר ארום־און־ארום, און דאָס וואָס זי בײַט זיך אין פּאָנעם, ווערט אלערליי פארבן, איז דערפאר וואָס זי איז א מיידל: א מיידל, אז מע רעדט מיט איר פון אזעלכע זאכן, מוז דאָך שעמען זיך. לייע איז דאָך אליין אויך געווען אמאָל א מיידל!..

IX

פײַוול „קאָמיסניר" שאדכנט זיך צו דינען, און רעב שאָלעמ שאדכן קאָכט וועטשערע.

פון אלע כאסאנים, וואָס האָבן זיך געשאדכנט צו דינען, האָט זיך איר קיינער אזוי ניט אײַנגעגעסן אין הארצן, ווי פײַוול דער „קאָמיסניר", וואָס האָט געוואָרפן אפ איר אן אויג שוין פון לאנג, נאָך בעשאס דאָס ערשטע ווײַב זײַנס האָט געלעבט. פײַוול — דאָס איז אזא מין טיפּ, וואָס מע מעג זיך אפ אים אָפּשטעלן און באקאנט מאכן מיט אים אונדזערע לעזער.

ווער קאָן ניט פײַוול דעם „קאָמיסניר"? א מינדסט קינד אין מאזעפּעווקע וועט אײַך אָנווײַזן ווו ער זיצט. פײַוול איז א יונגערמאנטשיק פון הײַנטיקער וועלט, דאָס הייסט, ער איז געווען א יונגערמאן גלײַך מיט אלע יונגעלײַט, נאָר פון זינט ער איז געוואָרן אן אײַנקויפער, א „קאָמיסניר" און האָט אָנגעהויבן פאָרן אָפּט קיין יעהופּעץ נאָך סכוירע, האָט ער אראָפּגעוואָרפן דאָס היטל, אונטערגעהאקט די קאפּאָטע, צורעכט־געמאכט דאָס בערדל, אָנגעטאָן א געפּ־עסטע מאנישקע, זיך אָנגעהויבן רײַבן צווישן יונגעלײַט־מאסקילים און איז געוואָרן א „סטעקראַט" און א כאָשעוו אין שטאָט. נאָר נישט צוליב דער קורצער קאפּאָטע מיטן געשערטן בערדל איז ער געוואָרן א כאָשעוו. ניין! בא אונדז

אינ מאזעפּעווקע האלט מענ קארג־וואָס פונ אזעלכע לײַט, וואָס הייסנ דאָרט „שנויצ מיט ברויט". פײַוול איז געוואָרנ א כאָשעוו צוליב דעמ, וואָס ער האָט באקומענ געלט (היפּשע עטלעכע טויזנט קערבלעכ). אײַ, פונוואנענ אונ ווו ארומ? נאָר ווועמעס אייסעק איז דאָס? קארג גווירימ, גווירימ אדירימ פאראנ אפ דער וועלט, וואָס קיינער ווייסט ניט פונוואנענ עס האָט זיכ צו זיי גענומענ אזויפיל געלט? געלט — דאָס איז אזא מינ סכוירע, וואָס פאָדערט נישט קיינ פאטענט, ניט קיינ יִיכעס־בריוו, אונ א נאָגיד דארפ ניט האָבנ קיינ העכשער אפ זײַנ אשירעס...

אז פײַוול האָט באקומענ געלט, האָט ער געוואָרפנ אנ אומ־כיינ אפ זײַנ ווײַב טעמע דערפאר, וואָס זי האָט ניט געוואָלט אראָפּוואַרפנ דעמ פאריק אונ דערפאר וואָס זי האָט געקינדלט אלע יאָר, אונ דערפאר, וואָס זי האָט פונעמ אלע יאָר קינדלענ באקומענ פלעקנ אפנ פּאָנעמ. טעמע, וואָס האָט נעבעכ אלייננ גענוג געליטנ פונ איר אָפט קינדלענ, האָט געהאט פונ איר מאנ אָפּגעשניטענע יאָרנ, אויסגעשטאנענ אלע זײַנע גלײַכווערטלעכ, שטעכווערטלעכ אונ גלאט ווערטער. טעמע פלעג אויסהערנ, אימ אָפּ־שווײַגנ, קרענקענ זיכ אינעווייניק, אמאָל אפנ געלעגער זיכ גוט אויס־וויינענ שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זענ... די איינציקע, פאר וועלכע טעמע פלעגט אויסריידנ דאָס הארצ, איז געווענ דינע. דינע האָט זיכ אָנגעקערט מיט איר א פרײַנטל, א גליד־גליד־געשוועסטערקינד, אונ טעמע פלעגט צו איר אמאָל ארײַנקומענ אינ קלייט ארײַנ אביסל זיצנ.

— וואָס מאכט איר עפּעס, טעמע, פרעגט בא איר דינע, ווי גייט דאָס אײַכ אינ געזונט?

— אוי, געזונט, אז אָכ אונ וויי איז מיר מיט מײַנ געזונט! הערסט דו, דינע, דאָס הארצ זאָגט מיר, אז דאָס איצטיקע טראָגנ מײַנס וועט מיר דערגיינ דעמ עק... איכ פיל, איכ פיל, אז איכ טראָג אינ בויכ דעמ מאלכאמאָוועס מײַנעמ! נאָר איכ בעט גאָט אלע טאָג, ווי דערלעב איכ שוינ, ווי דערצי איכ שוינ

פּאָטער ווערן פון אזא געמוטשעט לעבן, פון אזא וועלט, ווי איך האָב.

— איר רעדט ווי א קינד, כ'לעבן, — אזוי רעדט איר אויס דינע דאָס הארץ, — איר טאָרט אזוי נישט רעדן, טעמע, איר האָט קליינע קינדער, איר באדארפט זײַן א מאמע אײַערע קינדער.

טעמע דערהערט דאָס וואָרט „קינדער", הייבט איר אָן קאַפּען טרערן, ווי באָב, קײַקלען זיך איבערן געפלעקטן פּאָנעם און פאלן, פאלן אראָפּ. טעמע וויינט נישט, ניין, נאָר טרערן קאפּען אליין, פון זיך, קײַקלען זיך און פאלן, פאלן. און טעמע בארעדט זיך, דערציילט אויס פאר דינען איינגאנצן אירע צאָרעס, אלצדינג, וואָס זי טראָגט איבער פון איר פײַוולען, וויאזוי ער באגייט זיך מיט איר, וויאזוי ער באליידיקט זי אלעמאָל פאר פרעמדע מענטשן, און מיט די דינסטן וויאזוי ער פירט זיך... אלץ, אלץ דערציילט איר אויס טעמע, פארדעקט נישט פון איר קיין זאך, דערציילט, וויאזוי זיי האָבן אמאָל געלעבט צופרידן, גליקלעך, איידער ס'איז געווען געלט, אָט דאָס פארשאָלטענע געלט, אײַנגעזונקען זאָל דאָס ווערן!...

— הערסט דו, שוועסטער־לעבן, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — אזוי מאכט טעמע צו דינען שוין פארן אוועקגאנג, מיט רויטע אָנגעשוואָלענע אויגן, — זיי זײַנען אלע אזוי, אלע מאנצבלען זײַנען אזוי, זאָלסט נישט כאסענע האָבן, דינע! הערסט וואָס איך זאָג דיר? קיינמאָל נישט!

פײַוול האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן דערפון, אז זײַן ווײַב דערציילט דינען אלצדינג, וואָס בא זיי טוט זיך; עס איז אים גאָר אפ דער מאכשאָווע נישט געקומען, אז דינע קאָן אים דורכ און דורכ און, אלס גליד־גליד־געשוועסטערקינד, פלעג ער ארײַנקומען, ווען ער האָט צײַט געהאט, צו יעשוע־יאנקלען אין קלייט ארײַן אביסל פארברענגען, דערציילן מײַסעס, בארימען זיך, זאָגן ווערטלעך, און בעשאס מײַסע קוקן אפ דינען מיט זײַנע קליינע

פײַכטע אייגעלעכ, וואָס ווײַזנ אויס, אז זיי ווײנענ, אפילע דעמלט, בעשאס ער לאכט. די דאָזיקע פײַכטע אייגעלעכ האָט דינע נישט געקענט אָנקוקנ, אונ פײַוול פלעג זיכ באָכערנ, פלײַסנ זיכ דאפקע, ער זאָל איר געפעלנ. ער פלעגט אָפנטלעכ מיט איר פארבינדנ א שמועס פונ „הײַנטיקער וועלט" אונ פונ אמאָליקער וועלט, איר געבנ אָנצוהערעניש, אז שעמענ זיכ איז שוינ לאנג געוואָרנ אויס מאָדע, אז אינ יעהופעצ איז אנדערש: דאָרטנ אינ יעהופעצ זײַנענ די „מאמזעלנ" באקאנט, אויסגעבונדנ מיט אלע מאנצבלענ. מענ גייט ארומ אינאיינעמ, מע שפאצירט אונטער די הענט, אונ נאָר דאָ, אינ דעמ וויסטנ מאזעפעווקע, ברענענ זאָל דאָס, האלט מענ נאָכ פונ די אלע ייִדישע זאבאבאָנעס.

— איכ מיינ! — פלעגט אימ דערופ דינע פרווונ ענטפערנ, — איכ מיינ, אז דאָרטנ זײַנענ די מאנצבלענ אויכ אנדערש; איכ מיינ, אז דאָרטנ האָבנ די מאנענ אינזינענ זייערע אייגענע ווײַבער אונ באגייענ זיכ מיט זיי לײַטישער, ווי דאָ, בא אונדז...

— וואָס געהער זיכ אָנ דאָס מיט דעמ, פכע־כע? — פלעג זיכ פײַוול אויסלאכנ, אונ די פײַכטע אייגלעכ זײַנע האָבנ אויסגעוויזנ ווי זיי ווײנענ, — א ווײַב איז א ווײַב, אונ א באקאנטע „מאמזעל" איז עפעס אנדערש. אוי, דינע, ביסט נאָכ גאָר א ציגל, כ'לעבנ, דו ווייסט נאָכ גאָרנישט וואָס אפ דער וועלט טוט זיכ. דו מיינסט, אז דאָ אינ מאזעפעווקע, ברענענ זאָל דאָס, איז די גאנצע וועלט. א וועלט איז דאָרטנ, דאָרטנ אינ יעהופעצ!..

שפעטער, אז פײַוול איז געבליבנ אנ אלמענ (טעמע, נעבעכ, האָט געטראָפנ: זי האָט געהאט א טויט קינד, זיכ אָפגעמורטשעט עטלעכע טאָג אונ איז געשטאָרבנ), האָט זײַנ ארײַנקומענ צו דינענ אינ קלייט ארײַנ באקומענ אנ אנדער פאָנעמ. טכילעס האָט ער זיכ באקלאָגט אונ באוויינט (זײַנע פײַכטע אייגעלעכ האָבנ אימ געהאָלפנ ווײנענ), ער האָט שטארק ראכמאָנעס

געהאַט אַפּ טעמען, וואָס זי איז נעבעך אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען; איין גאָט ווייסט דעם עמעס, ווי זי טוט אים באַנג... נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן זיך אַן אייצע האַלטן מיט דינען — פאָרט עפּעס אַן אייגענע און א „קאָפּמענטש" — וואָס טוט מען מיט די קינדער, נעבעך? א גאָטס ראַכמאָנעס אַפּ זיי! כאַסענע האָבן? מי יעדייע וואָס פאַר א שלאַק מע קאָן אָנטרעפן? ווי קריגט מען דען נאָך אַזעלכע, ווי טעמע איז געווען?.. זיצן אַזוי? עפּעס אויך נישט קיין פּלאַן: עס ווערט א טעל פון דער שטוב, און טאַקע ווידעראַמאָל די קינדער. נאָר ניין! ער וועט בעסער בלײַבן אַן אַלמען אַפּ טאָמיד, איידער ברענגען די קינ־דער א שטיפמאַמע. ווי זאָגסט דו?

— איך זאָג אויך דאָס אייגענע, — ענטפערט אים דינע און קאָן אים נישט קוקן אין פּאָנעם אַרײַן.

פּײַוול קוקט אַפּ דינען מיט די פײַכטע אייגעלעך און קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס באַדײַט איר ענטפער, וואָס מיינט זי מיט די ווערטער: „איך זאָג אויך דאָס אייגענע". און פאַרוואָס קוקט זי אים נישט אין פּאָנעם אַרײַן. עס גייט אַוועק עטלעכע טעג, ביז ער פּויעלט באַ זיך און שיקט אונטער רעב שאָלעם שאַדכן צו יעשוע־יאַנקלען און צו לייען און זאָגט אים אָן: לעמאַנ־האַשעם ער זאָל זיך נישט דערוועגן אויסרעדן, אַז ער, פּײַוול, האָט אים געשיקט, נאָר זאָל גלאַט אַזוי אָנשמעקן, א טאַפּ טאָן ווי האַלט עס.

רעב שלוימען איז דער אייסעק שטאַרק געפעלן. ער האָט געשוואָרן בענעמאָנעס, אַז ער האָט שוין לאַנג דערפון געטראַכט, נאָר ער האָט אַלץ געוואַרט: „א קאַשע, טאָמער, ווי זאָגט ער"... אַצינד זעט ער אַרויס באַשײַמפּערלעך, אַז דער שידעך איז מין האַשאָמאַיִם, וואָרעם גלײַכער דערפון קאָן שוין גאָר אַפּ דער וועלט ניט זײַן! און רעב שלוימע שאַדכן האָט צעלאָזט די פּאָלעס און איז אַוועק צו יעשוע־יאַנקלען, אָפּגעשמועסט מיט אים א שאָ, צוויי, איבערגערעדט נאָכדעם מיט לייען, אײַנגע־

טײַנעט און ארומגערעדט די זאך פון אלע זײַטן, באוואָרנט אלצדינג ארום־און־ארום — און ס'איז געבליבן, אז אימירצעשעם מאָרגן זאָל ער קומען נאָך טשוווע. רעב שלוימע האָט זיך געגלעט די באָרד, געפרוווט בארעכענען דעם רעכאש, וואָס ער קאָן דאָ האָבן, און איז געקומען אהיים לעבעדיק, פריילעך, געהייסן דעם ווײַב קאָכן וועטשערע — טייגלעך מיט פאסאָליעס — און איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן, זיך געקאטשעט פון איין זײַט אפ דער אנדערער, געגענעצט, געצויגן זיך און געציטערט ווי אין קאדאָכעס. ערשט ארום פארטאָג האָט רעב שלוימע געכאפט א דרעמל, און עס האָבן זיך אים געפלאָנטערט א גוזמע הונדערטערס — הארטע, קנאקנדיקע — שוועבן אים פאר די אויגן, פליִען אינדערלופטן, דרייען זיך ווי פעדערן אין א שטורעם־ווינט; רעב שלוימע יאָגט זיך נאָך, וויל זיי כאפן, ציט אויס ביידע הענט, לויפט, לויפט און... כאפט זיך אויף.

X

פון רעב שלוימעס כאָלעם לאָזט זיך אויס א בוידעם.

אפ מאָרגן האָט זיך רעב שלוימע שאדכן געפעדערט אָפּדאוונען מיטן ערשטן מיניען, זיך נישט געקאָנט אײַנהאלטן און אײַנגערוימט א סאָד שמועל־שמעלקע דעם שאמעס, אז דאכט זיך, מיטן אויבערשטנס הילף, ער האָט אויסגעפירט אן אײסעק זייער א פײַנעם, זייער א געהויבענעם, נאָר וואָס און וועמען טאָר מען נאָך נישט וויסן. שמועל־שמעלקע האָט אים צוגעווינטשעוועט, סע זאָל זײַן אין א גוטער שאָ, א מאזלדיקער, אין הארצן שטארק מעקאנע געווען רעב שלוימען אפ זײַן פארנאָסע.

— וויפל רעכנט איר דאָ, אימירצעשעם, כאפן? — פרעגט אים שמועל־שמעלקע און קראצט זיך אין בוזעם. רעב שאָלעם ווייסט דען וויפל? ער ווייסט נאָך אליין נישט אקוראט. ער האָט גאָר מוירע צופיל צו טראכטן וועגן דעם. ער טוט א מאך מיט דער

האנט, א קוק ארוף און א שמייכל דערביַי, ווי איינער רעדט: „איך וועל שוין דאָ כאַפּן אַזויפיל, אַז עס וועט זיַין גענוג פאַר מיר און פאַר מיַינע קינדער און קינדס קינדער!"...

געקומענע אַהיים, האָט רעב שאָלעם אַפּ איינע פּוס אָפּגעביסן אַ ציבעלע מיט ברויט, גענומען דעם שטעקן און מאַרש צו יעשוע־יאַנקלען אין קלייט אַריַין. דאָרטן האָט ער געטראָפן לייען איינע אַליין, שטאַרק אָנגעדרודלט און רויט ווי פיַיער. „עט!" — טראַכט זיך רעב שאָלעם שאַדכן, — זי איז טאָמיד אין גרימצאָרן... מיַינע, זאָל לעבן, איז אויך טאָמיד בארויגעז אַפּ דער וועלט... אַפּאָנעם, אַלע וויַיבער האָבן ליב בלאָזן זיך"...

— אַ גוטער מאָרגן, אַיַיך, לייעניו! — מאַכט ער צו איר ברייטלעך און גאַנץ האָפּערדיק, ווי אַ מעכוטן. — ווו איז ער־געץ ווו, איַיערער, מיין איך, רעב יעשוע־יאַנקל אַזוי שפּעט?

— איך ווייס ניט! — ענטפערט אים לייע אָפּגעהאַקט.

— ווו קאָן ער זיַין, ווו? — מאַכט רעב שאָלעם און דרייט זיך אַ פּייע.

— גייט זוכט אים! — האַקט אים ווידער אָפּ לייע, און רעב שאָלעם שאַדכן ווייסט ניט פונוואַנען ער זאָל אָנהייבן מיט איר צו רעדן. ער הוסט זיך אויס און הייבט אָן פאַרגיין מיט זיַי־טיקע רייד, דיפּלאָמאַטיש, קלוג — „פון פּאָצן־זיַיט":

— אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט פּאַרנאָסע... דאָס — פּאַרנאָסע, יענץ — פּאַרנאָסע... אַ קלייט אַ פּאַרנאָסע, אַ שאַדכן אויך אַ פּאַר־נאָסע... אָט אַ „קאָמיסניר" אַ פּאַרנאָסע! אַזאַ פּאַרנאָסע איז טאַ־קע אַ פּאַרנאָסע, וואָרעם דאָס איז אַזאַ פּאַרנאָסע, וואָס מע האָט טאַקע פּאַרנאָסע...

— וואָס האָט איר זיך צעפּאַרנאָסעט פּלוצעם אינמיטנדרי־נען? — האָט לייע איבערגעריסן אינמיטן, — זאָגט — וואָס דאַרפט איר?

רעב שאָלעם שאַדכן איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעגאָ־סענער מיט קאַלטער וואַסער.

— וואָס הייסט, וואָס איך האָב באַדאַרפט, איך? עפּעס האָט מען דאָך נעכטן אָפּגעשמועסט, האָט מען דאָך.

— מעקויעך פּיַוולען מיינט איר? אויב מעקויעך דעם, איז ניטאָ וואָס צו ריידן!...

ווי מיט אַ פּיסטויל אין האַרצן, האָט אים לייע דערלאַנגט מיט די דאָזיקע ווערטער. עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לייע, און די פּאָליצעס מיט דער סכוירע, און די גאַנצע קלייט דרייען זיך, און ער אַליין דרייט זיך אויך מיט זיי.

וואָס קוקט איר מיך אָן? — זאָגט צו אים לייע, — איר האָט מיך ניט דערקענט? איך זאָג דאָך אייַך, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן!

רעב שאָלעם קאָן איר נישט ענטפערן; ס'איז אים טרוקן אין מויל, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. נאָר מיטאַמאָל פילט ער, אַז ער גייט אַרויס פון די קיילים, נעמט זיך אָן מיט האַרץ און שיסט אויס מיט קאַס:

— וואָס הייסט, ניטאָ וואָס צו רעדן, וואָס הייסט? גלאַט עפּעס באַדאַרף דאָך זייַן איטלעכע זאַך מיט אַ גאַנג, דאַרף דאָך זייַן, מיט אַ טאַמ... מיט... מיט... גלאַט אַ קונץ זאָגן, אַ קונץ? אַזאַ יונגערמאַן, אַזעלכער, מיט אַ גאָלדן געשעפט אַ גאָלדנס, מיט גאָלד אַסאַך, מיט... מיט... מיט... וואָס קאָן שוין זייַן גלייַכער וואָס? שוין איבערגערעדט וויפל שידוכים! סייַדן דאָס טעלערל פון הימל, סייַדן!

— ווייסט איר וואָס איך וועל אייַך זאָגן? איר זייַנט, זאָלט איר מויכל זייַן, אַן אַלטער נאַר, און דולט מיר נישט דעם קאָפּ און גייט אייַך געזונטערהייט!

רעב שאָלעם ווערט מאָלע קאַס, שטאַרק צעפּלאַקערט:

— וואָס הייסט דאָס, וואָס? עפּעס אַ ייִנגעלע עפּעס? אַי, פּע! מימאָנעפּשעך אַ קאַשע — יאָ־יאָ, ניין־ניין; צו וואָס טויג זיך נאָך טרייַבן, צו וואָס?..

אין רעב שאָלעמס קאָל הערט זיך טרערן, און לייען נעמט אָן באַם הארצן; זי ווערט א ביסל וויכער און זאָגט צו אים שוין אין גוטן מוט:

— וואָרעם איר זײַנט אן אלטער נאר, זאָג איך אײַך נאָכא־מאָל; וואָס קומט איר מיט טײַנעס? גענוג האָבן מיר געהאט צו טאָן נעכטן א גאנצע נאכט מיט דינען, זיך אויסגעגעסן דאָס הארץ, געשפּיגן מיט בלוט, ווי זאָגט מען: „קליינע קינדער — קליינע פריידן, גרויסע קינדער — גרויסע ליידן“, זי וויל ניט הערן, ניט זען; דער טויט, זאָגט זי, איז איר שוין מער ניכע; בעסער א לעבעדיקע, מײַנע סאָנים, אין דער ערד אריַין, איידער ארײַנפאלן צו אים אין די הענט אריַין. קומט איר צו גיין מיט טײַנעס, גלײַך ס'איז אין מיר געוועגדט, און זאלצט מיר אף די ווונדן! אז מע זאָגט אײַך ניטאָ וואָס צו רעדן, רוקט מען אָן דאָס היטל און מע נעמט דעם וועג.

רעב שאָלעם גייט אוועק פון דאָרטן גלײַך צום כאָסנס צאד און טרעפט פײַוולען אינדערהיים אן אויסגעצוואָגענעם, אן אויס־געקעמטן און אָנגעטאָן טאקע נאָר ווי א כאָסן. ער רוקט אונ־טער דעם שאדכן א בענקל, בעט אים זיצן. רעב שאָלעם דאנקט, זאָגט, אז ער קאָן באשטיין, און זעצט זיך צו אפן עק בענקל.

— נו, וואָס הערט זיך?

— סע הערט זיך, — מאכט רעב שאָלעם און גלעט זיך די באָרד, — אָט וועל איך אײַך שוין איבערגעבן אלצדינג, וועל איך אײַך. די מײַסע דערפון איז אזוי, די מײַסע: נעכטן, ווייסט איר דאָך, האָבן מיר אָפּגעשמועסט נעכטן פון דעם איניען אקוראט. זיי קלאָר געמאכט די זאך ארום און ארום, געווײַנטלעך אזוי גערעדט, זיי זאָלן זיך ניט שטויסן, זאָלן זיי זיך ניט, אז סע וואקסט פון אײַך, וואקסט דאָס, איך האָב אָנגעהויבן פון א זײַט האָב איך, מין האצאד. באשער זאָג איך, אזוי ווי איר זײַנט גע־בליבן, זאָג איך, אן אלמען... זײַנט איר...

— בעקיצער, בעקיצער! — שלאָגט אים איבער פײַוול, — דעם

געכטיקן שמועס אײַערן ווייס איך שוין. איר דערציילט מיר בעסער דעם הײַנטיקן שמועס, „היויצע לאָן מיזע״!

— דעם „היויצע לאָן מיזע״, — מאכט רעב שמועל מיט א זיפּצ... איז... גאָרנישט...

— גאָרנישט? וואָס הייסט גאָרנישט?

— גאָלע גאָרנישט, אָבער טאקע וואָס גאָרנישט הייסט. בלאָטע.

— פארוואָס? עפּעס מוז דאָך זײַן!

— אז איך זאָג גאָרנישט, טאקע פּאָשעט גאָרנישט שעבע־גאָרנישט. בלאָטע שעבעבלאָטע.

— טפו זאָלט איר ווערן! — האָט זיך שוין פּײַוול צעשריגן אף א קאָל, — האָט קיין פאריבל ניט, איר זײַנט דאָך עפּעס טאקע, ווי מע זאָגט, מימיצראַים וועאד היינאָ! א ייִד מיט א גרויער באָרד זאָל האָבן אזויפיל סייכל וויפל א ייִדענע. האָט זיך אײַנגעכאזערט „גאָרנישט״ און „בלאָטע״, כאָטש טעסע אים פלעקער אין קאָפּ אריין! זאָגט, וואָס האָט מען אײַך געזאָגט? ענטפערט ווי א מענטש! רעדט ווערטער!

— וואָס זאָל איך רעדן, וואָס? — מאכט רעב שאָלעמ דער־שראָקן, — זי זאָגט, די מאמע אירע, זי, די קליינע הייסט דאָס, די טאָכטער, וויל ניט הערן, ניט זען, וויל זי ניט, דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, זאָגט זי, דער טויט, זאָגט זי, איז איר מער ניכע, איר...

פּײַוולס פּײַכטע אייגעלעך זײַנען מיטאמאָל אויסגעטריקנט גע־וואָרן, די ליפּן זײַנען אים געוואָרן בלוי, די נאָז גרין, און ער האָט אויסגעלאָזט זײַן גאנצ ביטער הארצ אף דעם שאדכנס קאָפּ:

— איר קאָנט אזוי זײַן א שאדכן, פּונקט ווי איך קאָן זײַן א ראָוו! גייט אײַך געזונטערהייט און לאָם איך מער ניט אָנ־קוקן אײַער באָרד!..

פיַוול האָט אראָפּגעשלונגען דעם דאָזיקן ביטערן טראָפּן. ער האָט זיך געמאכט גלײַך, ווי ער ווייסט נישט פון קיין זאַך, פלעג ארײַנקומען צו לייען אין קלייט ארײַן, ווי פריִער, נאָר אין הארצן האָט ער געטראָגן אַ דינען אַ מוירעדיקע סינע. ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט אָפּרעכענען זיך מיט איר, האָבן אַמאָל אַ כעזשבן — אַז ניט הײַנט, איז מאָרגן; נישקאָשע, פּיַוול קאָן וואַרטן; ער האָט צײַט און עפּשער האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג? ווער קאָן דאָס וויסן?..

XI

פון דער באַסמאַלקע צום בען־מעלעך.

אַז איר וועט קומען צו פאָרן צו אונדז קיין מאַזעפּעווקע, וועט איר זען סאַמע אײנמיטן מאַרק אַ גרויסן מויער אַ רויטן, מיט אַסאַך קלײטן און קאַמערן געמויערטע, און אַז איר וועט אַ פרעג טאָן: וועמענס מויער איז דאָס? — וועט מען אײַך זאָגן: ס'איז דעם גווירס. — וואָסער גווירס דאַרפט איר שוין ניט פרעגן, וואָרעם דאָס איז דער גרעסטער און דער אײנציקער גוויר אין מאַזעפּעווקע. פון דרויסן איז דער מויער אַפּילע נישט אַזוי שיין, די אַרכיטעקטור נישט אַזוי פויגלדיק, און די באַלקאָנעס און די פענצטער קוקן גלײַך אין דער בלאָטע אַרויס, אין דער געוויסער מאַזעפּעווקער בלאָטע, וואָס האָט אַ שעם אַף דער וועלט, וואָס אַף איר זאָגט מען אין מאַזעפּעווקע, אַז פונעם מאַבל אָן, וואָס איז געווען אין גויעכס צײַטן, האָט זי נאָך נישט געפּרוווט אויסגעטריקנט ווערן אַפּילע אַף איין טאָג...

דערפאַר אָבער אינעווייניק, אַז איר וועט אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן, וועט איר געפינען שפּיגלען ביז דער סטעליע, גוט באַפּינטלט פון פליגן, שאַפעס גוטע, שיינע, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אַף ספאָרים אָדער אַף ביכער, נאָר דערווײַל זײַנען זיי ליידיק. עס וואַרפט זיך דורך אַן אַלטער מאַכזער אָן טאָוולען, אַ

סליכע און א האגאָדע, געבונדן איניינעם, אוכדוימע: א טייַערער קייַלעכיקער טיש פון רויט־האָלץ, אויסגעבערענט א פלעק אינמיטן פון א הייסער גלאָז טיי, לאָמפן די בעסטע, נאָר שטארק פאַר־פאָראָשעטע, בענקלעך און פאָטעלן אויסגעצייכנטע, נאָר מיט פיס־לעך אויסגעדרייטע, זייַדענע פאָרהאנגען מיט פלעקן, סאמעטענע קאָוויאָרן, אלערליי טעפ מיט קווייטן און צאצקעס אָן א שיר, און א טייַערער פאָרטעפיאן שטייט בא דער זייַט וואנט, אפ דער אויבערשטער דעק ליגט א שיין ביסל שטויב. דער דאָזיקער פאָר־טעפיאן שטייט און ווארט, טאָמער וועט עמעצער צוגיין אמאָל און וועט אָנהייבן אפ אים קלאפן, וועט ער ניט וועלן לייַדן און וועט אָנהייבן שרייַען מיט א מעשונע קאָל: „וואָס האָט איר געהאט פון מייַן לעבן? וואָס האָט איר מיך ארא‌פגעבראכט אהערצו צווישן פראָ‌ִמ, ווילדע מענטשן, וואָס ווייסן נאָר טא־ראבאניען אין דער וועלט ארייַן?“..

אז איר וועט אָנקלינגען בא דער טיר, וועט אייַך אנטקעגן קומען א מעשאָרעס, קלוימערשט א לאקיי, א שווארצער באָכער, אן אזעספּאָנעם מיט א קויטיקער מאנישקע, מיט געפּוצטע, שטארק גלאנצנדיקע שטיוול, מיט אן אויסגעשמירט פעט פּאָנעם, מיט זייַדעס אין די ווינקלען פונעם מויל און מיט טאָמיד פעטע פארברודיקטע הענט, און אז איר וועט אים עפּעס פרעגן, וועט ער אייַך גלייַך ניט ענטפערן. ער וועט אייַך עטלעכע מאָל אי־בערפרעגן: הא? וואָס? און ערשט נאָכדעם א זאָג טאָן: כ׳ווייס ניט, — און אייַך א זעץ טאָן מיט דער טיר גלייַך אין נאָז ארייַן.

ווער איז דער דאָזיקער מאזעפּעוקער גוויר, ווילט איר וויסן? דאָס איז רעב לייבעניו פישמאן, וואָס אמאָל, שוין לאנג, גאנץ לאנג האָט ער געהייסן לייבקע פישער.

לייבקע פישער איז פּאָשעט געווען א ייִד א פישער, וואָס פלעג, ניט הייַנט געדאכט, ארויספאָרן אלע פרייַטיק אפן מארק מיט א גרויסן וואָגן פיש. אין יענער צייַט איז לייבקע געווען א גרויסער כאָשעוו אין שטאָט בא אלע אונדזערע באלעבאָסטעס,

וואָס האָבן ליב, ווי עס איז באוווסט דער גאנצער וועלט, אויס־
כאפן איינע בא דער אנדערער דעם בעסטן כיילעק פיש אפ שא־
בעס, אשטייגער, א לעשטש א היפשן, גוטע שלייען פרישע, קאָ־
רעסלעך, וואָס ווארפן זיך נאָך, אָדער וויניקסטנס א העכט פון
א פונט צען־פופצן, וואָס פאר נויט קויפן אים דריי באלעבאָס־
טעס מיטאמאָל, קאָן מען אים האלבירן אפ דרייען. לייבקע, א
געזונטער ייִד, א רויטער מיט א גרויסער קייַלעכיקער באָרד,
פלעג שטיין באם וואָגן פיש מיט א גרויסער לעדערנער קעשענע
בא דער זייט, אויסשרייען אפ א קאָל איבערן גאנצן מארק,
שטארק געקוועטשט אפ דער שין: „עי, פיס, ווייבערלעך,
פריסע פיס, צאפלדיקע!" אין דער זאך איז לייבקע געווען א
גרויסער מומכע, א בעריע ניפלאָ: מיטן קוק האָט ער געכאפט
וויפל דער העכט האָט געדארפט וועגן, געוווּסט יעדער באלע־
באָסטע, וואָס און וויפל זי באדארפט האָבן, געהאט פאר איטלעכן
באזונדער אן אנדער ווערטל, און אין צוויי שאָ צייט האָט ער גע־
קאָנט אויסברענגען דעם גרעסטן וואָגן פיש. לייבקעס ווייב, גיטי,
א הויכע ייִדענע און א גראָבע, פלעג אויך שטיין באם וואָגן
פיש; נאָר איר ארבעט איז געווען נישט אזוי דאָס פארקויפן, ווי
דאָס אכטונג געבן — מע זאָל ניט מאכן „די רויפ", דאָס הייסט,
מע זאָל ניט לאקכענען, דאָס הייסט, מע זאָל נישט איינשלינגען
אין ארבל ארייַן עפעס א העכטל, ווי עס פלעג זיך אמאָל טרעפן,
און עפשער הייַנט אויך, זיי זאָלן מיר מויכל זייַן, צווישן די
מאזעפעווקער באלעבאָסטעס. בא אזא מייסע פלעג לייבקע נישט
לייגן קיין קאָוועד אפ קיינעם און פלעג פאטשן מיטן העכטל אי־
בער די פיסקעס גאנץ פראָסט און פאָשעט.

דאָס איז אָבער אלץ געווען שוין לאנג, אמאָל. אצינד הייסט
שוין לייבקע מער ניט לייבקע פישער, נאָר רעב לייבעניו פיש־
מאן. מיט פיש האנדלט ער הייַנט אויך, נאָר נישט מיט א וואָגן
אין מארק. דאָרטן ערגעץ אפן דאָן האָט ער, זאָגט מען, גע־
דונגען אָזערעס און סקלאדן אין אלע גרויסע שטעט, טראנס־

פּאַרטירט „וואָבלע", „קאָלאָרעס", „טאראנ" אינ די מיליאָנענ. אינ שטאָט איז ער ראַשוועריִשנ, האָט צו זאָגנ אפּ שאָכטים, אונ אפּ כאזאָנים, אונ אפּ ראבבאָנים, אונ אפּ טאלמעטוירעס, אונ אפּנ ביקער־כוילים—אונ אפּ וואָס נישט? די קלענסטע נעדאָווע גיט ער, נאָר קאָוועד קומט אים מער פונ אלעמענ, וואָרעמ ער איז דער גוויר, ער איז דער שיינער ייִד, דער כאָכעמ, דער טאקעפּ— הענ בא דער וועלט, וועהענ בא נאטשאלסטווע, קיינער וועט זיכ ניט דערוועגנ זאָגנ אפּ אימ, כאָלילע, א שלעכט וואָרט, סײַדנ שוינ גאָר א גרויסער נאר, אָדער גאָר א גרויסער שייגעצ, פונ יענע שטאָט־שקאָצים, וואָס זײַנענ גרויסע בעריעס בא זיכ אינדערהיימ צו שטעלנ בעכאדרע־כאדאָרימ א פײַג אונטער דער פּאָלע.

אויכ גיטי הייסט שוינ הײַנט מער נישט גיטי, נאָר גיטעלע. שאבעס אונ וואָכ טראָגט זי א האלדז פערל, וואָס אנדערע ווינטשנ זיכ פּארמאָגנ נאָר דאָס, וואָס איינ שנירל באטרעפט. אינ שול זיצט גיטעלע גאנצ אויבנאָנ, גוידערט זיכ אונ בלאָזט זיכ אונ מיינט טאקע ערנסט, אז קיינ גרעסערס, קיינ רײַכערס, קיינ שענערס פונ איר איז ניטאָ אפּ דער גאנצער וועלט. ווײַבער קריכנ איר אינ דער נעשאָמע ארײַנ: גיטעלע, הארצעניו, נעשאָמעניו, לעבנ זאָלט איר!.. אינעווייניק בא זיכ אינ הארצנ איז מענ איר געוויינטלעכ מעקאנע אונ מע ווינטשעוועט איר, „זי זאָל דאָס נאָר אויסקרענקענ, ריבוינעשעלוילעמ!"

רעב לייבעניו פּישמאנ איז א גרויסער מוצלעכ, א בענ מאזל; עס גייט אימ, ווי מע זאָגט, דורכ טיר אונ דורכ טויער; וואָס א טאָג ווערט ער רײַכער אונ רײַכער אונ וואקסט וואָס ווײַטער אלצ העכער אונ גרעסער. נאָר צו איינ זאכ האָט ער ניט קיינ האצלאָכע: צו קינדער. קינדער זײַנענ בא אימ פּא־ראנ דאפקע היפּשלעכ, קיינ איינהאָרע א שטיק צענ; נאָר וואָס פּאר א קינדער? איינס ערגער פונעמ אנדערנ: אָדער קאָסאָקע אפּ אנ אייגל, אָדער סע הינקט צו אפּ א פיסל, אָדער טויבלעכ אפּ אנ אויער, דרייט מיטנ קעפּל, שטאמלט מיטנ צונג, קאָנ נישט

אויסריידן קיינ „ק“ אונ קיינ „ג“: מע האָט מיר דעמאכט א שפודל־נײַע טאָרטענע טאפּאָטע אונ צודעזאָדט ברענדענ א דיל־דענעמ זיידער מיט א דאָלדנ טייטל [1]. אונ אז ניט קיינ קאליקע, איז אזוי א טויגעניכטס, אָדער א רועכ ווייסט וואָס, אונ דערצו זײַנענ זיי נאָכ געפּעסטעט, געבאלעוועט, ווילד אונ אויסגעלאסנ, ווי געוויינטלעכ בא פּראָסטע אופגעקומענע לײַט, ווו געלט שפּילט נישט קיינ ראָלע, ווו קינדער ווערנ ערצויגנ אפ שפּילעכלעכ, נאַשערײַענ, קאָנפעטנ, ווו איטלעכער טוט זיכ וואָס ער וויל אונ ווענ ער וויל... מעלאמדימ אונ לערערס זײַנענ אינ שטוב דאפּקע דאָ געווענ; נאָר ווער קוקט זיכ ארומ אפ זיי, אז דער פּאָטער איז קעסיידער פארנומענ אינ געשעפטנ, פּאָרט ארומ שטענדיק איבער די סקלאדנ, אונ גיטעלעס נעשאָמע איז דאָרטנ ערגעץ, אינ קיכ, אינ די שפּיזשארניעס, בא די קנישעס מיט די קרעפּלעכ, בא די גענדז מיט די קאטשקעס, אונ בא דער פּייסעכדיקער שמאלץ?

אָט אינ אזא שטוב איז געבוירנ געוואָרנ אונ ערצויגנ געוואָרנ אונדזער העלד פונעמ ראָמאנ, אונדזער דאָוויד.

דאָווידס גליק (אָדער אומגליק) — דאָס וואָס ער איז געוועג דאָס ערשטע קינד בא זײַנע עלטערנ אונ וואָס ער איז געבוירנ געוואָרנ נאָכ אינ דער צײַט, ווענ זיי זײַנענ נאָכ נישט געווענ אזוי רײַכ, אונ דעריבער האָט ער נישט געקאָנט זײַנ אזוי ווילד אונ פארדאָרבנ ווי זײַנע קלענערע ברידער אונ שוועסטער. דאָווידס גליק (אָדער אומגליק) וואָס אינ מאזעפּעווקע האָט זיכ ניט געפונענ קיינ רעכטער לערער, אונ מאכמעס דאָוויד איז געווענ א געראָטנ ציקאווע יינגל, אונ אלע האָבנ געזאָגט אפ אימ, אז ס'איז אנ אויירע, ער ווערט דאָ נעבעכ פארפאלנ, איז געבליבנ בא זײַנ פאָטער, ער זאָל אימ אָפּפירנ קיינ אָדעס, אימ אָנדינגענ ערגעץ א קווארטיר מיט קעסט אונ א רעכטנ לערער אפ צו אויס־

[1]) מע האָט מיר געמאכט א שפּאָגל־נײַע קאָרטענע קאפּאָטע אונ צוגעזאָגט ברענגענ א גאָלדענעמ זייגער מיט א גאָלדענעמ קייטל.

לערנען אים אלצדינג, וואָס מע באַדאַרף. סע פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. פריִער האָט לייבקע נישט געוואָלט הערן, ניט זען, געלאַכט, געמאַכט כויזעק פון דער גרויסער שטאָט אָדעס מיט די דאָרטיקע לײַט און מיט זייערע טאַכלייסים, געזאָגט, אַז ער פאָרט אויס די גאַנצע וועלט און ווייסט באָרעכהאַשעם אַליין אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך, נאָר אַז גיטעלע האָט זיך פּלוצעם אַרײַנגעמישט אינמיטן און האָט אָנגעהויבן, ווי אַ ייִדענע, ווי אַ געטרײַע מוטער, צו באַדויערן איר קינד: „וויִאַזוי וועט ער, נעבעך, דאָרטן שלאָפן אין דער פרעמד? און וויִאַזוי וועט ער, נעבעך, דאָרטן עסן אָן דער מאַמען״?—האָט זיך לייבקע מיטאַמאָל איבערגעביטן און איז אָנגעפאַלן אַף איר, ווי געווײנטלעך אַ מאַן פאַלט אָן אַף אַ ווײַב, איר אויסגעוואָרפן, אַז זי איז אַ ייִדענע, וואָס פאַרשטייט ניט מער פון אַ קאַץ און וואָלט נאָר האַלטן די קינדער אונטערן פאַרטעך, און גענוג. ער האָט אויסגעוויזן מיט ראיעס („ער איז דאָך אַזאַ מענטש, וואָס פאָרט אויס די גאַנצע וועלט״), אַז נאָר אין דער פרעמד, נאָר אין אַ גרויסער שטאָט קאָן ווערן פונעם קינד אַ לײַט, און דערבײַ האָט ער עטלעכע מאָל אָנגערופן זי „בעהיימע״, „פערדישער קאָפּ״, „נארישע טעלעצע״ אוכדוימע אַזעלכע שיינע נעמען. פאַר ביזויען און פאַר הארצווייטעק האָט זיך גיטעלע צעוויינט און געזאָגט, אַז „ווען באַ איר וועט אויסוואַקסן האָר אַף דער דלאָניע, דעמלט וועט זי לאָזן דאָס קינד אוועקפאָרן דער שוואַרציאָר ווייסט וווהין!״ דאָ איז שוין לייבקע געוואָרן מאָלע קאַס, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קולאַק אין טיש אַרײַן און האָט אויסגעשריגן אַף דער הויכער אָקטאַוועו: „אַז דו זאָגסט אַזוי, איז דאַפקע דיר אַפּצעלאָכעס פיר איך אים אָפּ קײַן אָדעס — און גיי לאָד מיך צום „אונסאַנע טויקעפ״!..

גיטי האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז וויבאַלד איר מאַן האָט שוין געגעבן אַ זעץ מיטן קולאַק אין טיש אַרײַן און רעדט שוין אַף דער הויכער אָקטאַווע, וועט איר שוין העלפן ווי אַ טויטן

באנקעס. עס וועט שוין מוזן זײַן אזוי, ווי ער זאָגט... אינעם יידישן לעבן שפּילט דער „ער" א גרויסע ראָלע. אויב דער „ער" איז אן איידעלער ייִד, וואָס קאָן לערנען, מוז זי דאָך אים גלאט אָפּגעבן קאָווער, וואָרעם אין זײַן זכוס קאָן זי האָבן א שטיקל כיילעק אוילעם־האבע, און טאָמער איז דער „ער" א פּראָסטער נעפעש, נאָר גלאט א יונג מיט ביינער, ליגט זי, נעבעכ, אוי, ביין איילן אין דער אדאָמע, וואָרעם וואָס פאר א ווערט האָט א ווײַב בא א פּראָסטן מענטשן, אָן בילדונג, אָן ויסנשאפט און אָן איי־גענעם פארשטאנד? אומעטום און אלע מאָל באווײַזט ארויס דער „ער", אז ער איז ער, און זי—וואָס איז זי, מ'שטיינס געזאָגט? א „זי" און ווײַטער גאָרנישט... זעלטן, זעלטן טרעפט זיך אזא מין „זי", וואָס זי איז מער אן „ער", איידער א „זי"... אָ! דעמלט רעכנט זי זיך אָפּ פאר אלע אירע אָרעמע שוועסטער און באַ־גראָבט דער „ער" טיף־טיף אין דער ערד ארײַן, אז אָך און וויי איז צו זײַנע יאָרן און טעג!..

XII.

ער פאָרט קיין אָדעס.

דער טאָג, וואָס אונדזער דאָוויד האָט באדארפט אוועקפאָרן מיט זײַן פאָטער קיין אָדעס, איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין זײַן לעבן. ער איז געגאנגען צו אלע זײַנע כאווײרים זיך געזעגענען מיט זיי, געקוקט אפּ זיך, ווי אפּ א מענטשן, וואָס פאָרט ארויס אפּ דער גרויסער וועלט, צוגעזאָגט איטלעכן, אז ער וועט זיי שרײַבן בריוו אלע וואָך און אלצדינג, וואָס אפּ דער „וועלט" טוט זיך, און די כאווײרים זײַנע זײַנען אים שטארק מעקאנע געווען, וואָס ער פאָרט... דאָווידן איז דאָס אָבער גע־ווען קארג; ער האָט געוואָלט, אז דער מארק זאָל אויך וויסן, אז ער פאָרט קיין אָדעס, איז ער זיך דורכגעגאנגען אין מארק צווישן די קלייטן עפּעס קויפן זיך אין וועג ארײַן און האָט

געטראָפנ צו לייע די צעלניקערנ אריַינ אונ האָט געדונגענ א טשע־מאָדאנטשיקל. האָט ער איר דערציילט, אז ער פאָרט קיינ אָדעס. האָט אימ לייע געפרעגט, וואָס פאָרט ער עפּעס קיינ אָדעס. האָט ער איר געזאָגט, אז ער פאָרט זיכ לערנענ. האָט דאָכ אימ לייע געפרעגט, וואָס וועט ער דאָרטנ לערנענ, האָט ער שוינ אליינ ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל איר זאָגנ, אונ איז רויט געוואָרנ פאר בּי־זויענ אונ בּיפראט, אז ס'איז געשטאנענ דערבּיַי איר טאָכטער דינקע — די זעלבּע דינקע מיט די שווארצע אייגלעכ אונ מיט די שווארצע געקריַיזלטע האָר, וואָס ער האָט מיט איר געלערנט בּא שעפּסל דעמ מעלאמעד אינ איינ כיידער אונ האָט זיכ מיט איר אמאָל צעקריגט... עס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אז דינקע קוקט אפּ אימ אונ לאכט. האָט דאָס אימ פארדראָסנ, אונ ער האָט זיכ געלאָזט אוועקגיינ. האָט אימ לייע אָפּגעשטעלט: „נו? אונ דאָס טשעמאָדאנטשיקל פארוואָס קויפסט דו ניט?" האָט איר דינע אָפּגעענטפערט מיט א געלעכטער:

— ער בּאדארפ דענ האָבּנ א טשעמאָדאנ? וואָס טויג אימ טשעמאָדאנעס? אבּי מיר זאָלנ וויסנ, אז ער פאָרט קיינ אָדעס!..

דאָוויד, וואָס ער האָט טאקע ניט בּאדארפט האָבּנ גאָרנישט, איז מיט בּיזויענ אוועק אהיימ מיט א ניַיעמ פארדראָס אפּ דעמ דאָזיקנ מיידל, וואָס האָט אימ דערקוטשעט פונ קינדוויַיז אופ — ער ווייסט נישט פארוואָס...

ער האָט דאָס אָבּער גיכ פארגעסנ, וואָרעמ ס'איז אימ פאָר־געשטאנענ זייער אסאכ־אסאכ ניַיס. נעמט די נעסיִע אליינ. א קלייניקייַט. דאָס ערשטע מאָל פאר א מאזעפּעווקער ייִנגל פאָרנ מיטנ אײַזנבּאנ. אז ער ווייסט נאָכ גאָרנישט מיט וואָס מע עסט דאָס, וואָס בּאדייַט דאָס אזעלעכס „איַיזנבּאנ". אָפּגעפאָרנ מיט רעדער היפּשע עטלעכע ווערסט, געקומענ צו דער סטאנציע אונ דערזענ פאר זיכ א מאָדנע שמאָלנ וועג פונ צוויי לאנגע שניר־לעכ, רעלסנ, ציִענ זיכ אָנ אנ עק, גייענ זיכ צונויפ דאָרטנ ער־געצ וויַיט־וויַיט אונ ווערנ פארפאלנ, האָט דאָוויד דערפילט, אז

ס'איז אים אויסגעוואָקסן פליגל, און ער האָט זיך געלאָזן גיין וווּהין די אויגן טראָגן אים, אביסל פארטראכט, און געקוקט אהין, ווו די צוויי לאנגע שנירלעך ציִען זיך אָן אן עק, גייען זיך צונויף דאָרטן ערגעץ ווײַט־ווײַט און ווערן פארפאלן...

זומער לעבן. דער הימל איז בלוי און לויטער. ס'איז גאָר פרי. די זון איז נאָרוואָס ארויס אפן גרויסן טאָג־שפאציר. די לופט איזווארעם און גרינג, און קליינע פליגעלעך שוועבן אופ און אָפ, אהין און אהער, טוקן זיך און באָדן זיך אין די גאָלדענע שטראלן פון דער זון; אלערליי פערכלעך—ווײַסע, און גרינע, און געלע פלאטערן, מאכן מיט די פליגלעך, טראָגן זיך אין דעם גרויסן לופטיקן יאם און ווערן פארשווונדן. פוןביידע זײַטן רעלסן ציִען זיך מוירעדיקע פעלדער, באדעקט מיט א גרינער זײַדענער קאָלדרע, מיט ווײַסע און געלע שפרינקעלעך פון אלערליי קווייטלעך, וואָס קימאט אפ איטלעכס קווייטעלע שטייט אן אנדער מין פליגעלע, זויגט און ציט זיך זײַן באדערפעניש, פארטיפט אין מאכשאָוועס, ווי א קליין קינד בא דער מוטערס ברוסט... אויך אפ דער ערד קריכן און פויזען, שנאָרען, לויפן און שפרינגען ארום אלערליי מינים זשוקלעך, פליגלעך, היישעריקן און מוראשקעס, מיינסטנ פארטראָגן, פארטאראבארעט, אָפטמאָל מיט א שווערער ארבעט, וואָס איבערן קויעך, און הערן דעם מענטשן מיט זײַנע מוירעדיקע גרויסע פיס פאר דרײַ פיטאַקעס... דאָס זשומען פון די פליגלעך, מיטן שמוצערן פון די היישעריקן גיסן זיך צונויף אינאיינעם מיטן פישטשען פון די פייגעלעך, וואָס צעלאָזן די פליגעלעך, הייבן זיך אופ אלע מאָל און לאָזן זיך אראָפ צוריק אפ דער ערד, שארפן די פיסלעך, זוכן זיך עפעס נעמען אין מויל ארײַן, וואָס גאָט גיט: א קערנדל, א קווייטעלע, א פליגעלע, א זשוקל, א ווערעמל...

אונדזער פארשוין, וואָס איז אויסגעוואקסן אין דער גרויסער מאזעפעווקער בלאָטע, ווײַט פון דער שיינער נאטור, ווײַט פון דער ריינער פרײַער לופט, שפאצירט איצט פארטראכט אפן שמאָלן

וועג ווײַטער און ווײַטער, און די צוויי לאַנגע שנירלעך, די רעלסן, לאָזן זיך ניט אויס, זיי ציִען זיך אָן אַן עק. זיי גייען זיך צונויף דאָרטן ערגעץ ווײַט־ווײַט און ווערן פֿאַרפֿאַלן... גאָט ווייסט וווּ־הין די פּיס וואָלטן פֿאַרטראָגן דאָווידן, ווען דער וועכטער (בור־דאָטשניק) זאָל אים ניט געוועזן דערזען און אים אַ פֿרעג טאָן ווּהין ער גייט. אונדזער יונגער רײַזנדער האָט גענומען די פּיס אַף די פּלייצעס און איז אוועק צוריק אַף דער סטאַנציע.

— וווּ ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? — האָט אים דער פֿאָטער אַ פֿרעג געטאָן? — וווּ ביסטו געווען?

— אַפֿן „אײַזנבאַן", — האָט אים דאָוויד געענטפֿערט גאַנץ ערנסט, נישט געמיינט דערבײַ קיין שום כאָכמעס, און דער גאַנ־צער אוילעם, ייִדן און ווײַבער, וואָס זײַנען געווען דערבײַ אַפֿן וואָקזאַל, האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דאָוויד האָט ניט פֿאַרש־טאַנען, וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו לאַכן, און איז פֿאַרשעמט געוואָרן.

— ביזט ווערט פּעטש פֿאַר אַזאַ ענטפֿער, — זאָגט צו אים דער פֿאָטער, — ביזט נאָך גאָר אַ קעלבל...

דאָוויד האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין בעשומויפֿן, פֿאַרוואָס איז ער אַ קעלבל. פֿאַר ביזויען האָט זיך אים אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַ גליק וואָס ס'איז געוואָרן מיטאַמאָל אַ קליינ־גערײַ, מיט אַ פּײַפֿערײַ, מיט אַ לויפֿערײַ, מיט אַ טומל, אַ גערודער; אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פּעקלעך און מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר; ס'איז געוואָרן אַ שטופּעניש, אַ שפּאַ־רעניש, אַ קוועטשעניש מיט סאַקאָנעס נעפֿאָשעס.

— קום! — זאָגט צו אים דער טאַטע, נעמט אים פֿאַר אַ האַנט און שטופּט זיך מיט אים דורך דער טיר, און דאָוויד דערזעט אַ גרויסן, אַ מוירעדיקן, אַ הויכן וואָגן מיט אַ שוואַרצן קוימען, פֿון וועלכן סע זעצט אַ רויך, און צו דעם וואָגן גייען צוגעטשעפּעט אַ גאַנצע שורע וואָגנס פֿון אַלערליי פֿאַרבן: גרינע, געלע און בלויע, און מענטשן לויפֿן אויף און אָפּ, וווּ־

די מעשוגאָים. דאָרט שרײַט א יִדענע: „סאָרע, גיכער־גיכער". „פּאוואָלי די וועשטשעס" — שרײַט נאָך איינער. דאָ פליט איינער אָן א היטל, מיט א מאָדנעם האלב־פארשלאָפן פּאָנעם, מיט א גרויסן בלעכענעם טשײַניק אין האנט; און דאָרט שטייט א יִיד בא א גרויסער פּאס, וואשט זיך די שפּיץ פינגער און באַנעצט די אויגן מיט די פּייעס, ווישט זיך מיט דער פּאָלע און שעפּטשעט עפּעס; דאָ שטייט אן ארבעטער, שיילט א פישל און קײַט בעשאסמײַסע א בולקע גאנץ געשמאק מיט אפּעטיט; און דאָרט שטייען צוויי יִדן, ביידע מיט זאָנטיקעס, ביידע מאכן מיט די הענט און ביידע שרײַען הויך: „א וואגאָן, געגריזעט, אָנגעגריזעט, קוויטאנציע, וואגאָן"... דאָ שטייט א גראָבע פּריצע מיט א רויט פּאָנעם און מיט א רײַזנטאש איבער דער פּלייצע, און דאָרטן דרייט זיך ארום הין־און־צוריק איינער מיט קעסטלדיקע הויזן, מיט א מאָדנער יארמאָלקעלע אפן קאָפּ און מיט געלע גלאנצנדיקע שיך. אויך פון די פענצטער קוקן ארויס מעשונע־מאָדנע פּענעמער פון אלערליי פארשוינען — פּענעמער געגאָלטע, און פּענעמער מיט בערד, פּענעמער פון זכאָרים, און פּענעמער פון נעקייווס, און פּענעמלעך פון קינדער, וואָס לאכן, און קינדער, וואָס וויינען, אלטע ניאנקעס מיט ווײַסע שלייערס האלטן די וויינענדיקע קינדער אף די הענט, קלאפּן צו זיי מיט די אלטע אויסגעבויגענע פינגער אין פענצטער, זינגען און ברומען: „טפּרו־טו־טו! טפּרו־טו־טו!" און די קינדער הערן זיי, ווי דעם פאראיאָריקן שניי, האלטן אָפן די מײַלער, די צינגלעך ארויסגעשטעלט, די קעפּלעך פארוואָרפן, און שרײַען אין איין קאָל: „מא־מא!"... דאָוויד איז פארקישעפט פונעם טומל, מיט די געשרייען, מיטן געפּילדער, וואָס דאָ איז. אין א פּאָר וואגאָנעס, זעט ער, זײַנען גאָר קיין פענצטער נישטאָ, נאָר אײַזערנע גראטעס, און פון די גראטעס קוקן ארויס אויגן א סאך, מיט נעזער, מיט מאָרדעס פון מאָדנע נעפאשעס, וואָס זײַנען אָנגעטאָן אלע אין גרויע געוועטנענע סוויטקעס, מיט גרויע

געוואנטענע היטעלעך אף די אויסגעגאָלטע קעפּ. דאָוויד זעט, אז די דאָזיקע לײַט זיצן דאָ ענג אָנגעפּאקט, ווי הערינג אין א פאס, פארשפּארט, ווי אויפעס אין שטײַג, נאָר ער פארשטייט ניט וואָס דאָס באַדײַט! ער פילט, אז דאָס באַדארפן זײַן, נעבעך, אומגליקלעכע, און עס ציט אים דאָס הארץ צו זיי, אליין נישט צו וויסן פארוואָס... ער פארײַסט דעם קאָפּ ארופּ און קוקט און קוקט אין די גראטעס ארײַן און דערזעט... א גרויסע, א מוירעדיקע פײַג אים גלײַך אין נאָז ארײַן. די גאנצע כעוורע שיסן אויס א געלעכטער. ער דערהערט פּאסקודנע ווערטער און עד ווערט מעוויעש פאר זיך אליין דערפאר, וואָס ער האָט נאָרוואָס אף זיי ראכמאָנעס געהאט, און דערצו כאפּט ער א רעכטן סטוסאק פונונטן, וואָס איינער דערלאנגט אים מיט א פולן אָנגעשטאָפּטן זאק.

— וווהין קריכסט דו? — זאָגט צו אים דער פּאָטער, טוט אים א ציִ בא דער האנט און שלעפּט אים ארײַן אין וואגאָן צווייטע קלאס...

XIII

און בלײַבט אן אָדעסער.

שיין איז די שטאָט אָדעס מיט אירע ריינע, גלײַכע, אויסגעמאָסטענע גאסן, וואָס גייען דורכגעשניטן אין דער לענג און אין דער ברייט, קעסטלדיק ווי א שאכמאט, מיט אירע הויכע צומיינסטנ געלע און ווײַסע מויערן, וואָס איינער וויל זיך אויספּײַנען פאר דעם אנדערן, מיט אויסגעפּוצטע אקאציעס, וואָס צעבליִען זיך, אז עס קומט שוועס־צײַט, און דער רייעך זייערער צעגיסט זיך אין אלע אייוורים; מיט איר שווארצן יאם, וואָס זעט אויס פונדערווײַטן, ווי א ברייטע בלויע סטענגע נעמט ארום די שטאָט. שיין איז די שטאָט אָדעס, טאקע נאָר ווי א שיינע און אויסגעפּוצטע קאלע, האָט דעם זיבעטן כיין בא איטלעכן אין די אויגן. וואָס פאר א כיין האָט די אייגענע

שיינע אויסגעפּוצטע קאַלע בּא איר געליבּטן אין די אויגן?
נישקאָשע, איך קאָן גלײַכן די שטאָט אָדעס פאַר אַ שיינער אויסגעפּוצטער קאַלע, און דאָווידן — פאַר איר געליבּטן כאָסן, וואָס צו איר האָט אים געטאָן ציִען, צו איר האָט ער געטאָן גלוסטן, ווי אַ געטרײַער ערלעכער כאָסן צו זײַן געליבּטער קאַלע.

ווי אַ כאָסן, וואָס איז פאַרליבּט אין דער קאַלע, מוז זײַן אַבּיסל פאַרשיקערט, די אויגן מוזן זײַן אַבּיסל פאַרבּלענדזעט, און אַלצדינג מוז זיך אים אויסווײַזן ליכטיק, לעבּעדיק, זינגעוו־דיק און טאַנצנדיק, אַזוי האָט אויך אויסגעזען די שיינע שטאָט אָדעס דאָס ערשטע מאָל בּא אונדזער יונגן העלד אין די אויגן. איטלעכע גאַס האָט צו אים געשמייכלט, יעדער בּוים האָט צו אים געוווּנקען, און יעדער מענטש האָט אים געגריסט. די גאַנצע שטאָט האָט אים געטראָגן אַ בּרייטן שאָלעם־אַלייכעם: „בּאָרעכ־האַבּאָ, אַ גאַסט, רעבּ דאָוויד!”... ער זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט ער איטלעכן בּאַזונדער אַרומגעכאַפּט קושן; ער זאָל ניט מוירע האָבּן פאַרן־טאַטן, וואָלט ער זיך אינמיטן גאַס אָפּגע־שטעלט און זיך איבּערגעקוליעט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף — „אַלעהאָפּ”! אַזוי גוט איז אים געווען אויפן האַרצן, אַזוי גרינג אויף דער נעשאָמע און אַזוי בּרייט און גראָם און ליכטיק איז אים געווען די גאַנצע וועלט! די הויכע, שרעקלעך הויכע, מויערן, די מענטשן, וואָס גייען אויף און אָפּ, די גרויסע שפּיגלדיקע פענצטער מיט די אַלע שיינע צאַצקעס, וואָס קוקן אַרויס פון דאָרטן און פאַרנאַרן צו זיך: „אַהער, בּאָכערל, אַהער קוקן” — דאָס אַלצדינג, מיטן ראָש פון די רעדער איבּער די שטיינער, האָבּן אויפגעכאַפּט אונדזער דאָווידן און געטראָגן אים אינדערלופטן, פאַרשיקערט דעם קאָפּ און פאַרטומלט דעם מויעך. דאָך איז ער געווען אויף אַזויפיל ניכטער, אַז ער האָט זיך גע־קאָנט אײַנהאַלטן, מוירע געהאַט אַרויסבּאַווײַזן פאַר זײַן פאָטער די גרויסע סימכע זײַנע, טאָמער נעמט ער און פירט אים אָפּ צוריק אַהיים קיין מאַזעפּעווקע.

און אפ אזא ייִדן, ווי זײַן פֿאָטער, איז דאָס געווען זייער גרינג צו גלייבן. וואָרעם לייבקע פֿישער, אָדער, ווי מע רופֿט אים הײַנט, רעב לייבעניו פֿישמאַן, איז א ייִד בעטעווע א הארטער, אן אקשן, א קײַסן און, מעכילע, א גרויסער דעספּאָט. סײַ צו פֿרעמדע, סײַ צו אייגענע, צו ווײַב און קינדער. א גרויסן געשריי זאָל א קינד טאָן אין שטוב, איז כײַעס ניט זיכער. א טאנץ טאָן, א שפּרינג טאָן — דאָס שמועסט מען ניט: וואָס פֿאר א טאנצן? וואָס פֿאר א שפּרינגען? א קינד באַדארף אָדער גיין אין כיידער ארײַן, אָדער, אז סע קומט אהיים, זיצן שטיל, אָדער ליגן און שלאָפֿן. א ניט — איז פּעטש, ווי האָלץ, קולאקעס און סטוסאקעס פֿון דער בּרייטער האנט. האָט ער גענומען שלאָגן א קינד, איז קיין ראכמאָנעס נישט געווען: אראָפּגענומען דעם ברייטן לעדערנעם פּאס פֿון די הויזן און געשמיסן אזוי לאנג, ביז בלוט זאָל גיין. דעמלט פֿלעג גיטי זיך אײַנשטעלן דאָס לעבן, צולויפֿן און אויסרײַסן בא אים פֿון די הענט דאָס צעהארגעטע, אומבעראַפּמאָנעס־געמיימעסטע קינד, מיט א געשריי: „מעשוגע מײַנע סאָנים, צי כאָסערדייע, צי וועלכע שווארצע יאָר?"... אזוי שטעלט זיך אײַן א הון — א קוואָטשקע פֿאר אירע הינדעלעך בעשאַס א סאקאָנע — צעלאָזט די פֿליגל, שפּרינגט אין פּאָנעם ארײַן און גרייט יענעם דוירעס זײַן: קוואָ־קאָ־קאָ־קאָ־קוואָ! ?..

א יאָנטעוו פֿלעג זײַן אין שטוב, אז ער איז אוועקגעפֿאָרן אפֿן דאָן נאָך פֿיש, אָדער אפֿ די סקלאדן. דעמלט איז געווען אפֿ אלעמען א נײַע הויט, דעמלט האָט מען געקאָכט די גוטע וועטשערעס, די עמעסע מילכיקע ווארעניקעס מיט קעז, אלע — אי גיטי, אי די קינדער — האָבן זיך אָפּגעלעבט א גוטן טאָג, געציילט די גליקלעכע טעג, וואָס זײַנען אוועקגעגאנגען, פֿארלייקנט איינס פֿאר דאָס אנדערע וואָס אין הארצן טוט זיך, געליגנערט און געפֿעלשט פֿון גרויס ביז קליין. אָט אזוי האָט מען געלעבט בא די פֿישמאנעס אין שטוב, און אָט אזוי לעבט

מענ אינ אסאכ ייִדישע הײַזער, ווו איינער נארט אָפּ דעמ אנדערנ, ווו אלע האָבנ זיכ פײַנט, אונ קושנ זיכ, קאָנענ זיכ ניט אָנקוקנ, אונ האָבנ דערעכערעצ, ציטערנ פאר דער פארע אונ פארשעלטנ דאָס געביינ. אפ אזעלכע הײַזער האָט ניט גערוט די שכינע, אינ אזעלכע הײַזער האָט ניט ארײַנגעקוקט די זונ פונ דער עמעסער, דער ריינער, דער הייליקער ליבע. אינ אזא שטוב איז געבוירנ געוואָרנ אונ אויסגעוואָקסנ אונדזער העלד פונעמ ראָמאנ, אונ פונ אזא שטוב האָט ער זיכ באצײַטנס ארויסגעריסנ.

עס איז אָפגעגאנגענ א האָר, אז אונדזער יונגער העלד זאָל פאָרנ צוריק אהיימ, וואָרעמ ס'איז ניט געווענ ווו אימ איבערצולאָזנ. כאָטש פישמאנ איז א ייִד א הארטער אונ א גרויסער דעספאָט, פונדעסטוועגנ האָט ער ניט געוואָלט איבערלאָזנ זײַנ דאָווידנ גלאט אזוי אינ א שטוב, ווו ער זאָל נישט האָבנ אלצדינג, וואָס ער פארלאנגט. אונ אגעוו האָט זיכ אימ געגלוסט אָפגעבנ אפ רעכטע הענט, ווו מענ זאָל האָבנ אפ אימ האשגאָכע. אונ גאָט האָט אימ צוגעשיקט עפעס איינעמ, נישט קיינ רײַכנ מענטשנ, א לערער, וואָס האלט בא זיכ צוויי־דרײַ פרעמדע קינדער אפ אלעמ גרייטנ. דעמ לערער האָט אימ געגעבנ זײַנער א באקאנטער סויכער, אויכ פונ די פישערס, אָדער ווי מענ רופט זיי „דאָנשטשיקעס", וואָס יענער האָט געהערט פונ זײַנעמ א באקאנטנ, וואָס האָט געהערט פונ נאָכ א באקאנטנ, אז ס'איז פאראנ אזעלכער אונ אזעלכער, וואָס נעמט צו זיכ אינ שטוב ארײַנ לערנענ אונ דערציִענ ייִדישע קינדער אפנ שענסטנ אויפנ, אונ נישט טײַער. פישמאנ האָט נישט לאנג געטראכט אונ האָט געשיקט רופנ צו זיכ דעמ דאָזיקנ לערער. האָט אימ דער דאָזיקער לערער באפוילנ, אז אויב פישמאנ באדארפ צו אימ האָבנ, מעג ער קומענ צו אימ... דאָס איז אונדזער מאזעפעווקער גוויר דאפקע געפעלנ געוואָרנ: סטײַטש, א לערער — א קאפצנ זאָל האָבנ א האָזע אזוי צו ענטפערנ א

גוויר, באדארף מען אים גיין אנטקעגן, וואָס פאר א מין נע־פעש קאָן דאָס זײַן. פישמאַן האָט גענומען מיט זיך דאָווידן און איז געגאַנגען צום לערער.

געקומען צום לערער, האָט ער אים געטראָפן בעשאַס ער האָט געגעסן. האָט ער באַפוילן דורך דער דינסט:

— גייט זאָגט אים, אז איך בין געקומען..

האָט אים דער לערער געשיקט פרעגן:

— ווער איז דער „איך"?

— איך, פישמאַן פון מאַזעפּעווקע.

— לאָז פישמאַן פון מאַזעפּעווקע צוּוואַרטן אביסל אין זאַל, ביז איך וועל אָפּעסן.

דאָס איז אויך געפעלן געוואָרן אונדזער מאַזעפּעווקער גוויר און ער האָט שוין אַרויסגעקוקט, געוואָלט זען דאָס נעפעש. עס האָט לאַנג געדויערט, און דאָס נעפעש האָט זיך באַוויזן — א קליין שווארץ יידל, מיט א גרויסער ליסינע, מיט קליינע שוואַרצע שאַרפע אויגן, מיט ברילן, מיט א קליין שוואַרץ בערדל און מיט א רירעוודיק פּאָנעם, און איינגאַנצן א רירעוו־דיקער, א פאַרשוין פון גאָלע נערוון.

צווישן דעם דאָזיקן נערוונעם לערער און מאַזעפּעווקער גוויר איז פאָרגעקומען א געשפּרעך, וועלכן מיר גיבן דאָ איבער וואָרט בא וואָרט אָן א שום צוזאַץ, אָפּנטלעך, אז איטלעכער וועט שוין פאַרשטיין וואָסערע ווערטער געהערן צום לערער און וואָ־סערע ווערטער געהערן צום מאַזעפּעווקער גוויר.

— שאָלעם־אַליכעם, מאַ שמייכעם? פונוואַנען איז א ייד? וואָס איז אײַער טועכצ? און וואָס ווילט איר פון מיר?

— פישמאַן פון מאַזעפּעווקע, א ייד — א פישער, איך וויל איבערלאָזן דאָ מײַן זון, ער זאָל זיך לערנען.

— א ייד — א פישער? וואָס־זשע דאַרפט איר מאַכן אײַער זון פאַר א דאָקטער? לערנט אים בעסער פישערײַ.

— כאָלילע, ווער האָט אײַך געזאָגט, אז איך וויל מאַכן

מײַן זון פאר א דאָקטער? פאר א קערבל קריגט מען הײַנט דעם בעסטן דאָקטער, און פאר נויט איז צוויי קערבלעך.

— וואָס־זשע דען ווילט איר לערנען אײַער זון?

— איך ווייס וואָס? אָט די הײַנטיקע אלע שמאָכטעליאקעס דאָרטן, קראנצעפאָליע מיט גאגראפיע, מיט רעדן פראנצויז...

— ווי א מאלפע, הייסט דאָס, ווילט איר אים לערנען טאנצן, גיין אפ א שטריק?

— וואָס דען מיינט איר? אלע זײַנען מאלפעס, אלע גייען אפ א שטריק. אָט האָט מיך מײַן טאטע, אָלעוואשאָלעם, נישט געפירט קיין אָדעס זיך לערנען גאגראפיע, פונדעסטוועגן, גאָט צו דאנקען, האלעווײַ אפ מײַנע קינדער ניט ערגער.

— דאָס זעט מען ארויס... אקלאל, ווילט איר, הייסט דאָס, אײַער זון איבערלאָזן בא מיר און אפ אלעם גרייטן? וויאזוי איז אײַער יינגל? וואָס האָט ער אין קאָפ אכוץ פיש?

— אכוץ פיש האָט ער נאָך אביסל סייכל אויך, און קיין אזעספאָנעם איז ער אויך ניט, דאָס זאָג איך אײַך געוויס, סײַדן איר וועט אים אויסלערנען.

— עס וועט אָבער נישט קאָסטן וואָלוול.

— שרעקט מיך נאָר נישט מיט קיין געלט, איך בין שוין אויסגעשטאנען גרעסערע צאָרעס אפ מײַן לעבן...

— ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איר הייבט מיר אָן צו געפעלן.

— ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איר זענט מיר באלד געפעלן...

זיי האָבן זיך באדונגען, און דאָוויד איז געבליבן אן אָדע־סער.

XIV

א נײַע וועלט, נײַע מענטשן, נײַע קענטשאפטן.

אונדזער יונגער העלד האָט זיך ארײַנגעכאפט אין א נײַער וועלט, צווישן נײַע מענטשן, אין א גאניידן. ער איז ארומגע־

גאַנגענ איבער דער גרויסער שטאָט אָדעס, איבער די שײנע
ברײטע געפֿלאַסטערטע גאַסנ א פּאַרקישעפּטער, ניט געפֿילט די
ערד אונטער זיך, נישט געהערט ווי די פֿיס טראָגנ אים, נישט
געוווּסט אַפֿ וואָס ער זאָל פֿריִער קוקנ: צי אַפֿ די הויכע גרויס־
אַרטיקע מויערנ, וואָס שפּאַרנ זיך אַרופֿ אינ הימל אַרײַנ, צי אַפֿ
די שײנע קאַרעטעס, וואָס פֿליִענ הינ און צוריק, צי אַפֿ די
פֿאַרשײדענע מענטשנ, אויסגעפּוצטע און אָפּגעריסענע, וואָס לויפֿנ
ווי די מעשוגאָיִמ, צי אַפֿ די גלאַנצנדיקע פֿענצטער פֿונ שפּיגל־
גלאָז מיט די אַרויסגעשטעלטע צאַצקעס, אײנע שענער פֿונ דער
אַנדערער? ער האָט זיך קימאַט אַפֿ יעדער טריט אָפּגעשטעלט
און באַטראַכט די שײנע שטאָט מיט זשעדנע אויגנ, ווי אַנ אויס־
געהונגערטער נאָכ א לאַנגנ, לאַנגנ טאָנעט, אַז ער דערזעט מיט־
אַמאָל אַסאַך מײַכאָלימ, אַלערלײ פּאָטראַוועס, די בעסטע שפּײַזנ;
די אויגנ לויפֿנ אַרומ פֿונ אײנ מײַכל אַפֿנ אַנדערנ, ער ווײסט
ניט פֿונ וואָס ער זאָל געניסנ פֿריִער. ער האָט זיך קימאַט נישט
געוואָלט גלײבנ, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס ער זעט, זעט ער דאָס
אַפֿ דער וואָר, ניט אינ כאָלעמ; ער האָט מוירע געהאַט, טאָמער,
כאָלילע, לײגט זיך דער פֿאָטער איבער, אָדער ער גלײַכט זיך ניט
אויס מיטנ לערער, און נעמט אים, א קאַשע אַפֿ א מײַסע, און
פֿירט אים אַוועק צוריק אַהײמ. פֿונ דעמ געדאַנק איז אים פֿאַר־
קילט געוואָרנ אינעווײניק די געבליטנ, פֿאַרשטאָרבנ געוואָרנ דאָס
האַרצ און פֿינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ. ער האָט נישט גע־
זענ פֿאַר זיך קײנעמ, אַכוצ דעמ לערער מיטנ פֿאָטער. ער האָט
ניט געזענ, ווי עס דרײענ זיך אַרומ אים נאָכ אַזעלכע ווי ער,
באַטראַכטנ אים פֿונ קאָפּ ביז די פֿיס, קוקנ זיך איבער צווישנ
זיך, טרעטנ אָפּ אינ א ווינקעלע און לאַכנ אינ קולעק אַרײַנ. ער
האָט נישט געזענ און נישט געהערט גאָרניט. ער איז געווענ
פֿאַרנומענ אינ דער מינוט נאָר מיט אײנ זאַכ, אײנ מאַכשאָווע
נאָר איז געווענ בא אימ אינ קאָפּ, געעגבערט דעמ מויעכ: צי
בלײַבט ער אַנ אָדעסער, צי נײנ? דער לערער האָט אים צוגע־

רופנ פארהערנ זיכ, אימ עפּעס געפרעגט. דאָוויד האָט געענט־פערט, נאָר וואָס — ווייסט ער ניט, עפּעס האָט מענ גערעדט, נאָר וואָס געדענקט ער ניט. בא אימ אינ קאָפּ איז געווענ נאָר איינ געדאנק, אינ מויעכ איז ארומגעשפּרונגענ נאָר איינ מאכשאָווע: אָדעס!.. ערשט דעמלט האָט ער זיכ געגלייבט, אז ער בלײַבט אנ אָדעסער, אז דער פאָטער איז אופגעשטאנענ אונ אָנגעהויבנ זיכ געזעגענענ, ארויסגענומענ פונ קעשעניע א גרויסנ לעדערנעמ בײַטל, אויסגעשאָטנ עטלעכע קליינע גאָלדענע מאטבייעס, „מאמ־זיירימלעכ” אפ זײַנ לאָשנ, אונ איבערגעלאָזט אימ א ביסל קליינ־געלט אפ קאָנפעקטנ, ניסלעכ, צוקערקעס אונ אנדערע שמאָכטע־ליאקעס.

— געדענק־זשע, זײַ א מענטש, ווּעסטו עסנ אינ סוקע! — אזוי האָט ער אָנגעזאָגט זײַנ זונ, אונ דעמ לערער האָט ער געבעטנ, ער זאָל האשגאָכע געבנ אפ זײַנ קינד, ער זאָל ניט איבערקערנ אָדעס, וואָרעמ ער איז א גרויסער שייגעצ, — אונ אז ער וועט, הערט איר, ניט פאָלגנ, מעגט איר אימ געבנ, הערט איר, א פאטש, אונ אמאָל צוויי פעטש, נישקאָשע, אפ מײַנ אכרײַעס... באלעווענ דארפט איר אימ ניט, ער איז, הערט איר, בא מיר, כאָלילע, ניט קיינ בעניאָכיד, פאראנ, בא מיר, הערט איר, קיינ איינאָרע ביז א טוצ... איכ האָב פײַנט באלעווענ. איכ בינ, הערט איר, אליינ ניט קיינ געבאלעוועטער, איכ אינ זײַנע יאָרנ האָב שוינ גוט געהאָרעוועט, געשטאנענ, הערט איר, בא די פיש... אונ ווײַטער וואָס איז „קאסאטעלנע” צו לערנענ יידיש, רוסיש, דײַטש, פראנצויזיש אונ די איבעריקע שאלאמויזנ, פארלאָז איכ מיכ אינגאנצנ אפ אײַכ; מע האָט מיר געזאָגט, הערט איר, אז איר קאָנט, מיסטאמע קאָנט איר, איכ בינ, ווי איר זעט מיכ אָט אָ, א פראָסטער כײַ־וועקאיעמ. מע זאָל מיכ געווענ, הערט איר, לער־נענ, וואָלט איכ מיסטאָמע געקענט מער פונ אײַכ, אונ נאט אײַכ א גראָשנ פאר אינגאנצנ דאָס לערנעכצ, הערט איר, וואָרעמ אָט האָב איכ ניט לאנג צוגענומענ, הערט איר, א מענטשנ—א קאסיר,

וועט ער אייך פאַרשטעקן אין גאַרטל מיט אַלע אייערע אַדעסער קענערס, פונדעסטוועגן איז ער קיין איינאַרע, הערט איר, אַ קאַפּצן אין זיבן פּאַלעס, ער איז מיר געגוג נאָכגעגאַנגען, און איך האָב אים גענוג, הערט איר, אויסגעקאָכט דאָס וואַסער, ביז איך האָב אים צוגענומען, הערט איר, פאַר דרייסיק שמאַרדאָווענצעס אַ כוידעש... זייט מיר געזונט!... זייַ געזונט, דאָוויד!..

דאָוויד האָט ניט געוווסט וויאַזוי ער זאָל זיך געזעגענען מיטן פּאָטער: געבן אים די האַנט? עפּעס מאָדנע! וויאַזוי גיט מען אַ טאַטן שאָלעם־אַלייכעם? צעקושן זיך — שמועסט מען ניט. וויאַזוי קושט מען זיך פּלוצעם אינמיטנדערינען מיט אַ טאַטן, און פאַר אַלעמען אין די אויגן?.. איז ער געבליבן שטיין פונדערווייטן, נאָר אַ מורקע געטאָן אונטער דער נאָז: „פאָר געזונט", בעשאַס דער פּאָטער איז שוין געווען מיט איין פוס אַף יענער זייט טיר. מיט אַ מינוט שפּעטער, אַז די רעדער פון דער דראָזשקע האָבן זיך געלאָזט הערן איבער די שטיינער, האָט דאָווידס הערצל אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און שטאַרקער, שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען פאַר פרייד. די ווייסע בעקלעך האָבן אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן פלאַמען, און די אייגלעך גלאַנצן. אין דער מינוט האָט ער פאַרגעסן דעם טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט דער היים — נאָך קיינעם ניט געבענקט, צו קיינעם ניט געצויגן דאָס האַרץ, נאָר איין געפיל איז בא אים געווען אין האַרצן, נאָר איין מאַכשאָווע אין קאָפּ: „איך בין אין אָדעס!"

„ווי איז צו דעם גרעזעלע, — אַזוי זאָגט דאָוויד אַליין מיט אַ מעליצע־שפּראַך אין זיין „טאָגביכל", וואָס ער האָט נאָכדעם, אין אַ צייט אַרום פאַרפירט, פאַרשריבן אַהין אַלעמאָל זיינע טאָג־מאַכשאָוועס און געדאַנקען און זיינע זיכרוינעס פון אַמאָל, — ווי איז צו דעם גרעזל, וואָס שפּראָצט אינדערפינצטער, וואָס קוקט ניט אָן די ליכטיקע שיין פון דער ליוטעריער זון, וואָס וואַקסט פון זיך אַליין, ציט דאָס כיעס פון דער ערד, פילט ניט דעם טאַם פון אַ וואַרעמען רעגן, פון אַ טראָפּן פרישע טוי! ווי איז

צו דעם קינד, וואָס איז ניט דערוואַרעמט אַף דער מאַמעס שויס, וואָס וואַקסט פון זיך אַליין, פון דעם, וואָס סע עסט און טרינקט, וואָס פילט ניט דעם טאַם פון דער מאַמעס טרערן, טרערן פון ליבשאַפט. ניט פון יענער ליבשאַפט, וואָס די מאַמע זאָגט: „מיר זאָל זײַן פאַר דיר" און שטופּט דעם קינד אין מויל אַרײַן נאָך אַ לעקעכל, נאָך אַ צוקערקעלע, ניין! פון יענער ליבשאַפט, וואָס גיט זיך איבער פון פאָטער־און־מוטער צום קינד און פונעם קינד צו פאָטער־און־מוטער אָן ווערטער, נאָר מיט די אויגן, און אפילו אונטער די אויגן, פונדערווײַטן, מיטן האַרצן, מיט דער נע־שאָמע; אַדעראַבע, וואָס ווײַטער מע איז — ציט אַלץ מער דאָס האַרץ, און וואָס ווײַטער דער גוף — אַלץ נעענטער די נעשאָמע... און דערמאָנען זיך עלטערן און קינדער באַנאַכט אַפן געלעגער איינס דאָס אַנדערע, גייט זיי אויס דאָס כּיעס, זיי קאַטשען זיך פון איין זײַט אַף דער אַנדערער, זיפצן און קרעכצן, קאָנען ניט אַנ־שלאָפן ווערן, זיי שיקן אָפּ איינס דעם אַנדערן שטילערהייט אַ פרײַנטלעכן גרוס, אַ וואַרעמען קוש און ווערן אַנשלאָפן מיט טרערן... אָט פון וואָס פאַר אַ ליבשאַפט, איך מיין... איך, דאָוויד, האָב פון אַזאַ ליבשאַפט, אוי־ווי, קיינמאָל ניט געוווּסט!"

עס איז קיין כידעש ניט דעריבער, וואָס דאָוויד האָט ערשט דעמלט, נאָכן פאָטערס אוועקפאָרן, אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך ווו ער איז אין דער וועלט, איבעראַנײַס באַטראַכט די נײַע וועלט, מיט די נײַע מענטשן וואָס אַרום אים, וואָס האָט אויסגעזען בײַ אים נײַ, בײַ אים אין די אויגן געהאַט דעם זיבעטן כיין. גיך האָט ער געשלאָסן קענטשאַפט מיט צוויי נײַע כאַווײרים, אויך קעסט־יינגלעך, אַזויווי ער, איינער אַ בופלאַק, אַ שוואַר־צער באָכערעץ פון אַ יאָר דרײַצן, מיט רויטע געדיכטע באַקן און מיט שוואַרצע קורצ־אונטערגעשאָרענע שטייענדיקע האָר. דער אַנדערער — אַ יינגערער מיט אַ יאָר, אַ געלער מיט אַ ווײַס קלײַנעדיק פּאָנעם, מיט אַ צעפּלעטשט נעזל און מיט שיטערע ווײַסע ציין. ביידע זײַנען געגאַנגען אָנגעטאָן אין קורצע וואַטיקלעך

מיט ווײַסע קנעפּלעך און מיט אַ ברייטן פּאַס מיט אַ שפּראַנצ־קע. די הענט האָבן זיי געהאַלטן אין די קעשעניעס, ווי פּײַנע בעריעס — מאַזיקים. דאָוויד האָט אױף זיי געקוקט און שטאַרק מע־קאַנע געווען זיי אױף די ווײַסע קנעפּלעך, מיטן ברייטן פּאַס מיט דער שפּראַנצקע.

— אַנו, ווײַז נאָר, וויפל האָט דיר דײַן טאַטע איבערגע־לאָזט געלט? — אַזוי האָט זיך אָנגערופן צו אים דער שוואַרצער בופלאַק. און אַז דאָוויד האָט אופגעעפנט די האַנט, האָט אים דער געלער מיטן קלײַנדיקן פּאָנעם געגעבן אַ זעץ פונונטן אַרופ און אַ זאָג געטאָן: — אַהאַ! — האָט זיך דאָס גאַנצע ביסל געלט אויס־געשאָטן, צעפאַלן און צעקײַקלט זיך אין אַלע ווינקעלעך, און צווישן כעוורע איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער. זיי האָבן זיך אַלע דרײַ צעלאָזט זוכן די גאָלדענע מאַטבייעס אױף דער ערד, און קריכנדיק אױף דער ערד, האָט מען זיך צעבוצקעט מיט די שטערנס, און ערשט דעמלט האָט מען אָנגעהויבן לאַכן גאָר אױף אַנדער אויפן, זיך מאַמעש געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אַלע מינוט האָט מען זיך דערמאָנט, וויאַזוי מע האָט זיך צעבוצקעט מיט די שטערנס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישׁ געלעכטער, און אַז מע האָט שוין אופ־געהערט צו לאַכן פונעם צעבוצקען זיך, האָט מען זיך דערמאָנט, וויאַזוי מע האָט אויסגעשאָטן דאָס ביסל מינץ, און מע האָט אָנ־געהויבן איבעראַנײַס צו לאַכן, גאָר אַ נײַער מין געלעכטער. אַזוי לאַנג, ביז דער שוואַרצער בופלאַק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: נו, גענוג לאַכן! הער נאָר, וויאַזוי רופט מען דיך? דאָוויד, דאָדיק?

דאָס וואָרט „דאָדיק“ האָט אַרויסגערופן אַ פרישן געלעכ־טער בײַ די צוויי באָכערימלעך, נאָר אַזויווי דאָוויד האָט אין דעם געלעכטער קיין כיילעק ניט געוואָלט נעמען, ווײַל אים האָט זייער לאַכן שוין אָנגעהויבן אַ ביסל פאַרדריסן, האָט דער שוואַרצער בופלאַק זיך געווענדעט צו אים גאַנץ ערנסט: — וואָס האָסטו זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק, נאָר איינער? לעמײַ אָט

הייס איך „בופלאק״, און אים, אָט דעם רויטן, רופט מען „רי־זשיק״? פאר דעם וואָרט „ריזשיק״ האָט דער רויטער. דערלאנגט דעם שווארצן מיטן גראָבן פינגער אין זײַט אַרײַן, און דער שווארצער האָט אים צוריק אראָפּגעלאָזט א פּאטש, האָט דער רויטער אראָפּגעלאָזט א פּאטש דאָווידן. — נא דיר איין פּאטש און גיב אים אָפּ צוריק און לאָז אים גריסן גאָר פרײַנטלעך! — רופט זיך אָן דאָוויד און שטעקט אָפּעט דעם שווארצן א רעכטן פּאטש, און אלע דרײַ שיסן אויס א נײַעם געלעכטער, א סימען, אז דאָס קענטשאפט איז געשלאָסן און מ׳איז כאווער.

אויב ס׳איז עמעס, אז גרויסע מענטשן זײַנען געגליכן, לע־האוודל, צו הינט, וואָס אז זיי באגעגענען זיך דאָס ערשטע מאָל, הייבן זיי זיך אָן ארומשמעקן, דרייען מיט די ווײדלען, מאכן מאָדנע האווײַעס, אָדער בלאָזן זיך אָן, באווײַזן ציינער אוכדוימע אזעלכע הינטישע טנועס — אויב דאָס איז עמעס, קענען מיר, דאכט זיך, פארגלײַכן יונגע קינדער צו קליינע פייגעלעך, וואָס אז זיי באגעגענען זיך, ווערט באלד צווישן זיי א פישטשערײַ מיט א פלאטערניש, מיט א מאכן מיט די פליגעלעך, מיט א שפּרינגענע איינס אנטקעגן דאָס אנדערע, מיט א קושן זיך אין די פּיסקעלעך: מע ווערט גיך כאווער און טאקע גיך צעבוצ־קעט מען זיך, מע הייבט זיך אָן קלוימערשט רײַסן די פעדער־לעך: פּיק־פּיק! און טאקע באלד ווערט שאָלעם, ווידער כא־ווער, ווידער געפּישטשעט, ווידער געפלאקערט, ווידער געמאכט מיט די פליגעלעך, ווידער געשפּרונגענע איינס אנטקעגן דאָס אנ־דערע און ווידער געקושט זיך אין די פּיסקלעך, גלײַך ווי גאָר־ניט געוועזן, גליקלעכע פייגעלעך! זיי ווייסן ניט פון קיין הינ־טישע האווײַעס... געבענטשטע קינדער! זיי ווייסן נאָך ניט פון יענער נארישער מאָדע „רעקאָמענדירן״, „פאָרשטעלן״, „באקאנט מאכן״. קליינע קינדער ווערן אליין גיך באקאנט: א קוק אין

די אויגן, א זעצ איבער דער האנט, א שנאָל אין נעזל, א בוצקע אין די שטערנס, א פּאָר שארפע ווערטער, אלע איניי־נעם א געלעכטער — און פארטיק!

XV

ער באקאנט זיך נעענטער מיט זײַנע כאוויירים.

אז דאָוויד האָט זיך אופגעכאפּט אפן אנדערן טאָג אינ־דערפרי פונעם שלאָף, זיך אופגעזעצט אפן בעטל און דורכ־געריבן די אויגן, איז די ערשטע מאכשאָווע געווען: ווו ב י ן א י כ? און איידער ער האָט צײַט געהאט זיך ארומקוקן, איז אים געפלויגן אין קאָפּ ארײַן א קישן. דאָס האָט אים בופלאק מעכאבעד געווען מיט א „גוטמאָרגן", און ריזשיק האָט זיך גע־האלטן בא די זײַטן פאר געלעכטער. דאָוויד האָט לאנג ניט געטראכט און האָט אָפּגעשיקט צוריק דעם קישן בופלאקן אין קאָפּ ארײַן. האָט בופלאק איבערגעגעבן ריזשיקן, ריזשיק דאָ־ווידן, דאָוויד בופלאקן און אזוי ווײַטער איינער דעם אנדערן, ביז ס'איז זיי נימעס געוואָרן. איז מען אראָפּ אלע דרײַ פון די בעטלעך אין איינע העמדלעך, אופגעהויבן דאָס פאָרהאנגל, געעפנט דאָס פענצטער, און א גאנצער סנאָפּ ליכטיקײַט פון דער נאָרוואָס אופגעגאנגענער זון מיט א פרישער מעכײַעדיקער קילקײַט האָט זיך ארײַנגעריסן צו זיי אין כיידער ארײַן, פאר־גאנוועט זיך אונטער די העמדלעך און געקיצלט זיי זייערע יונ־גע ווארעמע לײַבער. פונדערהייך, פונעם פינפטן שטאָק, האָט זיך ארויסגעזעזן דער גלאנצנדיקער יאם מיט דער אָפּגעשפּיגל־טער זון אין זײַנע ווײַטע כוואליעס, און עס האָט זיך געלאָזט הערן א קלאפּן און א טראסקען פון די לויפנדיקע דראָשקעס איבער די אויסגעשטיינערטע גאסן. און מאכמעס ס'איז נאָך גע־ווען פרי אף אָנצוטאָן זיך, איז מען אלע דרײַ געבליבן זיצן אין איינע העמדלעך און געשמועסט. געשמועסט שוין גאנצ

ערנסט, ניט אזויווי נעכטן, געשמועסט, אזויווי גרויסע מענטשן שמועסן צווישן זיך, אויסגעדערציילט איטלעכער ווער ער איז און פונוואנען, און וויאזוי דער טאטע הייסט, וויאזוי די מאמע הייסט, און וויפל ברידער ער האָט, און וויפל שוועסטער, און וויאזוי מע רופט זיי, און מיט וואָס זיי האנדלען. קליינע קינדער, אז זיי ווילן זײַן ערנסט, זײַנען זיי אזוי ערנסט, ווי גרויסע.

— מײַן טאטע איז א כערסאָנער פון כערסאָן, און אליין האנדלט ער מיט פיש, — דערציילט דער שווארצער בופלאק.

— מיט פיש? — זאָגט דאָוויד, — מײַן טאטע האנדלט אויך מיט פיש.

— ווו? אפן דאָן?

— אפן דאָן.

— פאָרט קיין צאריצין!

— וויאזוי רופט מען אים?

— לייב פישמאן!

— לייב פישמאן? נו, און מײַן טאטן רופט מען מוישע שווארצביין, און ער האנדלט אויך מיט פיש, און ער פאָרט אויך אלע יאָר אפן דאָן קיין צאריצין.

— און מײַן טאטע רופט מען כאַים רויטשטיין, און ער האנדלט ניט מיט פיש, נאָר מיט פּאָפּשויעס, — רופט זיך אָן ריזשיק, — און אליין זײַנען מיר קעשעניעווער, פון קעשעניעוו, און פּאָפּשויעס קויפט דער טאטע אין גאנץ בעסאראביע.

— וויפל קינדער זײַנט איר? — טוט בופלאק א פרעג בא דאָווידן, און דאָוויד ענטפערט אים:

— צען, און מיט מיר איז עלף.

— אָהאָ, קיין איינאָרע ניט! — מאכט בופלאק, — און מיר זײַנען אינגאנצן דרײַ, צוויי ברידער מיט איין שוועסטער, דאָס הייסט, געוועזן זײַנען מיר פיר, איז מײַן עלטערער ברודער

נעכעמיע געשטאָרבן פון טשאַכאָטקע. ער איז שוין געווען א כאָסן, ס'האָט געזאָלט זײַן שאבעס נאָך שוועס די כאסענע, איז ער באלד נאָך פייסעך געשטאָרבן און האָט געהאט א לעווײַע סאקאָנעס נעפאָשעס! אזוי ווי הײַנט, געדענק איך נאָך, סע שטייט מיר פאר די אויגן, ווי די מאמע כאלעשט, ווי דער טאטע שלאָגט זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ און שרײַט: לאָזט מיך! לאָזט מיך! ער וויל זיך גיין הענגען אָדער טרינקען, האלט מען צו בא די הענט און מע לאָזט ניט.

די דאָזיקע טרויעריקע מײַסע ווארפט אָן א מאָדנע מאָרעשכוירע אפן יונגווארג, און אלע דרײַ פארטראכטן זיך. א שווארצע כמארע רוקט זיך אָן אפ זייערע פענעמער, און זיי ווערן שטארק ערנסט. קליינע קינדער, אז זיי ווילן זײַן ערנסט, זײַנען זיי מער ערנסט פון גרויסע. און הייבן זיי אָן צו רעדן פון געשטאָרבענע, ווערט בא זיי דאָס פּאָנעם מעשונע אויסגעצויגן, די אויגן גרויס, און א טיפער, טיפער זיפצ רײַסט זיך ארויס פון הארצן און נעמט צו א שטיק געזונט.

— אז מײַן עלטערער ברודער נעכעמיע איז געשטאָרבן, — אזוי דערציילט דער שווארצער בופלאק, — בין איך מיט מײַן שוועסטערל דעמלט געווען אין דרויסן, זיך סאמע געשפּילט אין באבקעלעך. פלוצעם דערהערן מיר א געשריי: „מוישע! מוישע! גיכער!“ דאָס האָט די מאמע אזוי געשריגן, גערופן דעם טאטן, ער הייסט מוישע, דער טאטע מײַנער, האָב איך דיר, דאכט זיך, שוין געזאָגט, אז ער הייסט מוישע שווארצביין. און פלוצעם הערן מיר עפּעס א שטארקן קלאפּ. מיר לויפן ארײַן אין שטוב ארײַן, איך מיט מײַן שוועסטערל, מיר טוען א קוק — ערשט די מאמע זיצט אפ א בענקל, דעם קאָפּ פארוואָרפן ארונטער און כאלעשט! ארום איר שטייען מענטשן אָנגעבויגן און ראטעווען זי: מע שפּריצט איר וואסער אין פּאָנעם ארײַן, מע קוועטשט איר די שלייפן. זי כאפּט זיך אוף אפ א רעגע, עפנט אוף די אויגן און כאלעשט ווײַטער. און דער טאטע זיצט אפ א בעטל, און צוויי מומעס, די

מומע סאָרל און די מומע עטל, האַלטן אים פאַר ביידע הענט; ער רײַסט זיך און זיי לאָזן אים ניט; ער שרײַט: לאָזט מיך, לאָזט מיך! אָט טרינק איך זיך, אָט הענג איך זיך, לאָזט מיך, לאָזט מיך. און ביידע מומעס, די מומע סאָרל און די מומע עטל, באָרן זיך מיט אים, לאָזן אים ניט און טײַנען צו אים: גאָט איז מיט דיר, מוישע! וואָס טוטסטו דו? וואָס זינדיקסט דו? טו א קוק אַף דײַנע קליינע קינדער... דאָס מיינען זיי אונדז, מיך מיט מײַן קליין שוועסטערל. מיר טרעטן אָפּ אָן א זײַט און דערזעען נע־כעמיען, ווי ער ליגט און שלאָפט, עפּעס ווי שטארק פארטיפט אין מאכשאָוועס, נאָר בלייך, בלייך, ווײַס אזוי ווי קרײַד. די קאָפּ פארוואָרפן, איין אויג צוגעמאכט, דאָס אנדערע אָפן, און קוקט־קוקט.

דאָס דאָזיקע שרעקלעכע בילד רופט ארויס א שוידער באַם יונגוואַרג, און אלע דרײַ רוקן זיך צונויף נעענטער איינס צום אנדערן, אזוי ווי די לעמעלעך, אז עס פאלט אָן אַף זיי א מוי־רע... נאָך א צוויי מינוט שטיל־שווײַגעניש רופט זיך אָן ריזשיק:

— און מײַן מאמע, אז זי איז געשטאָרבן, האָב איך נאָך נישט געוווּסט. איך בין דעמלט אלט געווען אכט יאָר און האָב געלערנט אין כיידער. קומט מען צו גיין אין כיידער ארײַן, מען עפּנט מיר אוף א סידער, מען מישט מיר אוף קאדעש און מע זאָגט מיר: — זאָג קאדעש! — זאָג איך קאדעש. אז איך האָב אָפּגעזאָגט קאדעש, רופט זיך אָן צו מיר דער רעבע: „אלע טאָג זאָלסטו גיין אין שול ארײַן, אינדערפרי און אפדערנאכט, זאָגן קאדעש נאָך דער מאמען. דײַן מאמע איז געשטאָרבן”... טכילעס בין איך גע־בליבן זיצן ווי א פארדולטער, איך האָב עס נאָך נישט פארשטא־נען וואָס הייסט — די מאמע איז געשטאָרבן? ווער וועט מיר געבן אָנבײַסן אלע טאָג אין כיידער ארײַן, באשמירן ברויט מיט האָניק, אָדער אָפּגעבראָטענעם עפּל, אָדער א געבאקן איי? ווער וועט מיך אויסצוואָגן אלע פרײַטיק פארן טשלאָנט, אויסקעמען און אָנטאָן שאבעסדיק? ווער וועט מיר אײַנגעבן ווערעמקרויט אלע

ערעוו־ראָשכּוידעש, אויסגעמישט מיט איינגעמאכטס אָדער מיט פּאָווידלע?... ערשט נאָכדעם, אין עטלעכע מינוט ארום, האָב איך זיך צעוויינט אפּ א קאָל. איז צוגעגאנגען די רעבעצן אונדזערע, א שווארצע ייִדענע מיט א רויטער נאָז, גנעסיע האָט מען זי גערופן, און האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן, אויסריידן דאָס הארץ: „וויין נישט, ייִנגעלע, וויין נישט, קינדעניו, דער טאטע דיינער איז אוועקגעפאָרן קיין בארדיטשעוו, נארעלע, כאסענע האָבן, נישקאָשע, ער וועט דיר ברענגען אן אנדער מאמע"... האָב איך זיך צעוויינט נאָך שטארקער און זיך צעכליפּעט: „איך וויל ניט קיין אנדער מאמע, איך וויל ניט!"... רופט זיך אָן די רעבעצן: „אָט וועט מען פרעגן בא דיר אן אייצע, צי ער זאָל יאָ כאסענע האָבן, צי ער זאָל ניט כאסענע האָבן! די מאנצבּלען האָבן קיין מאָל קיין צייט נישט, קוים וואָס זיי לעבן איבער שלוישים — נאָך א גליק! זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאר לייטן, וואָלטן זיי טייקעף נאָך שיווע כאסענע געהאט! לאָז אָהער פרוון די מאמע בלייבן אן אלמאָנע!"... אזוי האָט זיך די רעבעצן מיינע צעלאָזט ווי פון א מיינעלאָשן. האָט זי דער רעבע, זאָרעך האָט מען אים גערופן, מיעס אָפּגעטריבן, געהייסן גיין אכטונג געבן צו דער ראָשטשענע — דאָרט איז איר אָרט!... און זי האָט נעבעך געמוזט אָפּטרעטן...

— כעוורע פלעצל! טאָמער וואָלט געווען גענוג צו רעדן? איר וועט נאָך צייט האָבן זיך צו אָנרעדן, טוט זיך אָן, וואשט זיך איין און קומט טרינקען טיי!

אזוי האָט זיך אָנגערופן פונעם צווייטן כיידער דער לערער, און „כעוורע פלעצל" האָבן זיך א וואָרף געטון אָנטאָן זיך, פארקעמט זיך, און זיינען ארויס אלע דריי — פריש און צאפּלדיק — און פריילעך אויסגעזעצט זיך אלע דריי ארום טיש טרינקען טיי, און דאָרט האָט זיי דער לערער באקאנט געמאכט מיט א נייעם פארשוין, טאקע מיט זיינעם א זון, א בעניאָכיד מיטן נאָמען ארקאדי, „ארקאדי זיסערמאן", ווי דער פאָטער האָט אים פאָרגעשטעלט.

שאָלעם־אַלייכעם באַם שרײַבטיש. (פּעטערבורג, 1904)

.XVI

דער לערער און זײַנע טאַלמידים.

וואָס פאַר א קויעכ ליגט פארבאָרגנ אינעם מענטשנ־געפיל, וואָס זאָגט אונדז אונטער אָפטמאָל ווען מיר זאָלנ האָבנ ליב, און ווען מיר זאָלנ פײַנט האָבנ, נאָכ איידער מיר קענענ יענעמ, נאָכ איידער מיר ווייסנ ווער ער איז און וואָס ער איז? פונ דער ערשטער מינוט אָנ, וואָס אונדזערע כעווערלײַט האָבנ דערזענ פאַר זיכ דעמ נײַעמ פארשוינ, דעמ לערערס בעניאָכיד ארקע זיסערמאנ, האָבנ אלע דרײַ, ווי צונויפגערעדט זיכ, אימ פײַנט גע־קריגנ, נישט צו וויסנ פאר וואָס און פאר ווענ. עפשער דערפאר, ווײַל ער איז געווענ א שיינ באָכערל, א בעניאָכידל, א ציטעריקער באַ דער מאמענ און אנ אָפגעפוצטער באַ זיכ; א פענעמל האָט ער געהאט א ווײַסינקס, בעקלעכ רויטינקע, הערעלעכ צוגעגלעטע, אייגעלעכ פײַכטינקע, הענטעלעכ קאַלטינקע, פינגערלעכ דינינקע און א קוויטשיק קעלכל? און עפשער דערפאר וואָס ער האָט געהייסנ ארקאדי? און כאָטש ארקאדי איז געווענ מיט זיי אינ איינע יאָרנ און מיט זיי איינעם געלערנט, איינעם געגעסנ, פונדעסטוועגנ האָט ער זיכ געהאלטנ מיט זיי ווי אנ עלטערער, פונדערווײַטנס. אָנקוקנ האָבנ זיי אימ נישט געקענט פאר זײַנ גיינ: אויסגעצויגנ דאָס העלדזל מיט גאדלעס, גלײַכ ווי א סטרונקעלע; זיי האָבנ אימ פײַנט געהאט פאר זײַנ שטענדיק פארטראכט זײַנ, פאר זײַנ קיינמאָל נישט לאכנ, און נאָכ מער האָבנ זיי אימ פײַנט געהאט פאר זײַנ גוט לערנענ זיכ, פאר זײַנ שרעקלעכער האס־מאָדע, פאר זײַנ קאַלטקײַט און פאר זײַנ נישט ניספאָעל ווערנ פונ קיינ זאכ אפ דער וועלט.

„איכ האָב באגעגנט מענטשלעכ, — זאָגט דאָוויד אינ זײַנ טאָג־ביכל, — אזעלכע מענטשלעכ, וואָס האָבנ קיינ זאכ נישט געזענ און ווערנ פונדעסטוועגנ פונ קיינ זאכ נישט ניספאָעל. איר מעגט זיי באווײַזנ די גרעסטע כידושימ אינ דער וועלט, איז דאָס

בא זיי נישט קיינ נײַס; איר מעגט זיי באַווײַזנ א קעלבל מיט דרײַ קעפּ, איר מעגט זיי באַווײַזנ, ווי א וואנט הייבט אָנ צו רעדנ, איר מעגט זיי באַווײַזנ אינמיטנ נאכט די שײַנ פונ דער זונ — וועלנ זיי אײַכ שטיינ קאלטבלוטיק אונ קוקנ, אונ אפילע נישט קיינ פּינטל טאָנ מיט קיינ אויג. אז איכ באגעגנ זיכ מיט אזא מענטשל, גלוסט זיכ מיר בעשאסמײַסע אימ ארײַנזועצנ א נאָדל טיפּ־טיפּ אינ לײַב ארײַנ, ער זאָל פילנ"...

כעוורע יונגוואַרג האָבנ זיכ פונ דעמ ערשטנ טאָג אָנ צעטיילט אפּ צוויי קיטעס: דאָוויד מיט זײַנע צוויי כאווײרימ באזונדער, אונ ארקאדי באזונדער, אונ איטלעכער פונ זיי האָט זיכ געפלײַסט איינס דאָס אנדערע אריבעריאָגנ אינעמ לערנענ — אונ דער לערער זיסערמאנ האָט דערוויַל דערפונ געקליבנ נאכעס. זיסערמאנ איז געווענ אזא לערער, וואָס האָט גענומענ זײַנע טאלמידימ נאָר מיט גוטע רייד; קיינ באשטראָפנ איז בא אימ נישט געווענ, אונ פונ שלאָגנ שמועסט מענ נית. יעדער לעקציע, וואָס ער האָט זיי געגעבנ, יעדער שאָ, וואָס ער איז מיט זיי געזעסנ, איז געווענ פאַר דאָווידנ א יאָנטעוו, ווארעמ ער האָט קיינמאָל נית געזענ אזא באַנעמונג אונ איז גאָר נית געווינט געוואָרנ צו אזעלכע געננ. דאָוויד איז געווינט געווענ בא רעב שעפּסל באַל־טאנאכ אונ בא אנדערע מעלאמדימ אונ לערערס אינ מאזעפּעווקע צו קלעפּ, צו פּעטש, צו געשרייענ אונ טויטע קלאָלעס; אונ כאָטש אפילע אימ אליינ האָט מענ נית געפּאטשט, מע האָט אפּ אימ געזייגט קאָוועד, וויַל ער איז דאָכ א נאָגידס א יינגל, נאָר דאָס גופע, דאָס כאנפענענ אימ פונ איטלעכנ באזונדער, מיטנ נאָכגעבנ, איז אימ געווענ נימעס, ווי דער טויט. דאָוויד האָט זיכ פּאָשעט מעכײַע געווענ דאָ, אינ דעמ נײַעמ אָרט, צווישנ נײַע מענטשנ, וווּ ער האָט זיכ געפילט פרײַ, מיט איטלעכנ גלײַכ. אפילע צווישנ דעמ לערער מיט זײַנע טאלמידימ איז אויכ נית געווענ קיינ שומ אונטערשייד. זיסערמאנ האָט זיכ געהאלטנ מיט זײַנע טאלמידימ נישט ווי א לערער, נאָר ווי א גלײַכנ, ווי א כאווער: ארויפּגעלאָזט זיכ

אָפּטמאָל צו זיי אין זייער קליין קינדערש וועלטל, אריינגעמישט זיך אין זייערע קינדערשע מאכלויקעס, גענומען אנ אָנטייל אין זייערע שפּילן, מיט זיי אינײנעם געגאנגען שפּאצירן, זיך באָדן אין יאם, זיך שיפן אפן וואסער, מיט איין וואָרט, געווען מיט זיי, ווי מען זאָגט, „פּאניבראט"... נאָר אז ס'איז געקומען צום לערער, איז דער לערער מיטאמאָל אויסגעוואָקסן בא זיינע טאלמידים מיט א קאָפּ העכער. זיי האָבן נישט געוווסט פּארוואָס, נאָר זיי האָבן בעשאסמייסע באקומען גרויס דערעכערעצ פאר אים, פאר זיין גרויסער ליסינע מיט די גלאנצנדיקע ברילן, און געשלונגען איט־לעכס וואָרט זיינס, ליב געהאט הערן ווי ער רעדט, וואָרעם זיסער־מאן האָט געהאט א צאכעס־האלאָשן, זייער א לעבעדיקע, א ליבע שפּראך און איז געווען א בעריע ארײנצובלאָזן א מאָדנע לעבע־דיקייט אין יעדער טויטער זאך. נאָר די בעסטע לעקציע פון אלע איז פאר דאָווידן געווען די יידישע לעקציע, ד. ה. די שאָ, וואָס זיסערמאן האָט געלערנט מיט זיי יידיש, די יידישע היסטאָריע.

„איך האָב פון טאָמעד אָן ליב געהאט די געשיכטע פון מיין פאָלק, די יידישע היסטאָריע, — אזוי זאָגט דאָוויד אין זיין טאָג־ביכל, — איך געדענק נאָך פון קינדוויז, אז איך האָב נאָרוואָס אָנגעהויבן צו לערנען כומעש, האָב איך שוין געטראָגן צאָרעס און געהאט נאכעס, פריידן און ליידן פאר איטלעכן באזונדער. געטראָגן יסורים פאר אָדעמ מיט כאווען, וואָס מע האָט זיי פארטריבן פון גאניידן איבער אזא נארישקייט, איבער אן עפּל... געוויינט אפ קאינען, וואָס האָט פארגאָסן בלוט אומזיסט־אומנישט... געפרייט זיך אינײנעם מיט לויטן, וואָס איז אנטלאָפן קאמ מיטן לעבן פון סדאָם, און דערלעבט א נעקאָמע אין לויטס ווייב, וואָס ס'איז געוואָרן פון איר א שטיק זאלצ — א מיצווע, לאָז א יידענע זיך ניט ארומקוקן, אז מען זאָגט איר קוק ניט!... געקלאפּט האָט מיר דאָס הארצ בעשאס אווראָמ האָט געפירט יצכאָקן צו דער שכיטע, מוירע געהאט טאָמער כאָלילע מאכט ער אים כיק!.. מעשונע האנאָע געהאט, וואָס דער אייבערשטער האָט צוגעשיקט

זייַנ קנעכט עליִעזערנ אזא פייַנע קאַלע פאַר זייַנ האַר... געוועג פלאַמ־פייַער אַפ לאָווג־אַראַמי, וואָס ער האָט געדרייט מיט יאַקאָווג, געמאַכט מיט אימ זומער אונ ווינטער; אונ געוועג לאַרעג־אולאַבעד אַפ אייסעוונ... אונ וויפל טרערנ האָב איכ פאַרגאָסנ אַפ מעכירעס יויסעפ! אונ וואָס פאַר א סימכע איז בא מיר געוועג, בעשאַס יויסעפ האָט זיכ געלאָזט דערקענענ צו זייַנע ברידער! אונ די צאָרעס, וואָס איכ האָב געהאַט אינייִנעמ מיט די ייִדישע קינדער, וואָס מע האָט זיי, נעבעכ, געפייַניקט אינ מיצראַימ, אונ די נעקאָמע, וואָס איכ האָב נאָכדעמ דערלעבט אינ פאַרע! אונ ווי ווייִ האָט מיר געטאָנ דאָס האַרצ אַפ מוישע ראַבייִנ'ס טויט! וויפל וואָלט איכ אוועקגעגעבנ דערפאַר, אז ער זאָל כאָטש געוועג זייַנ כאָטש איינ טאָג אינעמ לאַנד קענאַאַנ!.. דאָס איז געוועג בעשאַס כומעש לערנענ. אונ אז איכ בינ אַריבערגעגאַנגענ ווייַטער, אינ דער ייִדישער היסטאָריע, ד. ה., אז איכ האָב אָנגעהויבנ לערנענ פּאָסעק, זייַנענ מייַנע יעסורימ געוואָרנ נאָכ גרעסער. די שטענדיקע מילכאָמעס, וואָס ייִדנ האָבנ געפירט צווישנ זיכ, דאָס שטענדיקע בלוט־פאַרגיסנ — איינער דעמ אַנדערנ געהאַרגעט, געקוילעט, געשטאָכנ, געשניטנ, האָט מיכ געקאָסט געזונט! דאָס, וואָס שאָול האַמעלעכ האָט זיכ אַלייִנ געשטאָכנ, אָדער דאָס, וואָס אווישאָלעמ האָט בא מיר צוגענומענ מיט זייַנ הענגענ פאַר די האָר אַפ א צווייַג פונ א בוימ, וועט מיר ניט צוקומענ אינ קייִנ צענ יאָר אפילע!.. שפּעטער, פונעמ כורבנ־בייִסהאַמיקדעש שמועסט מענ ניט, אז איכ האָב געוויינט אַפ בייִדע אויגנ! ווייַל איכ וועל לעבנ, וועל איכ ניט פאַרגעסנ די אַגאַדעטע „אָמאַר ראַבי יויכאָנאָנ״, וואָס יאַנקל כאָדאָראָווער, מייַנ גמאָרע־מעלאַמעד, א ייִד מיט א גרויסער נאָז אונ מיט א קלייִנ בערדעלע, פלעג אַלע יאָר ערעוו טישעבעאָוו פאַר אונדז לייענענ מיט א מעשונע מאָדנעמ נוסעכ. ער פלעגט אָנזאָטלענ די נאָז מיט א פאָר קייַלעכיקע גלעזלעכ, פאַנאַנדערשאָקלענ זיכ אונ אָנהייבנ אַפ א קאָל „אָמאַר ראַבי יוכאָנאָנ״, אונ האָט אונדז דערציילט די שרעקלעכע מייַסעס, די גרויסע טראַגעדיע,

די טרויערדיקע געשיכטע, וויאזוי ייִדן האָבן א לאנגע צײַט געהונגערט, געגעסן אייגענע קינדער, געשטילט זיך מיט זייער פלייש, ווי מיט לעקעכ... און נאָכדעם, אז עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט זיך געגאָסן ייִדיש בלוט ווי וואסער, געפלאָסן ווי טײַכן אין אלע גאסן, מע האָט אופגעשניטן די בײַכער בא מעוברעסע מוטערס, געטויט קליינע, פיצלעכ קינדער אָן א שום ראכמאָנעס, ארײַן אין בייסהאמיקדעש, מעטאמע געווען אלע קיילים, צוגענומענע דאָס גאָלד מיטן זילבער, מיטן קופער, און א העלייש פײַער האָט ארויסגעזעצט פון קאָדשע־קאָדאָשים, א שווארצער געדיכטער רויכ האָט פארדעקט דעם הימל פון יערושאָלאַיִם, און ברענענדיקע האָלאָוועשקעס זײַנען געפלויגן אין קאָפּ ארײַן!..

און בעשאסמײַסע שטעלט זיך מיר פאָר, אז איכ זע דאָס פײַער, אז איכ פיל דעם רויכ, דעם טשאד פון די האָלאָוועשקעס, איכ זע, ווי עס לויפן פארטומלט ייִדן און ווײַבער אהין און אהער, באָכערים און מיידלעכ, כאסאנימ און קאלעס רײַסן זיך די האָר פונעם קאָפּ. איכ הער א געשריי, מוירעדיקע קולעס: „גוואלד, גוואלד, ייִדישע קינדער, ראטעוועט, דאָס בעסהאמיקדעש ברענט!"— און עס נעמט מיכ אָן באמ הארצן, און איכ דערזע — באמ רעבן רעב יאנקל זײַנע רויטלעכ די אויגן, און איכ הער דאָס קאָל איז בא אימ מאָדנע אָנגעבראָכן, מיט א ציטער, נאָר איכ מאכ זיכ, ווי איכ זע ניט, ווי איכ הער ניט, ווי איכ ווייס ניט, און שלינג, שלינג די טרערן, הייסע געזאלצענע טרערן"...

„דאָס אייגענע, — זאָגט ווײַטער דאָוויד אין זײַן טאָג־ביכל, — איז געווען מיט מיר אויכ באמ לערער זיסערמאנ, בעשאס ער איז מיט אונדז דורכגעגאנגען די ייִדישע היסטאָריע פון נאָכן כורבן ביז הײַנטיקער צײַט. די זעלבע גרויסע טראגעדיע, די זעלבע טרויעריקע געשיכטע, וויאזוי עס האָט זיך געגאָסן ייִדיש בלוט, ווי וואסער, געפלאָסן ווי טײַכן אין אלע גאסן... דער כילעק איז נאָר געווען דאָס, וואָס רעב יאנקל כאָדאָראָווער האָט געוויינט אָפּן בעסהאמיקדעש, וואָס איז כאָרעוו געוואָרן, און אף דער

שכינע, וואָס זי איז אין גאָלעס; און זיסערמאַנ, דער לערער, האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט גרויס גאדלעס אפ די ייִדישע גיבוירים און אונדז ארײַנגעגעבנ גרויס האָפענונג אפ לעאָסיד לאָוווי, אפ אמאָל... ער האָט זיך געפּלײַסט מיט אלע קויכעס אײַנפלאנצנ אינ אונדזערע הערצער א ווארעמ ליבשאפט צו אלע מענטשנ און צו אלע פעל־קער".

פונ די דאָזיקע ווערטער איז צו פארשטיינ, אז אונדזער יונ־גער העלד דאָוויד האָט זיך באצײַטנס ארײַנגעכאפּט אינ רעכטע הענט ארײַנ און ער האָט געהאט בעיאד ארויס פונ דאָרטנ א לײַט, ער זאָל זײַנ א נאכעס פאר זײַנ פאָטער און מוטער, א שײַנדל פאר דער שטאָט מאזעפּעווקע און א צירונג פאר'נ פאָלק, וואָרעמ אויסער דעמ האָט ער געהאט זייער גרויטע פייִקײַטנ, נישט קיינ שלעכטע מידעס און זייער א ווייל הארצ.

מייַסעס פון בעסמעדרעש

ארופ און אראָפּ.

— איכ זיצ און קוק און הער, ווי איר דיסקוסירט און זייַנט זיכ מיספּאלפּעל, און בוצקעט זיכ איינס דאָס אנדערע מיט דער פּראָבלעמע: „מאזל", „מאזל". ווייסט איר וואָס הייכט מאזל? פרעגט מיכ, וועל איכ אייַכ זאָגנ, וואָס איז מאזל.

אז איכ בינ געוועג א יונגערמאנ, בינ איכ אריַינ אינ דער געשעפט־וועלט, ווי אייַכ איז באוווסט, און באלד האָט זיכ דאָס רעדל א דריי געטאָנ אפּ אראָפּ. ס'האָט מיר אופגעהערט צו שפּילנ דאָס גליק. און וויבאלד ס'איז ליידיק געוואָרנ דאָס בייַטעלע, זייַנען זיכ גיכ צעקראָכנ אלע מייַנע פרייַנט, כ'בינ געשטראָפט געוואָרנ מיט אויסטערלישע שלעק, מיט פּלאָגנ און יעסורימ, רעדיפּעס און מעסירעס, מיט קאָלאמינע בייזע ווייטעקנ, און קאָלאמינע שטרויכלונגענ, און קאָלאמינע פּוראָניִעס, וואָס ס'איז נאָר דאָ אפּ דער וועלט.

אקיצער, כ'בינ געוואָרנ, לוי־אלייכעמ, א יוירעד. געוואָרנ א יוירעד, האָב איכ אָנגעהויבנ צו טראכטנ שלעכטע מאכשאָוועס וועגנ דעמ אויבערשטנס פירונג און אוועקלייגנ טייַנעס פאר זייַנ קיסייהאקאָוועד: פארוואָס איז דעמ צאדיק שלעכט, און דעמ ראָשע גוט? פארוואָס איז די קלוגשאפט פונעמ אָרעמאנ מעוווזע, און די טיפּשעס פונ די רעשאָיִמ איז גערימט? פארוואָס ווערט דער

נידערטרעכטיקער אָנגערופֿן „איידעלער מענטש", און דער קארגער „גרויסמוטיקער האר"?

אזוי האָב איך זיך פארטיפֿט אין כקירעס און אָנגעהויבן ווערן אן אפיקוירעס און כ'האָב קימאט שוין גערעדט כוצפּעדיקע רייד אקעגן גאָט אין הימל און קעגן זיינע געזאלבטע — דאָס איז דער רעבע, זאָל מאריך יאָמים זיין.

ווי אזוי קעגן רעבן?

אז ס'האָבן זיך בא מיר געביטן די צייטן, האָב איך אָנגע־הויבן פֿאָרן צום רעבן זוכן פּארנאָסע, פֿלעגט ער מיר צוזאָגן, און עס האָט ניט געהאָלפֿן.

האָב איך געבעטן בא אים א קאמייע, א סגולע צו פּארנאָסע, האָט ער מיר געגעבן, און ס'האָט ניט געהאָלפֿן.

האָב איך זיך איבערגעצויגן פֿון איין דירע אין דער אנדע־רער לויטן רעבנס אייצע, עפּשער וועט מיין מאזל זיך ענדערן, און ס'האָט ניט געהאָלפֿן.

האָב איך זיך מעיאשעוו געווען: כ'וועל זיך איינגאנצן מע־יאעש זיין פֿון אשירעס, און געטראכט זיך: מינאסטאמע איז אזוי ניגזער געוואָרן פֿון אויבן, איך זאָל זיין פֿון די, וואָס גיי־ען אראָפּ, ניט ארויף, און ס'איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן: „דער דאַלעס פּאסט פֿאר יידן"...

איי, וועט איר זאָגן, וואָס־זשע עסט מען? איז קיין קאשע ניט. עלעהיי א מעס. אָט זעען מיר, אשטייגער, קאפּצאָנים, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס קיין עסן קומט ניט צו זיי אין מויל אריין איבער צוויי טעמים: איבער א פֿעלער אין קעשענע און איבער מאָגן־שוואכקייט...

אזוי האָב איך זיך געטרייסט, קעדיי ניט דול צו ווערן. אָבער מיין ווייב האָט זיך מיר קעגנגעשטעלט מיט איר גאנצן קויעך און האָט ניט געוואָלט הערן פֿון דעם געדראנג. זי האלט זיך איינס, און ווער קאָן איר אָפּענטפֿערן: „דערנער מיך, מאן מיינער, כאָטשבי ווי מע דערנערט א הונט אָדער א ראבע קו"...

און ניט נאָר דאָס, נאָר דער באַלעבאָס פאַרמאַשטאָ דערקוי־
טשעט און זאָגט: „באַצאַל, אָדער — וואָגן פון דער דירע!"

און ניט נאָר דאָס, נאָר דער גראָבער יונג—דער קאַצעוו פאַל־
טיעל מאַנט אויך מיט א פול מויל פאַרן פלייש, וואָס איז שוין לאַנג אויפגעגעסן.

און ניט נאָר דאָס, נאָר אויך דער אזעסניק — דער שניידער
דאַרשנט פאַר מיר אין די אויגן וועגן דעם דין אין דער טוירע:
„זאָלסט ניט פאַרהאַלטן דעם לוין פון אן אַרבעטער".

און ניט נאָר דאָס, נאָר אויך דער ביישנ — דער מעלאַמעד רעב
כיע גיט מיר איבער א בריוו, פאַרשריבן פון אַלע זייטן מיט פי־
צינקע אויסיעלעך, און גיט מיר אן אָנצוהערעניש מעקויעך אַן
איניען, וואָס געהער זיך מיט מיין קעשענע, און דאַרשנט די רייד
פון די כאַכאָמים אונדזערע: „אַז די טוירע איז ניט געגעבן גע־
וואָרן פאַר די, וואָס עסן מאַן"... אַז — „ניטאָ קיין מעל, איז ני־
טאָ קיין טוירע"...

און די שיך זיינען צעטראָגן, זיי האָבן אויפגעעפנט אַ מיר
א מויל, ווי איינער רעדט: „באַניי אונדזערע טעג אזויווי פריער".

און אונדזער האָרעוואַניע — דאָס מיינט מען די טעכטער — זיי
שפּראָצן און גייען אויף, וואַקסן און בליען און ווערן קאַלע־מוידן
איינע נאָך דער אַנדערער. אַקיצער, כ'בין געוואָרן אַן אָני־וועעוו־
יען און כ'האָב זיך קימאַט שוין ווי צוגעוווינט דערצו. אָבער
איין זאַך איז מיר ניט ניכע: די פראַגע „פאַרוואָס איז דעם גע־
רעכטן שלעכט, און דעם שלעכטן גוט?"....

כ'האָב באַשלאָסן באַ זיך, אַז איך דאַרף א שיילעס־כאַ־
כעם, און ווער איז נאָך אַזא כאָכעם, ווי דער רעבע, זאָל מאַ־
ריך יאָמימ זיין, וואָס איטלעכער קומט צו אים?

האָב איך זיך אויפגעהויבן און געקומען צום רעבן.

געקומען צום רעבן, האָב איך געוואַרט א טאָג, און צוויי,
און דריי, וואָרעם מע קאָן צום רעבן גלייך ניט אַריינגיין.

און אַז עס איז געקומען מיין ריי צו מעקאַבל־פּאָנעם זיין

דעם רעבן, האָב איך אוועקגעלייגט פאר אים מײַן „פּידיענ״, אים אָפּגעגעבן שאָלעם, און ער האָט מיר צוריק אָפּגעגעבן שאָלעם.

פרעגט מיך דער רעבע:

— גייט עס דיר ווויל?

ענטפער איך:

— ניט ווויל.

זאָגט ער מיר:

— סטײַטש?

זאָג איך אים:

— דײַן פאָלק יִסראָעל דאַרף פּאַרנאָסע, און קיין פּאַרנאָסע איז ניטאָ.

זאָגט ער מיר:

— פאָר אהיים, און גאָט וועט דיר צושיקן בראָכע און האצלאָכע...

איך הער אים אויס און זאָג צו אים:

— רעבע, ניט דאָס איז דער איקער פון מײַן באַקאָשע. כ'האָב נאָך א גרויסן איניען, און דאָס האָט מיך געבראַכט אהער.

האָב איך אים אָנגעהויבן צו דערציילן אַלץ, וואָס מיר אַפּגן הארצן, און אויסגיסן פאר אים מײַן ביטער געמיט וועגן דעם שלעכטן אייסעק, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן זיך צו אייסעקן דערמיט...

פרעגט מיך דער רעבע:

— באַנוגנסט זיך ניט מיט דעם, וואָס דו פאַרמאָגסט?

ענטפער איך אים:

— איך באַנוגן זיך אַפילע מיט ווייניקער, ווי איך פאַרמאָג, אָבער פאַרוואָס־זשע איז דעם גערעכטן שלעכט, און דעם שלעכטן גוט?

פרעגט מיך דער רעבע ווידעראַמאָל:

— ביסט מעקאנע די אויסגעלאסענע?

ענטפער איך אים:

— גאָט באהיט! וואָס וועט מיר העלפֿן מעקאנע זײַן? אָבער ס'איז מיר קאָשע: פארוואָס איז דער וועג פון די רעשאָים באגליקט, און פארוואָס ווייסן זיי ניט קיין שווערִיקייט און ווערן ניט געפּלאָגט, גלייך ווי אלע מענטשן?

ענטפערט מיר דער רעבע:

— זון מײַנער, מיסטאמע איז זייער מאזל אזוי.

פרעג איך דעם רעבן:

— וואָס איז אזוינס מאזל?

נעמט דער רעבע ארויס דאָס גילדענע פושקעלע פון זײַן קעשענע, גיט א שמעק־טאבעק און זאָגט צו מיר:

— הער, מײַן זון, וועל איך דיר געבן צו פארשטיין, וואָס איז אזוינס מאזל. דער מאזל — דאָס איז א מעשונעדיקע באַשעפעניש, א מין מאלעך, זייער א הויכער, א ריז פון ריזנלאנד, וואָס די פיס זײַנע שטייען אף דער ערד, און מיטן קאָפּ דערלאנגט ער צום הימל. און ער האָט זייער לאנגע הענט, וואָס דערגרייכן ביז צו דער ערד. און גרויסע און שײַנענדיקע אויגן האָט ער אין שפּיץ קאָפּ, דאָרט ווו מענטשן לייגן טפילן. און פארוואָס דאפקע דאָרט? קעדיי זײַנע אויגן און זײַן הארץ זאָלן זײַן גלייך געווענדעט קעגן גאָט, און ער זאָל קאָנען געבן א ליוב און א שוואך זײַן נאָמען יעדער צײַט און יעדער שאָ (וואָרעם דערופ איז ער באשאפן געוואָרן).

איינמאָל זאָגט גאָט־באָרוכהו יענעם מאלעך, וואָס הייסט „מאזל": „ביזוואנענע וועסטו שטיין און קוקן אף מיר? ס'איז געקומען די צײַט דו זאָלסט זיך פארנעמען מיט דער וועלט פון דער ווירקלעכקײַט". זאָגט דער מאלעך צו גאָט־באָרוכהו: „לערן מיך, ריבוינעשעלוילעם, וואָס זאָל איך מעסאקן זײַן". זאָגט צו אים גאָט־באָרוכהו: „אָט דאָרט, אין יענעם אוילעם האטאכטן, דאָרט ווו דײַנע פיס שטייען, דרייען זיך קליינע און נידעריקע

באשפענישלעך, וואָס ווערן אָנגערופן מענטשן. און די דאָזי־קע באשפענישלעך קאָנען ניט זיצן רויק. ס׳איז בא זיי שטענ־דיק מילכאָמע. איינער פארטשעפּעט זיך מיטן אנדערן, און זיי פירן קריג, און מע הארגעט זיך פאר א שטיקל ברויט, און בלוט מישט זיך אויס מיט בלוט. די, וואָס גייען אין דער פינצטער־ניש, גלוסטן און באגערן, האָפן, ווארטן און קוקן ארויס אַף דיר און רופן צו דיר: „העלף! באגליק!" כאָטש ס׳איז פאראן צווישן זיי ניט קיין לייטישע און וואָס זיינען דאָס ניט ווערט"...

אז דער מאלעך האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער פונעם אלמעכטיקן, האָט ער טייקעף אָנגעהויבן צו טאפּן מיט זיינע לאנגע הענט אהין און אהער. אלע מאָל כאפּט ער אָן מיט זיין האנט איינעם פון דער כעוורע, ציט אים ארויף ביז צו זיין קאָפּ, ער זאָל אים קאָנען אָנקוקן און זען וואָס איז ער אזוינס... און אזויווי די אויגן בא אים, ווי געזאָגט, זיינען אין שפּיץ קאָפּ, און זיינע הענט, ווי געזאָגט, זיינען לאנגע, און דער וועג איז זייער גרויס, דעריבער געדויערט זייער די צייט, וואָס דער מענטש הייבט זיך אוף ארויף. און דערנאָך, אז דער מא־לעך האָט ארויפגעבראכט דעם נעפעש ארויף און א קוק געטאָן און דערזען, אז עס איז ניט פון די פיינע נעפאשעס, האָט ער באלד כאראָטע, די הענט ווערן בא אים שלאבעריק, און דער נעפעש פאלט און נידערט אראָפּ צו דער ערד מיט מוי־רעדיקער גיכקייט, און אזוי ווייטער. דער גייט ארויף, און דער אראָפּ....

אזוי האָט מיר געזאָגט דער רעבע, און עס זיינען מיר פאר־ענטפערט געוואָרן אלע קאשעס, און כ׳האָב זיך געזעגנט מיט אים און געפאָרן אהיים פריילעך און אופגעלייגט.

געקומען אהיים, באגעגנט מיך מיין ווייב און זאָגט מיר:

— וואָס שיינט בא דיר אזוי דאָס פּאָנעם, טייערער מאַן מיינער?

ענטפער איך און זאָג איר:

— געלויבט איז גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט, כ'האָב געקוקט אין רעבנס פּאָנעם — איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. כ'האָב געשמועסט מיט אים אַקעגן אַ שאָ און געהערט פון זײַנע הייליקע מויל זאַכן, וואָס דער אויער האָט זיי ניט געהערט אַפילו באַרג סיני...

אָבער ווײַבער זײַנען זידלערנס, און שעלטערנס, און לײַכט־זיניקע. איך האָב פאַרענדיקט די גאַנצע מײַסע, האָט זי מיך אָנגעהויבן זידלען און שעלטן מיט קללות און כראָמעס, ווי די טעווע פון אַ ייִדענע:

— בעהיימע בעצורעס מענטש! שויטע, וואָס גלייבט יעדער זאַך! באַטלען! כסידאַרניק! טיפּעש! בעסער באַ מיר אַ טאָפּ באָקסערן פון ערעוו־שאַבעס ביז ערעוו שאַבעס, איידער טויזנטער מײַסעס און דערציילונגען וועגן דײַן רעבנס מאָפּסים! אָדער עפשער ווילסטו וואַרטן, ביז ס'וועט קומען דער בלינדער מאַ־לעך מיט די לאַנגע הענט דיך אַ טאַפּ טאָן און אוועקכאַפּן, טײַערע זאַך, און דיך הייבן און גרויס מאַכן ביז צום הימל?

האָב איך איר געענטפערט און געזאָגט:

— כאָלילע! פאַרקערט, דער גאָט וואָס פירט מיך אויס פון טאָמעד ביז איצטער, זאָל מיך שוימער־אומאַצל־זײַן פון די הענט פונעם מאַלעך, וואָס הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ, וואָס מאַכט הויך און נידעריק! איך בעט אַלע טאָג: „ריבוינעשעלוי־לעם! דערהייב מיך ניט, און דערנידעריק מיך ניט! הייב מיך ניט, און וואַרף מיך ניט!"

אנ אסיפע פונ „ייִקא" אינ פאריזש

(א קאטאָוועס אינ איינ אקט)

די פארשוינענ:

אווימעלעכ — פרעזידענט

פיכאָל — וויצע־פרעזידענט

מעהומאָנ
ביזסאָ
כארווינאָ
ביגסאָ
וואגסאָ
זייסאר
כארקאס

} — מיטגלידער

חיַגאי — סעקרעטאר

די געשיכטע קומט פאָר ענדע אָקטיאבער הײַנטיקס יאָר אינ דעמ קאָמיטעט פונ דער „ייִקא" אינ פאריזש.

א רײַכער זאל, א גרויסער טיש, מיט רויט געוואנט באצויגנ, מיט גאָלדענע קאָטעסנ. הויכע שטולנ ארומ טיש. דער אוילעמ האָט זיכ אײַנגעטיילט אינ פאָרלעכ, מע שטייט אונ מע רעדט.

אווימעלעכ (קוקט זיכ ארומ) — ניטאָ נאָכ אונדזער סעקרעטאר?

פיכאָל — אונדזער סעקרעטאר איז הײַנט באשעפטיקט, איכ וייס אפילע ווו.

אוימעלעך — ווו?

פּיכאָל — אונדזער סעקרעטאר האָט היינט א ראנדעוווּ, איך ווייס אפילע מיט וועמען.

אוימעלעך — מיט וועמען? (בייגט אָן צו אים אן אויער, פּיכאָל רוימט אים איין א סאָד,ביידע לאכן).

מעהומאָן — וואָס סוידען זיי זיך דאָרטן?

ביגסאָ — ווער?

מעהומאָן — אונדזער פּרעזידענט מיטן וויצע־פּרעזידענט.

כארווינאָ — מיסטאמע וועגן היינטיקער זיצונג.

ביגסאָ — אוואדע יאָ.

וואגסאָ — זיי האָבן מער ניט וואָס צו טאָן!

כארווינע (צו ביגסאָ און וואגסאָ) — שטילער! רעדט נאָר ניט קיין לאָשנהאָרע.

זייסאר (צו כארקאסן) — ווען קומט איר אָן פון ווין?

כארקאס — היינט פרי.

זייסאר — אפלאנג?

כארקאס — איך רעכן היינט נאָך מיטן בליץ־צוג צוריק. איך דארף נאָך זיין אין א פּאָר ערטלעך.

זייסאר — גאָט ווייסט, ווען די זיצונג וועט זיך ענדיקן! איך האָב אָפּ זיך א קאָמיסיע פון מיין ווייב, אז אָך און וויי איז מיר.

כארקאס — און איך האָב דריי קאָמיסיעס: פונעם ווייב, פון דער שוויגער און פון דער שוועגערן.

זייסאר — איז אייך דריי מאָל אז אָך און וויי! אָט גייט היגאי, אונדזער סעקרעטאר, ער זאָל אונדז כאָטש ניט האלטן לאנג.

כארקאס — נישקאָשע, ער וועט אליין ניט האלטן לאנג: מיר האָבן א ווילן סעקרעטאר. (עס קומט ארײַן היגאי, דער סעקרעטאר, מיט א גאנץ גרויסן פּאָרטפעל אונטער דער האנט).

א ו י מ ע ל ע כ (זעצט זיך צום טיש און נעמט זיך צום גלעקל) — ראַ־בויסיי! איך ערקלער די זיצונג פאר אָפן. הער סעקרעטאר!

(ער טוט א מאך צום סעקרעטאר מיט דער האנט, יענער עפנט אוף דעם פּאָרט־פעל, ציט ארויס א פאפיר און לייענט).

ה י ג א י — מײַנע הערן! אף דער פריערדיקער זיצונג האָבן מיר באשלאָסן צו קאָלאָניזירן דאָס גאנצע לאנד, פון הוידו ביז קוש, באזעצן דאָס מיט רויטע יידעלעך, וואָס פון יענער זײַט טײַך סאמבאטיען. נאָר מאכמעס דאָס לאנד איז נאָך ניט רעכט אויסגעפּאָרשט, האָבן מיר דערווײַל אסיגנירט דריטהאלבן מיליאָן פראנק אף צו שיקן אן עקספּעדיציע פון אונדזערע מיטגלידער...

א ו י מ ע ל ע כ (בייגט זיך אָן צו פּיכאָלן אפן אויער) — ווי עסן מיר הײַנט מיטיק, באראָן?

פ י כ אָ ל — דאָרט ווו אלעמאָל.

מ ע ה ו מ אָ ן (צו ביזסאָ) — וואָס סוידען זיי זיך דאָרטן?

ב י ז ס אָ — ווער?

מ ע ה ו מ אָ ן — אונדזער פּרעזידענט מיטן וויצע־פּרעזידענט.

כ א ר ו ו י נ אָ — זאָל זײַן שטילער, מע הערט ניט וואָס מע לייענט.

ב י ג ס אָ (צו אוואגסאָ) — וואָס דערציילט ער אונדז נאָכאמאָל די מײַסע פון הוידו ביז קוש? מע האָט דאָך שוין איינמאָל גערעדט, מע זאָל אסיגנירן דריטהאלבן מיליאָן אף דער עקספּעדיציע. וואָס וויל ער ווײַטער?

א ו א ג ס אָ — וואָס ארט דאָס דיך, אז ער לייענט? דערוף איז ער א סעקרעטאר און באקומט אזא געהאלט...

כ א ר ו ו י נ אָ — זאָל זײַן שטיל.

ז י י ס א ר — (צו כארקאסן) — געפעלט אײַך הײַנטיקע „פיגאראָ?"

כ א ר ק א ס — וואָס מיר פיגאראָ, שמיגאראָ! איך האָב מיר מײַנס אינזינען, מײַנע דרײַ קאָמיסיעס (קוקט אפן סעקרעטאר). וואָס לייענט ער דאָרט?

ז י י ס א ר — זאָל מיך אזוי וויסן ביין מיט אײַך איניינעם!

כארקאס — דרײַ קאָמיסיעס... איך זאָל כאָטש ניט פארגעסנ!..

אווימעלעכ (קלינגט) — אלזאָ, מײַנע הערנ, איז געבליבנ בא אונדז, אז מיר באשטעטיקנ די צוויי מיט א האלבנ מיליאָנ אפ דער עקספּעדיציע פונ הוידו ביז קוש.

אלע — מיר באשטעטיקנ, באשטעטיקנ!

הײַגאי (נעמט ארויס א פּריש פּאפּיר אונ לייענט ווײַטער) — דער פּראָיעקט פונ דורכפירנ א באנ פונ דויסנ קיינ גוישנ איבער קאָדעשבארנייאָ. די באנ איז זייער נוצלעכ פאר דער אויבנדערמאנטער קאָלאָניזאציע, וואָס פונ הוידו ביז קוש. אונ האגאמ עס דארפ קאָסטנ אסאך מיליאָנענ, נאָר מאכמעס דער צוועק פונ אונדזער כעוורע איז קאָלאָניזאציע, לאָכיינ טאָרנ מיר זיך ניט אָפּזאָגנ פונעמ דאָזיקנ וויכטיקנ פּלאנ. איינ שטיקל איבערשלאָג איז פאראנ — דער טײַך סאמבאטיענ, נאָר דערבײַ איז אויך דאָ א שטיקל אייצע — מע באדארפ נאָר איבערציִענ א בריק איבערנ טײַך סאמבאטיענ, וועט שוינ אלצדינג זײַנ רעכט...

אווימעלעכ (צו פּיכאָלנ אפנ אויער) — באראָנ, ווּהינ גייענ מיר הײַנט? אינ אָפּערע, צי אפ באלעט?

פּיכאָל — איך קאָנ באשטיינ אינ אָפּערע, אונ פונ דאָרטנ אפ באלעט.

מעהומאָנ — זיי סוידענ זיך שוינ ווידער.

ביזסאָ — ווער?

מעהומאָנ — אונדזער פּרעזידענט מיטנ וויצע־פּרעזידענט.

כארווינאָ — זאָל זײַנ שטיל.

ביגסאָ (צו אוואגסאָ) — אָ־האָ, ער האלט שוינ באמ טײַך סאמבאטיענ.

אוואגסאָ — אונטער די האָרעכוישעכ.

כארווינאָ — זאָל זײַנ שטיל.

זייסאר (צו כארקאסנ) — גאָט ווייסט, ווענ ער וועט אריבער דעמ סאמבאטיענ, אונדזער סעקרעטאר!

כ א ר ק א ס — האָט קיין יעסורימ ניט, ער וועט דאָס מאכנ גיכ, ער מאכט דאָס אלעמאָל גיכ — א וויליער סעקרעטאר.

א ו י מ ע ל ע כ (קלינגט) — ראבויסיי, האָבנ מיר, הייסט עס, אָנגענומענ דעמ פראָיעקט אויכ?

א ל ע — אָנגענומענ, אָנגענומענ!

א ו י מ ע ל ע כ (צומ סעקרעטאר) — וואָס האָט איר נאָכ? (נעמט זיכ צומ זייגער, אונ אפ אימ קוקנדיק, נעמט זיכ אויכ דער וויצע־פרעזידענט צומ זייגער, אונ אפ אימ קוקנדיק, נעמענ זיכ אלע צו די זייגערס).

ה יי ג א י — א געבעט־בריוו פונ די בנויס־צלאָפכאָד.

א ו י מ ע ל ע כ (צו פיכאָלנ) — ווער זיינענ זיי, באראָנ? ניט קענטלעכ דער נאָמענ.

פ י כ אָ ל — איר ווייסט ניט די בנויס־צלאָפכאָד? די בנויס־צלאָפכאָד ווייסט איר ניט?

א ו י מ ע ל ע כ (שטיל) — ניינ, אונ עפשער האָב איכ פארגעסנ. נישקאָשע פונ „סכוידע" כאָטש?

פ י כ אָ ל — אָ, אָ, געוועג אמאָל די ערשטע יעפייפיעס, נאָר איצט זיינענ זיי שוינ אביסל אינ די יאָרנ... שיינע, נאָר איבער־געוואקסענע מאמזעלנ...

מ ע ה ו מ אָ ג (צו ביזסאָנ) — וואָס זאָגט איר, זיי הערנ גאָרניט אופ צו סוידענ זיכ.

ב י ז ס אָ — ווער?

מ ע ה ו מ אָ נ — אונדזער פרעזידענט מיטנ וויצע־פרעזידענט.

כ א ר וו י נ אָ — זאָל זיינ שטיל.

ב י ג ס אָ (צו אוואגסאָ) — טו נאָר א קוק אפ אונדזער פרעזי־דענט — ער האָט גאָר אנ אנדער פּאָנעמ באקומענ — ס'איז אימ ארייג די פארב אינ פּאָנעמ.

א וו א ג ס אָ — הערסטו! אונדזער פרעזידענט, אז ער דערהערט דעמ נאָמענ „דאמע", ווערט ער גאָר אנ אנדער מענטש.

כ א ר וו י נ אָ — אָבער זאָל זיינ שטיל. מע הערט ניט א וואָרט.

זײסאר (צו כארקאסנ) — װאָס װילנ די בנויס־צלאָפּכאָד ?

כארקאס — א רעשטל פונ די צאָרעס. קארג אפ מיר דאָס װײַב, די שװיגער מיט דער שװעגערנ, דארפ איכ נאָכ האָבנ אפ זיכ די בנויס־צלאָפּכאָד !

אװימעלעכ (קלינגט) — אלזאָ, ראבויסײַ, די בנויס־צלאָפּכאָד בעטנ עטיצונג אפ דעמ אינסטיטוט פונ המ... איבערגעװאקסענע מאמזעלנ... המ... מיסטאמע זײַנט איר אײַנפארשטאנדנ.

אלע — אײַנפארשטאנדנ, אײַנפארשטאנדנ !

אװימעלעכ (צומ סעקרעטאר) — קאָנענ מיר, הייסט עס, שליסנ די זיצונג ? (נעמט זיכ צומ זייגער אונ װיל איפשטיינ, אפ אימ קוקנדיק, נע־מענ זיכ אלע צו די זייגערס אונ װילנ אופשטיינ).

הײַגאי — פארדאָנ ! פאראנ נאָכ איינ פאפיר. (אלע זעצנ זיכ אפ די ערטער, ער ציט ארויס א פאפיר אונ בעשאסמײַסע לאָזט ער אראָפ אפ דער ערד א בריװל. דאָס בריװל הייבט אופ מעהומאָנ, קוקט דאָס דורכ אונ גיט דאָס איבער ביזסאָנ, ביזסאָ — כארװױנאָ — ביגסאָנ, ביגסאָ — אװאגסאָנ, אװאגסאָ — זייסארנ, זייסאר — כארקאסנ ! אלע לייענענ דאָס בריװל אונ לאכנ, האלטנ זיכ בא די זײַטנ פאר געלעכטער, אונ דער סעקרעטאר לייענט דאָס פאפיר).

א געבעט־בריװ פונ אונדזער פעטערבורגער קאָמיטעט צו אונדז אינ פאריזש. דער פעטערבורגער קאָמיטעט פראָיעקטירט צו גרינדנ א ביוראָ פאר די ײדישע עמיגראנטנ, װאָס פארלאָזנ זייערע נעסטנ אלע יאָר אינ די טויזנטער אונ צענערטויזנטער, פארקויפנ װאָס זיי האָבנ, װערנ בעדיל־האדאל אונ לאָזנ זיכ אװעק אפ גאָטס באראָט, װוהינ די אויגנ טראָגנ, צומיינסטנ קיינ אמעריקע, אָנ שומ מארשרוט, אָנ שומ װיסנ — ניט דאָס לאנד, ניט די מענטשנ, ניט די שפראכ, אונ דערפונ קומענ ארויס אָפטמאָל גרויסע אומ־גליקנ. אסאכ ברענגענ זיכ אויס אומזיסט־אונ־אומנישט, מוזנ פאָרנ נאָכדעמ צוריק מיט א צעבראָכנ הארצ, צעבראָכנ, צעהארגעט, צעברעקלט אפ שטיקלעכ...

אװימעלעכ (צו פיכאָלנ) — באראָנ, װאָס לאכנ עפּעס אזוי געשמאק אונדזערע כעװרעלײַט, זיי האָבנ אופגעהויבנ עפּעס א בריװל, װאָס אונדזער סעקרעטאר האָט פארלאָרנ, אונ קאטשענ

זיך פאר געלעכטער. (אופגעלייגט). מע באדארף זיי בעטן, זיי זאָלן דאָס אונדז באווייַזן.

פיכאָל — אָט באלד (ער שרייַבט אָן אפּדערגיך עטלעכע ווערטער אף א שטיקל פּאפּיר, קאטשעט דאָס צונויף אין א טרייַבל און טוט דאָס א וואָרף צום לעצטן פון די מיטגלידער — צו כארקאסן. כארקאס דרייט אוף דאָס טרייַבל און לייענט איבער דאָס קוויטעלע און גיט איבער דאָס געפונענע בריוול זייסארן. זייסאר — אוואגסען, אוואגסאָ — ביגסאָן, ביגסאָ — כארווינען, כארווינאָ — ביזסאָן, ביזסאָ — מעהומאָנען, מעהומאָן — פיכלען, און פיכאָל לייענט דאָס איבער און גיט דאָס אָפּ אווימעלעכן. דער פּרעזידענט מיטן וויצע־פּרעזידענט ווערן שיר ניט צעפּלאצט פאר געלעכטער, און אף זיי קוקנדיק, לאכט דער גאנצער עולם. נאָר דער סעקרעטאר הערט ניט אוף צו לייענען).

אווימעלעך (נעמט זיך צום זייגער) — הער סעקרעטאר, מאכט עס בעקיצער!

אלע — בעקיצער, בעקיצער!

הייַגאי (לייענט) — דאָס ציל פונעם ביוראָ איז צו געבן פאר־שיידענע נוצלעכע יעדיעס פאר די אָרעמע עמיגראנטן, וואָס פאָרן אריבער מאסנווייַז אין אנדערע לענדער, זיי אופצוקלערן ווי מע זאָל פאָרן, וווהין זיך קערן און ווענדן, זיי זאָלן ניט ארומבלאָנ־דזשען, ווי די אומגליקלעכע שאָף...

אווימעלעך (האלט דעם זייגער) — דאָס האָבן מיר שוין גע־הערט. זאָגט אונדז דעם האויפּטע לאָנו מיזע, דעם שפּיץ.

אלע (האלטן זיך בא די זייגערס) — דעם שפּיץ, דעם שפּיץ.

הייַגאי — דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט אויסגערעכנט, אז סע דארף קאָסטן אף אויסהאלטן אזא ביוראָ שוין מיט אלע קאָ־רעספּאָנדענטן אין אלע גרויסע שטעט סאכאקל אן ערעך פון 20 טויזנט פראנק, און אזויווי מיר זייַנען א קאָלאָניזאציאָנס־כעוורע, ליגט אף אונדז א כויוו מיר זאָלן כאָטש דערמיט אויסהעלפן די אָרעמע עמיגראנטן, די רוסישע יידן, וואָס עמיגרירן אלע יאָר פון רוסלאנד, און אזוי ווי מיר...

אווימעלעך (צו פיכאָלן) — בעראָן, איך האָב מוירע, מיר וועלן פארשפּעטיקן דעם מיטיק... (צום גאנצן עולעם) — ראבויסייַ,

איך מיין, דער דאָזיקער פּראָיעקט איז לאַכלוטנ איבעריק, ווי אַלע פּראָיעקטנ פונ די רוסישע ייִדנ.

פּ י כ אָ ל — די רוסישע שנאָרערס.

א ל ע — רוסישע שנאָרערס !...

א ו י מ ע ל ע כ (נעמט זיך צומ ציילינדער) — אַלזאָ — אָפּזאָגנ !

א ל ע (מיט די ציילינדערס אינ די הענט) — אָפּזאָגנ, אָפּזאָגנ !

כ א ר ו ו י נ אָ — פּארדאָנ, דער פּראָיעקט איז נאָך ניט געענדיקט... לאָזט אימ כאָטש דערלייענע ביזנ סאָפּ.

א ו י מ ע ל ע כ — ניינ, ניינ, איר הערט דאָך, אז דער פּראָיעקט איז מיט ראָוו דייעס ניט אָנגענומענ געוואָרנ.. ראַבויסיי, איך דערקלער די זיצונג געשלאָסנ. אינעמ נאָמענ פונ אונדזער כעוורע „ייִקא" האָב איך די ערע אָפּצודאנקענ אַלע מיטגלידער פור־נעמ קאָמיטעט פאר זייער נוצלעכער ארבעט אונ פאר זייער געטרייער האָרעוואניע לעטויוועס אונדזער הייליקנ צוועק אונ די הויכע פּרינציפּנ פונ אונדזער כעווירע. אדיע !

(פּ אָ ר ה א נ ג)

קיינ אמעריקע

(צוויי לעצטע בריוו פונ מענאכעמ־מענדלעג, איבערגעגעבנ צומ דרוק פונ שאָלעמ־אלייכעמ.)

1.

ליכוויד יעדידי האיאָקער האנאָגיד האמפּורסעמ וכ'מוהר"ר (וועכולע מעהורער) שאָלעמ־אלייכעמ נ"י (ניירוי יאָיר).

ריישיס, בינ איכ אייַכ מוידיע, אז איכ בינ, באָרעכהאשעמ, בעקאוו האכאימ וועהאשאָלעמ, האשעמייסבאָרעכ זאָל העלפנ, מע זאָל טאָמעד האָרכנ איינס פונ דעמ אנדערנ גאָר גוטס מיט פסורעס־טויווּעס, יעשועס ווענעכאָמעס אפנ קלאל־ייסראָעל — אָמיינ.

וועהאשייניס, היניי זייַט וויסנ, אז איכ האָב אוועקגעוואָרפנ דאָס שרייַבנ, ס'איז ניט קיינ געשעפט, דאָס הייסט, א געשעפט איז דאָס, נאָר ניט פאר מיר, דאָס הייסט, עס וואָלט פאר מיר עפשער יאָ געווענ א געשעפט, אונ דאפקע נישקאָשע פונ א געשעפט, איז דער כיסאָרנ, וואָס זיי ווילנ מיכ ניט דרוקנ. זיי שרייַבנ מיר פונ דער רעדאקציע אונ בעטנ מיכ, איכ זאָל זיי אופהערנ שרייַבנ, מאכמעס איכ האָב זיכ שוינ, זאָגנ זיי, צו־פיל צעשריבנ. זיי האָבנ ניט, זאָגנ זיי, אזויפיל צייַט אונ אזוי־פיל קויכעס אפ צו לייענע אלע מייַנע באשרייַבעכצנ, וואָס

איך באשרײַב זיי, און פארענטפערן זיך, אז זיי זײַנען דערינען ניט שולדיק. זיי הערן נאָר, וואָס די וועלט זאָגט זיי, און די וועלט זאָגט זיי, אז מײַנע באשרײַבעכצן טויגן ניט; ס'איז נאָר ווערטער, זאָגן זיי, אסאך, און צופיל סארזש (איך ווייס ניט, וואָס הייסט „סארזש"), נאָר אז די וועלט זאָגט סארזש— מיסטאמע ווייסט זי דאָך, וואָס זי זאָגט, א וועלט איז ניט מעשוגע... לאָכיין בעטן זיי מיך, אז איך זאָל אופהערן שיקן בריוו, וואָרעמ זיי וועלן זיי ניט לייענען אפילע... פאָלג איך זיי און שרײַב שוין מער ניט... איין זאך פארשטיי איך ניט: וויבאלד אז מײַנס ווערט אָנגערופן „סארזש", הײַנט וואָס פאר א נאָמען זאָל איך אָנרופן זייערע שרײַבעכצן? איך מיין אָט־אָ יענע שרײַבעכצן, פון יענע שרײַבערס, וואָס... נאָר גאָרנישט, שא, איך רעד ניט, כאָלילע, קיין שלעכטס אף יענעם, פון לאָשנהאָרע, ווייסט איר, בין איך ווײַט, און ביפראט, אז מען דרוקט זיי, איז דאָך א סימען, אז ס'איז גוט, וואָרעמ, אז ניט, וואָלט מען עס דאָך ניט געדרוקט... איך רעכן, אז ס'איז ניט מער, ווי א האצלאָכע־זאך, צו אלצדינג דארף מען האָבן מאזל. אָט, אשטייגער, נעמט דעם נײַעם רעדאקטאָר לייזער קוקערמאן. וואָס איז ער געווען פריער? א יידל א מעקלער פון יאקנעהאָז, נאָכדעמ א קאָמיסיאָנער פון מעל, און הײַנט? הײַנט איז ער, מיט גאָטס הילף, א רעדאקטאָר פון א גאזעט!— עמעס, אין גאזעט שרײַבן אנדערע, ניט ער, אָבער דער נאָמען—גוואלד, דער נאָמען רעדאקטאָר, א ווערטעלע אויסצורעדן! ליגט אויסגעצויגן, ווי א גראף, אונטן אין אלע נומערן מיטן גאנצן נאָמען „רעדאקטאָר לייזער קוקערמאן"— און גיי טו אים עפעס. איך זאָל אזוי האָבן האצלאָכע בעכאָל אשער עפנע מיט אײַך איניינעם, ווי איך האָב אליין געקויפט דורך אים, דורכן רעדאקטאָר, הייסט עס, פוטיווילער אקציעס, מיט מאלצעוו, מיט בריאנסק, מיט נאָך אזעלכע גוטע זאכן, און בין בעדיל־האדאל געוואָרן,— מע זאָל מיר געווען זאָגן דעמלט, אז ער וועט זײַן

א רעדאקטאָר פון א גאזעט!.. איך וויל אים, כאָלילע, ניט באַרעדן, פון לאָשנהאָרע, ווייסט איר, בין איך ווײַט, נאָר איך זאָג עס גלאט אזוי, אקעגן האצלאָכע, הייסט עס, דוכט זיך, ביידע גלײַך האָבן מיר זיך ארומגעדרייט אין יעהופּעץ בא דער בערזע, ביידע גלײַך האָט מען אונדז געטריבן פון איין „טאַ־רעטאר״ אפן אנדערן, צום סאָף איז ער א רעדאקטאָר פון א גאזעט, און איך, שלימאזל, ווער נאָך אלץ פארשווארצט און אויסגעריסן, און גאָט ווייסט, ביזוואנען מיר איז נאָך באַשערט אָפּצוקומען אפּ דער וועלט!.. אקיצער, האָב איך אװעקגעוואָרפן דאָס שרײַבן און האָב מיך א וואָרף געטאָן צו אן אנדער געשעפט, וואָס האָט טאקע א שײַכעס צו דער ליטעראטור, הײַנע, איך פארנעם זיך מיט אבאָנענטן, דאָס הייסט, איך בין אן אגענט פון ייִדישע גאזעטן און ביכלעך, דאָס הייסט, דורך מיר שרײַבט מען אויס אלע ייִדישע גאזעטן און זשורנאלן, און דערפון צי איך מיר דאָס שטיקל ברויט, דאנקען האשעם־ייִס־באָרעך, מיט קאָוועד, דאָס הייסט, קיין גליקן מאכט מען ניט, נאָר גאָרניט, מע לעבט. דעריקער איז, וואָס מע זעט זיך מיט א לעבעדיקן גראָשן. און קאָלזמאן, ווי זאָגט איר, דאָס קערבל דרייט זיך, דרייט זיך עס... און א פּארנאָסע איז עס דאפּקע א לײַטישע, אפילע ניט קיין גרינגע, מען קאָן זאָגן, אפילע א שווערע, זייער א שווערע פּארנאָסע, וואָרעם ניט אלע מענטשן זײַנען גלײַך, און דאָס ראָוו אבאָנענטן זײַנען קאפּריזנע מענטשעלעך, איטלעכער האָט זיך זײַנע שיגאָען, און מע באדארף זײַן שטארקער פון אײַזן, מע זאָל איבערטראָגן איטלעכנס מעשוגאס. מאָלט אײַך, איידער מע באקומט דעם אבאָנענט, פּארלויפּט גוט מיט בלוט! פריִער, אז מע קומט צו אים, ער זאָל זיך פארשרײַבן, קאָכט עס אויס גוט דאָס וואסער: „וויים איך, זאָגט ער, ייִדישע גאַ־זעטן, און נאָך אפּ זשארגאָן דערצו!״ און נאָכדעם הייבט ער זיך אָן דינגען פארן מעקעך און איז אין קאס, פארוואָס מע לאָזט אים ניט אראָפּ קיין „פּריצענטן״: „וואָס איז בא אײַך,

זאָגט ער, פּרעפּיקס?" און אַז גאָט העלפט, ער שרײַבט שוין אויס, ווײַל ער, אַז אָט האָט ער אויסגעשריבן, און אָט זאָל מען אים שוין דערלאַנגען צום טיש, איינע איבעריקער טאָג איז עס גייט אַוועק, איז מען שוין ניט זיכער מיטן לעבן. ווי־זשע איז אָבער דער דין, לעמאָשל, אַז מען שרײַבט אויס — און סע גייט אַוועק אַ וואָך, און צוויי, און דרײַ, און פיר, און פינף, און זעקס — און ניטאָ קיין גאַזעט? איז הימל עפן זיך! מיר האָט זיך שוין געטראָפן, מאָלט אײַך, דריטהאַלבן כאָדאָשים קעסיידער זיצן און וואַרטן — ניטאָ קיין גאַזעט! איך האָב געשריבן אין דער רעדאַקציע בריוו און בריוו, געפּרוּווט קלאַפּן אַ דעפּעש, מע ענטפערט ניט! מע האָט מיך דערמלט שיר ניט אופגעגעסן. ביז גאָט האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף מײַנע יונגע יאָרן — ס'איז אָנגעקומען דאָס בלאַט. איר מיינט אַלעמען? כאָלילע! איינעם איז דאָס אָנגעקומען, דעם אַנדערן ניט. איז ערשט דערמלט געוואָרן אַ וואַיִצאַקו: „לעמײַ יענעם יאָ, און מיר ניט? מײַן געלט איז דען פּאַלאָווע?" באַדאַרף מען שוין ווידער שרײַבן אין רעדאַקציע, און די רעדאַקציע שווײַגט! און דאָ באַגעגנט מיך איינער אַן אַבאָנענט מיט אַן אַנדער טײַנע: „וואָס איז די מײַסע, וואָס איך האָב צוויי מײַסעס?" לאָזט זיך אויס אַ מײַסע, אַז די רעדאַקציע האָט אַלפּי־טאָעס איינעם אַרויסגעשיקט צוויי גאַזעטן מיטאַמאָל, דעם אַנדערן — גאָרניט; ווידער געשריבן אין דער רעדאַקציע. ווידער ניטאָ קיין ענטפער. גאָט האָט געהאָלפן, אַלע אַבאָנענטן האָבן שוין באַקומען די גאַזעטן. הייבט זיך אָן אַ נײַע כאַסענע: דעם פעלט נומער זעקס, דעם נומער צוויי, און דער האָט צוויי מאָל נומער דרײַצן! ווידער געשריבן אין דער רעדאַקציע, ווידער ניטאָ קיין ענטפער. און דאָ פאַלט אָן איינער מיט אַ גוואַלד: „אַ יִדישע רעדאַקציע, נאַט זעט!" איך קוק זיך אײַן, מע האָט אים איבערגעדרייט דעם נאָמען: אַפן אָרט פון „מייערו פינכאַסאָוויטשו פליישבערגו" האָבן זיי אים געשטעלט פּונקט קאַפּויר מיט די פיס אַרויף: „מייערו פליישאָ־

וויטשו פינכאסבערגו״ — א מינ איבעריקערעניש, מע זאָל גאָר באהיט ווערנ! דעמ אנדערנ אבאָנענט מײַנעמ האָב איכ, דוכט זיכ, פארשריבנ ריינע ווערטער: „גאָספאָדינו עפראָימו שינדלערו״, קומט זיי אויס צו שטעלנ א „וו״ אונ סע ווערט „שווינדלערו״...

— איר ווייסט, — מאכט צו מיר איינמאָל דער דאָזיקער פראָימ שינדלער, — אז איכ קענ אָפשפילנ אײַער שיינער רעדאקציע א כאסענע פאר דעמ דאָזיקנ „שווינדלער״, אז זיי זאָלנ מיכ האָבנ צו געדענקענ!.. נאָכ איינ אבאָנענט האָט זיכ געיאָגט נאָכ מיר מיט א שטעקנ, מיר געוואָלט ברעכנ די ביינער, אונ איז געוועזנ גערעכט. שטעלט אײַכ פאָר, ער הייסט: „זיידל בעסאָנאָוו״, גייענ זיי אונ מאכנ אימ איבער „ווײדל בעזנאָסאָוו״. א גליק וואָס די רעדאקציע האָט זיכ אפ מיר דערבארעמט אונ האָט פאריכט אלע גרײַזנ, אונ דאָס בלאט האָט אָנגעהויבנ צו גיינ פונ דעמלט אָנ, ווי עס געהער צו זײַנ. מאָלט אײַכ, עס רעדט זיכ נאָר אזוי: „ווי עס געהער צו זײַנ״. אמאָל גייט עס ווי עס געהער צו זײַנ, אונ אמאָל ניט, אונ דעמלט, ווענ עס קומט ניט אָנ דאָס בלאט, מעגט איר מיר גלייבנ, אז איכ בינ א פארפאלענער, דעמלט מוז איכ אָדער אָפטרעטנ פונ שטוב, אָדער באהאלטנ זיכ אפנ בוידעמ — אָט אזעלכע קאפריזניקעס זײַנענ דאָס! איינ אבאָנענט איז ניט גלײַכ צומ אנדערנ. לעמאָשל, איכ האָב איינעמ א ש״בעסדיקנ, אזעלכנ, וואָס לייענט נאָר שאבעס. וואָס־זשע בינ איכ שולדיק, אז דאָס בלאט קומט אָנ זונטיק, אָדער מאָנטיק, אָדער גאָר מיטוואָכ? האָב איכ פונ אימ אָפ־געשניטענע יאָרנ! ער וויל, איכ זאָל שרײַבנ אינ דער רעדאקציע ארײַנ, אז אימ זאָל מענ שיקנ אפ שאבעס. הערט מענ דאָכ מיכ, מיס־טאמע, ווי דעמ קאָטער, אונ מע שיקט אימ אקוראט אפ מיטוואָכ. כאפט ער מיכ אָנ אונ מאכט מיכ מיט דער בלאָטע, באהאלט איכ זיכ אויס פונ אימ, ער זאָל מיכ ניט זענ, טרעפט ער צו מיר אהיימ אונ זידלט מיכ קעאכאד האָרייקימ. אונ מע מוז שווײַגנ. וואָס זאָל מענ טאָנ? ס׳איז דאָכ מײַנ פארנאָסע! הײַנט

האָב איך אײנעם א „האלבן" אבאָנענט... דאָס הײסט אזעלכן, וואָס שרײַבט אויס בא מיר נאָר א האלבן גאזעט, דאָס הײסט, מיט מיר אפּ דער האלב. ער האָט מיר אײַנגערעדט, אז ער וועט נאָר איבערלײענען דאָס בלאט און באלד אָפּשיקן מיר צוריק, ווײל איך עס קענען געבן נאָך עמעצן; איז אָבער דער כיסאָרן, וואָס אײדער ער שיקט מיר אָפּ, גײט אוועק יאָמים־וועשאָנים, און איך קען אים גאָרניט זאָגן, וואָרעם מיר האָבן ניט גערעדט, זאָגט ער, וויפל צײַט מעג ער האלטן די גאזעטן. דוכט זיך אין פּלוג איז עס אפילע א טערעץ? בין איך אָבער געוואָרן געוואָרן, אז ער אלײן האָט אויך צווײ אבאָנענטן אפּ דער זעלבער בלאט; קומט אויס, אז לײענען לײענט ער אומזיסט, און פּארדינט נאָך אפּ מיר... און נאָך אײן אבאָנענט האָב איך, וואָס גײט צו מיר אין שטוב לײענען. איז ניט אזוי דאָס לײענען, וואָס ער לײענט, ווי דאָס רויכערן, וואָס ער רויכערט. מײַן באלעבאָסטע האָט אים וויפל מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אז ער רויכערט, אפּאָנעם, זײער הארבע פּאפּיראָסן, וואָרעם מע קען, זאָגט זי, פון זײ דערשטיקט ווערן. מאכט ער זיך ניט ווויסנדיק און בלאָזט ווי פון קוימען. וואָס זאָל איך אים טאָן? ארויסטרײַבן קען מען אים ניט, עלעהײ, לאָז זיך דאכטן, עס איז א קלײט, און אין א קלײט קומען ארײַן אלערלײ קוינים — אזא שווארציאָר און אזא שווארציאָר, און מע מוז שווײַגן! נאָר וואָס דען? אָט די אלע אבאָנענטן זײַנען גאָלד אנקעגן יענע, וואָס קוקן ארײַן אין אינהאלט און האלטן זיך פאר מעווינים אפּ ליטעראטור. פון די איז גאָר ניט אויסצושטײן. אײנעם האָב איך אזעלכן, וואָס אז ער באגעגנט זיך מיט מיר, האלט ער מיך אָפּ צוויי שאָ אפּן זײגער און דערצײלט מיר איבער אלצדינג, וואָס ער האָט איבערגעלײענט דורך דער וואָך, קײַט איבער זיבעצן מאָל אײן זאך, לאָזט ניט דורך קײן מינדסטע נארישקײַט. און אײנעם האָב איך אזעלכן, וואָס טאָמער איז אים עפּעס קאָשע, קומט ער צו מיר אהײם, איך זאָל אים קלאָר

מאכן, און וויאזוי איך זאָל אים ניט זאָגן, געפעלט אים ניט, ער פאַרשטייט, זאָגט ער, בעסער. „אז איר פאַרשטייט, זאָג איך, בעסער, טאָ וואָס־זשע קומט איר צו מיר?״ בלייַבט א קאשע. און איינעם האָב איך אזעלכן, וואָס קיין זאך געפעלט אים ניט, אכוץ אייַערע פעליעטאָנען. און אז עס קומט אים אָן א גאזעט אָן א פעליעטאָן, שמיצט ער מיר אין פּאָנעם אריַין און הייסט מיר, איך זאָל אָפּשיקן צוריק אין רעדאקציע אריַין. איך קאָן באשטיין, זאָגט ער, אז דאָס גאנצע בלאט זאָל זייַן שאָלעם־אליכעמס פעליעטאָן! און נאָך איינעם האָב איך אזעלכן, וואָס אים זייַנט איר דאפקע ניט געפעלן אין שלייער: „ס׳איז שוין צופיל, זאָגט ער, שאָלעם־אליכעמדיק!״ הייַנט האָב איך אזעלכע, וואָס האָבן פייַנט שירים: „וואָס איז פאר א מאָדע, זאָגן זיי, גאָר לידלעך? ציגעלע־מיגעלע?״ און אנדערע ווילן דאפקע לידער, נאָר זיי זייַנען בארויגעז, לעמיַי ניט פרוגט: „לידער האָבן מיר ליב, זאָגן זיי, נאָר פון פרוגן!״ אסאך אבאָנענטן האָבן לעכאטכילע אויסגעשריבן דאָס בלאט צוליב דעם, זאָגן זיי, וואָס זיי האָבן געמיינט, אז מע וועט זיי געבן עפּעס אזעלעכס, וואָס זאָל טאקע זייַן, „זיי ווייסן אליין ניט וואָס״. צום סאָף גיט מען זיי גאָר אזעלעכס, וואָס „זיי ווייסן אליין ניט וואָס״... איר פאַרשטייט? און מע מוז דאָס אלצדינג אויסהערן און אָפּשווייַגן; קריגן זיך מיט איטלעכן באזונדער קאָן מען ניט, ס׳איז דאָך מייַן פּאַרנאָסע... הייַנט דארף מען האָבן צו דעם געשעפט, זאָג איך אייַך, א קאָפּ פון א מיניסטער און פירן אכצן טויזנט כעזשבוינעס: דער איז א פּערטל־יאָריקער אבאָנענט אף איין גאזעט, און א האלבּיאָריקער אבאָנענט אף דער אנדער גאזעט מיט דער פּרעמיע, און דער איז א האלבּיאָריקער אבאָנענט אף איין גאזעט, און א פערטליאָריקער אף דער אנדערער גאזעט מיט דער פּרעמיע. בא דעם האָב איך ניט דערנומען א גילדן פונעם ערשטן קווארטל, און בא יענעם איבערגענומען פיר גילדן אפן צווייטן קווארטל, און דער

דריטער איז געבליבן שולדיק נאָכ פונ יענעמ כעזשבנ, אונ איכ האָב מוירע, אז ס'איז פארפאלנ, וואָרעמ אפ מיר אלײנ, אז עס בלײַבט שטײנ א כויוו אינ דער רעדאקציע, האָב איכ מוירע, אז עס איז אויכ פארפאלנ, מאכמעס, עס זאָל אײַכ צו קײנ כארפע ניט זײַנ, מיר װײסנ בײדע ניט פונ קײנ כעזשבנ, אונ אז איכ שרײַב אינ דער רעדאקציע, מע זאָל מיר שיקנ א כעזשבנ, שרײַבט זי מיר, איכ זאָל איר שיקנ א כעזשבנ; כעזשבנ אהער, כעזשבנ אהינ — ניטאָ קײנ כעזשבנ, אונ דערװײַל שפרינגט אונטער דער נײַער קווארטל, שרײַבט מיר די רעדאקציע: „געלט!" קומ איכ צו מײַנע אבאָנענטנ אונ זאָג זײ: „געלט!" זאָגנ זײ: „וואָסערע געלט"? זאָג איכ: „פאר די גאזעטנ". זאָגנ זײ: „גאזעטנ־שמעטנ, װײס איכ, נו, גײט אײַכ געזונטערהײט, איר וועט קומענ אנ אנדערש מאָל, פאראנ נײטיקערע זאכנ פונ אײַערע גאזעטנ." — בעקיצער, מע מוטשעט זיכ, ווי, וואָס וואָלט איר קלערנ, אפנ טויט, מע כאפט דערװײַל ערגעצ א גמילעס־כעסעד, מע קאטשעט זיכ איבער אונ מע דרײט זיכ װײַטער. ס'איז א ראָד, ווי זאָגט איר, אונ סע דרײט זיכ, אבי, דאנ־קענ גאָט, א שטיקל טועכצ, אונ פאָרט אנ אײדעלע פארנאָסע, פונעמ עמעס קענ מענ ניט אוועקגײנ. אצינד פארשטײט איר שוינ, פאני שאָלעמ־אלײכעמ, וואָס פאר א געשעפט איכ האָב אונ וואָס איכ מאכ? דערװײַל איז גאָרנישט, מע לעבט, ניט צו פארזינדיקנ, בעסער האָט קײנ שיר ניט, אבי ניט ערגער. אונ אויב איר קאָנט מיר עפעס טאָנ א טויווע דאָרטנ אינ דער רע־דאקציע, איז מאכטײסע, איכ האָב צווײ זאכנ פארטיקע שוינ, דאָס הײסט, אָנגעשריבענע אפ פאפיר, אונ דאפקע, מעגט איר מיר גלײבנ, פײַנע זאכנ, כאָטש זײ זאָגנ „סארזש". איכ זאָל האָבנ די בראָכעס, וואָס מע דרוקט אסאכ ערגערע שמאטעס. איכ האָב שוינ לאנג געוואָלט אָפשיקנ זײ ערגעצ, װײס איכ ניט, ווהינ זאָל איכ זײ שיקנ, וואָרעמ וויבאלד, אז מע וויל ניט לײענענ, טויג עס אפ קאפאָרעס! אונ מאכמעס איכ האָב

קײנ צײַט ניט אונ בינ פארנומענ מיט מײַנע אבאָנענטנ, מאכ איכ דאָס בעקיצער. אימירצעשעמ, אינ אנדערנ בריװ װעל איכ אײַכ ארויסשרײַבנ אלצדינג באאריכעס. לעסאטע זאָל גאָט געבנ, ס׳זאָל זײַנ מיט גליק, אונ גריסט איטלעכנ באזונדער גאָר פרײַנטלעכ. פונ מיר אײַער בעסטער פרײַנט

מענאכעמ־מענדל.

איקאָר שאָכאכטי. איכ האָב פאר אײַכ, פאניע, א שטיקל געשעפט: אזוי װי איכ דרײ מיכ איצט ארומ דער ליטעראטור אונ האנדל מיט יידישע גאזעטנ אונ ביכלעכ, קענ איכ זײַנ זײער נוצלעכ. לעמאָשל, עפשער האָט איר כײשעק עפעס ארויסגעבנ א נײַעמ סײפער, װאָס אזעלעכס איז נאָכ קײנמאָל ניט געװענ, קענ איכ אײַכ קריגנ. דאָ פארקויפט זיכ בא אײנעמ א גאנצע שאפע ספאָרימ, געפינט זיכ דאָרטנ אנ אלטע קאָנקאָרדאנציע נאָכ פונעמ יאָר „תקפ״, װײל מענ פאר איר אזוי גרויס, װי צװעלפ קארבנ, נאָר איכ רעכנ, אז פאר א צענערל װעט מענ זי, מיסטאמע, אָפגעבנ. איז אויב איר װילט, װעל איכ זי איבערשרײַבנ אלײנ מיט מײַנ האנט פונ טאָװל ביז טאָװל, ארויסװארפנ נאָר דעמ שאר מיטנ לפ״ק (לעפאק) אונ אופשרײַבנ פונויבנ: א שפאָגל נײַע קאָנקאָרדאנציע, פארפאסט פונ מענאכעמ־מענדל אונ ארויסגעגעבנ פונ שאָלעמ־אלײכעמ, אָדער פארקערט, פארפאסט פונ שאָלעמ־אלײכעמ אונ ארויסגעגעבנ פונ מענאכעמ־מענדל — װיאזוי איר װילט, די ברײרע איז בא אײַכ; מע קענ דערבײַ פארדינענ, זאָג איכ אײַכ, א שײנ קערבל, ס׳איז הײַנט קימאט דאָס בעסטע געשעפט... איז, אויב איר זײַט מערוצע, שיקט צו עטלעכע קערבלעכ, װעט, אימירצעשעמ, זײַנ רעכט!

הנ״ל (האנאל).

.2

ליכווויד יעדידי האיאָקער האנאָגיד האמפורסעם וכ׳ מוהר״ר (וועכולע מעהורער) שאָלעם־אליי‌כעם נ״י (ניירוי יאָיִר).

ריישיס, בינ איך איַיך מודיִע, אז איך בינ, באָרעכהאשעם, בעקאוו הכאיִמ וועהאשאָלעם, האשעם־ייִסבאָרעך זאָל העלפנ, מע זאָל טאָמיד האָרכנ איינער פונ דעמ אנדערנ נאָר גוטס מיט פסורעס טויוועס, יעשועס ווענעכאָמעס אפנ קלאל־ייִסראָעל, אָמיינ.

וועהאשייניס, היניי זיַיט וויסנ, אז איך וויל זיך מיט איַיך געזעגענענ אונ עפשער אפ שטענדיק, אפ אייביק — איך פאָר אוועק קיינ אמעריקע! וועט איר דאָך פרעגנ, מיסטאמע, וואָס עפעס פלוצעמ אינמיטנדרינענ קיינ אמעריקע? איז דרינענ פאַראנ אסאך טיַימימ. ערשטנס, האָבנ זיך אויסגענומענ אלע וואַסערנ, פארשטאָפט געוואָרנ אלע קוואלנ: עס האָבנ זיך אויסגעלאָזט אלע טועכצנ פאר מיר, מיט אלע פארנאָסעס, איך בינ שוינ דורכגעאנגענ, ווי איר ווייסט, אלע שיווע מעדורע גענעמ, ס'איז מיר שוינ פאָשעט א ביזויענ פאר ליַיטנ, א כארפע פאר מיַינ וויַיב אונ א בושע פאר זיך אליינ. היַינט, האָב איך מיר געקויפט סאָנימ פונ דער גאנצער וועלט מיט מיַינע ברייוולעך. אסאך מענטשנ האָבנ זיך געפונענ באליידיקט, זיי זאָגנ, אז איך האָב זיי אָנגערירט אומזיסט־אונ־אומנישט, זיי וויסנ ניט פארוואָס... נאָר ווער נאָך ווייסט אזוי ווי איר, אז דאָס, וואָס איך האָב געשריבנ, האָב איך געשריבנ ביטמימעס, ניט געמיינט, כאָלילע, עמעצנ זאטשעפענ, נעגייע־בעקאָוועד זיַינ. וואָס האָב איך צו זיי? נאָר די וועלט האָט ליב זוכנ, גריבלענ, געפינענ אָנצוהערעניש, לערנענ פשאט, אָנוויַיזנ, טיַיטנ מיט די פינגער, אז דאָס מיינט מענ, מיסטאמע, דאָס אונ דאָס, יענעמ אונ יענעמ. האָב איך מיך מעיאשעוו געווענ, לעבט איַיך, ברידערלעך, הונדערט אונ צוואנציק יאָר, צו וואָס טויג מיר פארקריגנ זיך מיט א וועלט? וואָס דארפ איך אומזיסטע

סאָנים? מײַנ שיינע־שיינדל איז דענ ניט געױרעכט, װאָס זי זאָגט: אז ניט, װעל איכ די װעלט קליגער מאכנ?... דאָס איז נומער איינס. װעהאשייניס, איז דאָ, אינ דעמ דאָזיקנ לאנד, פאר מיר ניטאָ װאָס צו טאָנ, אָבער טאקע לאכלוטנ נישט! דאָס געשעפט פונ גאזעטנ אונ ביכלעכ ליגט נײַנ איילנ אינ דער ערד; איכ האָב אזוי לאנג געדרייט מיט מײַנע אבאָנענטנ, ביז איכ האָב פארדרייט אי זיי, אי זיכ, אי די רעדאקציע; די גאנצע װעלט איז מיר שולדיק געבליבנ געלט, אויכ איכ בינ דער גאנצער װעלט שולדיק געבליבנ געלט; אונ די רעדאקציע מאָנט מיכ געלט, אונ איכ מאָנ די רעדאקציע געלט — ס׳איז א מינ פארפלאָנטעניש, זאָל גאָט שוימער אומאצל זײַנ. איכ פיל, אז איכ גיב מיכ אָפּ מיט דעמ מיסכער נאָכ איינ יאָר, זעצט מענ מיכ אײַנ אינ טורמע, אָדער איכ טו מיר אָנ א מײַסע, װאָרעמ ס׳איז שוינ אומעגלעכ דאָס איבערצוטראָגנ! מער פונ אלע איז מיר דערגאנגענ די יאָרנ איינער, דאפקע אנ אלטער ייִד אונ א יאדעשליוװער. דער גוטער־יאָר האָט מיכ געטראָגנ, איכ זאָל מיכ מיט דעמ אלטנ באקענענ אונ צורעדנ אימ, ער זאָל אויסשרײַבנ דעמ בלאט מיט דער פּרעמיע. טכילעס האָט ער גאָרניט געװוּסט, װאָס איז דאָס פאר א מינ, אָט די דאָזיקע פּרעמיע? אונ אז איכ האָב אימ קלאָר געמאכט, װאָס באטײַט פּרעמיע, אז די פּרעמיע אליינ, װענ מע װיל זי קויפנ, באדארפ זי קאָסטנ מי־יעדייע װיפל, נאָר איניינעמ מיטנ בלאט קאָסט זי א דריטכיילעק, אזוי, אז ער געװוינט דאָ, ערשטנס, צװוי כאלאָקימ פּרעמיע אונ האָט דערצו אומזיסט אזויפיל בלעטער, האָט ער דאָס ערשט דעמלט צעקײַט, װי סע באדארפ זײַנ, אפּאָנעמ, טאקע א גוט געשעפט, אונ האָט מיר באצאָלט דאָס געלט, אונ האָט מיר אָנגעזאָגט אמאָל זיבעציק:

— געדענקט־זשע! רעב מענאכעמ־מענדל, געדענקט־זשע, אז איכ שרײַב אויס דאָס בלאט צוליב דער פּרעמיע, נאָר צוליב דער פּרעמיע!

אפ מאָרגן גאַנצפרי, איך בין נאָך געלעגן אין בעט, האָט איך — עמעצער קלאַפּט. לויף איך אַראָפּ א באָרוועסער: „ווער איז?" — „ס'איז איך!" — „ווער איז דער איך?" — „מיקויעך דער פרעמיע!" — איך האָב דאָך אויסגעשריבן בא אײַך דאָס בלאַט מיט דער פרעמיע! איר האָט שוין פאַרגעסן?" — „וואָס־זשע ווילט איר?" — „איך בין געקומען געוואָר ווערן, זאָגט ער, וואָס הערט זיך מיט דער פרעמיע?" — „אַזוי גיך?" — זאָג איך, — האָט צײַט א פּאָר טעג!" אין א פּאָר טעג אַרום — מײַן אַלטער איז דאָ.

— רעב ייִד, — מאַכט ער צו מיר, — וואָס הערט זיך מיט דער פרעמיע?

— איר האָט נאָך ניט, — זאָג איך, — דאָס בלאַט, ווילט איר שוין די פרעמיע?

— א שיינער קאַל־וועכוימער! איך וויל גאָר ניט וויסן, — זאָגט ער, — איר האָט מיר בעפּיירעש געזאָגט פרעמיע, ווו איז מײַן פרעמיע?

האָב איך מיך קוים אָפּגעבעטן בא אים פון יאַנוואַר אפ פּורים, און פון פּורים אפ פּייסעך, און פון פּייסעך אפ שווו־עס, און אז ס'איז געקומען נאָך שווועס, האָב איך געהאַט פון אים קאַלט און וואַרעם. דרײַ מאָל א טאָג איז ער געגאַנגען צו מיר נאָך דער פרעמיע, ביז ער האָט מיך אַזוי אַרויסגע־בראַכט פון די קיילים, אז איך האָב אים, בימכילע, א שמיץ געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן דאָס געלט: אַן עק, זאָל זײַן אויס פרעמיע! מיינט איר, ער האָט צוגענומען דאָס געלט? אָבער גאָר לוי! ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז מער וועט ער מיר ניט דאָקוטשען. אפ מאָרגן — אהא, ער איז דאָ, דער אַלטער! ער האָט זיך אַרופגעדראַפּעט צו מיר אפ אַלע נײַן און נײַנציק טרעפּ, האַלט זיך באַם האַרצן, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם: „פרעמיע!" דערזען דעם אַלטנס פּאָנעם, בין איך שוין גאָר אַרויס פון די קיילים, זיך אופגעכאַפּט פונעם טיש, זיך אָנגע־

נומענ מיט ביידע הענט באמ קאָפּ און האָב אָנגעהויבנ שרייַ־ענ: „גוואַלד! גוואלד! אָט גיי איכ מיכ טרינקענ!״ איר מיינט אפּ קאַטאָוועס? ניינ! טאַקע אפּ דער רעכטער עמעס! נאָר וואָס דענ? ביז איכ בינ געקומענ צומ טייַכ, איז מיר אָפּגעגאַנגענ דער קאַס, און איכ האָב דערזענ אַפנ ברעג באמ פּאראַכאָד שטיי־ענ יידנ אַסאַכ און ווייַבער. בינ איכ צוגעגאַנגענ און זע — מע געזעגנט זיכ, מע קושט זיכ און מע וויינט — סאַקאָנעס נעפּאָשעס. וואָס איז די מייַסע? — מע פֿאָרט קיינ אַמעריקע א גאַנצ גע־זינדל: צוויי יונגעלייַט, מיט צוויי ווייַבלעכ, דרייַ מיידלעכ, דער־וואַקסענע שוינ, און א באָכער א באַלמעלאָכע, און עטלעכע קליינע קינדער. געזעגנט זיכ האָט מיט זיי איינער אַנ אַלטער, א בלינדער אפּ ביידע אויגנ, און אַנ אַלטיטשקע, אַנ אייַנגע־בויגענע ביז דער ערד — דאָס איז געווענ דער זיידע מיט דער באָבע, און נאָכ יידנ און ווייַבער, קרויווימ, מישפּאָכע און גלאַט באַקאַנטע. דער אַלטער מיט די בלינד'ע אויגנ האָט צוגערופּנ אַלע מאָל אַנ אַנדער קינד צו זיכ, געטאַפּט מיט די הענט: „לאָמיכ דיכ אָנקוקנ כאָטש דאָס לעצטע מאָל״. צומ לעצטנ פּייַפּ איז מענ געפאַלנ איינס דאָס אַנדערע אפּ די העלדזער און מע האָט אַזוי געוויינט און געכאַלעשט, אַז וויפל מענטשנ עס זייַנענ געווענ באמ ברעג, האָבנ אַלע געוויינט, און איכ אויכ בעסויכעמ.

פונ דעמלט אָנ איז דער געדאַנק „אַמעריקע״ ניט אַרויס בא מיר פונ קאָפּ אפּ א מינוט. איכ האָב מיכ אָנגעהויבנ באַטראַכטנ: סטייַטש, די גאַנצע וועלט פֿאָרט קיינ אַמעריקע און „מאַכט דאָרט א לעבנ״, מיט וואָס בינ איכ ערגער פונ אַנדערע? פאַר־וואָס זאָל איכ מיכ אויכ ניט דורכפאָרנ אַהינ? מייַנ גאָט איז קיינ גאָט ניט? איי וואָס, איכ האָב ניט קיינ שום מעלאָכע אינ האַנט, און קיינ קאַפּיטאַל אַוואַדע ניט? איז דער טערעצ — לע־מייַ וואָס טוענ אַלע די, וואָס פֿאָרנ קיינ אַמעריקע? קאַרגע מענטשנ לאָזנ זיכ אַוועק אַהינ אָנ א שום טועכצ, אָנ א גראָשנ

באַם פּופּיק, מיט גאָלע האָפענונגען אפּ גאָט, און דער אייבערשטער העלפט זיי פונדעסטוועגן — „זיי מאכן דאָרט א לעבן", און נאָכ א מינ מאכן! ס'איז דאָרטן, זאָגט מען, א פריי לאנד, וואָס אלע זײַנען גלײַכ — סײַ אָרעמ, סײַ רײַכ, סײַ יידן, סײַ ניט קיינ יידן. אדעראבע, אונדזערע יידן זענען דאָרטן, זאָגט מען, גאָר ביכשיוועס, מע טראָגט זיכ מיט זיי ארומ, ווי מיט עפּעס רעכטס. מע טרעט זיי אָפּ אלע בעסטע ערטער און מע גיט זיי אָפּ פיל קאָוועד. איינ כיסאָרן נאָר, וואָס דאָרטן דארפ מען ארבעטן, אלע מוזן ארבעטן, און ווער סע וויל ניט ארבעטן, נייט מען אימ פון קאָהאָל. בא מיר קומט אויס אפּילע אביסל פּריקרע: וועמעס אייסעק איז דאָס? נאָר אפּ די אמעריקאנער איז מיר קיינ כידעש ניט, לעמײַ, ווו האָט איר געזען, מענטשן זאָלן זיכ באגיינ אָן פּאספּאָרטן? אָבער וואָס איז דאָס פאר א מינ פאָלק, וואָס אלע האָבן דאָרט א דייע אינ דער מעלוכע גאָר, מישן זיכ אינ פּאָליטיקע, און א גובערנאטאָר קלײַבט מען דאָרט מיט גאָלקעס, ווי בא אונדז, לעהאוודל, א גאבע? ווילדע מענטשן נאָכ, אפּאָנעמ! און דאָס געלט איז בא זיי אויכ מאָדנע געלט. קיינ קערבלעכ איז בא זיי ניטאָ, נאָר טאָלערס, דאָס, וואָס בא אונדז איז א קערבל, איז דאָרט א טאָלער, א טאָלער איז צוויי קערבלעכ, קומט אויס, אז איטלעכ קערבל אונדזערס האָט דאָרטן, בא זיי, די ווערט פון צוויי קערבלעכ. די מאשמאָעס, אז אונדזער געלט איז מער כאָשעוו פון אלע געלטן אפּ דער וועלט... הײַנט דאָס לאָשן זייערס איז גאָר א פּאסקודנע לאָשן. מיר האָבן געלייענט ניט לאנג א פּאָר בריוולעכ פון דאָרטן, האָבן מיר געמיינט, אז מיר וועלן צעזעצט ווערן פאר געלעכטער. שטעלט אײַכ פּאָר, אז א בריוו הייסט בא זיי א „לעטער", געלט רופן זיי „מאָניס", און אפּ א פּאָרטרעט זאָגן זיי „פּיטשקע". איינ מײַלע האָבן זיי, וואָס זיי שעמען זיכ ניט מיט קיינ ארבעט! פאר געלט אָדער פאר מאָניס, ווי זיי רופן דאָס אָן, וועלן זיי

אײַך טאָן, וואָס איר ווילט — פאַרקויפֿן דעם טאַטנס מיט דער מאַ־
מען... מיט איין וואָרט — ס'איז דאָרטן אַ לאַנד פֿון פֿרײַשאַפֿט
און פֿון פּאַרנאָסע, און ייִדן פֿאָרן אַהין פֿון דער וועלט, און
ווער שמועסט, פֿון זינט קעשעניעוו האָט זיך אויסגעפּײַנט, האָט
דער עולם גענומען פֿאָרן קיין אַמעריקע נאָך געשמאַקער ווי
פֿריִער. ניטאָ דער טאָג, וואָס פֿונדאַנען זאָלן ניט אַרויספֿאָרן
עטלעכע אירע, גאַנצע מישפּאָכעס, און מע דאַרף פֿאַרכאַפּן,
זאָגט מען, וואָס פֿריִער, וואָרעם שפּעטער, האָט מען מוירע, מע
זאָל, כאָלילע, ניט אַרײַנלאָזן, אָדער מאַכן פֿאַר אונדז „אָגראַ־
ניטשעניס"... דעריבער האָב איך מיר באַשלאָסן, אַז פֿאָרן דאַרף
מען פֿאָרן וואָס גיכער, אוביפּראַט אַז איך פֿאָר ניט אַליין, מיר
פֿאָרן דאָ עטלעכע מישפּאָכעס אינאיינעם, צומיינסטנס באַלמעלאָ־
כעס, סאָכרים, מעלאַמדים, לערערס, און די באַלעבאָסטע מײַ־
נע פֿון דער אַכסאַניע מיט די קינדער, און איך אויך בעסוי־
כעם. ווו האָב איך גענומען אַפֿ הוצאָעס? — זאָלט איר מיך ניט
פֿרעגן. איך האָב אויסגעפֿאַרקויפֿט אַלע מײַנע בגאָדים, זיך צו־
נויפֿגעשלאָגן עטלעכע קערבלעך און האָב אַוועקגעשריבן צו מײַן
פֿלוינעסטע קיין מאַזעפּעווקע אַ בריוו, אַז איך בין „גרייט צו
דער רײַזע". און איך ווייס דאָך, אַז זי ווערט געוויס ניט זײַן
צופֿרידן פֿון דעם, און זי וועט עפּשער וועלן קומען צו לויפֿן
אַהער מיך פֿאַרנעמען אַהיים, האָב איך אויסגערעכנט אַזוי, אַז
בעשאַס זי וועט קומען צו פֿאָרן אַהער, זאָל איך שוין זײַן אַפֿן
וועג קיין האַמבורג. איר מיינט, כאַסוועשאָלעם, אַז איך אַנט־
לויף פֿון איר? זײַט זיכער, אַז איך וועל זי, כאָלילע, ניט פֿאַר־
לאָזן, איך וועל איר געוויס שרײַבן, אימירצעשעם, אָפּטע בריוו,
און אַז גאָט וועט העלפֿן, אַז איך וועל דאָרטן זיך צו עפּעס
צושלאָגן, וועל איך איר אַרויסשיקן די אַמעריקאַנער טאָלערס,
און מיט דער צײַט זי אַרויסנעמען אַהינצוצו, מיט די קינדער,
וואָס סע ציט מיך צו זיי דאָס האַרץ אַד שעיין לעשאַער! אויך
אײַך וועל איך שרײַבן פֿון דאָרט אָפּטע בריוו, מינאַסטאַמ. דער

איבערשטער זאָל מיכ נאָר ברענגענ בעשאָלעמ אפֿנ אָרט, עס זאָל זיכ מיר ניט טרעפֿנ, כאָלילע, עפּעס קיינ אומגליק אפֿנ וועג, וואָרעמ מע דארפֿ אהינצו פֿאָרנ, פֿארשטייט איר מיכ, איבערנ יאמ, איז דאָכ א ביסל ניט אזוי פֿריילעכ. נאָר גאָט איז א פֿאָטער. וואָס ס'וועט זײַנ מיט קאָל־ייִסראָעל, וועט זײַנ מיט רעב ייִסראָעל. פֿונדעסטוועגנ זעענ מיר דאָכ, עס פֿאָרנ מענטשנ אפֿנ יאמ הינ אונ צוריק אונ קומענ צו פֿאָרנ, — א סימענ האָבנ מיר, זיי שרײַבנ פֿונ דאָרט בריוולעכ, אונ נאָכ וואָסערע בריוולעכ, ס'איז א מעכײַע צו לייענענ. אונ מאכמעס איכ בינ שטארק פֿארנומענ מיטנ גרייטנ זיכ אינ וועג ארײַנ, מאכ איכ דאָס בעקיצער. אימירצעשעמ פֿונעמ אָרט וועל איכ ארויסשרײַבנ אלצדינג באאריכעס. לעסאטע, לאָז גאָט געבנ, ס'זאָל זײַנ מיט גליק, מיר זאָל אָנהייבנ גײנ גוט דאָרטנ, אונ אײַכ דאָ, ווי עס ווינטשט אײַכ פֿונעמ גאנצנ הארצנ אונ.א גאנצ גרויסנ אדיע —

אדיע! אדיע! אונ נאָכאמאָל אדיע!

אײַער בעסטער פֿרײַנט מענאכעמ־מענדל.

אִיקער שאָכאכטי. אז איר וועט מיר וועלנ שרײַבנ, זאָלט איר מיר שרײַבנ גלײַכ קיינ ניו־יאָרק אפֿ מײַנ נאָמענ; קיינ גאָספֿאָדינ אָבער זאָלט איר מיר ניט שרײַבנ, נאָר מיסטער, מיסטער מענאכעמ־מענדל.

א געבענטשט לאנד

(א בריוו פון מענאכעם־מענדלען פון אמעריקע, צום דרוקן איבערגעגעבן פון שאָלעם־אליכעם).

סער שאָלעם־אלייכעם!

אָלרײַט, האָט קיין פאריבל ניט, וואָס איך שרײַב אײַך אזוי כאפּנדיק — אמעריקע איז ניט יעהופּעצ. דאָ האָבן אלע קיין צײַט ניט — „טײַם איס מאָנע" — אזוי זאָגט דער אמעריקאנער. דער פּשאט איז — א רענדל א מינוט! איטלעכער איז דאָ פארנומען, און נאָר מיט זיך, מע האָט קיין צײַט ניט ארומקוקן זיך אפ יענעם — יענער מעג זיך אויסציִען אינמיטן גאס, וועט אים קיי־נער ניט זאטשעפּען, „העלפּט־יור־סעלף" — זאָגט דער אמעריקאנער. דער פּשאט איז — איטלעכער פאר זיך. קריך פון דער הויט, אקער מיטן נאָז די ערד, רײַס זיך אײַן דאָס געזונט, גיי מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארופ — וועמעס אייסעק איז דאָס? א געבענטשט לאנד! מע האָרעוועט און מע ווערט פארשווארצט און מע „מעק א לעווענג", דאָס הייסט, געמאכט א לעבן, איטלעכער מאכט א לעבן, און איך אויך בעסויכעם. וועט איר דאָך פרעגן: וואָס הייסט „מע מאכט א לעבן"? באדארפ מען אײַך דערציילן אקו־ראט פון אָנהייב ביז סאָף, וויאזוי עס האָט דאָ מיט מיר פּאסירט, וועט איר פארשטיין, וואָס באטײַט א געבענטשט לאנד אמעריקע.

די ערשטע צײַט, וואָס איך בין אהער אָנגעקומען, בין איך
געווען, געוויינטלעך, א „גרינער", נישט געוווסט, ווו א טיר עפנט
זיך, נישט פארשטאנען א וואָרט פונעם היגן לאָשן, וואָס צום
ערשטן מאָל ווײַזט זיך אײַך אויס, אז ניט זיי רעדן, נאָר זיי
שפּײַען און מאכן זיך נאריש, בעלעבעטשען עפּעס מיט די ציינ־
גער און לויפן ארום — דער אהער, דער אהין, ווי די מעשוגאָים,
גלײַך ווי עמעצער זעצט זיי אין האלדז־און־נאקן. די ערשטע
צײַט בין איך ארומגעגאנגען איבער די טומלדיקע גאסן, ווו
ס'ראשט, ווי אין גענעם, פאריסן דעם קאָפּ און באטראכט די
מוירעדיקע מויערן, מיט די מענטשן, מיטן גאנצן טראסק; נאָר
לאנג אזוי ארומגיין האָט מען מיך נישט געלאָזט; פאר ענגשאפט,
אפּאָנעם, און פאר גרויס אײַלעניש האָט מען מיך מעכאבעד גע־
ווען אלע מאָל מיט א שטורך אין זײַט ארײַן און מיט א שטויס
פון הינטן און א זאָג בעשאס־מײַסע: „גע־דע דעוול", דער פּשאט
איז: „צו־ן־אלדי שווארצע יאָר!" פון אזא מין באנעמונג האָב איך
אויסגעזען בא זיך אין די אויגן ווי געפאלן, עפּעס ווי איבעריק,
ווי א מין הינטל, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, און איט־
לעכער, ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן, טוט דאָס א וואָרף,
א שלײַדער: פּשאָל וואָן! — און גייט זיך ווײַטער. אוואדע בין איך
אין יעהופּעץ צו אזעלכע זאכן ניט געוווינט געוואָרן, און ווער
שמועסט, בא מיר אין מאזעפּעווקע, ווער וואָלט גאָר געהאט די
האָזע מיר זאָגן א קרום וואָרט, ביפראט נאָך דערלאנגען פונהינטן
א סטוסאק — פונקען זאָל פליִען פון די אויגן! און כוץ לאָזע,
איז געווען אן אנדער זאך, וואָס האָט מיך געטריבן צו דער אר־
בעט: עס האָט מיר שטארק געקלעמט דאָס הארץ, דער מאָגן
האָט אָנגעהויבן מאָנען מעזוינעס, און אין קעשעניע — איר זאָלט
זאָגן א סענט. איך בין אפילע יענעם טאָג ארויסגעגאנגען יאָ
מיט א פּאָר פּעניס (גראָשנס) אין קעשעניע, זײַנען זיי אָבער גיך
צעטרענצלט געוואָרן, צעגאנגען ווי שניי אף דער זון. ריישיס־
כאָכמע, האָב איך מיר געקויפט פאר איין סענט א פּייפּער, א

גאזעט, הייסט דאָס, און דאפקע אפּ ייִדיש. אזוי איז מען דאָ זיך נויהעג אין אמעריקע, אז איטלעכער מענטש מוז אלע פרימאָרגן, ווי א פרומער ייִד דאווענען, איידער ער נעמט עפּעס אין מויל אריין, זיך קויפן א פּייפּער, האָרכן, וואָס ס'טוט זיך עפּעס אפּ גאָטס וועלט; און גיין זוכן א פּייפּער, דארפט איר ניט, מע טראָגט אייך אים אנטקעגן אפּ אלע גאסן און מע שרייט אפּ אלערליי קוילעס — מע קאָן פון זייער געשריי טויב ווערן! נאָך דעם פּייפּער האָב איך געכאפּט א „קעק", דאָס איז אזא מין פלעדל, ווי בא אונדז, לעמאָשל, פּורים־גרעט, און אויך אפּ דער גאס, און אויך געטראָגן אנטקעגן. נאָר לעבן מיט א „קעק" א גאנצן טאָג, איז ניט מעגלעך. האָט מיר אָנגעהויבן כאלעשן דאָס הארץ גאָר אפּ אן אנדער אויפן! וואָס טוט מען? וואָלט איך כאָטש געקענט דאָס לאָשן זייערס, וואָלט איך מיך צעפרעגט אפּ מיין באלאכסאניעטע פון יעהופּעץ, וואָס מיר זיינען מיט איר געקומען אהער צוזאמען, און וואָס פונעם ערשטן טאָג נאָך אין „קעסטל־גארדן" האָט מען אונדז צעשיידט. זי איז אריבער־געפאָרן מיט אירע קינדער צו אירע קרויווים, וואָס זיינען ארויס־געקומען איר אנטקעגן מיט פרישע כאלע, מיט געבראָטענע היי־נער, פּופּקעס און מיט „אָראנדזשן" („פּאלטשינעס" הייסט בא זיי „אָראנדזשן"). מע האָט זיך שטארק געפרייט און געקושט זיך, אזש געוויינט פאר פרייד, און מע האָט זיי פארנומען אפּ דער באן און מע האָט זיי אוועקגעפירט אפּ אזא גאס, וואָס אז איך וועל דאָ אָפּזיין נאָך צען יאָר, וועל איך אויך ניט קענען אויסריידן דעם נאָמען אירן. דער נאָמען פון דער גאס הייבט זיך אָן מיט א „טשענלראָד" און לאָזט זיך אויס מיט א „דזשאָנז־סטאָן — סטריט", און גיי כאזער איין אפּ אויסווייניק!

בעקיצער, איך גיי און גיי — עס הייבט אָן ווערן נאכט. איך זע, דער פּאָליסמען, דער גאָראָדאָוווי, הייסט דאָס, קוקט אפּ מיר מיט די אויגן. זאָגן זאָגט ער מיר גאָרניט, נאָר ער קוקט אפּ מיר, א פּאָליסמען... דערוויל, אזויווי איך גיי, דערזע איך,

א יִיד א שלימאזל גייט אײַנגעהויקערט אינגדרײַען, טראָגט אף די פלייצעס א גרויסן טשעמאָדאן און שפאנט מיט אלע קויכעס. דערקענט, אז דאָס דארף זײַן אן אונדזעריקער, גיי איך צו צו אים און מאך מיט אים א שמועס — ווּ איז דאָ ערגעץ א יִידישע גאס, א יִידישער מארק, א יִידישע שול, ווּ איז דאָ ערגעץ אכיינו־בניי־יִסראָעל, פראָסטע יִידן, וואָס מע קאָן מיט זיי אויסריידן א יִידיש וואָרט? ענטפערט ער מיר ניט, נאָר ער טוט א מאך מיטן קאָפ, ווי איינער רעדט, קומט מיט מיר! און מיר האָבן זיך געלאָזט ביידע אין וועג ארײַן. געגאנגען מיט אים וואלד־אײַן, וואלד אויס, אָן אן עק, און האָב קוים מיט צאָרעס ארויסגעצויגן באם יִידן עטלעכע געציילטע ווערטער, אז ער אליין איז אויך א „גרינער", נישט לאנג, הייסט דאָס, פון אונדזערע קאנטן. און ער האָט מיר דערציילט, אז ער אליין איז אויך גענוג פארשווארצט געוואָרן דאָ, אין דעם געבענטשטן לאנד, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט געקעטשט א „פלאצ" דער פשאט איז: ער האָט באקומען אן אָרט אין א וועש־פאבריק און ער „מעק א ליווענג", דאָס הייסט, ער מאכט א לעבן. מאָלט אײַך, אז אָך און וויי צו אזא „מעקען" און אזא „ליווענג", נאָר דאָך בעסער פון גאָרניט איז דאָס שוין. זײַן אוּוודע איז צו טיילן און סאָרטירן. דאָס קויטיקע גרעט אף דער פאבריקע: מענער־העמדער באזונדער, און פרויען־העמדער באזונדער, און נאָך דעם גייען, מעכילע, טאכטוינים, זאָקן און קאָפציעס, א קאָפציע צו א קאָפציע — דאָס אלץ באדארף ער, זאָגט ער, סאָרטירן קויטיקערהייט און מאכן סימאָנים, מע זאָל זיי, כאָלילע, ניט פארבײַטן. זייער א מִיעסע מעלאָכע, זאָגט ער, און א נודנע; ביפראט, אז ער איז, זאָגט ער, דערצו גאָרנישט געוווינט געוואָרן, ער איז פונדערהיים, זאָגט ער, כאָלילע, נישט קיין באלמעלאָכע. געווען, זאָגט ער, אמאָל א יִיד א באלעבאָס, מיט א דירע, מיט שיינע מעכוטאָנים, קינדער, זאָגט ער, האָט ער אינדערהיים לײַטישע, גאָר לײַטישע; זיי, די קינדער, זאָגט ער, זאָלן וויסן, אז ער, דער טאטע זייערער... אזוי זאָגט צו מיר דער יִיד און ווישט אָפ מיטן

ארבל דעמ שווייס פונעמ פּאָנעמ, אונ בעדערעכ־האליכע ווארפט ער אראָפּ א טרער... מיילע, דאָס אלצדינג וואָלט נאָכ גענוועג, זאָגט ער, נומער ערגער, וואָס זאָל מענ טאָנ? מע דארפ, זאָגט ער, „מעק מאָנע" — מאכנ געלט, הייסט דאָס. דער כיסאָרנ איז נאָר, זאָגט ער, וואָס ס'איז בא זיי אצינד אפ דער פאבריקע א „סטרײַק", דער פשאט איז: די ארבעטער האָבנ זיכ געמאכט יאדאכעס אונ ווילנ נישט גיינ אפ דער ארבעט, ביז מע וועט זיי גיט מויסעפ זײַנ דאָס, וואָס זיי פאָדערנ. איז ער דערווײַל, זאָגט ער, געבליבנ אָנ א שטאָכ ארבעט. דערפאר וועלנ זיי אָבער אויספירנ דאָס, וואָס זיי ווילנ. אזוי מאכט צו מיר דער ייִד מיט גאדלעס, טוט צו מיר א מאכ מיטנ קאָפּ אונ א זאָג: „גוד ביי", דאָס הייסט, זײַ געזונט, — אונ פארקערעוועט אינ א הויפ ארײַנ אונ — אנ עק, אויס ייִד!

דער ייִד איז טאקע נעלעמ געוואָרנ, דערפאר איז אָבער אפ זײַנ אָרט אויסגעוואקסנ אסאכ אנדערע ייִדנ אונ ווײַבער, אָבער טאקע וואָס ייִדנ הייסט, ייִדנ מאמעש, קימאט די אייגענע, וואָס בא אונדז אינ יעהופּעצ אונ אינ מאזעפּעווקע. אונ אויכ די גאסנ זײַנען קימאט אזויוױ בא אונדז, אונ דער רייעכ, וואָס עס שמעקט, איז א באקאנטער רייעכ, אונ דאָס לאָשנ, אונ די קוילעס — אלצ, אלצ, ווי בא אונדז. איכ האָב מיכ דערקוויקט, ווי א פיש, אז מע לאָזט אימ ארײַנ צוריק אינ וואסער, מאמעש מעכײַע געוועג. אויכ זיי האָבנ זיכ מיט מיר מעכײַע געוועג. מע האָט מיכ ארומגע־רינגלט פונ אלע זײַטנ, עס האָבנ אָנגעהויבנ פליִענ שאָלעמ־אליי־כעמס: פונוואנענ איז א ייִד, וואָס הערט זיכ אינ ראשענ (אינ רוסלאנד, הייסט דאָס)? וואָס מאכט עפּעס אונדזער „דזשויִס" (ייִדעלעכ הייסט עס)? אונ ווער בינ איכ? אונ וואָס בינ איכ? דערהערט, אז איכ פאָר פונ יעהופּעצ, אונ אליינ בינ איכ א מאַ־זעפּעווקער, איז געוואָרנ אפ זיי א סימכע, א געדולע: סטײַטש, בא זיי איז דער ראָוו א מאזעפּעווקער, דער שויכעט א מאזעפּעוו־קער אונ דער כאזנ א מאזעפּעווקער. אוואדע בינ איכ געוועג

נײַגעריק צו זען־זיך מיטן ראָוו, מיטן שויכעט און מיטן כאַזן פֿון
מײַן שטאָט, און איך האָב געבעטן מען זאָל מיר אָנווײַזן, ווו זיי
וווינען. און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דער ראָוו, מיטן שויכעט, מיטן
כאַזן — זײַנען אַלע דרײַ איין פּאַרשוין, און דאָס איז אונדזער
בערל דאָווויד־מוישעס — אַ ייִד, וואָס קער זיך אַזוי אָן מיט ראָוו, מיט
שויכעט און מיט כאַזן, אַזוי־ווי איך קער זיך אָן מיט פּרעזידענט!
אַז בעסאַכאַקל איז ער בײַ אונדז אינדערהיים געווען גאָר אַ ייִד
פֿון די, וואָס קאָטאָרי וועלכע... געהאַט האָט ער, אַפֿילע, יאָ ניש־
קאָשע פֿון אַ קעלעכל צום דאַווענען פֿאַרן אָמעד, אַמאָל אַ שאַכ־
רעסל אונטער אַ יאָנטעוו, נאָר ווי קומט ער צו אַ כאַזן, צו שוי־
כעט און צו ראָוו, אַז האַנדלען האָט ער געהאַנדלט מיט טרייפֿער
סכוירע, מיעס אַרײַנגעפֿאַלן, געהאַט אָפּ זיך אַ פּעקל און געמוזט
מאַכן אַ וואַיִוראַכ, אַזש אַהער קיין אַמעריקע?.. איך בין געשטאַ־
נען און געקוקט, און באַטראַכט מײַן בערל דאָווויד־מוישעס —
דעם ראָוו, מיטן שויכעט, מיטן כאַזן. אָט וואָס הייסט אַ געבענטשט
לאַנד — אַמעריקע!

געשטויסן זיך, אָפּאָנעם, וואָס איך קוק, האָט מיך דער דאָזי־
קער ראָוו, מיטן שויכעט, מיטן כאַזן אָפּגערופֿן אָפּ אַ זײַט
און מאַכט צו מיר: „הער נאָר אויס, מענאַכעם־מענדל, ס'זאָל
זײַן יעהודי בעלוי“... האָב איך מיך געשטויסן, אַז מע באַדאַרף
מאַכן אַ שווײַג, און ער האָט מיך פֿאַרופֿן צו זיך אָפּ „סאָפּערטײַם“
(אָפּ וועטשערע, הייסט עס), און דאָרט ערשט האָט ער מיר אויס־
דערציילט אינגאַנצן די ביאָגראַפֿיע זײַנע, וויאַזוי ער האָט זיך דאָ פֿרי־
ער אָנגעגעסן מיט צאָרעס אינעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד, איבער־
געדינט פֿריִער אַלע אַווידע־זאָרעס, געהאָרעוועט, געאַרבעט קאָל־
אַווידעס־פּערעכ, ביז גאָט האָט אים אַרײַנגעגעבן אַ שטיקל זי־
נען, ער זאָל זיך פֿאַרלאָזן אַ פּאָר פֿייעלעך, אָנטאָן אַביסל אַ לענ־
גערע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטעלע, זיך אַוועקשטעלן פֿאַרן אָמעד
און ווערן בײַ זיי, לעמאַזל, אַ כאַזן. „אַ שיינעם קאָל־נעגינע,
זאָגט ער, האָב איך דאָך געהאַט פֿון טאָמעד, און אַביסל האָב איך

מיכ אונטערגעלערנט, בינ איכ געוואָרנ איצטער א כאזנ צווישנ כאזאָנימ!" בעשאסמײַסע טוט בערל דאָוויד־מוישעס א מאכ מיטנ קאָפּ, א הוסטל אונ א קאטשע זיכ אפּנ העלדזל, ווי אנ עמעסער כאזנ. „נו, זאָג איכ, מײלע, א כאזנ — דאָס פארשטײ איכ נאָכ. אָבער א שויכעט — ווי קומט איר, רעב בערל, צו שכיטע?" — „א טײַערע מעציִע, זאָגט ער, וואָס איז? איכ בינ נישט געגאנגענ אינ כײדער? איכ האָב נישט געלערנט קײנ הילכעס־שכיטע?" אונ ער נעמט זיכ רײניקנ די נעגל, ווי א יוסטער שויכעט. „בינ איכ אײַכ, זאָג איכ, דאָס אויכ מויכל, אָבער א ראָוו, זאָג איכ — ווי קומט איר פּאסקענענ שײַלעס? גוואלד, רעב בערל, שײַלעס פּאסקענענ?" „ע, מאכט ער צו מיר, מענאכעמ־מענדל, ביסט נאָכ גאָר גרינ, ווי א גרינע אוגערקע! ווארט אויס, וועסט אָפּזײַנ דאָ אינ אמעריקע א שטיקל צײַט, וועסטו ערשט דעמלט ארויסזענ כידושימ, וואָס פאר א לאנד דאָס איז — א געבענטשט לאנד!" אונ ער נעמט מיכ פאר א האנט אונ פירט מיכ ארײַנ צו זײַנ עטל־דווירענ אונ שטעלט מיכ פּאָר פאר זײַנ „מיסעס", — בא אונדז האָט זי געהײסנ עטל־דווירע אונ געטראָגנ א פּאריק ביז די אויערנ, אונ דאָ הײסט זי שוינ „מיסעס", אונ איז א גאנצע מאדאמ. „אונ ווער זײַנענ יענע צוויי פּאניטשלעכ?" — פרעג איכ אימ. — „דאָס זײַנענ, זאָגט ער, מײַנע „טשילדערנ". — „וואָס הײסט דאָס, זאָג איכ, „טשילדערנ"?—„טשילדערנ" הײסט, זאָגט ער, קינדער; דזשעמ אונ פּער — דאָס זײַנענ מײַנע צוויי זינ", — מאכט ער צו מיר אונ פירט מיכ צו צו זײַנע צוויי באָכערימלעכ, דעמ דזשעמ מיטנ פּער. געהײסנ האָבנ זײ בא אונדז אינ מאזעפּעווקע כאימ אונ פּערעצ — א מינ איבערקערעניש, זאָל גאָט שוימער אומאצל זײַנ! „ווארט אויס, — מאכט צו מיר דער ראָוו, מיטנ שויכעט, מיטנ כאזנ, — ווארט אויס, מענאכעמ־מענדל, וועסט ערשט זענ כידושימ אָט דאָ אינ דעמ געבענטשטנ לאנד, אינ אמעריקע!" אונ מאכמעס איכ אײַל מיכ זײער אוועקשיקנ אײַכ דעמ דאָזיקנ ערשטנ בריוו מײַנעמ פונ אמעריקע, מאכ איכ דאָס בעקיצער. אימירצעשעמ

שפּעטער וועל איך אײַך אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַאַריכעס, דער־ווײַל מוטשע איך מיך נאָך אַפּילע זייער שטאַרק אַפּן שטיקל ברויט, נאָר, דאַנקען האַשעם־יתברך, „איך מעק אַ ליווענג“ און האָפּ צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז איך וועל מיט דער צײַט, אימירצעשעם, ווערן אַן עמעסער „אַמעריקאַנס אָנטי“, דאָס הייסט אַפּ אײַער לאָשן: “Полноправный гражданин„, און וועל ווערן אַ מענטש גלײַך מיט אַלע, זיך מישן אין „פּאָליטישן“, אין דער פּאָליטיק, הייסט דאָס, מאַכמעס עס גייט בײַ אונדז אַ „עלעקשן־יאָר“, אַזאַ יאָר, וואָס מע קלײַבט אַ פּרעזידענט, און דאָ באַם קלײַבן אַ פּרעזידענט האָבן אַלע אַ דייע, און איך אויך בעסויכעם. לעסאַטע דאַרף מען גיין אַרבעטן „ביזנעס“, געשעפט הייסט דאָס, מאַכמעס איך האָב נאָך נישט אַפּ „רענד“, מיין איך, דירע־געלט פּאַר דער וואָך, נאָר גאָט איז אַ פּאָטער, ער וועט, מיסטאַמע, העלפן, און עס וועט זײַן, אימירצעשעם, אָלרײַט!

פון מיר אײַער בעסטער פרײַנט מענענטשמענד,
געוועזענער מענאַכעם־מענדל.

נאָטאַבענע, מיין איך, איקער שאָכאַכטי. עס זאָל אײַך קיין כידעש ניט זײַן, סער שאָלעם־אַלייכעם, וואָס איך האָב מיר מעשאַנע־שעם געווען, איבערגעביטן זיך פון מענאַכעם־מענדל אַפּ „מענענטשמענד“. וואָס זאָל איך טאָן, אַז מען רופט מיך דאָ אַזוי? אַלע הייסן דאָ אַנדערע נעמען: באָרעך־יאַנקל איז בײַ זיי „דזשאַן“, מייער־קאַלמען — „קען“, לייזער פּייסי — „פּען“; און די ווײַבער, די זײַנען גאָר מעשוגע! די, וואָס האָבן געהייסן בײַ אונדז: צייטל־ביילע, סאָרע־לייע, הייסן שוין דאָ: טשיטאַ־בעלע, סאַראַ־ליישאָן — און גיי טו זיי עפּעס.

הנ״ל (האַנאַל)

דער פירפענעמדיקער ראבינער

א מייסע פון פארצייטנ.

אמאָל, אמאָל, שוין לאנג, ניט פאר אונדזערע צייטן, אין א ווייטער־ווייטער מעדינע, וואָס צו איר איז עפשער פערציק טאָג גאנג, אין א גרויסער, גרויסער שטאָט, וואָס ליגט באַם ברעג פונעם שווארצן יאַם, האָט זיך געפונען א גרויסע יידישע קעהילע, ווי אלע יידישע קעהילעס פארצייטנס, וואָס האָט זיך געהאט איר ראָוו, איר פריידיקער, איר ראבינער, איר רעדל־פירער, ווי געוויינטלעך פארצייטנס.

יאָרנלאנג האָט דער ראָוו געפּאסקנט שיילעס, דער פריידיקער האָט זיך געפריידיקט, דער ראבינער האָט זיך געטאָן, וואָס א ראבינער דארף טאָן, און דער רעדלפירער האָט געדרייט דאָס רעדל, און ס'איז זיך געגאנגען אלצדינג, ווי א מיזמער, און מע האָט זיך קיינמאָל ניט געקריגט.

ווייסט איר פארוואָס מע האָט זיך ניט געקריגט? ווייל דער ראָוו מיטן פריידיקער, און דער ראבינער מיטן רעדלפירער זיי־נען געווען אלע פיר אין איין מענטש. דאָס הייסט, ס'איז גע־ווען א מאן, וואָס האָט באַטריטן די אלע פיר פּאָסטנס, און די שטאָט איז געווען צופרידן, און דער מאן איז געווען צו־פרידן, און אלעס איז געגאנגען ווי אפ פּוטער. ווייהי האיוים, מאכט זיך א מייסע, אז דער דאָזיקער מאן לייגט זיך אנידער

און שטאַרבט אַוועק, און די שטאָט איז געבליבן אָן אַ ראָוו, אָן אַ פּריידיקער, אָן אַ ראַבינער און אָן אַ רעדלפירער.

געבליבן אָן אַ ראָוו, אָן אַ פּריידיקער, אָן אַ ראַבינער און אָן אַ רעדלפירער, האָט די שטאָט אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדערן אַף זײַן אָרט, געזוכט, געזוכט און ניט געקאָנט געפינען.

האָט מען צעשיקט בריוו איבער אַלע מדינות, אויסגערופן — ווער עס וויל זײַן ראָוו, פּריידיקער, ראַבינער און רעדלפירער, זאָל ער זיך ווענדן אַף דעם און אַף דעם נאָמען, אין דער און דער שטאָט. האָבן אָנגעהויבן גיין בריוו פון דער גאַנצער וועלט, באַלאָנים האָבן זיך געפונען דאַפּקע אַסאַך, נאָר קיינער פון זיי איז ניט געווען דער שטאָט צום האַרצן. איטלעכער נײַער קאַנדידאַט, וואָס האָט זיך באַוויזן, האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ כיסאָרן. ער איז געווען אַ גוטער ראָוו, האָט ער ניט געקאָנט פּריידיקן, איז ער געווען אַ שיינער פּריידיקער, האָט ער ניט געקאָנט פּאַסקענען קיין שײַלעס, איז ער געווען ביידע זאַכן, האָט ער ניט געפּאַסט פאַר אַ ראַבינער, האָט ער ניט געטויגט פאַר קיין רעדלפירער.

בקיצער, אַ מענטש מיט אַלע מײַלעס טרעפט זיך איין מאָל אין טויזנט יאָר, וואָרעם „אַלץ אינאיינעם איז ניטאָ בא קיינעם״. און אַזוי איז די שטאָט פאַרבליבן אָן אַ ראָוו, אָן אַ פּריידיקער, אָן אַ ראַבינער און אָן אַ רעדלפירער אַ צײַט מיט יאָרן. קימאַט האָט די שטאָט שוין אָנגעהויבן זיך מעיאַעש זײַן, און דער ראַכמאָנעס אַף איר איז געווען גרויס, וואָס איין לעשאַער.

האָט זיך גאָט דערבאַרעמט און האָט אַרײַנגעגעבן אירע אײַנוווינער אַ זין — מע זאָל זוכן לעכאַטכילע פיר באַזונדערע פּאַרשוינען: איינעם אַף אַ ראָוו, דעם אַנדערן אַף פּריידיקער, דעם דריטן אַף ראַבינער, דעם פערטן — אַף רעדלפירער. וועט שוין דעמלט זײַן אַלצדינג רעכט.

ווײַהי קיין — ס'איז טאַקע אַזוי געווען. עס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אַלערליי פּאַרשוינען פון דער גאָרער וועלט:

ראַבאָנים באַזונדער, פּריידיקער באַזונדער, ראַבינער באַזונדער און רעדלפירער באַזונדער, און אַלץ גרויסע מופלאָגים, גרויסע גע־בילדעטע לײַט, דאָקטוירים־פילאָזאָפיע און טאַקע עמעסע דאָק־טוירים, און אינזשענערן, און יוריסטן, ווי געוויינטלעך פּאַרצײַטנס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרהערעניש: דער ראָוו האָט באַ־וויזן זײַן טוירע, דער פּריידיקער האָט געזאָגט אַ דראָשע, דער ראַבינער האָט איבערצײַגט, ווי גוט ער קאָן פאַרשרײַבן מעטרי־קעס, און דער רעדלפירער האָט באַוויזן, ווי אַזוי מע פירט אַ גאַנצע שטאָט באַ דער נאָז, אַבי מע וויל נאָר...

און מאַכמעס ראַבאָנים זײַנען געווען אַסאַך, פּריידיקערס אַסאַך, ראַבינערס אַסאַך און רעדלפירערס אויך אַסאַך, האָט די שטאָט ניט געוווּסט, וואָס זאָל זי טאָן? אַ צײַט איז די שטאָט אַרומגעגאַנגען צעטומלט, ווי פאַרדולטע, קעדוימע לעמאָשל, ווי אַן אָרעמאַן, וואָס האָט אין איין טאָג געהאַט אַ כאַסענע, מיט אַ בריס, מיט אַ באַרמיצווע, מיט אַ פּידיען־האַבען, מיט אַ געט, מיט אַ סיִעם־האַשאַס, און אַ רײַכע לעווײַע אויך בעסויכאָם... איז געבליבן מע זאָל וואַרפן גוירל אַפן ראָוו, און אַפן פּריידי־קער, און אַפן ראַבינער, און אַפן ו עדלפירער, און אַף וועמען דער גוירל וועט פאַלן — דער זאָל בלײַבן. האָט מען געוואָרפן גוירל און ס'איז געפאַלן דער גוירל אַף פיר פאַרשוינען: איינעם אַ ראָוו, דעם אַנדערן אַ פּריידיקער, דעם דריטן אַ ראַבינער, דעם פערטן אַ רעדל־פירער. און די שטאָט האָט זיך געפרייט, ס'איז געווען „סאָסן־וועסימכע אויר לאַיהודים", און אַלע זײַנען געווען צופרידן — אי דער אוילעם, אי די ראַבאָנים, און מע האָט יענעם טאָג געמאַכט אַ סודע, און מע האָט גענומען צוביסלעך ווײַן, געהויבן טאָסטן, געהאַלטן רעדעס, ווי געוויינטלעך פּאַרצײַטנס. און דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן. ווײַהי — און ס'איז געווען, אַז מע האָט זיך איבערגעשלאָפן די נאַכט און מע איז אופגעשטאַנען אַף מאָרגן, האָט זיך די שטאָט אָנ־געהויבן באַטראַכטן: גוואַלד, וואָס האָט זי דאָ געטאָן? פריִער

האָט זי געהאט איין מאן, איז ער געווען אלצדינג: ראָוו, און פריידיקער, און ראבינער און רעדלפירער. הייַנט האָט זי אפ זיך פיר פארשוינען מיטאמאָל! צו וואָס דארפ זי אפ זיך אזוי־פיל פריצים? אקיצער — דער אוילעם האָט אָנגעהויבן טומלען, קלאָגן זיך איינס אפ דאָס אנדערע, וואָס ווייַטער אלץ שטארקער, און דערצו האָט די וועלט אָנגעהויבן מאכן פון זיי כוי־זעק, מע האָט זיי ארייַנגענומען גוט אין די מייַלער, אָנגעהויבן שרייַבן וועגן זיי אין די גאזעטן, דערגאנגען די יאָרן, ווי גע־ווייַנטלעך פארצייַטנס. די אויסגעקליבענע פארשוינען האָבן דאָס אלצדינג געזען און געהערט, און געמאכט זיך קעלוי יאָדע. זיי האָבן זיך געטראכט: איר מעגט אייַך שוין בלאָזן צעזעצטערהייט — אויסגעקליבן, איז פארפאלן! איז געבליבן מע זאָל זיך צונויפקומען אפ אן אסיפע, האלטן זיך אן אייצע: וואָס טוט מען מיטן אומגליק? און מע האָט געמאכט אן אסיפע, מע האָט זיך געהאלטן אן אייצע, איטלעכער האָט גערעדט א רעדעניש — דער אזוי, דער אזוי, וואָס דער האָט געזאָגט, האָט יענער גע־דרונגען פונקט קאפויר, איז געקומען א דריטער און האָט אויס־געוויזן גאָר בוידעם, מיט די פ ס ארופ, ווי געוויינלעך פארצייַטנס. ביז איינער א כאָכעם איז געפאלן אפ א האמצאָע, און איז ארופ אפ א בענקל, און האָט א פאטש געטאָן מיט דער האנט אין טיש ארייַן, און אָנגעהויבן בעזע האלאָשן:

„ראבויסיי! הערט בעסער, וואָס איך וועל אייַך זאָגן! אלע ריידן, און קיינער רעדט ניט צו דער זאך. וואָס טויגן די מע־ליצעס, וואָס איר שארפט אייַך די צינגלעך? איך וועל אייַך דאָס אייגענע ארויסגעבן בעקיצער — אין דרייַ ווערטער. די מייַסע דערפון איז אזוי: א צייַט מיט יאָרן האָבן מיר געהאט א ראָוו, וואָס ער איז געווען ראָוו, און ראבינער, און פריידי־קער, און רעדלפירער — און מיר האָבן אליין ניט געוווסט, וואָס פאר א כיעס דאָס איז, און ווי מיר דארפן אים שאנעווען. וואָרעם ווען מיר וואָלטן ניט האָבן קיין ראבינער, נאָר א ראָוו

אלײנ, װאָלט דאָכ געװענ דאײנו! װענ מיר װאָלטנ ניט האָבנ
קײנ ראָװ, נאָר א ראבינער אלײנ, װאָלט געװענ דאײנו! װענ
מיר װאָלטנ האָבנ א ראָװ מיט א ראבינער, נאָר ניט קײנ פרײ־
דיקער, װאָלט דאָכ געװיס געװענ דאײנו! װענ מיר װאָלטנ
האָבנ א ראָװ אונ א ראבינער אונ א פרײדיקער, נאָר
ניט קײנ רעדלפירער, װאָלט דאָכ אװאדע געװענ דאײנו! װענ
מיר װאָלטנ האָבנ א ראָװ, אונ א ראבינער, אונ א פרײדיקער,
אונ א רעדלפירער, װי מיר האָבנ געהאט, װאָלט דאָכ אװאדע
אונ אװאדע געװענ דאײנו! אל אכאס קאמאָ װעקאמאָ — אז מיר
האָבנ געהאט אי א ראָװ, אי א ראבינער, אי א פרײדיקער,
אי א רעדלפירער, איז דאָכ אונדז געװענ גוט װי די װעלט!
אָבער אצינד, אז מיר האָבנ ניט ניט קײנ ראָװ, ניט קײנ ראבינער,
ניט קײנ פרײדיקער, ניט קײנ רעדלפיױער — טפו! װאָס רעד
איכ? אצינד, אז מיר האָבנ פיר ראבאָנימ, מיט פיר ראבינער,
מיט פיר פרײדיקער, מיט פיר רעדלפירער, װײסנ מיר שױנ
גאָרניט, װו מיר זײַנענ אינ דער װעלט, אונ מיר גײענ ארומ
װי צעדולטע אונ בלאָזנ זיכ אײנס אפ דאָס אנדערע, װאָלטנ
דערטרונקענ אײנס דאָס אנדערע אינ א לעפל װאסער אָדער
אָפגעביסנ זיכ די נעזער. נאָר אויכ די אײגענע מײַסע. װאָס
העלפט איצטער דאָס בלאָזנ זיכ? אָפגעטאָנ א נארישקײַט, איז
פארפאלנ, צוריק כאפט מענ ניט. דרײַ יאָר װעלנ מיר זיכ מוזנ
האלטנ מיט דער באָמבע. אײַ, װאָס? ס'איז שװער, זאָגט איר,
אויסצוהאלטנ דעמ „קװארטעט"? בינ איכ אײַכ מודע, אז איר
זײַנט אװאדע זײער גערעכט. ס'איז ניט גוט — װאָס זאָל מענ
קלערנ! נאָר װאָס דענ? צו סאמ איז פאראנ א רעפוע, אונ
צו אנ אומגליק איז פאראנ אנ אײצע. איכ האָב, ראבויסײַ,
לאנג־לאנג געטראכט אונ געטראכט אונ בינ, דאנקענ האשעמײס־
באָרעכ, געפאלנ אפ אנ אײצע. מײַנ אײצע איז אזא מינ אײ־
צע, װאָס איכ האָפ, אז איר װעט אימירצעשעמ האָבנ האנאָע.
אזוי װי מיר האָבנ ניט קײנ ראָװ, אונ קײנ ראבינער, אונ קײנ

פריידיקער, און קיין רעדלפירער, מיינ איכ, פארקערט, אזוי ווי מיר האָבנ איצט צופיל ראבאָנים, און ראבינערס, און פריי־דיקער, און רעדלפירערס, און האלטנ זיכ מיט זיי מוזנ מיר דריַ יאָר קעסיידער, וואָלט איכ געזאָגט: לאָמיר מאכנ פונ די דאָזיקע פיר פארשוינען איינעמ. איַ, וועט איר מיכ פרעגנ, וויאזוי? גאָר פראָסט! ווו שטייט דאָס, איכ בעט איַיכ, אז א מענטש באדארפ זיַינ קיַילעכדיק? א מענטש איז דענ א בייגל? איכ פרעג איַיכ, פארוואָס זאָל ניט קאָנענ געמאָלט זיַינ קיינ פירעק־עכיקער מענטש אפּ דער וועלט? לאָמיר נעמענ די פיר פאר־שוינען און לאָמיר זיי צונויפקלעפּנ אפּ די דריַ יאָר (וואָס הערנ מיר זיי?) אלע אינייגעמ, וועלנ מיר האָבנ דאָס אייגענע, וואָס מיר האָבנ געהאט אמאָל: א ראָוו, א פריידיקער, א ראַ־בינער און א רעדלפירער, און אלע פיר אינ איינ פארשוינ"...

אָפּגעזאָגט, איז דער באל־אייצע אראָפּ פונ בענקל, און אפּאָ־נעמ, אז די אייצע איז דעמ עולעמ שטארק געפעלנ, וואָרעמ מע האָט לאנג־לאנג געפּליעסקעט „בראוואָ" און מע האָט דעמ באל־אייצע געכאפּט אפּ די הענט, מע האָט אימ געטראָגנ איבער דער גאנצער זאל און געשריגנ: „בראוואָ!" און „הורא!" און „היידאָד!", ווי געוויינטלעכ פארציַיטנס. און מע האָט געשיקט רופנ די פיר אויסדערוויילטע פארשוינען, און מע האָט זיי מע־כילע אנידערגעלייגט און מע האָט זיי איַינגעגעבנ א שלאָפּ־געטראנק און מע האָט זיי געמאכט גאנצ פיַינ די אָפּעראציע... אז זיי האָבנ זיכ אופגעכאפּט, זיַינען זיי געוועגנ שוינ אלע פיר נאָר איינ פארשוינ, נאָר א מעשונע־מאָדנע באשעפעניש מיט פיר פּנעמער, מיט אכט הענט און מיט אכט פיס, א פירעקעכי־קער, פירפּנעמדיקער ראבינער, וואָס היַינט ווערט דאָס אָנגערופנ אפּ אונדזער לאָשנ „קאָלעגיַאלנע־ראבינאט", אָדער א קאָנסאָרציום פונ ראבאָנים... און די שטאָט האָט זיכ געפרייט, ס'איז געוועגנ „סאָסנ וועסימכע אויר לייַהודימ", און אלע זיַינען געוועגנ צו־פרידנ — אי דער עולעמ, אי דער פירפּנעמדיקער ראבינער,

און מע האָט יענעם טאָג געמאַכט א טודע און מע האָט גע־נומען צו ביסלעך ווײַן, געהויבן טאָסטן, געהאַלטן רעדעס, ווי געוויינטלעך פאַרצײַטנס, און דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

און דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מײַסע, און מאַכ־מעס איך ווייס, אַז איר זײַנט נײַגעריק צו וויסן דעם סאָף, קאָן איך באַשטיין די מײַסע אָפּלייגן. אימירצעשעם מאָרגן. נישקאָשע, איין נאַכט קאָנט איר איבערשלאָפן, עס וועט אײַך כאָלילע גאָרניט שאַטן.

די ערשטע צײַט האָט זיך דער נײַער פירפּענעמדיקער ראַ־בינער געפילט דאַפקע נישקאָשעדיק. דעם מאָגן איז געפעלן די מײַסע, וואָס סע אַרבעטן אַף אים פיר מײַלער, און בעשאַס צוויי־דרײַ פאָר אויגן האָבן געדרעמלט, איז איינס פאָר אויגן געווען וואַכנדיק און אַכטונג געגעבן אַפן גאַנצן איבעריקן גוף.

הײַנט איז געווען נאָך א מײַסע: בעשאַס מע האָט דעם ראַבינער אופגערופן שאַבעס אין שול צו דער טוירע, מעכאַבעד געווען מיט מאַפטיר, האָט ער געשיקט דעם ראָוו; בעשאַס מע האָט באַדאַרפט עפּעס זאָגן, האַלטן א ר'עדע, האָט ער באַוויזן מיט דער האַנט אַף דעם פריידיקער; אַז מע איז געקומען נאָך א מעטריקע, האָט ער מאַטריעך געווען דעם ראַבינער; און אַז עס האָט געהאַלטן עפּעס בא א דריידל אין שטאָט, א האַמ־צאָלע, קאָהאָלשע אָפּשניצל — האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם רעדלפירער. וואָס ווײַטער־ווײַטער האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן מאַכלויקעסן צווישן די פיר פּענעמער — פריִער קלענערע, נאָכ־דעם גרעסערע, ביז זיי האָבן זיך אַזוי צעאַמפּערט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן טאָן איינס דאָס אַנדערע צו דער גאַל: לעמאָשל, מע האָט אים אויסגערופן שאַבעס צו דער טוירע, מעכאַבעד געווען מיט מאַפטיר, רופט זיך אָן דעם ראָוווס פּאָנעם צום פריידיקער: „גייט, זײַט מויכל, זאָגט מאַפטיר!” דערפאַר, אַז ס'איז געקומען נאָך קריִעס האַטוירע, מע האָט באַדאַרפט

אָנהייבן פריידיקן, מאכט דעם פריידיקערס פּאָנעם צום ראָוו: „אנו, זײַט זיך מאטריעכ, שטעלט זיך אָקאָרשט פריידיקן!"... און וואָס ווײַטער אַלץ ערגער: פּונקט דעמלט, ווען דעם ראָווס פּיס האָבן געוואָלט גיין אין שול ארײַן, האָט זיך דעם פריידיקער פאר־גלוסט אין קלוב, אָדער אין טעאטער, אָדער אזוי צווישן יונגע־לײַט; און אז דעם פריידיקערס קאָפּ האָט געוואָלט גיין אָן א היטל, האָט אים דער ראָוו אפּצעלאָכעס אָנגערוקט די יארמעלקע.

„וואָס ווילט איר האָבן פון מײַן לעבן? אײַך ווילט זיך א יארמעלקע? נעמט אײַך אײַער שטיקל קאָפּ און דעקט דאָס צו מיט וואָס איר ווילט! וואָס האָט איר צו מײַן קאָפּ?"—אזוי זאָגט דער פריידיקער צום ראָוו, און דער ראָוו וויל אים דערגיין די יאָרן, ענטפערט אים אפּ לאָשנקוידעש: „אָסער לײלעך דאלעד אמעס בעגילע ראָש", זײַט זיך מאטריעכ, פּאני פריידיקער, און פאר־טײַשט מיר, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט?.. דער פריידיקער פאר־שטייט גאנץ גוט, וואָס דער ראָוו מיינט מיט זײַן לאָשנקוידעש ריידן, נאָר ער מאכט זיך טאמעוואטע און ענטפערט אים: „פרעגט באם ראבינער אָדער באם רעדלפירער, זיי וועלן אײַך שוין זאָגן, מײַן אײסעק איז פריידיקן"... און דער ראבינער מיטן רעדלפירער בעשאסמײַסע שלאָפן אויך ניט: זיי האלטן אכוץ אין איין קריגן זיך. וואָס דער זאָגט, זאָגט דער אנדע־רער קאפּויר. זאָגט דער, לעמאָשל, „פראקציע", ענטפערט יענער „מיזראָכי". זאָגט דער „ציען", מאכט יענער „אוגאנדא" אאזוו. נאָר קאָלזמאן ס'האָט געהאלטן בא ווערטער אליין, איז נאָך געוועגן צו דערלײַדן, עס איז דערגאנגען צו ערגערס. איר מיינט, עפּשער, פּעטש? כאסוועכאָלילע! ווי קאָן א מענטש נעמען זיך אלײן געבן פּעטש! זיי האָבן געפונען אן אנדער מיטל, דעהײַ־נע, זיי האָבן אָנגעהויבן טאָן איינס דאָס אנדערע אפּצעלאָכעס, אפּ צעזעצעניש.

פריער האָבן אָנגעהויבן די מײַלער. זיי האָבן געזאָגט: „וואָס דארפן מיר קײַען פאר יענעמס מאָגן?.." נאָכדעם האָבן זיך

אָנגעהויבנ בונטעווענ די הענט: „וואָס דאַרפֿנ מיר אַרבעטנ פֿאַר יענעמ“? נאָכדעמ האָבנ זיכ מעיאשעוו געווענ א פּאָר פּיס אונ האָבנ זיכ אונטערגעבויגנ אונטער זיכ, ווי בא די אַכאַשטראָנימ: „גענוג! האָבנ זיי געזאָגט, — גענוג פֿאַר איינ גופֿ דרײַ פּאָר פּיס!“ אַפֿ זיי קוקנדיק, האָבנ זיכ צוגעשטעלט אויכ די אַנדערע פּאָר פּיס, די דריטע אַזוי. אויכ די אויגנ האָבנ זיכ פֿאַרלאָזט איינס אַפֿ דאָס אַנדערע אונ האָבנ זיכ געטראַכט: „פֿאַראַנ גענוג אויגנ אַפֿ צו קוקנ, מיר קענענ דערווײַל כאַפּנ א דרעמל“... ביז איינמאָל אינ א שיינעמ פֿרימאָרגנ שטייט אויפֿ די שטאָט, טוט זיכ א כאַפּ, ווע האיעלעד איינענו — ניטאָ קיינ ראָוו, ניטאָ קיינ פּריידיקער, ניטאָ קיינ ראַבינער, ניטאָ קיינ רעדלפֿירער! ווו זײַנענ זיי אַהינגעקומענ? זיי ליגנ אונ דרעמלענ, רירנ זיכ ניט פֿונ אָרט. מע וואַרט א שאָ, מע וואַרט צוויי, מע וואַרט דרײַ, מע וואַרט א גאַנצנ טאָג — ניטאָ זיי! האָט מענ געשיקט צו זיי איינ דעפּוטאַציע, די אַנדערע, די דריטע — זיי ענטפֿערנ ניט! האָט זיכ צונויפֿגעקליבנ די גאַנצע שטאָט אונ מע איז געקומענ צו זיי צוגאַסט: „וואָס איז די מײַסע, וואָס איר רירט זיכ ניט?“ ניטאָ קיינ ענטפֿער! בעקיצער, פֿריִער מיט גוטנ, נאָכדעמ מיט בייזנ, זיי האָבנ זיכ אויסגעקרעכצט: „איר האָט אונדז געמאַכט, זאָגנ זיי, אומגליקלעכ, מיר קאָנענ ניט זײַנ אינאיינעמ!“

„וואָס רעדט איר דאָרטנ! — מאַכט צו זיי די שטאָט, — איר זײַנט דאָכ איינ גופֿ, איינ נעשאָמע!“ — „יאָ, זאָגנ זיי, איינ גופֿ, איינ נעשאָמע! מיר זײַנענ אָבער צופֿיל אויערנ, מיט צופֿיל אויגנ, מיט צופֿיל הענט, אונ מיט צופֿיל פֿיס!“ — „וואָס־זשע ווילט איר?“ — „ווילנ מיר, איר זאָלט אונדז צעשיידנ!“ — „אונ אז ניט?“ — „אונ אז ניט, וועלנ מיר אָט אַזוי ליגנ, ביז עס וועלנ אויסגיינ די דרײַ יאָר, זיכ ניט רירנ פֿונעמ אָרט — אונ רופֿט אונדז קנאַקניסלעכ!“ אַזוי האָבנ געענטפֿערט די פֿיר פּענעמער, אונ די באַלעבאַטימ זײַנענ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אָפּגעשמי־

סענע, אווקגעגאנגענע אהיים, וועהאָיר נאָוויכאָ — און די שטאָט האָט זיך פאַרזאָרגט,

ווייַהי באַבויקער, און ס'איז געווען אינדערפרי, האָבן זיך די באַלעבאַטים אָנגעהויבן קריגן, ארופליגן די באָד איינס אפּ ס'אנדערע, און אַלע איניינעם איז מען אָנגעפאלן אפּ יענעם כאָכעם, דעם באַל־אייצע, וואָס איז געפאלן אפּ אזא קלוגער האמ־צאָע — נעמען פיר באַזונדערע באַשעפענישן און מאַכן פון זיי איינס. סטייַטש, ווו זייַנען געווען זייערע קעפּ, זייערע אויגן? און איטלעכער, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט באַשאָטן יענעם כאָכעם, דעם באַל־אייצע, מיט פייַער, גע־זאָגט אפּ אים שטעכווערטלעך, געזוכט כעסרוינעס, געמאַכט אים אויסצודרייען, ווי געוויינטלעך פאַרצייַטנס. איז געבליבן מע זאָל מאַכן אַן אסיפע, זיך האַלטן אַן אייצע, וואָס טוט מען מיט דעם נייַעם אומגליק? און מע האָט געמאַכט אַן אסיפע און מע האָט זיך געהאַלטן אַן אייצע, איטלעכער האָט גערעדט אַ רעדעניש, דער אזוי, דער אזוי. וואָס דער האָט געזאָגט, האָט יענער גע־דרונגען פונקט קאַפּויר, איז געקומען אַ דריטער און האָט אויס־געוויזן לאַקירדע, ווי געוויינטלעך פאַרצייַטנס.

האָט זיך געפונען נאָך איינער, אַ גוטער כאָכעם, און איז ארופּ אפּ אַ בענקל און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין טיש אַרייַן און אָנגעהויבן קעהייַ לישנאָ:

— ראַבויסייַ! שמאָייני, הערט מיך צו, וואָס איך וועל אייַך זאָגן. אַלע ריידן, און קיינער רעדט ניט, וואָס מע דאַרף. לעמייַ זאָלט איר זיך אומזיסט קריגן און ריידן אַזויפיל, אַז מע קאָן דאָס ארויסזאָגן בישלוישאָ דוואָרים אין צוויי ווערטער? די מייַסע דערפון איז אזוי: ס'איז געווען אַ צייַט, וואָס מיר האָבן גע־האַט אַ ראָוו, וואָס ער איז געווען ראָוו, און ראַבינער, און פריידיקער, און רעדלפירער — און מיר האָבן קיינער ניט געוווּסט פון אונדזער טייַנעג, וואָרעם, אַז מיר זאָלן געווען האָבן נאָר אַ ראָוו אַליין, וואָלט דאָך געווען דאיינו, און אַז מיר זאָלן

געווען האָבן נאָר א ראבינער אליין, וואָלט דאָך אויך געווען דאיינו! און אז מיר זאָלן געווען האָבן א ראָוו מיט א ראביינער, וואָלט דאָך געוויס געווען דאיינו! און אז מיר זאָלן געווען האָבן א ראָוו, מיט א ראבינער, מיט א פריידיקער, וואָלט דאָך אוואדע געווען דאיינו! און אז מיר זאָלן געווען האָבן א ראָוו, און א ראבינער, און א פריידיקער, און א רעדלפירער, וואָלט דאָך אוואדע און אוואדע געווען דאיינו! אל אכאס קאמאָ וועקאמאָ, אז מיר האָבן געהאט אי א ראָוו, אי א ראבינער, אי א פריידיקער, אי א רעדלפירער, האָט דאָך אונדז די גאנצע וועלט מעקאנע געווען! אָבער אצינד, אז גאָט האָט אונדז געשטראָפט—מיר האָבן ניט ניט קיין ראָוו, ניט קיין ראבינער, ניט קיין פריידיקער און ניט קיין רעדלפירער, ד. ה. האָבן האָבן מיר אפילע יאָ א ראָוו, מיט א ראבינער, מיט א פריידיקער, מיט א רעדלפירער, נאָר ס'איז אלציינס ווי מיר האָבן גאָרניט, מאכמעס זיי ליגן און ווילן זיך ניט רירן פונעם אָרט, כאָטש נעם וווארפ זיי ארויס אפ דרײַ שפענדלעך, איז דאָך אונדז זייער ניט פויגלדיק, מיר זײַנען קעצוין בעלי רויע—איין גאָט זאָל זיך אפ אונדז דערבארעמען! און דערצו נאָך דער ביזויען, וואָס די גאנצע וועלט מאכט כויזעק פון אונדזער אָפעראציע, איטלעכער האלט אונדז אין די מײַלער—ווו צוויי איז אונדזער שטאָט א דריטע, מיט אונדז זײַנען פול אלע גאזעטן. לאָכיין איז מײַן אייצע, איר זאָלט מיך פאָלגן און שוין מאכן בעסער גאָר א שווײַג, לאָז די וועלט אופהערן האָבן מיט אונדז צו טאָן. אײַ, וועט איר מיך פרעגן, וואָס טוט מען דערווײַל מיט אונדזער פירפענעמדיקן ראבינער, וואָס וויל זיך ניט רירן פונעם אָרט? א שיינע ריינע קאפּאָריע, זאָל ער ליגן געזונטערהייט! עס וועט אויסגיין די דרײַ יאָר, וועלן מיר אים צוריק צעשנײַדן אפ פיר כאלאָקים און זאָלן זיי גיין בעשעם עלעקיי יִסראָעל.

דער רעדנער האָט געענדיקט, און דער עולעם האָט לאנג-

לאנג געפּליעסקעט „בראוואָ״, און מע האָט אים געכאַפּט אַף די הענט און מע האָט אים געטראָגן איבער דער גאַנצער זאַל און געשריִען: „בראוואָ!״ „הורא״! „היידאָד!״ ווי געוויינטלעך פאַרצײַטנס.

אכאַר קאַכ — נאָכדעם האָט מען גענומען דאָס פּירפּענעמדיקע באַשעפעניש און מע האָט דאָס איבערגעטראָגן אין אַ באַזונדער כיידער, פאַרשלאָסן די טירן און פאַרהאַנגען די פענצטער, די וועלט זאָל ניט זען זייער כארפּע... און די שטאָט האָט זיך געפרייט, ס׳איז געווען „סאָסן ווּעסימכע אויר לאַיהודים״, און מע האָט יענעם טאָג געמאַכט אַ סודע, און מע האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן, געהויבן טאָסטן, געהאַלטן רעדעס, ווי געוויינטלעך פאַרצײַטנס, און דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

* * *

וואהי קיכלויס — און אַז ס׳איז איבערגעגאַנגען די דרײַ יאָר, האָט מען גענומען דאָס מעשונע־מאָדנע באַשעפעניש און מע האָט דעם מעכילע געמאַכט די אייגענע אָפּעראַציע צוריק, און פונעם פּירפּענעמדיקן פאַרשוינ איז געוואָרן צוריק פיר גאַנצע באַזונדערע נעפאַשעס, גלײַך ווי געווען, און אַז זיי זײַנען געוואָרן פירען, האָבן זיך אַלע פיר אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, ניט געוואָלט שטיין איינער באַם אַנדערן אין די דאַלעדאַמעס און ניט געוואָלט קוקן אַפילע אין די פּענעמער אַרײַן.

אכאַר קאַכ — נאָכדעם זײַנען זיך די פיר פאַרשוינען צעקראָכן — דער אַהין, דער אַהער, ניט געוואָלט אויסדרייען זיך דעם קאָפּ, זיך אומקוקן אַף דער שטאָט, מוירע געהאַט, מע זאָל זיי, כאָלילע, ניט רופן צוריק, און מע איז אַוועק ווײַט־ווײַט אַהין, וווּ דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

ווער בין איך, אָדער צוויי קונילעמלס

אויב איר זײַנט געווען אמאָל אין יידישן טעאטער, האָט איר געוויס געזען א קאָמעדיע פון גאָלדפאדן מיטן נאָמען „קונילעמל". דאָרט קומט פאָר, וויאזוי א כאָסן קונילעמל באקענט זיך מיט נאָך א כאָסן, אויך קונילעמל, און גייט ארויס פון די קיילים: „סטײַטש, — זאָגט קונילעמל, — וויבאלד אז איר זײַנט קו־קונילעמל, הײַנט ווער בין איך?"

פונקט דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען הײַנטיקן פייסעך מיט מיר. עס האָט זיך באוויזן נאָך א שאָלעם־אלייכעם. און דער עמעסער שאָלעם־אלייכעם איז גאָר יענער. הײַנט ווער בין איך? דאָס איז דער מאָשל. דעם נימשל ווייסט איר שוין. ס'איז ארויס א ביכל מיטן נאָמען „די מילכאָמע פון רוסלאנד מיט יאפּאָניע", פארפאסט פון שאָלעם־אלייכעם און אָפּגעקויפט אפּ אייביק און ארויסגעגעבן פונעם דרוקער דובעריש טורש אין ווארשע. האָב איך מיסטאמע אוועקגעשריבן צום דרוקער דובעריש טורש א שאָלעם־לאאהווי־בריוול: „ידידי! ווען האָב איך דיר פארקויפט א ביכל פון יאפּאָניער, אז איך ווייס גאָרניט פון וואָס צו זאָגן?" קומט מיר אָן א קלאָרע פּסורע פונעם דרוקער טורש מיט אפילע זייער א שיינער מעליצע און מיט פּסוקים אסאך. ער איז זיך מויִדע, אז דער מעכאבער פונעם ביכל איז א איש כאָשעוו, נאָר אביסל ניט קיין געזונטער און זאָגט מיר צו און שווערט זיך בא זײַן לעבן, אז בא דער צווייטער אופלאגע וועט ער אויסמעקן דעם

נאָמען „שאָלעם־אַלייכעם". וואָס פאַר א פשאט וואָלט איך דער־פון געקאָנט לערנען?

וואָלט איך געקאָנט לערנען דעם פשאט, אז ס'איז א נעכטי־קער טאָג, ד. ה., אז דער „שאָלעם־אַלייכעם" איז גאָר לוי האָיאָ וועלוי ניוורא, אזוי ווי קערוימע לעמאָשל, יִעוו, ד. ה. מיסטאמע, דער דרוקער טורש, מעכילע, אַליינ האָט אַנידערגעלייגט דעם נאָמען „שאָלעם־אַלייכעם" אפּנ ביכל, געוואָלט זענ, וואָס פאַר א פּאָנעם וועט דאָס האָבנ. צום סאָפּ קומט מיר אָנ נומער 374 „האצויפע" מיט א טשוועע פונעם „שאָלעם־אַלייכעם" צו „שאָלעם־אַלייכע־מענ".

אינעם דאָזיקנ בריוו אינ „האצויפע" שרײַבט מיר דער נײַער שאָלעם־אַלייכעם, אז שוינ א יאָר זיבנ אונ צוואנציק, אז ער האָט אָפּגע־דרוקט זײַנע ווערק „די סאלאמאנדריע" אונ נאָך אנדערע ווערק, אונ אפּ זיי אַלע איז געכאסמעט זײַנ נאָמענ „שאָלעם־אַלייכעם". לאָכיינ פארשטייט ער ניט, וואָס איז דאָ דער טאראראם?!! ניוועהעל ווענישׂ־טוימעם בינ איך געוואָרנ: זיבנ אונ צוואנציק יאָר, אז ער, דער עמעסער שאָלעם־אַלייכעם, שרײַבט אונ דרוקט ספאָרים, אונ איך ווייס ניט פונ וואָס צו זאָגנ. זיבנ אונ צוואנציק יאָר אָנ א יובי־ליי?!.. אזא רעציכע! נאָך מער: זיבנ אונ צוואנציק יאָר, אז ער, שאָלעם־אַלייכעם, שרײַבט אונ דרוקט ספאָרים, אונ זעט, אז עס שטייט אופּ נאָך איינער א שאָלעם־אַלייכעם אונ דרוקט אויך ספאָרים אונ אויך אונטער דעם אייגענעם פסעוודאָנים — אונ גאָר־ניט!

פילײ־פלאָים! אצינד פרעגט זיך א קאשע: וויבאלד אז דער עמעסער שאָלעם־אַלייכעם איז דער אלטער שאָלעם־אַלייכעם פונ וואַרשעווער נאַליוקעס, דער מעכאבער פונ דער „סאלאמאנדריע" אונ פונ דער „מילכאָמע יאפאָניע", הײַנט ווער בינ איך??? אָנ א קאָפּ בינ איך ארומגעגאנגענ עטלעכע טעג קעסיידער, איך האָב זיך געטראכט: וויי איז מיר! וויבאלד, אז איך בינ ניט איך, וואָרעם דער עמעסער איך איז גאָר ער, הײַנט ווער בינ איך? ווי־

באלד, אז איך בין ער, הייסט וואָס וועל איך טאָן, אשטייגער, אז ער איז זיך מעיאשעוו און לייגט ארויף די האנט אפ אלצ־דינג, וואָס איך האָב אין דער גאנצער צייט אָנגעשריבן, און זאָגט, אז דאָס אלצדינג איז גאָר זיינס, ניט מיינס? אָדער פאר־קערט, וואָס טו איך, אשטייגער, אז ער זאָגט, אז די „סאלאָ־מאנדריע" מיט דער „מילכאָמע יאפאָניע" זיינען ניט זיינע ווערק, נאָר מיינע ווערק? אָדער וואָס טו איך קעדוימע לעמאָשל, טאָמער... א קאשע אפ א מייסע? אפ דער וועלט קאָן אלצדינג טרעפן!..

בעקיצער, איך האָב אזוי לאנג איבערגעקלערט אין יעסורימ און אין צאָרעס, ביז אין א שיינעם פרימאָרגן עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין א ייִד, א גאנצ שיינער באלעבאָס, און רעקאָ־מענדירט זיך אפ א מאָדנער שפראך, ווי מע רעדט אין ווארשע, מיט א ניגן הייסט דאָס:

— שאָלעם־אלייכעמ.

— אלייכעמ־שאָלעמ, זיצט, פונוואנען איז א ייִד?

— פון ווארשע...

— מא שמייכעמ?

— שאָלעמ אלייכעמ.

— שאָלעמ־אלייכעמ? וואָס הייסט—שאָלעמ־אלייכעמ? שאָלעמ־אלייכעמ בין דאָך גאָר איך!

— ווער האָט אייך געזאָגט? טאָמער גאָר עך?

— איר? און ווער בין איך?

— ניע! ס'געט מעך אָן!

פאר קאס האָב איך ניט געוווסט וואָס איך זאָל זאָגן. גע־קוקט, געקוקט אפ אימ און צעלאכט זיך. נאָכדעמ מאך איך צו אימ: זיינט איר דאָס אלצ דער מעכאבער פון אלע מיינע פעל־יעטאָנען, וואָס אין די ייִדישע צייטונגען?

— נו, ווי דען?

— און סטעמפעניו קענט איר?

— א כידעש !

— און „טעוויע דער מילכיקער" וועמעס איז?
— מײַנער.
— און „מענאַכעם־מענדל"?
— אויך מײַנער.
עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ, און איך בין געבליבן זיצן א מינוט צוויי אין דער הינער־פּלעט, און אז איך האָב אופגעעפנט די אויגן, איז שוין דער פאַרשוין געזעסן אויבנאָן בא מײַן טיש, געהאַלטן אין האנט מײַן פּען און געקוקט אף מיר מיט מײַנע אויגן. גייט צו צו אים מײַן קליינטשיק יינגל, א קינד פון א יאָר דרײַ, און בעט אים ער זאָל אים אויסמאָלן א פערדעלע: „פּאפּא, סדעלאַי מניע לאָשאדקו". גייט ער און מאָלט אים א פערדעלע... דאָ האָב איך מיך שוין מער ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָב זיך אופגעכאַפּט פונעם אָרט און... גאָט ווייסט, וואָס ס'וואָלט פאָרגעקומען, ווען מע קלינגט ניט אָן, און עס גייט ניט אַרײַן דער בריוונטרעגער מיט א פּאקעט פון ווארשע. איך עפן אוף דעם פּאקעט, פאַלט אַרויס א ביכל מיטן נאָמען: „די סאַלאַמאנדריע אָדער דער קאַפּיטאַן דרייפוס", פארפאַסט פון ק. ש., און בא דער זײַט איז אויסגעמאָלט צוויי ווײַבערשע הענטלעך און אונטן צוגעדרוקט א קליין שאָלעם־אַלייכעמל.
האָבן מיר שוין באָרעכהאַשעם די „סאַלאַמאנדריע אָדער דעם קאַפּיטאַן דרייפוס" פון שאָלעם־אַלייכעמען! איצט לאָמיר אָקאָרשט באַטראַכטן, פונוואַנען האָט זיך גענומען א קאַפּיטאַן דרייפוס מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק? איך קוק ווײַטער, נידעריקער — שטייט: ווארשע, דרוק ב.טורש, 1899. נימצע, אז די „סאַלאַמאנדריע" איז געשריבן געוואָרן ניט מיט זיבן און צוואַנציק יאָר, נאָר, אפּאָנעם, מיט פינף יאָר צוריק.
— פּעטער! וואָס איז דאָס? אָט דאָס זײַנען אײַערע זיבן און צוואַנציק יאָר? פּע, כ'לעבן, איר זײַנט דאָך עפּעס גאָר א ווילדער שאקרען!!! — אזוי רוף איך מיך אָן צו מײַן פאַרשוין און רוק אים אונטער זײַן „סאַלאַמאנדריע אָדער דעם קאַפּיטאַן דרייפוס" גלײַך

אונטער דער נאָז. ערשט, איך טו א קוק — וועהאיעלעד איינענו, ניטאָ קיין פארשויג, ניטאָ קיין באלעבאָס, ניטאָ קיין ווארשעווער ייִד, ס'איז נאָר דאָ א וויסטע, א פינצטערע „סאלאמאנדריע״ מיט א „קאפיטאן דרייפוס״, מיט א פאָר ווייבערשע הענטלעך, מיט א קליינעם שאָלעם־אלייכעמל פונונטן און מיט א דרוקער דובעריש טורש און מיט אן אופשריפט בא דער זייט: „נאָכדרוק אויך איבערזעצונג שטרענג פארבאָטן!״

טפו! צען פוד מאסע איז בא מיר אראָפּ פונעם מויעך! די אויגן האָט ער מיר געעפנט דער „קאפיטאן דרייפוס״, לעבן זאָל ער! א מאָדנער קונצנמאכער אָט דער דובעריש טורש פון נא־ליוועקע. פון ב. טורש ווערט בא אים שאָלעם־אלייכעם. פון פינף יאָר ווערט בא אים זיבן און צוואנציק. ווערט א מילכאָמע מיט א יאפאָניע, זאָגט ער נעוויִעס אפן ערשטן בלעטל, וואָס וועט זיין דער סאָף פון דער מילכאָמע, און נאָכדעם שטעלט ער ארויס א צונג אף אן ארשין די לענג. דאָס איז עפּעס א מין מעשולאָ־כעס, א לעץ, אן אָנשיקעניש, א קישעפמאכער צו אלדע שווארצע יאָר! און ביכדיי ניט אנטקעגן נאכט צו דערמאנען, מוז מען אים אָפּזאָגן דעם רעכטן פּאָסעק: „זאָלסט גיין און זאָלסט לויפן, דובעריש בערעב אלעקסאנדער זיסל, דורך בערג און דורך טאָלן, וואלד־איין, וואלד־אויס, זאָלסט איינרגעצ זיך ניט שטעלן, וויב־טער אף א פלעדערוויש, זומער אף א בעזעם, אין קוימען זאָלסטו רוען, אין ברונעם זאָלסטו קוועלן, זאָלסט ארויס דורך א כאָליווע פון א שטיוול און ארייַן אין א לעכל פון א נאָדל, און זאָלסט אוועק אף איינ פוס אהין, אהין, מיטן ווינט און מיטן רויך, דאָרט, ווו דער ליבער שאבעס־קוידעש קומט אהין. טפו! טפו! טפו!״

דער דאָזיקער פּאָסעק, אזוי האָב איך געהערט פון מייַן באַ־בען, איז א סגולע צו אן איינהאָרע צו א בייז באגעגעניש, א שלאק, פוראָניעס און צו א דרוקער — א ליגנער, וואָס האָט ליב פרעמדע נעמען...

דאָס נײַ־געבוירענע

1

אונדזער מישפּאָכע איז א גרויסע מישפּאָכע, א גרויסע און א באַרימטע. מיט וואָס, ווילט איר וויסן, איז זי באַרימט? זי איז באַרימט... „מיט אירע נעגידים־קולאקעס, מעיוכאָסים־פּרומאקעס, שיקורים־הוליאקעס, גאנאָווים־באָסיאקעס"...

אזוי האָט געזאָגט אף איר טאקע איינער פון אונדזער מיש־פּאָכע, א שרײַבער איז ער, א לעץ, א פארשלעפּטע קרענק און א גראַם־זאָגער. נאָר ווייס איך, וואָס א גראַם־זאָגער קאָן זאָגן. איך געדענק, אז אונדזער שטוב האָט זיך גערעכנט פאר א פרו־מער שטוב, א קאָשערער שטוב, אן ערלעכער שטוב. מיילע, פון דאוונען, וואשן זיך, בענטשן — פון דעם שמועסט מען ניט. גאָט זאָל היטן, עמעצער זאָל אויסריידן באַם טיש א הויך וואָרט, א לאַכ טאָן, גיין ניט אהין, ווו מע דארף, ריידן ניט מיט דעם, וואָס מע דארף, מישן זיך אין שטוב־זאכן, ארײַנקוקן אין באַ־לעבאַטישקײַט, ארײַנשמעקן אין קיך ארײַן — כּיִעס נישט זי־כער. מיט איין וואָרט: שטרענג און מיט דרערכערעצ און מיט מוירע: „וואָס גאָט הייסט, וואָס טאטע־מאמע הייסן, וואָס אלע גוטע פרומע לײַט הייסן"...

און שטעלט אײַך פאָר אזא אומגליק, אזא ביזויען! — אונד־זער ראסל, אונדזער שוועסטער ראסל, מע זאָל באַהיט און באַשי־

רעמט ווערן, א מיידל שוין צו ליַיטן, א שטילע, א פרומע, א קאָשערע, איז פלוצעם... מע ווייסט ניט פונוואנען און וויאזוי, ניט דאָ געדאכט, ניט פאר איַיך געדאכט, זי איז פארשלאפט געוואָרן... דאָס הייסט, זי איז געווען געזונט און שטארק אף אלע איווערים, נאָר עפעס א מאָרעשכוירע איז אף איר אָנגעפאלן, ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען—ניט זיצן, ניט ליגן, ניט גיין, ניט שריַיען. „וואָס איז דיר?" — איך ווייס ניט! — „וואָס טוט דיר וויי?" — גאָרנישט!...

איז מען אוועקגעפאָרן מיט איר צום גאָדל־האָדאָר, צום באַלמויפעס, אים אנידערגעלייגט א פידיען, דערציילט אים, אז זי עסט ניט, זי שלאָפט ניט, זי רוט ניט — אויס מענטש! האָט איר דער גאָדל־האָדאָר, דער באלמויפעס, געשענקט א שמירע, געגעבן מיטלען, מאפטיִעך געווען אימירצעשעם א רעפוע שליימע. געקומען אהיים, געטאָן די מיטלען — עס העלפט ניט. ראסל, נעבעך, וואָס א טאָג, וואָס א טאָג ווערט אלץ ערגער: זי עסט ניט, זי שלאָפט ניט, זי רוט ניט, זי איז אויס מענטש.

א כידעש איז נאָר געווען, וואָס ראסל, געבעך, ווערליק זי עסט ניט און טרינקט ניט, שלאָפט ניט און רוט ניט, וואָלט זי באדארפט איַינגיין, ווערן אויסגעדארט. צום סאָף איז פארקערט די מיַיסע, זי ווערט, אדעראבע, וואָט וויַיטער אלץ גרעבער, וואקסט, מ'שטיינס געזאָגט, אין דער ברייט!

האָט מען זיך א וואָרף געטאָן אף דער אנדערער זיַיט, געשיקט רופן די „זנאכארקע", באצאָלט, זי זאָל איר אָפּשפּרעכן, טאָמער וועט דאָס זיַין א רעפוע.

געקומען די „זנאכארקע", געשפּראָכן אנטקעגן דער לעוואָנע, געהייסן קאטשען אין א קאלטן ליַילעך, בינדן, קרעמפּעווען. ווער? וואָס? ווען? א נעכטיקער טאָג! ראסל, נעבעך, וואָס א טאָג, וואָס א טאָג ווערט אלץ ערגער—ניט זי עסט, ניט זי טרינקט, ניט זי שלאָפט, ניט זי רוט — אויס מענטש, אויס מענטש!

.2

אונדזער מישפּאָכע, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט פון אָנ־הייב נאָך, איז א גרויסע מישפּאָכע, א גרויסע און א געטרײַע. טאָ־מער מאכט זיך, לעמאָשל, איינער ווערט בּא אונדז א כּאָרעוו, קומט מען צו גיין מעוואקער־כּוילע זײַן. אז ראסל האָט זיך אוועקגע־לייגט, האָבּן זיך א לאָז געטאָן צו אונדז אלע פעטערס, מיט אלע מומעס, מיט אלע שוועסטערקינדער, מיט אלע גליד־שוועסטער־קינדער, זיך נאָכגעפרעגט, ניט אזוי מיצאד ראכמאָנעס, ווי גלאט אזוי געוואָלט וויסן, וואָס מאכט ראסל? וואָס זעט מען ניט ראס־לען?..

מערער פון אלע האָבּן זיך אינטערעסירט די מומע אנדזי און די מומע פראנדזי. איך פיל, אז איך דארף אײַך באקאנט מאכן מיט די דאָזיקע צוויי מומעס.

די מומע אנדזי, א דינע און א לאנגע, ווי א לולעוו, איז א מומע אפילע זייער א רײַכע, אן אריסטאָקראטקע, נאָר, זאָל זי מיר מויכל זײַן, א צוואטשניצע, א פארבּיסענע.

„עס מעג איר אָנגיין כּאָטש האלבּ, זאָגט די מאמע, וואָס זי ווינטשט אונדז". די מומע אנדזי איז א גרויסע גאדלענטע, זעלטן, זעלטן ווען זי קומט צו אונדז, סײַדן אונטער א יאָנטעוו. נאָר פון זינט ראסל איז געוואָרן ניט מיט אלעמען, איז די מומע אנדזי מיטאמאָל געוואָרן א „געטרײַע מומע" און אָנגעהויבּן קומען אלע טאָג געווירע ווערן, וואָס מאכט עפּעס ראסל? פארוואָס זעט מען ניט ראסלען? ווו איז ראסל?..

פונקט דער הייפּעך פון דער מומע אנדזי איז די מומע פראנ־דזי. די מומע פראנדזי איז א קליינטשקע, א פריילעכע, א בּיסל שוין צו א פריילעכע, פארבּט זיך און פּודערט זיך, און דרייט זיך, טראָגט א גרויסע הוט מיט שיינע פעדערן. זי זאָגט, די מומע פראנדזי, הייסט עס, אז זי איז אונדזער איינציקער גוטער־פרײַנט. עס טוט איר ווי", זאָגט זי, דאָס הארץ פון אונדזער ראסלען, נעבעך. אזוי זאָגט זי, די מומע פראנדזי, הייסט עס, און

כאפּט אלע מאָל א קוק בּיגנייווע אפ ראסלען און בּעשאסמײַסע שאָקלט זי מיטן קאָפּ און שמייכלט עפּעס מאָדנע.

— איר זאָלט מיך, זאָגט זי, פאָלגן, וואָלט איר זיך מיט איר דורכגעגאנגען, זאָגט זי, צום דאָקטער. איך האָב אמאָל, זאָגט זי, אליין אויך געהאט דאָס אייגענע כאלאס...

— וואָס־זשע איז דאָס געווען פאר א כאלאס? — פרעגט זי די מאמע.

— וואָס ס'איז שוין געווען, אבי ס'איז שוין איבּערגעגאנגען...

אזוי זאָגט זי, די מומע פראנדזי, הייסט עס, קוקט אפ ראסלען, שאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלט בּעשאסמײַסע מיט א מאָדנעם שמייכל...

די מומע פראנדזי האָט אזוי לאנג געקלאפּט אין קאָפּ ארײַן דאָקטער־דאָקטער, בּיז די מאמע איז זיך דורכגעגאנגען מיט ראסלען צום דאָקטער.

געקומען צום דאָקטער, האָט זי דער דאָקטער גענומען אויספרעגן, וואָס איר איז, וואָס טוט איר וויי? זאָגט זי: וויי טוט איר גאָרניט, נאָר זי עסט ניט, זי טרינקט ניט, זי שלאָפט ניט, זי רוט ניט, זי איז אויס מענטש — און גענוג... האָט דער דאָקטער גענומען זי באטראכטן און באטראכטן, און אז ער האָט זי גוט באטראכט, האָט ער געהייסן זי זאָל ארויסגיין, ראסל, הייסט עס, און דער מאמען האָט ער געהייסן זי זאָל בּלײַבּן — איר דארף ער עפּעס זאָגן, וואָס קיינער דארף ניט הערן...

וואָס ער האָט איר געזאָגט — ווייסט מען ניט, נאָר אז זי איז געקומען אהיים, די מאמע, הייסט עס, איז זי געווען רויט, אזוי־ווי פײַער, אוועקגערופן דעם טאטן, פארשלאָסן זיך מיט אים אין אלקער און לאנג־לאנג זיך מיט אים געשושקעט, געסודעט... און אז מע איז ארויסגעגאנגען פון דאָרטן, איז מען בּיידע געווען רויט און אין קאס, און פאר גרויס גרימצאָרן האָט מען אונדז,

יונגווארג, אָנגעדרייט די אויערנ, געשענקט פּעדערעכ־האַליכע עטלעכע שיינע פּעטש, קולעקעס מיט סטוסאקעס, אז „קינדער זאָלנ ניט האָבנ קיינ טעווע זיכ פּלאָנטערנ פאר די פיס״... אונ איכ דעמ זעלביקנ אָוונט האָט מענ אריַינגערופנ צו זיכ דעמ מעלאמעד מיטנ לערער (בא אונדז אינ שטוב זיַינענ געווענ א מעלאמעד מיט א לערער) אונ מע האָט זיכ מיט זיי צערעכנט אונ געגעבנ דעמ וועג, געבעטנ, זיי זאָלנ מויכל זיַינ אוועקפאָרנ פונדאנענ וואָס גיכער אונ וואָס וויַיטער, אונ זיי זאָלנ פארגעסנ דאָס אָרט, ווו זיי זיַינענ געווענ... מיט א צעבראָכנ געמיט אונ מיט א פארוויינט הארצ האָבנ מיר, יונגווארג, ארויסבאלייט דאָס דאָזיקע פּאָרל, געכאפּט דערביַי, געוויינטלעכ, פונ די עלטערע א פּאָר סטוסאקעס — „קינדער זאָלנ ניט האָבנ קיינ טעווע זיכ פּלאָנטערנ פאר די פיס״...

.3

פונ דעמלט אָנ האָט מענ ראסלענ מער ניט ארויסגעלאָזט פונ שטוב, ניט באוויזנ איר די ליכטיקע שיַינ, ניט צוגעלאָזט צו איר קיינ לעבעדיקנ נעפעש, אכוצ עפּעס איינע אנ אלטע, א שווארצע, ווי א ציגיַינערנ, מיט שווארצע ברענענדיקע אייגעלעכ, זעט אויס, ווי א מאכשייפע.

וואָס האָט געטאָנ דאָרט די דאָזיקע מאכשייפע — ווייסט מענ ניט. מע האָט נאָר געקענט הערנ פונ דאָרטנ מעשונע ווילדע קוילעס, קרעכצנ אונ געוויינענ... אונ וואָס וויַיטער — איז געוואָרנ בא אונדז אינ שטוב אלצ שטרענגער אונ שטרענגער. אלע זיַינענ ארומגעגאנגענ אופגעטראָגנ, אָנגעבלאָזנ, בארויגעז. דער טאטע איז געווענ בייז אפ דער מאמענ, די מאמע אפנ טאטנ, אונ זיי ביידע אפ דער גאנצער וועלט, אונ אויסגעלאָזט דאָס ביטערע הארצ האָט מענ, געוויינטלעכ, אפ אונדז, יונגווארג—פאר אנ איבעריק וואָרט האָט מענ אונדז אויסגעריסנ, געשלאָגנ, געמיימעסט — „קינדער זאָלנ ניט האָבנ קיינ טעווע זיכ פּלאָנטערנ פאר די פיס״...

שפּעטער האָט מען ראַסלען, נעבעך, שוין ניט גערופן צום טיש אויך, ניט אַרויסגעלאָזט זי פון עם כיידער און ניט צוגעלאָזט אונדז צו איר; און מע האָט מער ניט דערמאַנט דעם נאָמען אירן אַפילע, גלייַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין ראַסל אַפ דער וועלט. און — מערקווירדיק! — וואָס מער מע האָט פון אונדז באַהאַלטן ראַסלען, האָבן מיר באַקומען אַלץ מער כיישעק זי זען, זייַן צו איר נאָענט, עס האָט אונדז געצויגן צו איר, ווי אַ מאַגנעט. זייַנען מיר געפאַלן אַפ אַן אייַצע און האָבן איר געשריבן אַ בריוול. דאָס בריוול האָט אונדז אָנגעשריבן אונדזער קאָרעוו, דער שלימאַזל — דער שרייַבער, געווייַנטלעך, אין גראַמען, און מיר האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן בריוול עטלעכע טעג מיט עטלעכע נעכט, ניט געוווסט, ווי אַרום דאָס איבערצוגעבן. זייַנען מיר געפאַלן אַפ אַן אייַצע און זיך געווענדעט צו דער מאַכשייפע (קיין אַנדער נאָמען האָט זי בייַ אונדז ניט געהאַט), געזאָגט, אַז מיר האָבן צו איר זייער אַ גרויסע באַקאָשע. האָט אונדז די מאַכשייפע אויסגעהערט מיט זייער אַ פרייַנטלעכן שמייכעלע און צוגעזאָגט, אַז זי וועט דאָס אונדז טאָן — „אָך! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, קינדער בעטן, מאַכטייסע, פאַרוואָס ניט?" און זי האָט צוגענומען בייַ אונדז דאָס בריוול, צוגעזאָגט דאָס איבערגעבן גאַנץ קאָנספּיראַטיוו, בעסאָדסוידעס, הייסט עס. און טאַקע דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט מען אונדז געבעטן מעכילע צום טאַטן אין כיידער אַרייַן און מע האָט אונדז אוועקגעלייגט בימכילע, און מע האָט אונדז מעקייַעם פּסאַק געווען, און דאַפקע גוט, און דאַפקע נאָך דער אַלטער מעטאָדע, און מע האָט אונדז מאַפּטיעך געווען, אַז טאָמער וועלן מיר זיך דערוועגן נאָכאַמאָל שרייַבן אַזעלכע בריוולעך צו ראַסלען, וועלן מיר באַקומען קאָיינע וועקאָיינע, דאָס הייסט אַ צווייענדיקע פּאָרציע.

ס'פאַרשטייט זיך פון זיך זעלבסט, אַז מיר האָבן דאָס באַלד אָפּגעטראָגן אונדזער אָרעמען קאָרעוו, דעם שלימאַזל — דעם שרייַבער, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, אָט דער שלימאַזל, און האָט

גענומען א טינט־און־פען מיט א בויגן פּאַפּיר און האָט אָנגעשריבן אַף אונדזער מישפּאָכע א לידל. דאָס לידל, געדענק איך, האָט זיך אָנגעהויבן אזוי:

„געווען איז אמאָל א מישפּאָכע,
האָט זיך געטראָפן מיט איר א מאראָכע:
א מיידל, א געזונטע, א שיינע,
א שטילע, א קאָשערע, א ריינע,
איז געגאנגען איינמאָל באנאכט,
אָן א לאמטערן, פארטראכט,
איינע אליין אַף יענער זייט טייכל —
געקומען צוריק מיט א...

וואָס ווייטער איז געשטאנען, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אז מיר, יונגווארג, האָבן דאָס דאָזיקע לידל איבערגעשריבן, געכאזערט אַף אויסנווייניק און געהאלטן זיך בא די זייטן לאכנדיק. האָבן די עלטערן אָנגעשמעקט, אז מיר טראָגן זיך ארום מיט פּאַפּירלעך און לאכן עפּעס זייער געשמאק, האָט מען אונדז גענומען באזוכן, באטאפּן אין אלע קעשעניעס, און מע האָט אויסגעטרייסלט בא אונדז דאָס שיינע לידל. האָט מען אונדז קוידעמקאָל, פריִער פון אלע האיוימס, אריינגעצימבלט, וויפל ס'איז אין אונדז אריין, און ערשט נאָכדעם האָט מען אונדז פארשלאָסן אין שטעלכל מיטן קעלבל אַף א גאנצער נאכט, אָנגעזאָגט, אז דער טויט וועט אונדז זיין קארג, טאָמער וועט מען זיך דערוויסן, אז מיר האָבן א מאגעמאסע מיטן אָרעמען קאָרעוו דעם שלימאזל, וואָס מאכט לידלעך. און דעם קאָרעוו דעם שלימאזל, וואָס מאכט לידלעך, האָט מען געשיקט זאָגן, אז טאָמער וועט ער זיך דערוועגן אריינטרעטן אין אונדזערע דאלעדאמעס, וועט מען אים איבערברעכן הענט און פיס.

.4

און די מישפּאָכע האָט ניט אויפגעהערט קומען צו אונדז אלע טאָג מיט וויזיטן און נאָכפרעגן זיך, וואָס מאכט עפּעס ראָסל?

פארוואָס זעט מען ניט ראסלען? און מער פון אַלעמען, געווייַנט־לעך, די מומע אנדזי און די מומע פראנדזי. די מומע אנדזי איז מיטאמאָל געוואָרן צוגעלאָזט צו אונדז און מילד אָן א ברעג. אַלע טאָג האָט זי געשיקט פרעגן: טאָמער דארף מען א שטיקל אייז? טאָמער אביסל אייַנגעמאכטס? אביסל דאָס, אביסל יענץ? איינמאָל איז זי געקומען צו גיין אַליין מיט איר קאָרעוו, פאַרגעלייגט דער מאמען עפּעס שטילערהייט אפן אויער, איז די מאמע ארויס פון די קיילים און האָט זיך צעשריגן אף איר:

— ווער בעט אייַך? מע איז אייַך מויכל אייַערע טויוועס! גייט אייַך געזונטערהייט, מע קאָן אייַך מיט אייַער גוטסקייַט!...

איז די מומע אנדזי אוועק א באַליידיקטע און האָט אונדז צוגעשיקט א מאטאָנע: עטלעכע קינדערשע ווינדלעך מיט א וויקל־שנור. וואָס דארף מען זייַן אין קאס, אז יענער שיקט א וויקל־שנור? — בעשומויפן האָבן מיר דאָס ניט געקאָנט פארשטיין. נאָר קלעפּ האָבן מיר יענעם אפדערנאכט געכאפּט, וויפל ס'איז אין אונדז אריין — „קינדער זאָלן ניט האָבן קיין טעווע זיך פּלאָנטערן פאר די פיס”...

און די מומע פראנדזי, אונדזער איינציקער גוטער־פרייַנט, וואָס מיר אַלע האָבן זי געהאלטן פאר א גוטן־פרייַנט, איז איינ־מאָל געקומען צוגאסט, אויסגעשלייערט אינעם שיינעם הוט, גע־זעסן, געקוקט און א זאָג געטאָן צו דער מאמען מיט א פריילעך שמייכעלע, אז אויב זי וויל, די מאמע, הייסט עס, וועט זי איר צושיקן איר ריוועלייצי. ריוועלייצי, זאָגט זי, איז אן אנטיק אין דער וועלט. ריוועלייצי האָט, זאָגט זי, א גרינגע האנט. ווען ניט זי, ריוועלייצי, וואָלט זי, ווייסט זי ניט, זאָגט זי, וואָס מיט איר וואָלט געווען דעמלט, בעשאס זי איז געווען, ניט הייַנט געדאכט...

אזוי זאָגט די מומע פראנדזי און בעשאסמייַסע שמייכלט זי זייער צוקערדיק, נאָר דער מאמען געפעלט ניט דער מומע פראנ־דזיס צוקערדיק שמייכעלע, ענטפערט זי איר מיט א שטאָך:

— פאר דייַן גוטסקייַט מעג דיר גאָט באָרוכהו מעמאלע זייַן

בעקייפל־קיפלאַים, נאָר ס'איז פאראנ א גלײַכװערטל: „היט מיך, גאָטעניו, פונ גוטע־פרײַנט, פונ סאָנים װעל איך מיך אלײנ אָפּ־היטנ"...

די מומע פראנדזי פארשטײט, װוהינ דער װינט בלאָזט, הײבט זי זיך אופ אונ גײט אװעק מיטנ זעלביקנ צוקערדיק שמײכעלע װאָס טאָמעד...

.5

אײנמאָל באנאכט האָט אונדז אופגעװעקט א מוירעדיקער ראַש, א טומל, א קלאפּ מיט די טירנ, א לױפנ איבער די טרעפּ, א געדרודערײַ פונ אסאך, אסאך מענטשנ, אונ עפּעס מעשונע־װילדע געשרײענ האָבנ זיך געלאָזט הערנ פונ ראסלס כײדער, גלײַך װי מע װאָלט עמעצנ געקוילעט. פינצטער איז געװענ אינ שטוב, כוישעך אפ דער גאס. מיר, קלײנװארג, האָבנ מוירע געהאט אראָפּ פונ די געלעגערס, האָבנ מיר זיך אײַנגעגנאָרעט אינ די קישנס, געקלאפּט א צאָנ אָנ א צאָנ... שטיל, מאָדנע שטיל איז געװענ אינ שטוב, אונ א קרעכצנ האָט זיך געלאָזט הערנ פונ ערגעץ, אונ נאָכדעם עפּעס א מאָדנער קװיטש. מיר האָבנ אופגעשטעלט מויל־אונ־אויערנ אונ צוגעהערט זיך, װאָס טוט זיך דאָרטנ, אונ מיר האָבנ דערהערט א באקאנטע שטימ, דעמ טאטנס קאָל:

— נו?

— שוינ, — ענטפערט אימ נאָך א באקאנטע שטימ, דער מאַמעס קאָל.

אונ דאָרטנ, אינ יענעמ כײדערל, איז געלעגנ ראסל אונ געקרעכצט שטיל, געקרעכצט אונ געהויקעט, אונ א קאָל פונ א קלײנ באשעפעניש האָט זיך געלאָזט הערנ פונ דאָרטנ.

א מײדל איז געװענ דאָס נײַ־געבוירענע באשעפעניש, אונ א נאָמענ האָט מענ דאָס געגעבנ...

טרעפט — װאָס פאר א נאָמענ האָט מענ דאָס געגעבנ?

דער פּעטער פּיניע און די מומע רייזע

די האקדאָמע צו דער מײַסע.

אָט דאָ וויל איך אײַך דערציילנ א מײַסע טאקען פון מײַנ אייגענעם פעטער מיט מײַנ אייגענער מומע, דאָס הייסט, אנ אייגענע איז מיר, אייגנטלעכ, די מומע, ניט דער פעטער; נאָר אז די מומע איז א מומע, איז שוינ בעמייל״ע דער פעטער א פעטער.

און אויסנ בינ איכ מיט דער מײַסע נאָר איינ זאכ: איר זאָלט אײַכ אראָפּנעמענ א מוסער, ווי שלעכט ס׳איז, אז מענטשנ קריגנ זיכ, ווי מיִעס דאָס איז, אז א מאנ שלאָגט א ווײַב, אָדער א ווײַב א מאנ; און דאָס אייגענע צוריק: ווי שיינ און פײַנ און לײַטיש דאָס איז, אז מענטשנ לעבנ צווישנ זיכ בעשאָלעמ און קאָוועד, אזויווי גאָט האָט געבאָטנ.

די מײַסע אליינ.

א הויכע, א געזונטע, דאָס פּאָנעם פּעט, די הענט מעגושעמ, גראָב, די נעגל שווארצ, א קאָל פונ א מאנצבל, א הארצ פונ א טאָטער, א קארגע, א פוילע שטיק, ניט אזוי שלעכט, ווי אנ אָנגעברויגעזטע אפ דער גאנצער וועלט, זייער א פּראָסטע זאכ — אָט דאָס איז געווענ די מומע רייזע.

נאָכ א מײַלע: געהאלטנ פונ דער אכילע אונ ליב געהאט, זאָל זי מיר מוכל זײַנ... צווישנ אונדז וועט דאָכ עס מיסטאמע בלײַבנ, איכ וואָלט דאָס אײַכ געזאָגט גלײַכ, פאסט דאָס אָבער נישט פאר קיינ פרוי... בעקיצער, זי האָט ליב געהאט דעמ טרונק, אונ דאפקע אָפט, אונ דאפקע א פאָשעט ביסל יאש, אונ דאפקע פונ א טיי־גלאָז.

געזאָגט האָט מענ, אז דאָס איז א כאלאס. אנדערע האָבנ גערעכנט, אז דאָס איז איר געקומענ בעיערושע פונ איר עלטער־עלטער־באָבע, געוועג, זאָל האָבנ א ליכטיקנ גאניידנ, א גאנצ ערלעכע, נאָר א גרויסע טרינקערנ.

דערפאר אָבער איז די מומע רייזע געווענ פרומ אונ גאָטס־פאָרכטיק — געגלויבט אינ קישעפ אונ שיידימ, וואָוקעלאקעס, שרעטעלעכ מיט כאלוימעס, בא יעדנ געגעצ אויסגעשפיגנ דרײַ מאָל, בא יעדנ ניס זיכ געצויגנ באמ לינקנ אויער, געפירט קענטשאפט מיט אלע פרומע ווײַבער, געטראָגנ אפנ האלדז קאַמייעס מיט שמירעס פונעמ רעבנ — אנ עמעסע „וועצידקאָסכאָ".

פונקט דער הייפעכ איז געווענ דער פעטער פיניע.

א קליינס, א שווארצס, א כיינעוודיקס, א גיכס, א לעבעדיקס, מיט קליינע ציקאווע אייגעלעכ, מיט קליינע פעסלדיקע פיסעלעכ — א ספירט, א ברענ, א פארביסענער כיטראק.

אָט דאָס קליינע פעטערל האָט געהאט אפ זיכ א קאָפ אנ אײַזערנע, הענט — גינגאָלדענע, אונ א מויל — פײַערפלאמ.

אונ שטעלט אײַכ פאָר, אז אָט דאָס קלוגע כיטרע פעטערל האָט מוירע געהאט פאר דער גראָבער נארישער מומע איימעס־מאָוועס, געלעגנ בא איר נײַנ איילנ אינ דער ערד, קיינ מויל ניט געקענט עפענענ פאר איר, קיינ איבעריק וואָרט ניט געטאָרט ארויסלאָזנ.

פארוואָס האָט ער פאר איר אזוי מוירע געהאט? צי דערפאר וואָס ער האָט פאר איר גלאט אזוי געהאט דערעכערעצ? צי עפשער האָט ער געכאפט פונ איר א מאָל א פאטש

שטילערהייט? ווער קאָן עס וויסן, וואָס צווישן מאַן און ווײַב קומט פאָר, אַז קיינער זעט ניט?

דאָס איז יאָדוע, אַז ער האָט געהאַט פאַר איר גרויס אָפּשײַ. עס איז געווען געגוג, זי זאָל געבן אַפּ אים אַ קוק איין בייזן, זאָל ער שוין ווערן אָפּהענטיק און שווײַגן, ווי אַ קעצל.

עפשער דערפאַר, ווײַל זי איז געווען דער געלט־שידעך? עפשער נאָר צוליב דער גאָדלע, צוליב דעם ווּקס אליין?

נאָך בעשאַס טנאָים שרײַבן האָט מען געזאָגט, אַז ס'איז ניט קיין גלײַכער שידעך, און אַז ער איז געשטאַנען מיט איר אונטער דער כופּע, האָבן אים אַלע באַקלאָגט און באַדויערט:

— שלימאַזל! גרעסער מיט אַ קאָפּ פון אַ הונט, און פאַר־בינדט זיך מיט אַזאַ געזונטער שטיק, וואָס אַז זי הייבט נאָר אויף אַפּ אים אַ האַנט, איז אויס פּיניע!

— פּינכעס! — פלעגט זי אים אַ זאָג טאָן אַפּ איר גראָ־בער מאַנצבלשער שטים און נאָך אַ טופּע טאָן דערצו מיטן פוס. פלעג ער בלײַבן אָן לאָשן.

דערפאַר אָבער, אַז זי איז ניט געווען אינדערהיים, פלעג ער ווערן מיטאַמאָל באַריידעוודיק, זיך צעלאָזן אַפּן געלענקעל ווי אַ לאָשעקל, האָץ־האָץ, פּראַלן און באַרימען זיך, דערציילן גוזמעס און האַקן שקאָרים.

לאָז ער מיר מויכל זײַן — דעם כיסאָרן האָט ער געהאַט: ער איז געווען בעטעווע אַ שטיקל באַרימער און ניט קיין קליי־נער שאַקרען.

עמעס, די מומע רייזע איז אין דער זאַך אויך געווען נישט קיין גאָר גרויסע צאַדייקעס, און עפשער טאַקע שטאַרק געכאַפּט אין דער מײַסע. דער כילעק איז נאָר געווען דאָס, אַז זי האָט געזאָגט אַ ליגן, איז ער געווען מעשונע־גראָב, לעפּעשעוואַטע; און אַז ער האָט אָפּגעטאָקט אַ ליגן, איז דאָס אויסגעקומען אָגיל־ווּעסמאַך, קײַלעכדיק און שפּיצעכיק.

אַפּ וויפל ער איז געווען צוגעלאָזט צו מענטשן, אַ נעכמאַד

לאברייויס און געקאָנט זיך באגיין מיט דער וועלט, אפ אזויפיל איז זי געווען פונקט דער הייפעך: זיך באגאנגען מיט מענטשן גראָב, די דינסטן געטראָגן פאר די צעפ, געשלאָגן מאקעס־רעצעך, נישט געווען בא איר קיין ראכמאָנעס אפ א לעבעדיקער זאך: וואָס א מענטש, וואָס, לעהאוודל, א הונט, א קאץ, אלץ איין שווארץ יאָר.

דער פעטער פיניע האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען, ער האָט אָבער געמוזט שווייגן, א ברײרע האָט ער געהאט?

מוירע האָבן פאר א מענטשן איז, דארפט איר וויסן, א גרויסער איניען, אוביפראט נאָך פאר א ווייב, אוביפראט נאָך פאר אזא ווייב, ווי די מומע רייזע.

אלצדינג אפ דער וועלט איז אָבער ביז א צייט.

עס איז געקומען א צייט אפ זיי אויך, אפ דעם פעטער פיניע מיט דער מומע רייזע.

* * *

אומײַסע שעהאָיאָ קאך האָיאָ.

געווען איז באם פעטער פיניען אן אלטער גוטער־פרײַנט, מיט זיין ליבן נאָמען יענקל־דאָוויד.

איז ער געווען, אָט דער יענקל־דאָוויד, א גרויסער סויכער, אן אופגעקומענער אוישער, א גוויר אָצום און א כאָכעם מעכוי־קאָם, א דורכגעטריבענער יונגאטש און, זאָל ער מיר מויכל זיין, אן אזעס מעכוצעפ־פאָנעם, א שייגעץ — דאָס שווארצאפל פונעם אויג.

וואיהי האיוים טרעפט זיך א מײַסע, דער יענקל־דאָוויד קומט זיך צונויפ מיטן פעטער פיניע און צערעדט זיך מיט אים פון דעם און פון יענעם, וויאזוי גייט עס אים איינ געשעפט? און וואָס מאכט ער איינ געזונט? און וויאזוי לעבט ער מיט דער מומע רייזע?

— אָ־אָ־אָ! — מאכט צו אים דער פעטער פיניע.

— וואָס — אָ־אָ־אָ? — פרעגט אים יענקל־דאָוויד, — וואָס באַדײַט דער „אָ־אָ־אָ"?

האָט זיך דער פעטער פיניע ווי פארשעמט און א קוק געטאָן אף אלע זײַטן.

— וואָס דרייסטו זיך ווי א כאנוקע־דריידל? — מאכט צו אים יענקל־דאָוויד.

— ש־ש־ש!... — מאכט צו אים דער פעטער פיניע און קוקט זיך ארום.

— וואָס ש־ש־שיקעסט דו אזוי? — פרעגט אים ווײַטער יענקל־דאָוויד, — דו האָסט מוירע פאר דײַן פלוינעסטע, זײַ זיך מוידע.

— ש־ש־ש, רעד אביסל שטילער, — מאכט צו אים דער פעטער מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם.

— בעהיימע בעצוראס אָדאָם! — זאָגט צו אים יענקל־דאָוויד, — אויב דו האָסט מוירע פאר אזא ליימענעם גוילעם מיט גראָבע פּולקעס, ביסט דו טאקע ווערט, מע זאָל דיך טרעטן מיט די פיס.

— ששש, וואָס רעדסטו? קוק אָן א וווקס, באטראכט א האנט, א פוס, הער א קאָל פון א נעקייווע!

— פעטאכ איינער! דו נארישער לעקיש! דו שויטע בען פּיקהאָלץ, ביסט דאָך עפּעס א מאנצבל אף דער וועלט! באוויַיז, דו גרויסער נאר, באוויַיז דײַן קויעכ, איך בין דיר אָרעוו, אז דו נעמסט זי רעכט צום פּאטשן, ווערט זי ווייכ, ווי טייג, און זיס, ווי האָניק...

— פּאטשן?!?..

דער פעטער פיניע האָט אזש אָנגעהויבן צו טרייסלען זיך פאר שרעק, ציטערן, ווי א לעמעלע.

— פּעטש, דו אָפּגעריסענער נאר! פּעטש ווי האָלץ! און דאפקע אין די באקן, און דאפקע אלע טאָג! און דאפקע אלערליי — און דורכויס גרויסע!..

בעקיצער, אָט דער יעצטער־האָרע יענקל־דאָװיד האָט מיט אים אזױ לאנג ארײַנגעשמועסט אין אײַסעק, ביז ער האָט זיך מוידע געװען, אױסגעגאָסן זײַן ביטער הארץ פאר אים, װי פאר אן אײגענעם, און אזש צעװײנט זיך.

— יענקל־דאָװיד, ברודער, ס׳איז הערסטו, ניט גוט, ניט אױסצוהאלטן פון אָט דער באָכערטע!

— פעטש, בעהײמע! פעטש, דו פערד אײנער!

— פעטש?

— פעטש, װי האָלץ...

* *
*

א געמאכטע מאכשײפע, זאָגט מען, איז ערגער װי א געבױרענע: פלוצעם אומגעריכט (אײנמאָל אפדערנאכט איז דאָס געװען) איז ער װי אױסגעװאקסן, מיטאמאָל געװאָרן העכער, באקומען מוט, ארײַן אין קאס, אָנגעפאלן אף איר און גענומען זי בױקערן, קנײַפן און בעכען אף אלע זײַטן.

טכילעס האָט זי ניט פארשטאנען װאָס דאָס איז, געמײנט, אז דער פעטער איז מעשוגע געװאָרן.

— פינכעס, גאָט איז מיט דיר! װאָס טוסטו דאָס?

— זעסט דאָך װאָס איך טו: איך פאטש!...

— דו? מיך?...

— איך! דיך!...

צוגענומען די ערשטע געשמאקע קלעפ, איז די מומע רײזע געבליבן עפעס װי פריטשמעליעט, װי אין א טשאד איז זי ארומגעגאנגען דערנאָך עטלעכע טעג, זיך ניט געגלײבט, אז ס׳איז אף דער װאָר.

און זי איז אװעק צו דער מישפּאָכע, זיך געהאלטן אן אײצע מיט אירע גוטע־פרײַנט און איז געקומען אהײם און האָט אים א נעם געטאָן אפן צימבל: — זאָג מיר נאָר, דו קלײנער װערװריק, דו פּינטשוק אײנער, דו אזעלכער און אזעלכער! װי האָסטו

געהאט א האָזע גאָר אופצוהייבן אפ מיר א האנט, און פאר וואָס? זאָג מיר נאָר איין וואָרט: פאר וואָס?

דערהערט איר קאָל, איר מאנצבלשע שטימע, האָט דער פעטער פיניע שוין אָפּגעלאָזט הענט און פיס און אָנגעהויבן ציטערן, ווי א פיש אין וואסער, א גליק, וואָס אין דער מינוט איז אונטערגעקומענ יענקל־דאָוויד, און די מומע רייזע האָט זיך גענומען פאר אים קלאָגן, צושטעלן דעם פעטער א בענקעלע, באַווייזן, וויאזוי ער האָט באליידיקט אנ אָרנטלעכע פרוי, זי געמאכט ברוינ און בלוי.

— נישקאָשע, — האָט זי געזאָגט, — רעב יענקל־דאָוויד איז א היימישער מענטש, זיי מעגן וויסן, זיי מעגן אלצדינג וויסן, פאר זיי שעמ איך מיך ניט, הערט איר, ער האָט מיר אויסגעריסן א שטיק פלייש, איבערגעבראָכן דעם גראָבן ביין, אָט אָט דאָ־אָ!

און די מומע רייזע האָט פארקאטשעט דעם ארבל און באַוויזן אים א האנט, אנ איינגעשוואָלענע, ווי א קישן, און בלוי, אזויווי דרילס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שיינער מענטש יענקל־דאָוויד האָט קלוימערש געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמוצערט מיט די ליפּן און הינטערוויילעכס צוגעברומט אונטער דער נאָז:

— בראוואָ, פיניע, בראוואָ!..

— ניין, — האָט נעבעך געטיינעט די מומע רייזע און געוויינט, געגאָסן מיט טרערן, — איך פרעג אים נאָר איין זאך, לאָז ער מיר זאָגן, ווי האָט ער געהאט א האָזע אופצוהייבן אפ מיר א האנט און פאר וואָס? ניין! לאָז ער מיר זאָגן: פאר וואָס? פאר וואָס? פאר וואָס?..

און אָט אזוי זאָגנדיק אלע מאָל אלץ העכער און העכער: — פאר וואָס? פאר וואָס? — איז זי צוגעטראָטן צו אים אלץ נעענטער און נעענטער, שוין אופגעהויבן א האנט און געוואָלט אים אײַנטיילן, ווי ער איז ווערט געווען. האָט זיך אָבער בעשאסמייַסע

געטראָפֿן אַ נעס: דער פעטער פּיניע האָט געגעבן אַ שפּרונג איר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, ווי אַ קאַץ, איז אָנגעפאַלן אַף איר, און אַ האָגל פון פּעטש, קלעפּ מיט קולעקעס האָט זיך געשאָטן, נעבעך, אַף דער מומע רײַזע — ס'איז געווען פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס צו קוקן.

— הײַנט ווײסטו שוין פאַר וואָס?

אַזוי האָט איר געענטפערט דער פעטער פּיניע גאַנץ ערנסט און מיט אַ שמייכעלע אַף די ליפּן, און דער שיינער מענטש יענקל־דאָוויד האָט געמאַכט אַ ראַכמאָנעס־פּאָנעם, קלוימערשט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמוצערט מיט די ליפּן און צוגעבּרומט אונטער דער נאָז:

— בראַוואָ, פּיניע, בראַוואָ!..

אָט דאָ איז שוין די מומע רײַזע אַרויס פון די קיילים, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב און מיט אַ רויט פּאָנעם, מיט בלויע פלעקן האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— הער זשע אויס, רעב מאַמזער! קאָלזמאַן דו האָסט מיך באַליידיקט, אַז קיינער האָט ניט געזען, האָב איך דיר אָפּגעשוויגן, אַצינד, אַז פרעמדע מענטשן ווייסן שוין, וויל איך זען, וויִאַזוי דו וועסט מיך שלאָגן, אַ נו פּרוּוו!

אַזוי האָט זי געזאָגט, די מומע רײַזע, צוגעגאַנגען צו אים גאַנץ נאָענט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעהויבן כאַפּן פון אים פּעטש אַף אַלע זײַטן... די פענצטער האָבן אַזש געקלונגען...

די מומע רײַזע איז, אַ צעשלאָגענע, אַ צעהאַרגעטע, אַ צעדאַמטע, געקראָכן צו אים אַלעמאָל: — אַ נו, נאָכאַמאָל, אַ נו, פּרוּוו נאָכאַמאָל!..

און ער האָט איר געגעבן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל... און טאַקע נאָכאַמאָל...

און דער שיינער מענטש יענקל־דאָוויד איז געשטאַנען קלוימערשט איבעראַשט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמוצערט מיט די ליפּן, און שטילערהייט צוגעבּרומט אונטער דער נאָז:

— אָט אַזוי, פּיניע, בראַוואָ!...

* * *

אײַך איז אוואדע באקאנט דאָס אלטע לידל:

„ציגעלע מיגעלע קאָטעניו,
רויטע פּאָמעראנצן,
אז דער טאטע שלאָגט די מאמע,
גייען די קינדער טאנצן"...

ס'איז געוואָרן בא זיי א שטוב — מע זאָל באהיט און באוואָרנט ווערן. איטלעכער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. דער פעטער אליין האָט אונטערגעהעצט די עלטערע קינדער, זיי זאָלן ניט פאָלגן די מאמע, און די קלענערע קינדער האָט ער אָנגעשטעלט, זיי זאָלן איר שטעלן פײַגן. די דינסטן צווישן זיך האָבן זיך געריסן, ווי די קעץ, און געשלעפּט, געגאנוועט אפ וואָס די וועלט שטייט.

— לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַרײַן!

אזוי האָט געזאָגט די מומע רייזע און זיך גענומען צום פּלעשל.

בעקיצער, ס'איז געווען מיעס, אזוי מיעס, אז עס האָט שוין געהאלטן בא געטן זיך, א ניט וואָלט געוואָרן א טעל פון זייביידן.

האָט זיך אַרײַנגעמישט דעם פעטער פּיניעס גוטער־פרײַנט יענקל־דאָוויד, זיך אַרײַנגעלייגט אין א שאָלעם.

— אצינד, — האָט ער געזאָגט, — איז די בעסטע צײַט איר זאָלט זיך, קינדערלעך, איבערבעטן, ווערן כאווער און אָנהייבן מאכן א נײַ לעבן.

לאנג האָט געהאָרעוועט יענקל־דאָוויד, געגאנגען פון איינעם צום אנדערן, אײַנגעטײַנעט: „ביזוואנען איז דער שיר? גענוג צו קריגן זיך, גענוג לײַטיש געלעכטער, עס קאָן, כאָלילע, ווערן פון זיי ביידע א טעל־אוילעם, פון זיי און פון זייערע קינדער".

עס האָט אים אָבער געהאָלפן ווי דער פאראיאָריקער שניי:

די מישפּאָכע האָט ניט דערלאָזט. און ניט געווגג די מומע רייזע איז געזעסן צעהארגעט, צעדאמט און צעבלוטיקט, ארומגעגאנגענע שטענדיק מיט פארשוואָלענע באקן און מיט לאמטערנעס אונטער די אויגן, איז זי נאָך געווען צו די צאָרעס אן איינגעשפּארטע זאך, אן אקשנטע, און גאָדלדיק בא זיך אד איין לעשאער.

— וואָס וועט זיין דער טאכלעס? — האָט מען איר איינגעטיינעט, — ביזוואנען איז דער שיר? מע וועט דאָך אייך ארייינלייגן א לעבדיקע אין דער ערד אריין!

— מיר וועלן נאָך זען! — האָט זי געענטפערט, — מיר וועלן נאָך זען ווער — ווע מ ע ן!..

— געט־זשע זיך אָפּ מיט אים, און אן עק לאָז דאָס האָבן!

— געט וועל איך בא אים נעמען? א מאקע וועל איך בא אים נעמען! א כאָלערע! א מיסע מעשונע! ער וועט מיך אזוי לאנג שלאָגן, ביז עס וועט אים נימעס ווערן!.. ווארט אויס, מיר וועלן נאָך זען!...

און זי האָט זיך ניט אופגעהערט אייצען מיט פריינט און גוטע־פריינט, און די מישפּאָכע האָט איר געגעבן אייצעס, זי זאָל זיך האלטן איינס, ניט הערן קיינעם, שטעלן דער גאנצער וועלט א פייג.

און זי האָט געפאָלגט די מישפּאָכע, ניט געהערט קיינעם, געשטעלט דער גאנצער וועלט א פייג, און ניט אופגעהערט צו כאפּן קלעפּ מיט קולעקעס פון אלע זייטן...

בעקיצער, מענטשן האָבן נישט געקאָנט שוין צוזען דעם צאר, און מע האָט זיך ארייינגעלייגט און גענומען זיי ביידן צום דייען און מע האָט אָנגעשריבן א פּאפּיר, און זיי ביידע האָבן זיך געכאסמעט אז:

1) ניט ער און ניט זי טאָרן זיך קיינמאָל ניט שלאָגן.

2) ניט קריגן, ניט זאָגן איינס דאָס אנדערע קיין קרום וואָרט.

3) זי טאָר ניט טרינקען קיין בראָנפן אכוץ שאבעס און יאָנטעוו...

4) זי דארף זיך פירן, ווי אלע ווייבער פירן זיך: גיין ריין

ארום זיך... ניט רעדן הויך... נישט מישן זיך צווישן די קינדער, ניט שלאָגן קיין דינסטן, ניט מוטשען קיין קעץ.

5) אויך ער איז מעכויעוו זי האלטן בעקאָוועד.

6) ניט זידלען, ניט טאדלען, נאָר גיין מיט איר מיט גוטן.

7) זען זי זאָל זיך צולערנען אביסל איוורע... דאוונען, ארייַנקוקן אמאָל אין א טײַטש־כומעש... מעאיען זייַן אין כויוואס־האלוואָוועס... שאפן א באגריף אין קאוו־האיאָשער... ביכלאל, אויסלערנען זי אביסל דערעכערעץ, זי זאָל וויסן מיט מענטשן צו אומגיין..

8) דעמלט וועלן די קינדער איר בעמיילע אָפגעבן קאָוועד, און די דינסטן וועלן האָבן דערעכערעץ.

אָפגעכאסמעט דאָס דאָזיקע פאפיר, האָט מען דאָס אוועקגעלייגט באם דייַען לעזיקאָרן, און דאָס פּאָרפּאָלק איז אוועק אהיים בעשאָלעם, און עס איז געוואָרן בא זיי שאָלעם ווּעשאלווע. זיי האָבן געלעבט, זאָגט מען, ווי די טײַבעלעך, ווי שטילע שעפעלעך, ווי כאָסן־קאלע נאָרוואָס פון דער כופּע, אין אוישער און אין קאָוועד.

* *
*

אלצדינג, זאָגט מען, איז גוט, וואָס האָט א גוטן סאָף. האַלעווייַ זאָל דער אייבערשטער געבן, עס זאָל זיך טאָמיד אלצדינג אויסלאָזן אזוי גוט, הייַנט און אלע מאָל, מיט אונדז און מיט קאָל־ייִסראָעל, און מיט אלע מענטשן פון דער גאנצער וועלט

אָ מ יי ן.

דער בעזעם און די באַרשט

א מייַסע פונעם כיידער אין צוויי טיילן, ספּעציעל געשריבן לעקאָוועד דעם „בעזימ".

ערשטע טייל.

א באַרשט אָנשטאָט א בעזעם.

דער רעבע נאפטאָלי, זאָל מאריכ יאָמימ ווּעשאָנימ זייַנ — ער לעבט נאָכ — איז געווענ א מענטשל פונ דער אלטער וועלט. ער האָט געוווּסט, אז א שטוּב דארפ האָבנ א בעזעמ פונקט אזוי, ווי דער געוויסער כיילעק פונ א כיידער־ייִנגל דארפ האָבנ א קאנ־טשיק, אָדער פונקט אזוי, ווי א הונט, לעהאוודל, דארפ האָבנ א שטעקנ, ווי א קאָפּ — א יארמאָלקע, ווי א טעפּל — א פּאָקרישקע, ווי א ייִד — געלט, ווי פיש — כריינ, ווי א קאָזאק — א טרונק בראָנפנ, ווי דער ערשטער „בעזימ" — א פעליעטאָנ פונ שאָלעמ־אלייכעמ...

עס קאָנ אנדערש ניט זייַנ און עס דארפ אנדערש ניט זייַנ — אזוי האָט געפּאסקנט דער רעבע נאפטאָלי. נאָר גיי מאכ מיט א ייִדענע: די רעבעצנ ראצל האָט זיכ אייַנגעשפּארט — זי וויל א באַרשט: הייַנט איז א מאָדע — א באַרשט. אלע שכיינעטעס האָבנ בערשט, וויל זי אויכ א באַרשט. ארופגעפירט דערופ האָבנ זי (איכ מוז אייַכ זאָגנ דעמ גאנצנ עמעס) מיר, ווייַסעכעווּרעניקעס, די

כיידער־ייִנגלעך. דער בעזעם האָט זיך שוינ אונדז צו שטארק צוגעגעסנ. צו אָפט האָט דער רעבע געצויגנ פונ דאָרט ריטלעך פונ אונדזער קאָוועד וועגנ. קורץ — דאָס האָבנ מיר זי אונטערגעדריידלט, אַלע מאָל שטילערהייט, דער רעבע זאָל ניט הערנ: וואָס טויג אײַך דער בעזעם? דער בעזעם — פע! א בארשט! ווארפט ארויס דעם בעזעם אונ קויפט א בארשט!... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז די רעבעצנ האָט זיך גענומענ צום רעבנ, עסנ אונ טאָטשענ, פידלענ אונ זידלענ, ווי א ווײַב קענ. דער רעבע האָט זיך געפרוווט מיט גוטנ, געפרוווט מיט בייזנ — עס העלפט ניט.

— ייִדענע, — האָט ער איר געזאָגט, — בארעכנ זיך, וואָס דו טוסט: נעמסט אזא גאָלד, אזא בריליאנט, אונ בײַטסט אים אויס אפ דער רועך ווייסט וואָס. פונ א בעזעם האָסט דו נוצנ, פונ א בארשט וועסטו האָבנ צאָרעס. ראשיס, ווילסט דו אויסקערנ די שטוב, טונקסט דו אײַנ דעם בעזעם אינ פאָמויניצע אונ פארטיק. א בארשט וועט זיך ניט לאָזנ טונקענ אינ קיינ פאָמויניצע. ווילסט ארויסטרײַבנ א הונט, א כאזער, הייבסט דו אופ דעם בעזעם — וואָנ! א טשו! — פארטיק. וואָס וועסטו מאכנ מיט א בארשט? מיט וועלכער זײַט וועסטו מאכנ קונצנ? א בארשט איז ווי א קאָטשערע — טרעפסט דו אָנ אפ איר, דערלאנגט זי דיר צוריק. הײַנט ווו בינ איך אליינ? (דאָ צעהיצט זיך שוינ דער רעבע, אונ די אויגנ ווערנ מלאונע). איך דארפ אמאָל א ריטל אָפשמײַסנ א ווײַסנכעוורעניק, גיי איך מיר צום בעזעם — ריטלעך א גאנײדעמ! אנו! פרווו צי ריטלעך פונ א בארשט!

די רעבעצנ האָט זיך אָבער ארײַנגענומענ אינ קאָפ: איינ מאָל פאר אַלע מאָל — אויס בעזעם! (געוויינטלעך האָבנ מיר, ווײַסעכעוורעניקעס, געארבעט פונ אונטנ). זי וועט אים, זאָגט זי, ארויסווארפנ צו אַלדע שווארצע יאָר אפנ מיסט אונ וועט בלײַבנ אָנ א בעזעם אונ אָנ א בארשט — אונ רופ מיך קנאקניסל! — א גאנצע רעוואָליוציע.

— ווייסטו וואָס, מײַן ווײַב? דו ווילסט א באַרשט? איך זאָג שוין לאַנג א באַרשט. קויף א באַרשט. נאָר מיט א טנאַי: דעם בעזעם טראָג ארויס, זײַ מוחל, אפן בוידעם. לאָז ער ליגן דאָרט בעשאָלעם. א קאַשע אפ א מײַסע, עס קאָן אמאָל צונוץ קו־מען...

ענדע פון ערשטער טייל.

צווייטע טייל.

אויס באַרשט, צוריק בעזעם.

געבראַכט צו טראָגן אהיים די באַרשט, האָט אונדזער רעבעצנס פּאָנעם געשײַנט ווי א זילבערנע מענוירע. זי האָט זיך באַרימט פאר אַלע שכיינים, באַקומען קרעדיט אין קלייטל, אין יאַטקע: א קליינינקײַט — א באַלעבאָסטע מיט א באַרשט! זי האָט גאָרניט געוווּסט, ווו זאָל זי אוועקשטעלן אזא טײַערן גאַסט? אויסקערן די שטוב שמועסט מען ניט: ס'איז אַן אווײרע! און אגעוו האָבן זיך איר ניט געלייגט די הענט. אירע הענט זײַנען געוווינט צו א בעזעם. דאָס האָט זי געבעטן בא דער באַרשט מעכילע, זי זאָל זיך מאַטריַח זײַן מיט איר א ביסל צווישן בעט, און אונטערן בעט, צווישן אויוון, און אונטערן אויוון, און אַז זי האָט אוועק־געשטעלט צוריק די באַרשט, איז די רעבעצן געווען עפּעס מאָדנע רויט אפ דער מאַרע, און דאָס פּאָנעם האָט געשוויצט. זי איז געווען אומצופרידן, שטאַרק אומצופרידן. דער רעבע האָט געזען, אַז די רעבעצן איז לוי־אַלייכעמדיק, נאָר ער האָט זיך געמאַכט קעלוי־יאָדע, געקוקט אפ דער ערד, געשאַרט מיט די פּאַנטאָפל און געוואָרטשעט אונטער דער נאָז:

— פאַרוואָס פאַרקערט מען נישט דאָס מיסט? וואָס איז דאָס פאר א העקדעש אָט־דאָ־אָ?

די רעבעצנ האָט געמוזט נעמענ, נעבעכ, נאָכאמאָל די באַרשט אונ מאכנ א נײַע רעפּעראציע. אונ ווי אפּצולאָכעס טראָגט אָנ דער רועכ א הונט אונ כאפּט אויס דעמ לעבער, אונ איידער די רעבעצנ קוקט זיכ ארומ, שטייט א כאזער אונ כליעפּטשעט פונ דער פּאָמוי־ניצע — אנ אָנשיקענעס פונ גאָט!... אונ די רעבעצנ האָט זיכ צעלאָזט צומ הונט מיט דער באַרשט, געוואָלט אויסלאָזנ קאָל כאמאָסאָ אפנ כאזער — טראכ מיט דער באַרשט — אונ גלײַכ אינ פענצטער, אויסגעזועצט א שויב, אונ פארבײַגייענדיק צעבראָכנ א טעלער. די שויב מיטנ טעלער האָבנ זי אזוי צעקאָכט, אז זי האָט שוינ פארגעסנ, לעהאוודל, אינעמ כאזער, אונ דער כאזער האָט פארגעסנ, לעהאוודל, אינ דער רעבעצנ אונ ער האָט זיכ געכליעפּ־טשעט פונ דער פּאָמויניצע, ווי אנ עמעסער באַלעבאָס.

דער רעבע נאפטאָלי, זאָל מאריכ יאָמימ ווּעשאָנימ זײַנ — ער לעבט נאָכ — האָט דאָס אלצדינג געזענ אונ געמאכט זיכ קעלוי־יאָדע, ער האָט זיכ געטראכט: „לאנג לעבנ זאָל דער כאזער". פאַר הארצווייטעק, וואָס דער רעבע שווײַגט, האָט די רעבעצנ געגעבנ א שטעל אוועק די באַרשט אינ ווינקל צו דער וואנט אונ געכאפּט א געשמאקנ קלאפּ אינ שטערנ, טאקע פונ דער באַרשט אליינ.

דאָ האָט זי זיכ שוינ מער ניט געקענט אײַנהאלטנ אונ האָט זיכ צעשריִענ:

— דאָס וואקסט פונ זיי, פונ אָט די ווּעוורייקעס — מאמזיי־רימ! מע דארפ זיי געבנ צו פארזוכנ פונעמ אלטנ בעזעמ...

איבערגעביטנ האָבנ זיכ דעמ רעבנס אויגנ. אונדז האָט ער נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט. ער האָט נאָר א קוק געטאָנ אפּ אונדז אונ א ווּונק געטאָנ צו דער רעבעצנ מיט זײַנע ברע־מענ. אונ די רעבעצנ האָט אימ רעכט פארשטאנענ. זי איז באלד מעכילע אליינ ארופ אפנ בוידעמ, אראָפּגעבעטנ צוריק דעמ אלטנ בעזעמ, אונ דער רעבע האָט זיכ מאטריִעכ געוועזנ, אויסגעקליבנ א פּאָר אלטע, נאָר גוטע ריטלעכ, אויסגעלייגט אונדז אײַנציקווײַז,

און דאווקע מיט גוטן מוט אונדז אריינגעצימבלט, ווי עס קער צו זיין. צימבלענדיק, האָט ער אונדז זייער פריינטלעך אויסגע־פרעגט, מיר זאָלן אים זאָגן אופריכטיק דעם ריינעם עמעס, אזויווי מיר, קינדער, האָבן ליב:

— וואָס איז בעסער — א נייע בארשט, צי אן אלטער בע־זעם?..

אײַנגעמאכטס

א מײַסע שעהאָיאָ.

.1

אונדזער רעבע נאפטאָלי, זאָל מאריכ יאָמימ װעשאָנימ זײַנ — ער לעבט נאָכ — איז געװענ דער גרעסטער מעלאמעד. ער האָט אלײנ ניט געװוסט װיפל טאלמידימ עס געפינט זיכ בא אימ אינ כײדער. דאָס האָבנ געװוסט זײַנע באהעלפערס, ניט ער. זײַנ זאכ איז געװענ קנעלנ אונ שמײַסנ, שמײַסנ אונ קנעלנ אונ נעמענ סכאר־לימעד. אמאָל האָט זיכ געמאכט, ער האָט באגעגנט א ייִנגל אינ גאס.

— ייִנגעלע, בא װעמענ לערנסט דו?

— בא אײַכ, באמ רעבנ רעב נאפטאָלי.

— גײ אהײמ אונ זאָג דעמ טאטנ — סכאר־לימעד.

ס'פארשטײט זיכ, אז דאָס ייִנגל, װאָס האָט געבראכט סכאר־לימעד, איז געװענ א גוט ייִנגל, אונ דאָס ייִנגל, װאָס האָט ניט געבראכט קײנ סכאר־לימעד, איז ניט געװענ קײנ גוט ייִנגל.

אײנער פונ די ניט גוטע ייִנגלעכ איז געװענ — איכ געדענק אימ אזוי װי הײַנט — אנ אָרעמאנס א ייִנגל, װאָס האָט געהײסנ יאנקל, נישט געקאָנט אויסרײדנ קײנ קופ, געטראָגנ צעריסענע הײזלעכ, געװענ א יאָסעמ אונ א שלימאזל, אונ דערפאר איז ער

געוועג דאָס קאַפּאָרע־הינדל בא אונדז אַלעמען און באַם רעבן אוואדע.

איין מאָל טוט אים דער רעבע אַ כאַפּ:

— הער נאָר, דו! סכאַר־לימעד האָסטו געבראַכט, צי ניין?

— ניין, איך האָב ניט דערבראַכט טיין סכאַר־לימעד.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געבראַכט קיין סכאַר־לימעד?

— ווײַל די מאַמע האָט מיר ניט דערגעבן.

— פאַרוואָס האָט דיר די מאַמע ניט געגעבן?

— די מאַמע האָט מיר נישט דערגעבן, ווײַל זי האָט ניט טיין געלט.

— אַזוי, זי האָט ניט קיין געלט? לאָז־זשע אַראָפּ די צעריסענע הייזלעך דײַנע און לייג זיך, זײַ מויכל, אַנידער אויף דער פּליישיקער באַנק, וועל איך דיך אָפּשמײַסן.

2.

אָפּשמײַסן איז באַם רעבן געווען אַזאַ געוויינלעכע זאַך, ווי אָפּעסן. אָן קאַס, אָן שום אופרעגונג, יאָ געווען פאַרוואָס, ניט געווען פאַרוואָס, — געגומען, אַנידערגעלייגט און אָפּגעשמיסן. מען שמײַסט דאָך ניט אין פּאָנעם, מען שמײַסט דאָך אין אַזאַ אָרט, וואָס וועט ניט האָבן קיין פאַריבל, און טאָמער טוט אַביסל וויי, איז אויך נישקאָשע: ביז דער כאַסענע וועט זיך פאַרהיילן.

אַזוי האָט געזאָגט דער רעבע. מיר ייִנגלעך אָבער האָבן געהאַט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. אונדז האָט דאָך דאָס שמײַסן צערגעגעסן זיך. נישט אַזוי דער ווייטעק, ווי דער ביזויען. מיר האָבן אָנגעהויבן אויסערוואַקסן, געוואָרן גרויסע ייִנגלעך, אייניקע פון אונדז זײַנען שוין געווען כאַסאַנים, באַקומען זייגערס אַ מאַטאָנע. וואָס איז פאַר אַן אַוודע — אינמיטן העלן טאָג זיך אויסציִען אויף דער פּליישיקער באַנק און נאַ שמײַס מיך? מע דאַרף פּרווון אַמאָל נישט לאָזן זיך, מיר ווילן נישט געשמיסן זײַן — און טוט

אונדז עפּעס! אזוי האָבן געזאָגט די עלטערע ייִנגלעך, די באַסאַ־נים מיט די זייגערס, צו אונדז, קליינוואַרג.

— קינדער, איר זאָלט זיך ניט לאָזן שמײַסן! אז מע וועט אײַך הייסן לייגן זיך אפ דער פליישיקער באנק, זאָלט איר ניט לייגן זיך! איר הערט וואָס מע רעדט צו אײַך?

— מיר הערן! מיר הערן!

— מיר הערן איז קארג, מע דארף פאָלגן, וואָס עלטערע זאָגן.

— מיר פאָלגן! מיר פאָלגן!

— מיר פאָלגן איז קארג, מען דארפן שווערן.

— מיר שווערן! מיר שווערן!

— געדענקט־זשע: נישט פאָלגן דעם רעבן.

— נישט פאָלגן דעם רעבן.

— נישט שפּיליען קיין הויזן.

— נישט שפּיליען קיין הויזן.

— נישט לייגן זיך אפ דער פליישיקער באנק.

— נישט לייגן זיך אפ דער פליישיקער באנק.

— נישט געבן קיין...

.3

דאָ קומט אָן דער רעבע און צעשלאָגט דעם שמועס.

נאָך באַם לערנען מיט אונדז די סעדרע („באָלאָק" איז גע־גאנגען) האָט דער רעבע ארויסגעזען, אז מיט אונדז איז ניט פריילעך, האָט ער זיך גענומען צום קאנטשיק און געהייסן איי־נעם פון אונדז ארויס פון טיש. יענער רירט זיך ניט. געהייסן דעם אנדערן — יענער רירט זיך ניט. דעם דריטן, דעם פערטן, דעם פינפטן, דעם זעקסטן אאזוו. — קיינער רירט זיך ניט פון אָרט.

— וואָס־זשע, איר האָט זיך אָנגערערט, אפּאָנעם, אפ ניט, שקאָצים, ניט פאָלגן דעם רעבן?

מיר שווײַגן.

— איר האָט געמאכט יאדאכעס קעגן אײַער רעבן?

מיר שוויַגן.

— ווער האָט אײַך ארופגעפירט דערופ? פון וועמען וואקסט עס?
מיר שוויַגן, מיר שוויַגן, מיר שוויַגן.

דער רעבע האָט א קראַצ געטאָן דעם שטערן, זיך דורכגעשפאַצירט א פּאָר מאָל הין־און־צוריק איבערן כײדער, פארביסן א ליפּ און אוועקגעזעצט זיך מיט אונדז לערנען „באָלאָק". נאָכן לערנען האָט ער אונדז אָפּגעלאָזט אהײם ביז מאָרגן, און מיר זײַנען אוועק צופרידענע, גליקלעכע, לעבעדיק און פרײלעכ!

.4

אפ מאָרגן, אז מיר זײַנען געקומען אינ כײדער, פּרײַטיק איז דאָס געווען, האָבן מיר געטראָפן דעם רעבן זיצן באַם טיש מיט זײַן גוטן־פרײַנט רעב וועלוול און סוידען זיך. ביידע האָבן אויסגעזען עפּעס האָפערדיק. רעב וועלוול איז דעם רעבן נאפּטאָליס א גוטער־פרײַנט, א שאָכן און א באַל־יויעץ און גלאט א כאָכעם. דערזען אונדז ארײַנקומען, האָט זיך רעב וועלוול אופגעהויבן אוועקצוגײן און אָנגערופן זיך צום רעבן:

— געדענק־זשע, נאפּטאָלי, וואָס דו האָסט צו טאָן!... א גוטן.

אָפּגעלערנט מיט אונדז אפּ איין פּוס, מאכט צו אונדז דער רעבע עפּעס מאָדנע ווייך, ווי קײנמאָל ניט.

— קינדער, איך האָב זיך מעיאשעוו געווען מיט מײַן גוטנפרײַנט, וועלוול,— ער איז אויך א רעבע,— און האָב מיך איבערלעגט, אז איר האָט רעכט. שמײַסן איז אן אלטער מינהעג פון פארצײַטן. אײַך קומט א קניפּ אינ בעקל. אײַך קומט קאָוועד. דאָס הייסט, ניט אײַך אלעמען, נאָר די, וועלכע האָבן אײַך דערופּ ארופגעפירט, וועלכע האָבן אײַך גענעפנט די אויגן. אימירצעשעם מאָרגן האָבן מיר שאבעס. קומט צו מיר טײקעפּ נאָכן טיש, וועלן מיר אײַך געבן קיבעד. וואָס האָט איר ליב?

— אײַנגעמאכטס! — האָבן מיר אויסגעשריִען קימאט אלע אינ איינ קאָל, און דער רעבע האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער

רעבעצן, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אָן אַ זײַט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַראָפּ, ווי אַ צנועה. און דער רעבע האָט אַ זאָג געטאָן צו איר:

— אײַנגעמאַכטס? מעכעטייסע, קומט, אימירצעשעם, מאָרגן, וועט מען אײַך געבן אײַנגעמאַכטס... נאָר לעמאַנאַשעם, פאַרגעסט ניט, שקאָצים, וואָס מיר האָבן גערעדט: קומען דאַרפן נאָר די, וואָס זײַנען די ערשטע געפאַלן אַף דער האַמצאָע פון ניט לאָזן זיך שמײַסן. איר פאַרשטייט, וואָס מע רעדט צו אײַך?

— מיר פאַרשטייען? פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאַרשטיין?!?!..

אַזוי האָבן מיר אויסגעשריגן אַלע אין איין קאָל און האָבן זיך מיט געזאַנג און מיט טענץ געלאָזט אַהיים, געשפּרונגען איבער קעפּ און געפּליאַסקעט איינס דאָס אַנדערע אין די פּלייצעס.

.5

ס'איז איבעריק צו באַשרײַבן, וואָס אינדערהיים האָט זיך געטאָן צווישן אונדז, כיידער־ייִנגלעך. אַלע האָבן געוואָלט אײַנגעמאַכטס. אַפילע דער שלימאַזלדיקער יאָסעם יאַנקל האָט געטײַנעט, אַז אים „טומט מער אײַנדעמאַכטס פון אַלעמען“, וואָרעם ער איז געווען, זאָגט ער, דער ערשטער, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט שמײַסן. עס האָט ניט געהאָלפן. מע האָט געמוזט דעם שלימאַזל יאַנקלען אויך נעמען אין קאָן אַרײַן, און מיר זײַנען געקומען שאַבעס נאָכן טיש צום רעבן אַהיים עסן אײַנגעמאַכטס. ניט אַלע, נאָר די רעכטע ווײַסעכעווערעניקעס, סאַכאַקל אַרום און אַרום, איך געדענק עס ווי הײַנט, הונדערט נײַן און זעכציק שטיק.

דער רעבע נאַפּטאָלי, זאָל מאַריכ יאָמים וועשאָנים זײַן — ער לעבט נאָך — האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ שאַבעסדיקן פּאָנעם, אין אַ שאַבעסדיקער קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטן גוט־שאַבעס! בא דער זײַט איז געשטאַנען די רעבעצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ צנועה, און בא דער טיר זײַנען געשטאַנען די באַהעלפערס, מיט מאָדנע רויטע פּענעמער, און האָבן איבערגעקוקט זיך זייער

מאמזעריש, מיט גנייוווישע אויגנ, אונ צווישנ אונדז מיטנ רעבנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אזא מינ געשפרעכ:

— וויפל זייַנט איר דאָ ארומ אונ ארומ, כעוורע־פלעצעל?

— הונדערט נייַנ אונ זעכציק שטיק.

— אלע פונ די ערשטע, פונ די עמעסע ווייַסע כעוורעניקעס?

— אלע איינס אונ איינס!

— געפינענ זיכ ניט צווישנ אייַכ קיינ נאָכשלעפערס, וואָס זייַנענ גלאט נאָכגעגאנגענ?

— אפילע איינער ניט!

— געפינענ זיכ ניט צווישנ אייַכ, וואָס האָבנ כאראָטע אפ דער מייַסע?

— זאָל גאָט היטנ!

— אָט באלד וועט מענ אייַכ געבנ אייַנגעמאכטס.

אונ דער רעבע האָט א ווונק געטאָנ צו די באהעלפערס, אונ די באהעלפערס — פארכאפט זאָלנ זיי ווערנ — האָבנ זיכ, ווי די מאלאכעכאבאָלע, געגעבנ א לאָז צו אונדז פונ אלע פיר זייַטנ, אונ זיי האָבנ אונדז געגעבנ א לייג אפ דער ערד, אונ ס'איז אויסגעוואקסנ בא זיי קאנטשיקעס, דער רועכ זאָל זיי וויסנ פונוואנענ, אונ די קאנטשיקעס האָבנ זיכ גענומענ לייגנ זיכ פאסנווייַז אפ דעמ זעלבנ כיילעק, וואָס אלע מאָל, אונ מיר האָבנ דערפילט דעמ טאמ פונ אייַנגעמאכטס.

דעֶר רעבע אונ די רעבעצנ

(א קאָמעדיע פאר קינדער)

די פּערזאָנענ:

יאָסל	דער רעבע
מאָטל	די רעבעצנ
בערל	
וועלוול	
כאַימ	טאַלמידימ
זאַלמענ	
הענדזל	
פּיניע	
טאָפּעלע טוטעריטו	א הונט

דער רעבע אונ די רעבעצנ — אפ אנ עמעס.

די שפּיל קומט פאָר אינ כײדער צווישנ מינכע אונ מײַרעוו.

ערשטער אקט.

א כײדער, אינדערמיט אנ אויוונ, קאָטשערעס אונ לאָפּעטעס. פונ דער זײַט — א טיר. די טאַלמידימ זיצנ מיט ערנסטע פּנעמער ארומ דעמ טיש איבער גראָבע ספאָרימ — קלוימערשט פארטיפט אינ לערנענ).

יאָסל (כאפּט זיך אופ דער ערשטער). **קינדער! וואָס זיצט איר עפּעס אזוי? איר ווילט טאקע בעעמעס מעקײַעמ זײַנ דעמ רעבנס אָנזאָג?**

מאָטל (צו יאָסלענ). **איך ווייס אויך ניט וואָס מע זיצט אזוי.**

בערל (גענעצט). מע זיצט, ווי די גוילעמס, און מע געגעצט. עפשער ווייסט איר צוליב וואָס? (גיט א צי וועלוולען פארן ארבל).

וועלוול (צו כאימען). כאים! שלאָפסט?

כאים (צו זאלמענען). זאלמען! שלאָף ניט, וויי ניקער געשלאָפן, וויי ניקער פארלייגט די הענט!

זאלמען (צו הענדזלען). הענדזי! הערסט? מע וועקט!

הענדזל (צו פיניען). אוי, פינכעס! שטיי אוף!

פיניע (וועקט טאָפּעלען). טאָפּעלע טוטעריטו, כאַפּ זיך נאָר אויף, מיין טייערס!

טאָפּעלע טוטעריטו. ווער האָט דיר דעזאָדט, אַז איך שלאָף? איך שלאָף דאָך נישט!

פיניע (טוט א שטופּ הענדזלען). וואָס שטופּסטו מיך? בעסער טו א שטופּ זאלמענען.

הענדזל (פאָלגט אים און גיט א שטופּ זאלמענען). עמעס, דיר קומט טאקע א שטופּ.

זאלמען (גיט א פּאטש כאימען). אָט האָסטו — און דו גיב איבער וועלוולען.

כאים (טוט א רוק וועלוולען אין דער זייט). זיי זיך מאטריעך און גיב איבער בערלען א גמילעס־כעסעד.

בערל (וויל געבן א פּאטש מאָטלען). נא דיר א „שאָלעם־אלייכעם" פונדיינעטוועגן.

מאָטל (גיט אים אָפּ צוויי). א דאנק פאר דער מאטאָנע!

יאָסל. ש־ש! שא! וואָס בוצקעט איר זיך! ווייסט איר וואָס כ׳וועל אייך זאָגן, קינדער?

אלע. וואָס, וואָס?

יאָסל. בעסער לאָמיר זיך שפּילן.

אלע (אויפגעלעבט). אין וואָס, אשטייגער?

יאָסל. אדעראבע, זאָגט איר אין וואָס?

מאָטל. אין א „זיידע מיט א באבע".

בערל. איי! לאָמיר זיך שפּילן אין „בלינדע קי".

וועלוול. און איך זאָג אין „עקעך־מעקעך".

כאַים. פאָלגט מיך, לאָמיר שפּילן אין באהעלטערלעך.

זאלמען. בעסער אין „מעכירעס־יאָסעף".

הענדזל. באָרוך האבאָ! נאָר דיר גאָר פּלוצעם „מעכירעס־יאָסעף"!

פיניע. שאַ! ווייסט איר אין וואָס? אין „צוועלף גאזלאָנים"!

טאָפּעלע טוטעריטו. טאטע, טאטע, אין „צוועלף גאזלאָנים"!

יאָסל. ניט אין „מעכירעס־יאָסעף" און ניט אין „צוועלף גאזלאָנים", נאָר פּאָשעט אין „טאטע, מאמע, ברודער און שוועסטער". אָדער ניין! ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיך שפּילן אין א שפּאָגל־נייַער שפּיל, אין א „רעבע מיט א רעבעצן".

אלע (אופגעלעבט). וויאזוי, וויאזוי?

יאָסל. אָט אזוי: איך וועל זייַן דער „רעבע", און ווער פּונ אייַך וויל זייַן די „רעבעצן"?

מאָטל (צו בערלען). דו וועסט זייַן די רעבעצן.

בערל (צו מאָטלען). וואָס עפּעס איך? פארוואָס ניט דו?

מאָטל. אזוי, דיר פּאסט עס, האָסט א שפּיציכיקע נאָז קי־מאט אזוי, ווי די רעבעצן.

בערל. פארקערט, דאכט זיך, דיר פּאסט בעסער: בא דיר איז א קלייַענדיק פּאָנעם, אזויווי בא אונדזער רעבעצן, און געלע האָר פּונקט אזויווי בא איר.

אלע (מיט א געלעכטער). טאקע, טאקע. בערל איז גערעכט, און זייַן מישפּעט איז גערעכט. זאָל מאָטל זייַן א רעבעצן.

יאָסל. נו, מאָטל, ס'וועט ניט העלפן קיין שום טייַנעס: „אכריי ראבים לעהאטויס". אויב כעוורע האָט דיך געמאכט פאר א רע־בעצן, מוזט דו זייַן א רעבעצן. איך וועל אָנטאָן דעם רעבנס יארמאָלקע, אראָפּלאָזן דעם טאלעסקאָטן, און דו טו אָן א פּאַ־טשיילע אפן קאָפּ און דער רעבעצנס קליידל. קינדער, ווער האָט א פאטשיילע?

אלטע (זוכט אין די קעשענעס). אָט איז א פּאַטשיילע!

יאָסל (טוט אָן די יאַרמעלקע, לאָזט אַראָפּ דעם טאַלעסקאָטן, און מאָטלען טוט ער אָן דער רעבעצנס קליידל און אפן קאָפּ א פּאַטשיילע). זאָלסט האָבן אזא פּאָנעם, מאָטל, ווי דו ביסט א רעבעצן א פײַנע!

אלטע (שיסט אויס א געלעכטער). מאָטל – א רעבעצן, כאַ־כאַ־כאַ! ווי צוויי טראָפּן וואסער, כאַ־כאַ־כאַ! נו! און וואָס וועלן מיר זײַן?

מאָטל. און איר וועט זײַן די טאַלמידים.

אלטע. און וואָס דאַרפן מיר טאָן?

יאָסל. איר דאַרפט זיצן אַרום דעם טיש און שאָקלען זיך, גלײַך ווי איר לערנט, און מאָטל, ס׳הייסט די רעבעצן, דאַרף צוגיין צו מיר, ס׳הייסט, צום רעבן און צושטעלן אײַך א בענקעלע און מאָנען א שטראָף פאַר יעדן איינעם פון אײַך פאַר זײַן שטיפערײַ, ווי איר טעווע איז.

אלטע. און וואָס וועט זײַן דערנאָך?

יאָסל. גאָרניט. איך וועל יעדן איינעם מעקײַעם־פּסאַק זײַן באַזונדער, ווי אים קומט, אַזויווי דער רעבע טוט: איינעם וועל איך געבן א פּאַטש, דעם צווייטן שמײַסן מיטן קאַנטשיק, דעם דריטן שטעלן אין „קונע”.

אלטע. און מער גאָרניט?

יאָסל. האַ? ניין, מע דאַרף טאָן אַזוי, די רעבעצן זאָל האָבן א וויסטן סאָף.

אלטע. צום בײַשפּיל?

יאָסל. צום בײַשפּיל? איר וועט זי אלע באַפאַלן... אָבער ניין! ניט אַזוי! ווייסט איר וואָס: איינער פון אײַך וועט זיך פאַרשטעלן פאַר א הונט און וועט זיך פאַרגאַנוווענען צו איר, בעשאַס זי רעדט אָן אַף די טאַלמידים פאַרן רעבן, און וועט זי באַפאַלן פונהינטן. וועט זי מאַכן א גוואַלד און פאַלן כאַלאָשעס, און דער רעבע פאַר גרויס דערשרעק וועט אויך פאַלן כאַלאָשעס, און דעמלט וועלן מיר אַף זיי שפּריצן וואַסער, וועט זײַן א גרויסע געדולע. איר פאַרשטייט?

אלע (פליעסקענ). גוט, זייער גוט, ווי כ'בינ א ייִד! אָבער ווער וועט זײַנ א הונט?

בערל. איכ וויל ניט זײַנ קיינ הונט.

וועלוול. איכ האָב ניט קיינ כיישעק דערצו.

כאיִמ. איכ אויכ ניט.

זאלמענ. אונ איכ אוואדע ניט.

הענדזל. זאָל זײַנ דער הונט פיניע, אָדער טאָפּעלע טוטעריטו— זיי זײַנענ די קלענסטע.

פיניע. וואָס איז עפּעס געפאלנ דער גוירל נאָר אפ מיר?

טאָפּעלע טוטעריטו. וואָס איז עפּעס דעפאלנ דער דוירל נאָר אפ מיר?

יאָסל. שא! ווײסט איר וואָס? לאָמיר ווארפנ גוירל, ציִענ קניפּלעכ. (נעמט א טיכל, קניפּט אָנ קניפּלעכ אינ אלע פיר עקנ אונ דערלאנגט בערלענ). נעמ, ציִ א קניפּל.

בערל. וואָס האָסטו אָנגעהויבנ פונ מיר?

וועלוול. זאָל כאיִמ ציִענ דער ערשטער.

כאיִמ. פארוואָס ניט זאלמענ?

זאלמענ. פארוואָס ניט הענדזל?

הענדזל. זאָל ציִענ פיניע, אָדער טאָפּעלע טוטעריטו — זיי זײַנענ די יינגסטע.

פיניע. וואָס איז עפּעס געפאלנ דער גוירל נאָר אפ מיר?

טאָפּעלע טוטעריטו. וואָס איז עפּעס דעפאלנ דער דוירל נאָר אפ מיר?

יאָסל (צו טאָפּעלע טוטעריטו). נו, טאָפּעלע, ציִ, הײַע זיכ ניט, אניט כאפּסטו באלד א פּאטש.

טאָפּעלע טוטעריטו (ציִט). אוי, א טניפּל!

אלע (פּליעסקענ). אורא — א־א! טאָפּעלע טוטעריטו איז א טעלעוו, א טעלעוו שעבעטלאָווימ! מע דארפ אימ אָנטאָנ א פעל פונ א טעלעוו! מאכנ אימ פאר א טעלעוו! (מע טוט אימ אָנ א טולופּ מיט

דער הינטישער פעל ארום און מע הייסט אים גיין אפ אלע פיר און האווקען ווי א הונט: האוו, האוו!)

טאָפעלע טוטעריטו (מאכט א רעפעטיציע: קריכט אפ אלע פיר און האווקעט). **האוו, האוו, האוו, האוו!**

צווייטער אקט.

(די פריערדיקע דעקאָראציע. די טיר אין דער זײַט עפנט זיך אוף. עס שטעקט זיך אריַין דער קאָפּ פונעם עמעסן רעבן אין א קאשקעט, און נאָך אים דער קאָפּ פון דער עמעסער רעבעצן אין א גרינלעכן פאריק מיט א פאטשיילע פונויבן. ביידע בלייַבן שטיין אפ דער שוועל און קוקן זיך צו צו דער שפיל פון די קינדער).

יאָסל (שאָקלט זיך, און די טאלמידים נאָך אים, און זיי לערנען מיט א ניגן. ער מאכט נאָך דעם רעבנס קאָל מיט אלע פישטשעווקעס. טאָפעלע דער הונט ליגט אפן דיל, צעלייגט אפ אלע פיר). **לערנט, שקאָצים, א רוען אייַך אין אייַער טאטנ! מיט כיישעק: אָמאר אבייַע — ראוו פּאָפּאָ האָט געזאָגט... בערל! ווּהינ קוקסטו? וועלוול, אָט כאפסטו א פאטש, מעשומעד! און דו אויך, כאַים שייגעץ! וואָס כאפט איר פליגנ — זאלמענ, הענדזל און פיניע! נאט אייַך א קאנטשיק! אָמאר ראוו הונאָ — ראוו כיסדא האָט געזאָגט!**

אלע (שאָקלען זיך און זינגען אפ א קאָל). **אָמאר ראוו הונאָ, ראוו כיסדאָ האָט געזאָגט!**

מאָטל (גייט צו מיט גרויס צניעס צו יאָסלען, לאָזט אראָפּ דאָס טיכל איבער די אויגנ, בייגט אָנ דעם קאָפּ אינ דער זײַט און שפארט אים אונטער מיט דער לינקער האנט). **דו הערסט? איכ מוז דיר דערציילנ די מייַסים־טויווים פון דייַנע טייַערע טאלמידים, א כאָלערע זאָל זיי אָנכאפּנ הײַנטיקנ טאָג, ריבוינעשעלוילעמ!**

יאָסל (הערט אוף לערנען). **וואָס איז שוינ ווידער?**

מאָטל. **כ'האָב אוועקגעשטעלט די ראָשטשינע אפנ אויווּנ, באטראכט זיך אָט דער טאכשיט, בערל, יימאכ שמוי, און נעמט אפיר מייַנ אלטנ שוכ פון אונטערנ בעט און ווארפט אים אריַינ**

אין דער ראַשטשינע. זאָג־זשע טאקע, זאָל אים ניט אויסכאפן די מיסע־מעשונע?

יאָסל. דו הערסט, מעשומעד, וואָס די רעבעצן דערציילט?

בערל. זאָג איר, רעבע, אז אלץ, וואָס זי רעדט, איז, בימ־כילע, שעקער וועקעזעוו.

יאָסל (גיט אים צוויי פעטש). נא דיר, וועסטו וויסן, אז מע טאָר ניט זאָגן אפ א רעבעצן, אז זי זאָגט ליגנס! (בערל וויינט קלוימערשט).

מאָטל (ווייזט אפ וועלוועלען). מיינסט, אז אָט דער טאכשיט איז בעסער?

יאָסל. ווער? וועלוול? וואָס האָט ער דיר, אשטייגער, געטאָן?

מאָטל. וואָס האָט ער מיר געטאָן? גאָרניט. נאָר ער האָט גאָר איינגעטונקען די קאץ אין דער דייזשקע מיט די אוגערקעס. זאָל אין אים ניט אריין דערפאר פארעס קרעץ?

יאָסל (צו וועלוועלען). וואָס? דו טויוולסט גאָר קעץ אין ראָסל פון אוגערקעס?

וועלוול. שעקער וועקעזעוו! סע הייבט זיך גאָרניט אָן!

יאָסל. הא? הייסט עס, זאָגט די רעבעצן א ליגן? לייג זיך אפ דער באנק! (ער אמפערט זיך אביסל מיט וועלוועלען, לייגט אים אפ דער באנק און גיט אים גרינגע שמיצ, וועלוול וויינט קלוימערשט).

מאָטל (ווייזט אָן אפ כאיִמען און זאלמענען). אויב שמייסן, דארף מען פריִער שמייסן די דאָזיקע צוויי ווייסעכעוורעניקעס, די פוישע־ייִסראָעל, די מעשומאָדים, ייִמאכ שמאָם וועזיכראָם!

יאָסל. ווער, כאיִם און זאלמען? וואָס, אשטייגער, האָבן זיי דיר געטאָן?

מאָטל. זיי האָבן געטאָן איין קלייניקייט: הייַנט אינדערפרי, ווען דו ביסט געווען אין בעסמעדרעש, האָבן זיי אריינגעלאָזט די ציג אין שטוב אריין און האָבן זי א יאָג געטאָן ביז צו דער אויבערשטער פאָליצע — און אלע טעפ זייַנען צעבראָכן געוואָרן! האלעוויי זאָל קומען א בראָך אפ זיי מיט דער ציג אינאיינעם, אָמיין, ריבוינעשעלוילעם!

יאָסל (צו ביידע טאַלמידימ, אינ קאַס). הא! אזוי? איר שווײַגט!

כאַימ אונ זאַלמענ (ביידע אינײנעמ). וואָס זײַנענ מיר שולדיק, אז די טיר איז געווענ אָפנ, אונ די ציג איז ארײַנ אינ כיידער ארײַנ אונ האָט זיכ ארופגעדראפּעט אפ דער פּאָליצע. זי האָט געזוכט אביסל זאַלצ. א ציג האָט ליב זאַלצ, א ציג קאָנ ניט לעבנ אָנ זאַלצ!

יאָסל. הא? איר לעצעוועט נאָכ? גייט שטעלט זיכ די מינוט אוועק לעבנ פּריפּעטשיק מיט איבערגעקערטע קאַשקעטנ, איינער מיט א בעזעמ אינ איינ ווינקל, אונ דער צווייטער מיט א קאָטשערע אינ צווייטנ ווינקל, אונ אַלע קינדער זאָלנ צוגיינ צו איטלעכנ ... איײַכ א קוק טאָנ איײַכ אינ די פּענעמער, א שפּײַ טאָנ אונ אוועקגיינ (דאָס אַלצדינג טוט זיכ, ווי דער רעבע הייסט).

מאָטל. דערפאַר האָבנ מיר די דאָזיקע צוויי מענוואָלימ — די קאַפּאָרע זאָלנ זיי שוינ ווערנ פאַר דיר — אָפּגעטאָנ א שפּיצל, זאָל נאָר קומענ אפ זיי א מאַגייפע הײַנטיקנ טאָג!

יאָסל. ווער? הענדזל אונ פּיניע? די דאָזיקע שווײַגערס, וואָס טשעפּענ ניט אפּילע א פליג אפ דער וואַנט?

מאָטל. שטיל וואַסער גראָבט טיף. נעכטנ האָבנ זיי זיכ באַטראַכט, בעשאַס דו ביסט געשלאָפנ, אונ איכ בינ געווענ טאָרעד מיטנ קינד...

יאָסל (צו טאָפּעלע טוטעריטו שטילערהייט, בעשאַס מאָטל רעדט). טאָפּעלע, וואָס שווײַגסטו! לאָז אונדז הערנ דײַנ קאָל!

טאָפּעלע טוטעריטו (פאַרגאַנוועט זיכ שטיל פונהינטנ, פאַלט אָנ אפ דער רעבעצנ אונ כאַפּט זי אָנ באַמ קליידל). האַוו־האַוו! האַוו־האַוו־האַוו!

מאָטל (אינמיטנ רעדנ, א גרויסנ קוויטש). אוי, אוי, אוי, אוי!

יאָסל. שאַ, וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר! וואָס איז דער געשריי! זע זי נאָר, ווי זי גוואַלדעוועט! דער רועכ וועט דיכ ניט כאַפּנ!

טאָפּעלע טוטעריטו (הערט ניט אופ צו האווקענ אונ צו שלעפּנ מאָטעלענ באמ קליידל). **האוו־האוו! האוו־האוו־האוו!**

מאָטל. **אוי, איכ כאלעש!** (פאלט אפ יאָסלענ אונ כאלעשט).

יאָסל. **דו אָנשיקעניש!** (ס'ווערט אימ ניט גוט אפ צו כאלעשנ, פארוואָרפּט מיטנ קאָפּ אפ צוריק).

אלע (שפּרינגענ אופ פונ די ערטער). **וואסער! וואסער! לאָז מענ ברענגענ וואסער! דער רעבע מיט דער רעבעצנ כאלעשנ! געלויבט איז גאָט! עפשער וועט ער, באָרעכהו, ראכמאָנעס האָבנ, עפשער וועט ער זיכ דערבארעמענ, אונ מיר וועלנ זיי בײד'נ פּאָטער ווערנ!** (אלע לויפנ פרייליכ צו דער טיר מיט א שיסל וואסער אונ שלאָגנ זיכ אָנ אפ דער שוועל אָנעמ עמעסנ רעבנ מיט דער עמעסער רעבעצנ אונ בלײַבנ שטיינ פארגליווערט אפ די ערטער. יעדער איינער ווי ער שטייט: דער רעבע מיט דער רעבעצנ פלאמ־פײַער, יאָסל אונ מאָטל — האלב־ליגנדיק אונ האלב שטייענדיק. די איבעריקע טאלמידימ—מיט איבערגעשראָקענע פּענעמער. טאָפּעלע טוטעריטו אינ דער הינטישער פעל שטייט אפ בײדע פיס מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ. די שטומע סצענע ציט זיכ א צוויי מינוט. דער פאָרהאנג לאָזט זיכ פּאמעלעכ אראָפּ).

שאָלעכמאָנעס

א מײַסע לעקאָוועד פורים.

דערציילט, כאפנדיק, אפ איינ פוס, פונ א קאסרילעווקער ייִדנ אונ איבערגעגעבנ טאקע מיט זײַנ לאָשנ

פונ שאָלעמ־אלײכעמ.

האָט קיינ פאריבל ניט, איר זײַנט מיר עפּעס קענטלעכ. דאכט מיר, איכ האָב אײַכ ערגעצ געזענ, אונ עפשער האָב איכ א טאָעס?.. איר לויפט? איכ — אויכ. מענ לויפט, וואָס לויפט מענ? מענ מיינט, טאָמער וועט מענ עפּעס כאפנ, פארדינענ אפ פייסעכ, שוינ צײַט, אָקערשט ווי מע זעט ניט איז פורימ. אָ, פורים! דערמאָנ איכ מיכ אָנ פורימ, אזוי קומט מיר אפנ זינענ שאָלעכמאָנעס. הא־הא־הא, שאָלעכמאָנעס! איכ לאכ. אז אָכ אונ וויי דעמ געלעכטער! אויב איר ווילט, קאָנ איכ, אזוי גייענדיק, ווי מע זאָגט עס, אל רעגעל אכאס, דערציילנ א שיינע מײַסע מיט שאָלעכמאָנעס, וואָס האָט זיכ געטראָפנ ערשט פאראיאָרנ בא אונדז אינ קאסרילעווקע. איכ בינ אליינ טאקע א דאָרטיקער, איכ וייס ניט וויִאזוי בא אײַכ. בא אונדז אינ קאסרילעווקע האלט זיכ דער מינהעג פונ שיקנ זיכ שאָלעכמאָנעס נאָכ זייער שטארק, ווארעמ מיר האָבנ א קײַמעלאָנ, האָבנ מיר, אונ דאָס איז קלאָר

ווי דער טאָג, אז מאָשיעכ וועט קומען, וועלן אלע מינהאָגים
באָטל ווערן, נאָר דער מינהעג פון שאָלעכמאָנעס וועט בלײַבן,
ווײַל דאָס איז דאָכ א בעפיירעשער פּאָסעק אינ דער מעגילע:
„מאטאָנעס לעעווייונים״ — אונ מיר זײַנען דאָכ באָרעכהאשעם אלע
נישקאָשעדיקע עוויונים... נאָר מיר ריידן דאָכ נישט פון דעם,
מיר ריידן פון שאָלעכמאָנעס, ריידן מיר. אײַ, שאָלעכמאָנעס! אײַ,
פּורים! מיר האָבן דאָס געהאט פאראיאָרן אינ דער צײַט, ניט
הײַנט געדאכט, ניט פאר קיינ יידישער שטאָט געדאכט, א פּור־
רים — ננו! מיר וועלן אים האָבן צו געדענקען אפ דאָר־דוי־
רעס! אונ ווער איז שולדיק? טאקע אונדזערע יידן אליינ! ס'איז
א פּאָלק, וואָס האָט קיינ צײַט ניט! עס קומט א נײַער פּריס־
טאוו (דעם אלטן האָט מען געשאָסן אינמיטן גאס), כאפּט זיי
אוועק דער רועכ, לויפן פריער פאר אלעמען אים מעקאבל פּאָ־
נעם זײַן! ווער בעט אײַכ? ווער שלעפּט אײַכ? איז דאָ אָבער
דאָ עטלעכע רעדל־פירער, וואָס אפ זיי שטייט די גאנצע שטאָט
(איכ בינ אויכ איינער פון די עטלעכע), האָט זיכ אונדז פאר־
גלוסט א דעפּוטאציע.. אײַ מי וואָמי — ווער איז די דעפּוטאציע?
טאקע ווידעראמאָל מיר, די עטלעכע אויסדערוויילטע פון שטאָט.
אויסדערוויילטע? ווער האָט אונדז אויסדערוויילט? ווו האָט איר
בא יידן אויסדערוויילטע? מיר אליינ האָבן גענומען אונ האָבן
זיכ אויסדערוויילט. ס'איז הײַנט אזא וועלט, מ'שטיינס געזאָגט,
אז ווער עס נעמט די לייצעס אינ האנט אונ זאָגט „וויאָ!״ —
דער פּאָרט.

בעקיצער, איז בא אונדז געבליבן, אז מיר זאָלן גיינ מעקאבל־
פּאָנעם זײַן דעם נײַעם פּאָרעצ מיט ברויט אונ מיט זאלצ, אונ
מיט א פּאָר שיינע ווערטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. האָט זיכ
אָנגעהויבן א כאסענע ווידעראמאָל מי וואָמי — ווער זאָל זײַן די
ריידערס? איז געבליבן, אז איכ. מאָלט אײַכ, אז איכ בינ שוינ
בא זיי דער באלדאברען! ווו האָב איכ געלערנט רוסיש? פונ־
דעסטוועגן רייד איכ שענער פון זיי אלעמען; טאָמער נישט

אזוי אל פי גראמאטיק, — אבי מען פארשטייט מיך. איך רייד אלעמאל, רייד איך, לאז ניט קיין אנדערע ריידן, ווייל בא אונדז אנדערע ריידן אזוי, אז ס'איז פאשעט א כילעל־האשעם צו הערן.

אקיצער, וואס טוט גאט? דארף אונדזער נייער פריסטאוו אנקומען אקוראט עסטער־טאנעס אפדערנאכט, און אפ מארגן, פורים הייסט עס, דארף מען גיין אים מעקאבל־פאנעם זיין. מיט וואס גייט מען מעקאבל־פאנעם זיין פורים א פארעץ? גע־ווינטלעך, מיט שאלעכמאנעס. (דאס איז טאקע געווען מיין איינ־פאל). און מיר, דאס הייסט, טאקע ווידעראמאל מיר, די פיינסטע באלעבאטים פון שטאט, האבן זיך צונויפגעלייגט — און ווער עס האט געגעבן א האמענטאש, ווער צוקערקעלעך, ווער צוויי קישעלעך, ווער א פאר מאלכוס־ברעטלעך, און ווער עטלעכע מאהינדלעך, און ווער א מאראנץ — וואס זאל איך אייך זאגן (א פלעשל קאניאק איז אויכעט געווען) — מיר האבן צונויפגעשטעלט א שאלעכמאנעס, מעגט איר מיר גלייבן, אז ס'וואלט ניט גע־ווען קיין כארפע צו קומען מיט אים פארן מאלכוס. א פאר ווערטער האב איך אויך צוגעגרייט נאך פון בייאנאכט. איך האב אפילע אין זינען געהאט אוועקלייגן א גאנצע דראשע, פארגלייכן די הייַנטיקע לאגע מיט דער לאגע פון אמאל, געבן אים אנצור־הערעניש, אז מיר האבן אמאל געהאט א האמאן, וואס איז אונדז געקראכן אין די גארגערעס אריין, און פונדעסטוועגן, אז דער אייבערשטער האט געוואלט, האט האמאן געכאפט די שיינע מאפאלע, און מיר זיינען געבליבן מיר... נאכדעם האב איך מיך מעיאשעוו געווען: עט, ס'איז ניט קעדיי: אין א צייט פון קאנס־טיטוציע איז געזינטער, אז מע רעדט וואס ווינציקער...

בעקיצער, אפ מארגן אינדערפרי, נאכן דאווענען, האבן מיר זיך אנגעטאן יאנטעווודיק און האבן זיך געלאזט אלע אויסדער־ווײלטע מיטן שאלעכמאנעס צום נייעם אדן. אויסגעלייגט האבן מיר דעם שאלעכמאנעס גאנץ פיין אפ א טעלער, די האמענטאשן פונונטן, די לעקעכלעך מיט די מאנדלען, מיט די מאלכוס־ברעטלעך

פונויבן, און אינמיטן דאָס פלעשל קאָניאַק (פאַר א רובל מיט דרײַסיק, ערעץ־ייִסראָל־קאָניאַק, קאָשער לעפּעסאַך), און דאָס אַלץ גאַנץ שיין איבערגעדעקט פונויבן מיט א שיין טיש־טעכל פון רויטער בליטשקע, אַזוי אַז פונדערווײַטן האָט דאָס געכאַפּט דעם אָנבליק פון א גרויסן קײַלעכדיקן רויטן קוגל. און אָט אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט צום פּאָרעץ גאַנצפרי, אַז קיינער זאָל ניט וויסן און קיינער זאָל ניט זען, וואָרעם איר ווייסט ניט אונדזער קאַסרילעווקע, לאָז עמעצער אָנטאָן בא אונדז, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, א פּאָר נײַע הויזן — ווייסט בא אונדז די גאַנצע שטאָט, פון איין עק ביזן אַנדערן עק, און מע לאָזט ניט אַרויס די הויזן פונעם מויל א גאַנצע וואָך. די שטאָט אַליין איז אַזויפיל ניט שולדיק, ווי די מענטשן. איך מיין — טאַקע אונדזערע ייִדן. גרויסע ניט פאַרגינער און טאַקע גרויסע ליידיקגייערס אויך. וועהאָראַיע, מיר האָבן דאָך טאַקע געטראָפן: נאָך איידער מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, זײַנען כעוורע קליינוואַרג גע־וויר־געוואָרן, אַז עס גייט צום נײַעם פּריסטאַוו א דעפּוטאַציע מיט שאָלעכמאָנעס, און מע האָט גיך געגעבן א יעדיִע איינער דעם אַנדערן, אַז „מען גייט" — און ס'איז אויסגעוואַקסן הינ־טער אונדזערע פּלייצעס א גאַנצע כאַליאַסטרע! צעטרײַבן די כאַליאַסטרע איז אומעגלעך, וואָרעם, וואָס מער איר וועט זיי טרײַבן, איז זיי אַלץ מער טשיקאַווע. און אָט אַזוי זײַנען מיר געגאַנגען מיט א האַרמידער צום נײַעם פּריסטאַוו. פריִער פון אַלע איז געגאַנגען זעליק דער שאַמעס מיטן שאָלעכמאָנעס אין ביידע הענט אינדערהויך, נאָך אים זײַנען געגאַנגען מיר, דעפּו־טאַטן, און נאָך אונדז די כאַליאַסטרע. און האָט אַזוי זײַנען מיר געקומען צום פּאָרעץ.

געקומען צום פּאָרעץ — זײַנט איר שוין פאַרטיק? האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַן אייסעק: מי וואָמי? — ווער זאָל זײַן ערשט, דאָס הייסט, ווער זאָל פריִער פון אַלע א צי טאָן דאָס גלעקל? האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש: „צי דו"... — „פאַרוואָס עפּעס

איך? פאַרוואָס ניט דו?". אונדזערע קאַסרילעווקער פײַנע בעריעס: מיטנ צונג איז יעדערער א מאַזיק, קומט צו עפּעס, איז ניטאָ קיינער. „א רועך אינ אײַער פאָטער אונ מוטער אַרײַנ, זאָג איך צו זיי, וואָס זײַנט איר פאַר דעפּוטאַטנ, זאָג איך, וואָס איר האָט מוירע פאַר א גלעקל? וואָס וועט אײַך, זאָג איך, דאָס גלעקל טאָנ? טוט, זאָג איך, א צי, זאָג איך, דאָס גלעקל, וועט שוינ, זאָג איך, קלינגענ". זאָגנ זיי צו מיר: „אַז איר זײַנט א ווייסער אפּ גלעקלעך, טאָ פאַרוואָס ציט איר ניט?" מיט א ייִדנ איז טאָמיד אַזוי: דו זאָגסט אים דאָס, ענטפערט ער דיר ווייס־איך־וואָס! שווער אויסצוקומענ מיט א ייִדנ! נאָר מיר ריידנ נישט פונ דעמ, מיר ריידנ פונ שאָלעכמאָנעס.

אַקיצער, ס'איז געבליבנ, אַז קיינ מעיוכאָסימ איז ניטאָ! אַלע דאַרפנ זיך אָנעמענ פאַרנ גלעקל. אונ מיר האָבנ זיך אַלע געגעבנ א נעמ, אונ דאָס גלעקל האָט געגעבנ אַזא קלונג, אַז מיר האָבנ דערהערט אינדרויסנ, וואָס אינ שטוב טוט זיך. עס איז געוואָרנ א לויפערײַ פונ די טרעפּ אַראָפּ, אונ עס האָט זיך געגעבנ אַנ עפנ אופ די טיר, אונ עפּעס א נעקייווע האָט זיך אפּ א מינוט א ווײַז געטאָנ פאַר אונדזערע אויגנ, איינ קוק געטאָנ אפּ אונדז אונ אפנ שאַמעס מיט די שאָלעכמאָנעס, אונ האָט אַרויסגעלאָזט א געשריי: „באַטיושקי", א האַק געטאָנ מיט דער טיר אונ געלאָזט אונדז שטיינ, ווי די נאַראָנימ, אינדרויסנ מיטנ שאָלעכמאָנעס. נעמט־זשע, בעהיימעס, אונ פאַרקערעוועט דעמ דישל אונ גייט צוריק אַהיימ! ניינ, דאַרפ מענ זיך אַוועקשטעלנ באַקלערנ די זאַך אַרומ אונ פונ אַלע זײַטנ: ווער קאָנ זײַנ די נעקייווע? א ווײַב, צי א פּאָליובאָווניצע?.. אונ וואָס האָט זי אַזעלעכס אפּ אונדז דערזענ, וואָס זי האָט אונדז געלאָזט שטיינ אינדרויסנ? אונ ווי געווײנטלעך, זאָגט דאָך יעדערער מיסטאָמע זײַנ סוואָרע אונ מיינט, אַז נאָר זײַנ סוואָרע איז א סוואָרע; אײַ, טאָמער איז א סוואָרע, אַז יענעמס סוואָרע איז אויך א סוואָרע? — דאָס וויל א ייִד ניט וויסנ... אײַ, א ייִד!

אקיצער, איך וועל אײַך לאַנג ניט מאריך זײַן, — איך דאַרף נאָך זײַן אין דרײַ ערטער, — אַזױװי מיר שטייען און שפּאַרן זיך דאָ װעגן דער נעקייווע, מיר טוען אַ קוק, פונוואַנען האָבן זיך עס גענומען אַ שיינע ביסל פּאָליציי, סאָלדאַטן, גאָראָדאָװױעס, אוריאַדניקעס, אָנגעװאָפּנטע בעכארבי, זאָגט ער, אוביקאַשטי, מיט שווערדן און מיט ביקסלעך, און דער אָדן אַליין הינטער זיי, און מע טוט אַ שטעל אַװעק אַנטקעגן אונדז דאָס געװער, און דער אָדן עפנט אויף אַ געמבע און לאָזט אַרויס אַ געשריי, מיר זאָלן די מינוט אַװעקלייגן אויף דער ערד, אָט דאָס, װאָס מיר טראָגן, און ביסמײַסע װײַזט ער מיט די אויגן אויף שאַמעס און אויפן שאָלעכמאָנעס, — אַניט, זאָגט ער, װעט ער הייסן שיסן!..

איך דאַרף אײַך ניט דערציילן, אַז מיר האָבן אים געפאָלגט און האָבן דעם שאָלעכמאָנעס אַװעקגעשטעלט אויף דער ערד און אַפילע ניט אויפגעדעקט דאָס טישטעכל, װאָרעם ער האָט אונדז נישט געלאָזט זיך צורירן צום שאָלעכמאָנעס. ער האָט געזאָגט, אַז יעדער, װאָס װעט זיך אָנרירן מיט אַ פינגער, װערט ער געשאָסן אויפן אָרט. איר הערט װערטער? יאָװנ, דאַרפט איר װיסן, איז אויף די זאַכן אַ באָטועך. אַז ער זאָגט שיסן, שיסט ער... װאָס מיט אונדז איז געװאָרן אין דער מינוט, דאַרף איך אײַך ניט דערציילן. איבערגעשראָקן איז ניט שײַעך צו זאָגן. שרעקן קאָן מען זיך פאַר אַ זאַך, װאָס איך האָב מוירע, טאָמער קומט עס. אָבער אַז איר זעט פאַר זיך דעם מאַלכאַמאָװעס אַליין? אָט איז אײַער פּאָנעם, אָט איז אײַער באָרד, און אָט איז די לאָך פון דעם ביקס, און ניט פון איין ביקס, נאָר אַסאַך לעכער פון אַסאַך ביקסן, איין שאָס — און באָרעך שעפּאָטראַני, אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. מיילע, פאַר זיך אַליין, װעל איך אײַך זאָגן דעם עמעס, װאָס מ׳שטיינס געזאָגט? די גרויסע גליקן? קאַרג מוטשעט מען זיך אויף דער װעלט? מעג מען לעבן נאָך עטלעכע יאָר, װעט מען אויפעסן נאָך עטלעכע פורעם־קוילעטשן מיט נאָך

עטלעכע פוד מאצע. איז מען דאָך אָבער א ייִד, און א ייִד האָט א ווײַב און קינדער... איך ווייס ניט וויִאזוי איר, — איך פאר שטארבן האָב קיין מוירע ניט, נאָר איך האָב עס פײַנט. נאָר מיר ריידן נישט פון דעם, מיר ריידן פון שאָלעכמאָנעס, ריידן מיר, דארף איך אײַך ענדיקן.

וואָס איז געווען ווײַטער, איז איבעריק צו דערציילן, וואָרעם איך געדענק נישט. איך ווייס נאָר, אז מע האָט אונדז גאנצ פײַלן פארנומען, אלע פאָרנעמסטע באלעבאטים פון שטאָט, און מע האָט אונדז אָפּגעפירט מיט קאָוועד אין קאָטשומענט ארײַן, און מע האָט אונדז אָפּגעהאלטן פאוואָלינקע א וואָך דרײַ, און ערשט נאָכדעם גענומען צום סמיך... א גליק וואָס איך האָב מיט גאָטס הילף א שטיקל צונג און קאָן ריידן מיט א פּאָרעצ. איך האָב מיך מיט אים אביסל דורכגעשמועסט. איך האָב אים געגעבן צו פארשטיין אל פּי סייכל, אז אונדזער מיין איז געווען צו גוטן. איך האָב אים געזאָגט, זאָג איך: „פּאָרעצ, זאָג איך, שאָלעכמאָנעס, זאָג איך, סטארע זאקאָן, זאָג איך, האמענע אוכע, וואשע בלאהאָראָדיע"... אָט מיט די ווערטער, וואָס איך זאָג אײַך, איך בין אײַך, כאָלילע, נישט מעגאזעם אפ קיין האָר. מיינט איר, וואָס האָט ער דערוף געענטפערט? גאָרנישט, נאָר אָנגענומען מיך פארנ אויער און א זאָג געטאָן: „עכ ווי, לייבסערדאקי, ווי טרוסלי־ווע!"... און נאָך דערלאנגט א שנעל אין נאָז ארײַן... און דאנקען גאָט דערפאר, וואָרעם הײַנטיקע צײַטן געשאָסן ווערן פון א ביקס איז גרינגער ווי אופצועסן א האָמענטאש מיט מאָן...

ווייסט איר ניט ווו האלט דער זייגער?

„גוטמאָרגנ״

(א מײַסע שעהאָיע)

מאטוויי ווערעטא האָט זיך פארשפעטיקט. א גאנצע נאכט גע־שפּילט אינ שטאָט. שפּעט אופגעשטאנענ, אײַנגעשלונגענ דעמ אָנ־בײַסנ אונ פליט דאָס צו „פאנקאָנינ״.

ס׳איז הײַנט א טאָג פונ קורסנ, א בערזנ־טאָג. דאָס הארצ זאָגט אימ, אז ער וועט הײַנט האָבנ א גוטנ טאָג. ער האָט שוינ דערופ סימאָנימ אזעלכע. ערשטנס, האָבנ זיך אימ געכאָלעמט שטיוול, אונ דאָס איז יאָדוע, אז עס כאָלעמען זיך שטיוול — איז גוט. שוכווארג „וואָאָבשטשע״ באווײַזט אפ געלט... הײַנט איז מענ אימ איבערגעגאנגענ אפ דער קאנאטנע מיט פולנ... אונ אָנ אלעמענ האָט ער „וואָאָבשטשע״ א פאָרגעפיל. (יעדער בערזנ־מענטש האָט א פאָרגעפיל). רענטע מוז הײַנט אראָפּפאלנ, דאָס איז זיכער, ווי דער טאָג. מאטוויי ווערעטא איז אפ רענטע „אלא־בעס״. ער האָט זי פּײַנט. ער האלט אינ איינ פארקויפנ רענטע, אונ רענטע האלט אינ איינ שטײַגנ. קאָסט דאָס אימ רעבע־געלט. נו, געוויינטלעכ, פונדעסטוועגנ פאלט ער בא זיך ניט אראָפּ. לאָז זיך די רענטע הייבנ וויפל זי וויל — עס מוז אפ איר קומענ אמאָל א מאפּאָלע. ביזוואנענ וועט זי שטײַגנ!..

מיינט ניט, פונדעסטוועגנ, אז מאטוויי ווערעטא איז בעטעווע אזא שלעכטער מענטש, וואָס איז געשטימט „אלא־בעס״. פאר־

קערט, אַף אַנדערע פּאַפּירן איז ער דאַפּקע „אָלאַ־האַס“. לעמאַשל, „וויגדישנע“ — זאָל ער דאָס פאַרמאָגן, וויפל „וויגרישנע“ ער האָט אָנגעקויפט אַף אולטימאַ פעבראַר און אולטימאַ יונ. וואָס מיינט איר, מאַטוויי ווערעטאַ איז עפּעס אַ ייִנגעלע, ער פאַרשטייט ניט, וועלכעס ס׳דאַרף גיין אַראָפּ און וועלכעס אַרויף? אײַ, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל אין איין צײַט גיין אַראָפּ און אַרויף? עמעס, עס קומט טאַקע אויס אַביסל פריקרע, ווי לעמאָשל, פליישיק און מילכיק צו גלײַכער צײַט. דער טערעץ איז אָבער: אין אָדעס איז אַלץ מעגלעך. איך וועל עס אײַך אַמאָל אויסווײַזן מיט סימאָנים און מיט ראַיעס. אַמאָל, ניט הײַנט, איצט זײַנען מיר פאַרנומען מיט מאַטוויי ווערעטאַ. געקומען אַף „פּושקינסקע“ צום „אוגאָל באָלשאַיאַ אַרנאַוטסקאַיאַ“, לויפט אים אַנטקעגן אַ גאַזעטן־טרעגער מיט אַ פאַרשוויצט פּאָנעם: „גוטמאָרגן!“

— גוטמאָרגן, גוטיאָר!

די אָדעסער זײַנען „וואָאָבשטשע“ העפלעך, — אַזוי טראַכט זיך ווערעטאַ און שפּאַנט ווײַטער. אָפּגעגאַנגען ביז „אוגאָל באַזאַרנע“, קומט אים אַנטקעגן נאָך אַ גאַזעטן־טרעגער און ווידער: — „גוטמאָרגן“. גוטמאָרגן, גוטיאָר! אַף „אוספּענסקע“ אויך די אייגענע מײַסע: „גוטמאָרגן“, „גוטמאָרגן“! און אַזוי אַף „טראָיִצקי“ און אַף „יעווריייסקי“ און אַף „פּאָטשטאָווע“ — אומעטום „גוטמאָרגן“ און „גוטמאָרגן“. זיי האָבן זיך דאָס אַ ביסל צעגוטמאָרגנט, טראַכט זיך מאַטוויי ווערעטאַ, צי מאַכן זיי ניט כויזעק פון אים, וואָס ער גייט אַזוי שפּעט אַף דער בערזע?.. אַביסל אַן אַזעס! און „וואָאָבשטשע“, וואָס פאַר אַ מעכוטן איז ער מיט גאַזעטשיקעס?... און מאַטוויי הייבט אָן צו גיין נאָך גיכער ביז דער „פּאָליציייסקע“. געקומען אַף דער „פּאָליציייסקע“, האָט מען אים גענומען אַטאַקירן פון ביידע זײַטן און פּאָכן אים גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן מיט עפּעס מאָדנע בלעטלעך מיט ייִדישע אויסיעס:

— „גוטמאָרגן“! „גוטמאָרגן“! „גוטמאָרגן“!..

ערשט דאָ האָט זיך אונדזער העלד אַרומגעקוקט, וואָס דאָס

איז פאר א „גוטמאָרגנ". און ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ א ווײַ־
לע — אָבער טאקע ניט מער ווי אפ א ווײַלע — און האָט פארבונד'נ
א גאנצ קורצנ דיאלאָג מיט אײנעמ פונ די גאזעטנ־טרעגער.
— א גאזעט ?—א גאזעט. א ייִדיש ? — א ייִדיש. — ווו גײט זי ארויס ?
—אינ אָדעס. — אינ אָדעס ? וואָס קאָסט זי ? — א קאָפּיקע. גיכ, נאָכ
גיכער, ווי איכ שרײַב די דאָזיקע ווערטער, האָט מאטוויי ווערע־
טא ארויסגעכאפּט דאָס בײַטעלע, ארויסבאקומענ פינ דאָרט צוויי
קאָפּיקעס, ניט געווארט אפ אויסגאָב, א כאפּ געטאָנ א „גוטמאָרגנ"
אונ — ארומגעקוקט זיכ צי קײנער זעט ניט, האָט ער ארײַנגעש־
טעקט דאָס בלעטל טיפ אינ קעשענע אונ מיט א שטילנ געלעכ־
טער אינ זיכ זיכ געלאָזט גײנ ווײַטער צו דער „דעריבאסאָווסקע".
„כא־כא־כא, ער וועט שוינ האָבנ צו דערצײלנ בא פאנקאָני... א
ייִדישע גאזעט... אינ אָדעס „וואָאָבשטשע" כא־כא־כא... אלצדינג
מאכנ נאָכ אונדזערע ייִדעלעכ... מײלע, מעטרעסעס, ליובאָווני־
קעס, „קאָמעדיע בראק"—יושקעוויטש, כא־כא־כא, דאָס איז נאָכ צו
פארשטײנ... אָבער א גאזעט, א ייִדישע גאזעט אינ אָדעס ? כא־
כא־כא... עס וועט שוינ זײַנ „וואָאָבשטשע" פונ וואָס צו רײדנ
בא פאנקאָנינ...

* *
*

בא פאנקאָנינ האָט מאטוויי ווערעטא פארגעסנ אינ דער גאנ־
צער מײַסע: די רענטע האָט זיכ אפּצולאָכעס געגעבנ א הײב
אופ, אונ די „וויגרישנע" האָבנ געגעבנ א פאל אראָפּ — גלײַכ ווי
זיי האָבנ זיכ צונויפגערעדט...

„קאָמעדיע בראק"

(א נײַע פורים־שפּיל אין צוויי אקטן)

די פּארשוינען:

אכאשווייר עש — שאך פון פּערסיע.
האָמאָן — אן אנטיסעמיט.
מאָרדכע — א ייִד.
עסטער — זײַן קוזינע.
יושקעוויטש — א שפּיל־מאכער.
מעמוכאָן — א שילאטן־שאמעס.
הויף־מענטשן, געסט, פּובליקום.
עס קומט פאָר אין דער הויפּטשטאָט פון פּערסיע, אין שושן־האבירע.

ערשטער אקט.

באם קעניג אכאשווײרעש אין פּאלאץ זיצט מען און מע טרינקט. אפ א שטול פון העלפאנד־ביין, מיט גאָלד באלייגט, זיצט דער שאך מיט א גאָלדענער רוט. אנט־קעגן שטייט האָמאָן, די הענט צונויפגעלייגט אפ דער ברוסט, אָנגעטאָן אין א דרײַעקיקן ספּאָרעק, ווי א האָמענטאש. בא דער טיר שטייט מעמוכאָן.

אכאשווייר עש (פארזאָרגט צו האָמאָנען) — וואָס זאָל איך זאָגן, האָמאָן, אומעטיק... וואשטין אומגעבראכט... אָן א קעניגן... סקוטש־נע אין שושן־האבירע..

האָמאָן — גרויסער קעניג! זאָרג ניט. ס'איז דאָ אן אייצע.

אכאשווייר עש — דעהײַנע?

האָמאָנ — זאָל מען צונויפרופן אַלע קראַסאָוויצעס פונ שושנ־האבירע, אויסקלײַבן פונ זיי די שענסטע און די בעסטע, און אויב זי וועט געפעלן דעם קעניג...

אכאשווייר עש — אנ אידייע.

האָמאָנ — מעמוכאָנ!

מעמוכאָנ (גייט צו) — אדוני קעניג!...

האָמאָנ (צו מעמוכאָנען) — טו א שפרונג אפ איינ פוס, זאמל צונויפ אַלע קראסאוויצעס פונ שושנ־האבירע, און די שענסטע און די בעסטע פונ אַלע זאָלסטו ברענגענ פארנ קעניג.

מעמוכאָנ — היגייני, איכ בינ גרייט! (שפרינגט אפ איינ פוס. עפנט אופ די טיר, זינגט). ארײַנ, ארײַנ, ארײַנ, דו שיינע עסטער דו מײַנ!

עסטער (קומט ארײַנ, קניט פארנ קעניג) — אדוני קעניג!

אכאשווייר עש (אופגעלייגט, צו האָמענען) — וואָס זאָגסטו? נישקאָשע פונ א יעפייפיע? הא?

האָמאָנ — א פײַנע נעקייווע. (אינ א זײַט) איכ בינ אליינ אויכ א באַלנ אפ אזא שטיקל סכוירע...

אכאשווייר עש (צו עסטערנ) — ווי רופט מענ דיכ, מײַנ קינד?

עסטער — עסטער איז מײַנ נאָמען.

אכאשווייר עש (צו האָמאָנען) — וואָס טוט מענ מיט עסטערנ, וואָס זי איז מיר אזוי געפעלן? עס ברענט אינ מיר א פײַער פונ ליבע...

האָמאָנ (אינ א זײַט) — שוינ? עס האָט זיכ שוינ צעברענט אינ אימ א פײַער! דער זעלבער פײַער ברענט אינ מיר אויכ... (צו אכאשוויירעשנ) גרויסער קעניג! פרעגסט מיכ וואָס מע טוט? מע טוט אָנ וואשטיס קרוינ אפ איר קאָפּ, און זאָל זי זײַנ קעניגנ אפ וואשטיס אָרט. (פאר זיכ) און מיט דער צײַט וועל איכ מיכ מיס־טאמע צו איר אליינ צושאדכענענ...

אכאשווייר עש — אנ אידייע! (בייגט אָנ די רוט צר עסטערנ).

עסטער דו האָסט געפונען כיין אין מײַנע אויגן. פון הײַנט אָ ביסטו קעניגן. (עסטער קושט די רוט). גרויסער קעניג! (גייט אָפּ).

אכאשווײרעש (צו האָמאָנען) — מײַן געטרײַער קנעכט האָמאָן! וואָס פאר א באלוינונג זאָל איך דיר געבן פאר דער אייצע? (טוט אויס דעם רינג פון פינגער און שענקט אים א מאטאָנע).

האָמאָן (נעמט דעם רינג) — איך דאנק דיר, גרויסער קעניג! איך פארלאנג ניט קיין באלוינונג, נאָר איין זאך וואָלט איך יאָ בעטן פון דיר, אויב איך האָב געפונען כיין אין דײַנע אויגן. פאראן בא דיר אין הויף א ייִד, מאָרדכע הייסט ער, קען איך אים ניט אָנקוקן, איך וואָלט אים וועלן זען הענגען אף א בוים.

אכאשווײרעש — געהאנגען זאָל ער ווערן!

האָמאָן — איך דאנק דיר, גרויסער קעניג. דאָס אליין איז אָבער ווינציק. מאָרדכע איז בא דיר ניט איינער. פאראן בא דיר אין דער מעדינע שישים ריבע אזעלכע ייִדן, ניט אויסצושטיין פון זיי — זיי האָבן זיך זייערע אייגענע דינים און זייער אייגענעם לאָשן, און טוען אונדז נאָך, פונדעסטוועגן, אלצדינג, אזוי ווי די מאלפּעס: עסן אונדזער כאזער, טרינקען אונדזער ווײַן, ריידן אונדזער שפראך און בײַטן זיך מיט די ווײַבער. „פרײַע ליבע"— פונקט אזוי־ווי בא אונדז...

אכאשווײרעש (אין צאָרן) — וואָס איך הער!

האָמאָן — טאָמער גלייבסטו מיר ניט, רוף ארײַן יושקע־וויטשן דעם שפּילמאכער, ער האָט אופגעפירט א שפּיל פון זייער ייִדישן לעבן מיטן נאָמען „קאָמעדיע בראק".

אכאשווײרעש — ארײַנקומען זאָל ער!

האָמאָן (צו מעמוכאָנען) — טו א שפּרונג אף איין פוס און ברענג ארײַן אהער יושקעוויטשן דעם שפּילמאכער! (מעמוכאָן שפּרינגט אף איין פוס און קומט באלד צוריק).

מעמוכאָן (עפנט אוף די טיר, זינגט) — ארײַן, ארײַן, ארײַן, סעמיאָן יושקעוויטש דו מײַן!

יושקעוויטש (אנ איבערגעשראָקענער) — מע האָט געשיקט נאָך מיר?

ה אָ מ אָ ן (צו יושקעוויטשן) — דו האָסט אָנגעשריבן א שפּיל מיטן נאָמען „קאָמעדיע בראַק״?

י ו ש ק ע ו ו י ט ש — און אז איך האָב אָנגעשריבן, איז וואָס. שאָלעמ אַש מעג שרײַבן, און איך ניט? באַשער זיי זאָגן, אז איך בין אַן אַנטיסעמיט? מיט וואָס בין איך אַן אַנטיסעמיט? דערמיט וואָס איך זאָג ארויס דעם עמעס? דערמיט וואָס איך פיר ארויס אפ דער סצענע די זאַטע בורזשויעס מיט זייערע אויסגעלאַסענע ווײַבער? בין איך דען שולדיק, אז ס׳איז בא זיי העפקער צי־בעלעס — מײַנס און דײַנס און שוטפעסדיקס? וואָס בין איך שול־דיק, אז ס׳איז בא זיי געוואָרן א מאָדע „פרײַע פארבאָרגענע לי־בע״? וואָס איז שולדיק דער קינסטלער, אז די דאָזיקע מאגנאטן, בורזשויקעס, אינטעליגענטן, אדוואָקאטן, דאָקטוירים טוען איצט קיין זאַך, נאָר זיי האַלטן אין איין בײַטן זיך — נא דיר מײַן ווײַב, און גיב מיר דײַן ווײַב?...

ה אָ מ אָ ן (צו אכאשווייערעשן) — הערסט ווערטער? (צו יושקעוויטשן) נו, און ווי איז בא זיי מיט די איבעריקע זאַכן? לעמאָשל, כא־זער?

י ו ש ק ע ו ו י ט ש — און אז זיי פרעסן איקרע איז וואָס? איק־רע איז דען ניט טרייף, ווי כאַזער?

ה אָ מ אָ ן (צו אכאשווייערעשן) — הײַנט זעסטו שוין? זיי זאָגן אַלײַן אפ זיך, וואָס אין דער קאָרט. הײַנט וואָס זאָל איך שוין זאָגן?

י ו ש ק ע ו ו י ט ש (ווייל זיך פארענטפערן) — איך זאָג עס דען אפ קלאל יידן? האָב איך דען ניט געזאָגט פריִער, אז „קאָמעדיע בראַק״ — דאָס איז נאָר בא פעטע זאַטע בורזשויעס?... האָב איך דען ניט געזאָגט דעם עמעס אַלס קינסטלער און אַלס פּאַטריִאָט פון מײַן פאָלק?... אָדער כ׳האָב געזינדיקט מיט דעם, וואָס כ׳האָב אומעטום אויסגעהאַלטן דעם יידישן אקצענט? אָדער...

ה אָ מ אָ ן (שלאָגט אים איבער) — גוט, גוט, דײַן ארבעט וועט ניט זײַן אומזיסט... קענסט גיין. (יושקעוויטש גייט אָפּ).

(צו זיכ אַלײנ). איכ וועל מיכ ניט באַרויִקנ, ביז מע וועט ניט אויסהענגענ אַלע ייִדנ. (צום שאַפ). אדוינַי קעניג! אויב איכ האָב גע־פונענ כיינ אינ דײַנע אויגנ, וואָלט איכ דיר געזאָגט, אַז מיר דאַרפנ די ייִדנ אַפ טישימ נײַנציק קאַפּאָרעס. א פּאַסקודנע פאָלק! זיי טוענ אונדז נאָכ אַפ יעדנ טריט. „פרײַע ליבע", בײַטנ זיכ מיט די ווײַבער... הײַנט בײַטנ זיי זיכ מיט זייערע ווײַבער, מאָרגנ וועלנ זיי זיכ בײַטנ מיט אונדזערע ווײַבער... איכ וואָלט געזאָגט, מע זאָל זיי אויסהענגענ אַלע אינ אײנ טאָג.

אכאשווערעש — אַנ אידייע. געהאַנגענ זאָלנ זיי ווערנ!

(עס עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט אַרײַנ עסטער, אָנגעטאָנ ווי א קעניגנ).

אכאשווערעש (צו עסטערנ) — וואָס איז דײַנ באַגער, עס־טער? ביז א האַלבער מעלוכע וועסטו באַ מיר פויעלנ.

עסטער (קניט) — אויב איכ האָב געפונענ כיינ אינ דײַנע אויגנ... מאָרגנ איז באַ מיר א באַל, וועל איכ דיכ בעטנ, גרוי־סער קעניג, דיכ אונ האָמאָנענ צו מיר אַפנ באַל.

אכאשווערעש — צוליב דיר, עסטער, ביז א האַלבער מע־לוכע וועסטו באַ מיר פויעלנ. (גייענ אָפּ).

האָמאָנ (בלײַבט אַלײנ, רײַבט א האַנט אינ א האַנט) — עס גיט זיכ אויס א טאָג! מיר איז דאָס געראָטנ! אינ אײנ קלאַפּ פּאָטער געוואָרנ פונ מאָרדכענ אונ פונ אַלע ייִדנ, אונ איצט בינ איכ אײַנ־געלאַדנ אַפּ א באַל צו אָט דער יעפּײפיע. כא—כא—כא, עס וועט שוינ זײַנ א „קאָמעדיע בראַק"!...

צווייטער אקט

(א פּרעכטיקער בודואַר אינ פּערסישנ סטיל. ווייכע דיוואַנעס. אַפּ אַנ אַטאַמאַנקע ליגט אָנגעשפּאַרט אַפּ א האַנט עסטער. אַנטקעגנ איר שטייט האָמאָנ, אָנגעטאָנ אינ דער גאַנצער טערקישער אוניפאָרמ. פונ דער האַלב־צוגעמאַכטער טיר באַווײַזט זיכ אַלע מינוט א פיגור. דאָס איז מאָרדכע. ער הערט זיכ אונטער).

האָמאָנ (צו עסטערנ) — אַזויווי די זונ אינ טאַמעז, אַזוי טוסטו שײַנענ. ווי די טײַבעלעכ, טוענ קוקנ דײַנע אויגנ. א פײַער ברענט

אין מײַנ הארצנ, פונ זינט איכ האָב דיכ דערזענ. (ווײל זי געמענ פאר א חאנט).

ע ס ט ע ר (נעמט צו איר האנט) — דו פארגעסט, אז איכ געהער צום קעניג אכאשווײרעש...

ה אָ מ אָ נ — דײַנ לײַב, אָבער ניט דײַנ נעשאָמע. די ליבע איז פרײַ... פרײַ, אזױװױ דער ווינט... אזױװױ די וועלט... (קניט, קושט איר די שפיצ פיס). אָ, ליב מיכ, ליב מיכ, עסטער!... (מאָרדכעס פיגור ווערט אינגאנצנ פארשווונדנ. עס עפנט זיכ האסטיק די טיר אונ עס באווײַזט זיכ דער שאכ. האָמאָנ הערט ניט אופ צו קושנ עסטערנ די שפיצ פיס אונ ריידנ מיט פײַער: „אָ, ליב מיכ, ליב מיכ, עסטער!”... דערזעט דעמ שאכ, כאפט זיכ אופ, גלײַכ ווי ניט ער, גײט צו צומ שאכ). גרויסער קעניג!...

א כ א ש ו ײ ר ע ש (אינ צאָרנ, נאָר האלט זיכ אײַנ) — זאָג נאָר, מײַנ געטרײַער קנעכט האָמאָנ, וואָס קומט יענעמ מענטשנ, וואָס דעמ שאכס קעניגנ איז בא אימ טײַערער פונ זײַנ אײגנ לעבנ?

ה אָ מ אָ נ — אזא מענטשנ דארפ מענ ארופזעצנ אפנ קעניגס פערד, פירנ איבער שושנ האבירע אונ שרײַענ: „קאָכאָ יעאָסע לאָיש”.

א כ א ש ו ײ ר ע ש — מעמוכאָנ! (עס קומט ארײַנ מעמוכאָנ). ווער איז אינ הויפ?

מ ע מ ו כ אָ נ — מאָרדכע דער ייִד.

א כ א ש ו ײ ר ע ש — ארײַנקומענ זאָל ער! (מעמוכאָנ קומט ארײַנ מיט מאָרדכענ).

מ אָ ר ד כ ע (קניט) — אדוינִי קעניג!

א כ א ש ו ײ ר ע ש (צו האָמענען) — זײַ זיכ מאטריִעכ, נעמ דאָס פערד, זעצ ארופ אָט דעמ ייִדנ מאָרדכע רײַטנדיק, פיר אימ דורכ איבער שושנ־האבירע אונ שרײַ אויס: „קאָכאָ יעאָסע לאָיִש”.

ה אָ מ אָ נ (ווײל אָנהײבנ ריידנ) — אדוינִי קעניג!... (אכאשווײרעש לאָזט אימ איבער).

א כ א ש ו ײ ר ע ש (צו מאָרדכענ) — וואָס קומט דעמ מענטשנ, וועלכנ דער קעניג האָט געכאפט זיכ וואלגערנ בא דער קעניגנ צופוסנס?

מאָרדכע — הענגענ!

אכאשוויירעש (צו מעמוכאָנענ) — געהאנגענ זאָל ער ווערנ!

עסטער (צום קעניג) — גרויסער קעניג, אויב איכ האָב געפונענ כיינ אינ דיינע אויגנ, זאָל מיר זיינ דערלויבט צו דערציילנ פאר דיר מיינ ביטער הארצ. ניט נאָר אפ מיר אליינ האָט מענ היינט געמאכט אנ אָנפאל, נאָר אפ מיינ גאנצער מישפּאָכע אונ אפ מיינ גאנצנ פאָלק האָט מענ אָנגערעדט פאר דיר, מע זאָל אונדז אויסהענגענ אלע אינ איינ טאָג.

אכאשוויירעש (אינ גרויס גרימצאָרנ) — ווער איז עס אָט דער דאָזיקער, וואָס האָט זיכ דערלויבט צו טאָנ אזא זאכ?

עסטער (ווייזט אפ האָמאָנענ) — אָט דאָס איז ער, אָט דער רעצייעכ, דער האָמאָנ.

אכאשוויירעש (צו האָמאָנענ) — אפ וואָס געגרינדעט האָסטו געוואָלט אומברענגענ א גאנצ פאָלק?

האָמאָנ (קניט) — גרויסער קעניג, איכ בינ ניט שולדיק. שולדיק זיינענ זיי אליינ. זייערער אנ אייגענער האָט אָנגעשריבנ אפ זיי א שפּיל מיטנ נאָמענ „קאָמעדיע בראק", שטייט דאָרט בעפיירעש געשריבנ, אז...

אכאשוויירעש (וויל ניט הערנ ווייטער) — ווער איז אָט יענער?

האָמאָנ — סעמיאָנ יושקעוויטש רופט מענ אימ.

אכאשוויירעש (צו מעמוכאָנענ) — אריינקומענ זאָל ער, אָט דער דאָזיקער! (מעמוכאָנ שפּרינגט אפ איינ פוס אונ קומט באלד צוריק מיט יושקעוויטשנ).

מעמוכאָנ (עפנט די טיר) — אריינ, אריינ, אריינ, ברודער יושקעוויטש דו מיינ!

אכאשוויירעש (צו יושקעוויטשנ) — הער נאָר דו, אזעלכער אונ אזעלכער, וואָס פאר א טשעפּוכא האָסטו דאָרט אָנגעדראקעט אפ דיינ פאָלק?

יושקעוויטש — אז עטלעכע פעטע בורזשויעס פארנעמענ זיכ מיט פרייער פארבאָרגענער ליבע, הייסט עס דענ דאָס גאנצע

פאָלק? און אז שאָלעמ אש פירט ארויס א יאנקל שאבשעוויטש, הייסט דאָס דענ דאָס גאנצע פאָלק?

אכאשווייר עש (צו מעמוכאָנענ) — אוועקוועצנ זאָל מענ אימ אינ הארעמ, אָט דעמ שפּיל־מאכער, מיט פערציק סאָריסימ, אונ פערציק טעג דורכאנאנד זאָל מענ שפּילנ פאר אימ זײַנ „קאָמעדיע בראק", טאָג אזויוי נאכט, אונ אז ער וועט אנשלאָפנ ווערנ, זאָל מענ אימ אופוועקנ אונ ווידער שפּילנ פאר אימ זײַנ „קאָמעדיע בראק", אונ אזוי פערציק טאָג קעסיידער. (צו האָמאָנענ). וויפל קינדער האָסטו?

האָמאָנ (מיטנ לעצטנ ביסל האָפענונג) — צענ: פארשאנדאָסאָ, דאלפאָנ, אסאפטאָ, פורסאָ, אדאליאָ, ארידאָסאָ, פארמאשטאָ, אריסי, אדידי, ווײַזאָסאָ...

אכאשווייר עש — געהאנגענ זאָל ער ווערנ מיט אלע צענ.

(נעמט אראָפּ בא האָמאָנענ דעמ ספּאָדעק פונעמ קאָפּ אונ טוט אָנ מאָרדכענ. נעמט עסטערנ פאר א האנט, גייט אָפּ. מאָרדכע גייט זיי נאָכ).

מעמוכאָנ (צו האָמאָנענ) — קומ, האָמאָנ, וועל איכ דיכ אופהענגענ. (גייענ אָפּ).

יושקעוויטש (איינער אליינ אינ א טראגישער פּאָזע, האלט זיכ באמ קאָפּ) — צו וואָס האָט מיר גענוצט אָט דער גאנצער אייסעק? צו וואָט האָב איכ באדארפט א „קאָמעדיע בראק"? זיכ פארטשעפּענ מיט ייִדנ? פארוואָס האָב איכ בעסער ניט אָנגעשריבנ אָט דאָס פראנצויזישע שטיק „שאנטעקלער"?... מײַנ „קאָמעדיע בראק" איז געגאנגענ סאכאקל א מאָל צוואנציק, אונ „שאנטעקלער" גייט אָנ א סאָפ אונ וועט נאָכ גייִנ אונ גייִנ.

מעמוכאָנ (קומט צוריק, נעמט יושקעוויטשנ פאר א האנט) — קומ, שימענ, וועט מענ דיר לייענענ די מעגילע...

פאָרהאנג.

אפֿן הימל א יאריד

(א טראגעדיע פֿון פֿרעמיעס)

דאָס האָט זיך געטראָפֿן, מײַן ליבער ייִד, אין א װארעמער זומער־נאכט, אין װארשע, הײסט עס, אפֿ דער סמאָטשע־גאס. עס איז שױן געװען װײַט נאָך האלבער נאכט. די זילבערנע לעװאָנע, װי מע רופֿט זי אָן אין די ביכלעך, האָט זיך געהאט אװעקגעמאכט אפֿ יענער זײַט לאזענקיס, ניט געװאָלט מער ארײַנקוקן אין דער קאפּצאָנישער גאס, די בריליאנטענע שטערן האָבן אָנגעהױבן אײנ־ציקװײַז אױסלעשן זיך, אזױ װי די בענטש־ליכט. אז עס האָט זיך פּלוצעם געלאָזט הערן א קנאק, און איך האָב דערפֿילט אפֿ מײַן לינקער באק פֿינף קאלטע פֿינגער און דערהערט א װילדן געשרײ פֿון א קענטלעכער שטים, איך װאָלט געמעגט שװערן, אז דאָס רעדט מײַן װײַב זאָל לעבן: „ארױס, מעשומעד!" האָט זי געשריגן מיט אזעלכע קולעס, גלײַך װי מע װאָלט זי געװאָלט קוילן. „ארױס מיט דער כצופּע אינײנעם, איך זאָל דײַן טרײפֿענעם פּאר־צעפּ ניט אָנקוקן! װאָן!!!" — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, מײַן ליבער ייִד, דאָס איז געװען דאָס קאָל פֿון מײַן װײַב עסטער־בראָכע, זאָל לעבן, און דאָס זײַנען געװען אירע פֿינף פֿינגער טאקע אפֿ מײַן לינקער באק. ריבױנעשעלױלעם! — טראכט איך מיר, — איך װאָלט נאָר װעלן װיסן פֿאר װאָס? פֿאר װאָס

קומט דאָס מיר, פאר וועמעס זינד?! איכ בינ, דארפט איר וויסנ זיינ, א באווייבטער, „באָרעכהאשעמ", ניט דאָס ערשטע יאָר, שווער איכ אייכ בעהענ שעלי, אז עס האָט זיכ מיר נאָכ אזא מייסע, הערט איר, ניט געטראָפנ! מיינ ווייב זאָל אפ מיר בייזערנ זיכ אמאָל, יאדענ, עסנ, זידלענ, שעלטנ — דאָס טרעפט, דעראָפ איז זי דאָכ א ווייב, אונ איכ דאָכ א מאנ. נאָר זי זאָל אופהייבנ אפ מיר א האנט — דאָ האָט זי שוינ געמוזט, אפאָנעמ, שטארק ארויס פונ די קיילים. דאָ האָט שוינ געמוזט פאָרקומענ עפעס אזעלעכס, וואָס טרעפט זיכ איינ מאָל אינ הונדערט יאָר, אונ בּיכדיי איר זאָלט פארשטיינ אקוראט, וויאזוי דאָס האָט זיכ געטראָפנ, מוז מענ אייכ, אפאָנעמ, דערציילנ די גאנצע מייסע פונעמ אָנהייב ביזנ סאָפ, מיט אלע פליטערלעכ, מיט אלע פעלדעלעכ אונ מיט אלע צושניטלעכ. עפשער געפינט זיכ בא אייכ א פאפיראָסל?

אלזאָ, איכ אליינ, ווי איר זעט מיכ, בינ א באלמעלאָכע, א ייד א שניידער, הייסט עס, אונ זיצנ זיצ איכ אינ ווארשע אפ דער סמאָטשע־גאס, אויב איר ווייסט. אונ כאָטש מיר זיינענ ניט מער ווי צוויי מענטשנ, איכ אונ מיינ ווייב, — קיינ קינדער האָבנ מיר ניט, איכ בינ א בעזדעטניק, הייסט עס, — דאָכ ווערנ מיר אויסגעריסנ אפנ פוד! דער יאקרעס פונ דירעס איז בא אונדז, ווייסט איר דאָכ, אינ ווארשע, אזוי גרויס, אז ס'קומט אונדז אויס נאָר וואלגערנ זיכ מיט די בעבעכעס אינדרויסנ. קומט מע־ שעכ, בייס איבערציִענ זיכ פונ איינ דירע אינ דער אנדערער, בלייבנ מיר ביידע, איכ אונ מיינ ווייב, הייסט עס, אָנ קויכעט, זוכנדיק א דירע, אונ אז מע באקומט שוינ ערגעצ א לאָכ אינ א פינצטערנ קעלער, אָדער אפ א בוידעמ, הייסט מענ זיכ ערשט אָפגילטנ, וואָרעמ עס זיינענ דאָ אפ איינ דירע עפשער הונדערטער באלאָנימ, קאָנקורענטנ. קיינ איינאָרע אזא שטאָט, — עמעצער זאָל עס נעמענ אפנ קאָפ א טראכט טאָנ וועגנ אונדז, אָרעמעלייט, וואָס וועט זיינ דער טאכלעס? ווער, ווער, אז ניט אונדזערע צייטונגענ וואָלטנ באדארפט זיכ נעמענ צו דעמ? זייער גאנצער מיינ איז

דאָכ נאָר טויוועס־האקלאל, און זייער גאנצע ארבעט איז דאָכ נאָר צוליב אונדז, צוליבנ פאָלק, געשיקט זיכ עס, אז זיי זאָלנ אזא זאכ אָפּשווײַגנ? הא־יִטאָכנ?...

אזוי טראכט איכ מיר איינמאָל, גייענדיק אינ גאס, הייסט עס, און אזוי ווי איכ גיי, איכ טו א קוק, אפ די נאליוועקעס טוט זיכ כוישעכ. מענטשנ, יידנ און ווײַבער, ערד־טריטעניש! וואָס איז געשענ?

א וואַרשעווער יידישע צײַטונג האָט געגעבנ צו וויסנ, אז אנ עק, זי קאָנ שוינ מער ניט צוזענ די אוולע פונ וואַרשעווער פיאווקעס, די הויז־באזיצערס, און די יעסורימ פונ די אָרעמע לאָקאטערנ, נעבעכ, און זי גייט ארויס דעריבער מיט א מילכאָמע קעגנ דירע־יאקרעס, און צוליב דעמ גייט זי בויענ, זאָגט זי, א גאנצע נײַע שטאָט הינטער וואַרשע — און דאָס וועט זײַנ א פּרעמיע, א מאַטאָנע, הייסט עס, פאר אירע לעזער. די פּרעמיע ווערט געלאָזט אינ א לאָטערייע, אינ א גורל, הייסט עס, און ווער ס׳איז זוכע, דער באקומט אומזיסט א פּלאצ, ניט ווינציקער ווי טארפּאט קוואדראט מײַלנ סאמע אינמיטנ וואלד. און ביכדיי דער אוילעמ זאָל זענ בעכויש, ווו דאָס איז און וואָס דאָס איז, האָט מענ אויסגעמאָלט אפ פּאפּיר א צאצקע און נאט קוקט: זעט איר א רינגעלע? דאָס איז וואַרשע. זעט איר פּאסעקלעכ? דאָס וועט זײַנ א וואלד. און דאָרט, אביסל ווײַטער, זעט איר פּינטעלעכ? דאָרט וועט מענ דורכפירנ א באנ. ווילט איר, הייסט עס, פאָרט איר צו מיט דער באנ, ווילט איר — גייט איר זיכ דורכ צופוס. קיינ הײַזער זײַנענ נאָכ דערווײַל ניטאָ אינ דעמ דאָזיקנ וואלד, נאָר אזא דײַגע, זאָגט זי, זאָלט איר שוינ האָבנ מיט פּארנאָסע. איר שפּילט נאָר אויס, זאָגט זי, א פּלאצ, וועט אײַכ א לאַדע באנק טראָגנ אנטקעגנ געלט, וויפל איר ווילט. און פאר געלט, זאָגט זי, קויפט איר אײַכ געהילצ און שטעלט אײַכ אוועק א ווילע, אז גאָט און לײַט זײַנענ אײַכ מעקאנע! און אָט אזוי ווערט איר, זאָגט זי, א באלעבאָס פונ אנ אייגענער שטוב, מיט קאָלטווו, און ווערט

פֿאָטער פֿון אַלע צאָרעס און פֿון אַלע יעסורים. מיר נעמען באַ איַיך, זאָגט זי, דערפֿאַר קיין צעבראָכענעם גראָשן אפֿילע. ניט מער, איר קויפֿט אַלע טאָג אונדזער בלאַט און שנַיַידט קופּאָנעס, יעדן טאָג אַ קופּאָן, פֿופֿצן טעג—פֿופֿצן קופּאָנעס.

געקומען אַהיים מאַלע־סימכע און דערציילט מיַין עסטער־בראָכען פֿון דער געדולע. איז דאָך עס אַ ייִדענע: „וואָס וועסטו טאָן, זאָגט זי, מיט טאַרפּאַט אייַלן אין דער ערד אָן אַ פֿלעקל און אָן אַ שטעקן, אָן לייַב און לעבן? דאַרף איך, זאָגט זי, זיצן איַנדרויסן דרייַ טויזנט איילן פֿאַר וואַרשע, אַז איך קאָן, זאָגט זי, ליגן נייַן איילן אין דער ערד אין וואַרשע?" עט, זאָג איך צו איר, ביסט אַ ייִדענע, עסטער־בראָכע, און פֿאַרשטייסט ניט, זאָג איך, דעם גאַנצן סייכל, אַז דער גאַנצער איקער איז דער פּלאַץ. נאַ זע, זאָג איך, וואָס ס'שטייט געשריבן—קוים האָסטו, זאָג איך, אַ פּלאַץ, וועסטו זיך שוין מיט אַ דירע יאַקאָש אָן אייַצע געבן. וועסט אַוועקטראָגן דעם פּלאַץ, זאָג איך, אין באַנק, וועט דיר אַ ליאַדע באַנק אַנטקעגנטראָגן געלט וויפֿל דו ווילסט. וועסטו דיר קויפֿן, זאָג איך, געהילץ און וועסט דיר אופֿשטעלן, זאָג איך, אַ דירע, אַז גאָט און לייַט וועלן דיר מעקאַנע זיַין. דאָס איז דאָך אַזוי פּראָסט, זאָג איך, ווי פֿאַר אַ גראָשן אַ בייגל. אַ סימען, זאָג איך, נאַ דיר, זאָג איך, אָט האָסטו, זאָג איך, די גאַנצע מאַכינאַציע ווי אָף אַ טעלער. אָט זעסטו, זאָג איך, פּאַסעקלעך? דאָרט וועט זיַין אַ וואַלד. זעסטו, זאָג איך, פּינטעלעך? דאָרט וועט גיין אַ באַן, ווילסטו, פּאָרסטו, הייסט דאָס, צו מיט דער באַן, ווילסטו, גייסטו זיך דורך צופֿוס. אַקיצער, איך בין דאָך עפּעס אַ מאַנצבל—איך האָב אַזוי לאַנג גערעדט, ביז איך האָב זי איבערגערעדט, און ס'איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זאַמלען קופּאָנעס, אַלע טאָג אַ קופּאָן, פֿופֿצן טעג—פֿופֿצן קופּאָנעס. האָט מיך מיַין עסטער־בראָכע, זאָל לעבן, געפֿרעגט אַ קלאָץ־קאַשע: „צו וואָס, זאָגט זי, אַזוי לאַנג וואַרטן, פֿופֿצן טעג? און וואָס טויג דיר, זאָגט זי, אַזויפֿיל מיסט? ווען וועסטו עס איבערלייענען? מימאָנעפּשאַך, זאָגט זי, די פֿופֿצן

קופּאָנעס קאָנסטו דאָך איינקויפֿן אין איין טאָג, און באָרוך שע־פּאַטראַני״. גייט רעדט מיט א ייִדענע. אקיצער, מיר האָבן זיך געגעבן א נעם זאמלען קופּאָנעס, אַלע טאָג, אַלע טאָג א קופּאָן, פּופֿצן טעג — פֿופֿצן קופּאָנעס. אפֿן זעכצנטן טאָג — טראַך! איך האָב געוווּנען דריי טויזנט איילן הינטער ווארשע אינמיטן א וואלד. האָבן מיר שוין, הייסט עס, א פּלאַץ פֿון דריי טויזנט קוואדראט־איילן. וואָס־זשע טוט מען ווייטער? דארף מען נעמען, הייסט עס, די דריי טויזנט קוואדראט־איילן און גיין מיט זיי אין באַנק אריין, הייסט עס, נעמען געלט אף בויען א דירע. און איך בין אוועק אין מארק, פֿון איינעם צום אנדערן, פֿון איינעם צום אנדערן: „צי ווייסט איר ניט, ייִדישע קינדער, ווו איז דאָ ערגעץ א באַנק אזעלכע, ווו מע פֿארזעצט דריי טויזנט קוואדראט־איילן און מע נעמט געלט, און מע קויפֿט געהילץ, און מע בויט א דירע, אז גאָט און לייט זאָלן מעקאנע זיין?" ווערט א געלעכטער. רופֿ איך מיך אָן צו זיי: „אייך איז, אפּאָנעם, גוט צו לאכן, אז איר האָט ווו צו זיצן? איר זאָלט אָבער פּרוּוון ליגן אין דער ערד, אזויווי א נאש בראט, וואָלט איר ניט געלאכט". לאכן זיי נאָך מער. ווער איך שוין אביסל בארויגעזלעך און גיי ווייטער. אזוי ווי איך גיי, איך טו א קוק — אף די נאַליוּוקעס טוט זיך כוישעך, ווידער א צונויפֿגעלויף פֿון מענטשן, ייִדן און ווייבער. וואָס איז די מייסע? א בייע גדולע. א צווייטע ייִדישע צייטונג האָט זיך מיסקאנע גע־ווען אין דער ערשטער צייטונג: יענע זאָגט צו א פּרעמיע דריי טויזנט קוואדראט־איילן הינטער ווארשע — וואָס פֿאר א ווערט האָט עס? וואָס איז הוילע ערד אליין אָן א שטוב? און ביכדיי צו פֿאריכטן דעם דאָזיקן פֿעלער, איז בא אונדז געבליבן, זאָגט זי, אז מיר זאָלן שענקען א פּרעמיע פֿאר אונדזערע אבאָנענטן, וואָס באַשטייט אין הייזער און אין ווילעס. דאָס הייסט, מיר נעמען זיך אונטער, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף באזאָרגן אונדזערע לעזער מיט פֿאר־טיקע ווילעס, און טאקע אפֿן זעלבן פּלאַץ, אף יענע דריי טויזנט קוואדראט־איילן הינטער ווארשע בויען מיר אויס איטלעכן א ווילע

פֿון דרײַ כאַדאָרימ, מיט א קיכ, מיט א שטאָל, מיט א שטעלכל, מיט א שפּיזשאַרניע. און אָט האָט איר אײַכ דעמ גאנצנ פּלאנ פֿונ דער ווילע. זעט איר, זאָגט זי, אָט דאָרט א שטיבעלע? זעט איר אפֿנ שטיבעלע א דאכ, אפֿנ דאכ א קוימענ, און עס גייט א רויכ? אָט דאָס איז, זאָגט זי, די ווילע, וואָס אונדזער צײַטונג בויט אויס אלע צוויי וואָכנ יעדנ איינציקנ, ווער עס וועט זויכע־בעגוירל זײַנ, גאנצ בעכינעמ. ניט מער, זאָגט זי, מע דארפֿ קויפֿנ אונדזער בלאט און שנײַדנ קופּאָנעס. יעדנ טאָג א קופּאָנ. פֿופֿצנ טעג — פֿופֿצנ קופּאָנעס. געקומענ אהיימ מאָלע טימכע: מאזלטאָוו דיר, עסטער־בראָכע, דו ווייסט — מיר האָבנ שוינ א דירע! און איכ נעמ און גיב איר איבער די גאנצע כאסענע, הייסט עס, מיט דער נײַער פּרעמיע. איז דאָכ עס א ייִדענע, הייבט זיכ אָנ: „טאָמער איז דאָס א שווינדל? טאָמער אזוי און טאָמער אזוי?” ווײַז איכ איר דעמ פּלאנ, נא, קוק, זאָג איכ, זעסטו א שטיבעלע? זעסט, זאָג איכ, א דאכ? זעסט א קוימענ, און פֿונעמ קוימענ גייט א רויכ?

אקיצער, איכ בינ דאָכ עפּעס א מאנצבל, איכ האָב אזוי לאנג גערעדט, ביז איכ האָב זי איבערגערעדט, און מיר האָבנ זיכ גענומענ א נעמ זאמלענ קופּאָנעס, יעדנ טאָג א קופּאָנ. פֿופֿצנ טעג, — פֿופֿצנ קופּאָנעס. און אפֿנ זעכצטנ טאָג — טראכ! איכ האָב געוווּנענ א פּארטיקנ פּלאנ פֿונ א ווילע, א שטיבעלע, הייסט עס, מיט א דאכ, און מיט א קוימענ, און פֿונעמ קוימענ גייט א רויכ. — האָבנ מיר שוינ, הייסט עס, דרײַ טויזנט קוואדראט־איילנ הינטער ווארשע און א פּארטיקנ פּלאנ פֿונ א ווילע. וואָס־זשע טוט מענ ווײַטער? דארפֿ מענ, הייסט עס, ווארטנ, ביז די ווילע וועט פּארטיק ווערנ, וועל איכ דינגענ א פֿור און אריבערפּעקלענ זיכ מיט די בעבעכעס אינ דער אייגענער ווילע. נאָר דערווײַל דארפֿ מענ, הייסט עס, ארויסגיינ אינ מארק געוואָרע ווערנ, ווענ שטעלט מענ זיכ בויענ ווילעס? פֿונ איינעמ צומ אנדערנ, פֿונ איינעמ צומ אנדערנ: „צי ווייסט איר ניט, ייִדישע קינדער, ווענ שטעלט מענ זיכ בויענ די אויסגעשפּילטע ווילעס אפֿ די אויסגעשפּילטע

פּלעצער אין דרײַ טויזנט קוואַדראַט־אײלן הינטער וואַרשע?״ ווערט אַ געלעכטער. „וואָס איז, זאָג איך, דער געלעכטער? אײַך איז גרינג, זאָג איך, צו לאַכן, אַז איר האָט ווו צו זיצן, איר זאָלט אָבער ליגן, זאָג איך, אין דער ערד, ווי נאַש בראַט״...

לאַכן זיי נאָך מער. טו איך אַ שפּײַ און גיי ווײַטער. אַזוי־ווי איך גיי, איך טו אַ קוק, עס טוט זיך כּוישעכ אַף די נאַליווקעס. מענטשן אַזויווי שטערן אין הימל. וואָס איז שוין ווײַטער: אַ נײַס! נאָך אַ צײַטונג האָט זיך מיסקאַנע געוועזן אָן יענע צוויי צײַטונגען: זיי גיבן, זאָגט זי, דרײַ טויזנט קוואַדראַט־אײלן הינטער וואַרשע און פּאַרטיקע פּלעצער פֿון ווילעס. מיר נעמען זיך אונטער, זאָגט זי, מעבלירן די ווילעס, געבן באַלעבאַטישקײַט — בעטן און בעטלעך, טישן און בענקלעך, שאַפעס, קאָמאָדן און שפּיגלען, און אַ גראַמאָפאָן, און בעטגעוואַנט, און געפעס, און אַ וואַנט־זייגער, און אַפילע אַ סאַמאָוואַר און אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס איז שײַעך צו באַלעבאַטישקײַט. אַ סימען — נאַט אײַך, זאָגט זי, אַ גאַנצן פּרייסקוראַנט פֿון מעבל, און וואָס איר ווערט געווינען, דאָס איז אײַערס. איר באַדאַרפט מער ניט, זאָגט זי, נאָר קויפן אַלע טאָג אונדזער צײַטונג און שנײַדן קופּאָנעס. יעדן טאָג אַ קופּאָן. פּופּצן טעג — פּופּצן קופּאָנעס. געקומען אַהיים: מאַזלטאָוו דיר, עסטער־בראָכע, מיר האָבן שוין באַלעבאַטישקײַט אין אונדזער נײַער ווילע, און איך נעם און גיב איר איבער די גאַנצע געשיכטע פֿון דער נײַער פּרעמיע מיטן מעבל־פּרייסקוראַנט. איז דאָך עס אַ ייִדענע. הייבט זיך אָן: „טאָמער איז דאָס אַ שווינדל? טאָמער אַזוי, און טאָמער אַזוי?״ ווײַז איך איר דעם מעבל־פּרייסקוראַנט: בעטן און בעטלעך, טישן און בענקלעך, שאַפעס, קאָמאָדן, און שפּיגלען, און אַ גראַמאָפאָן, און בעטגעוואַנט, און געפעס, און אַ וואַנט־זייגער, און אַפילע אַ סאַמאָוואַר — אַלצדינג, וואָס איז שײַעך צו באַלעבאַטישקײַט. — אַקיצער, איך בין דאָך עפּעס אַ מאַנצבל, איך האָב אַזוי לאַנג גערעדט, ביז איך האָב זי איבערגערעדט, און מיר האָבן זיך געגעבן אַ נעם זאַמלען

קופּאָנעס. אַלע טאָג אַ קופּאָן. פּופּצן טעג — פּופּצן קופּאָנעס. און אַפּן זעכצנטן טאָג — טראַך! — איך האָב געוווּנען אַ פּלעדערוויש. האָבן מיר שוין, הייסט עס, דרײַ טויזנט קוואַדראַט־אײַלן הינטער וואַרשע, מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן פון אַ ווילע, מיט באַלעבאַטיש־קײַט. געקומען אַהיים מיטן באַלעבאַטישקײַט — איז דאָך עס אַ ייִדענע, הייבט זי מיך אָן מיסטאַמע צו יאָדען: „אויך מיר אַ באַלעבאַטישקײַט, אַ פּעלעדערוויש! טראָג זיי אָפּ צוריק, איך דאַרף זיי אָפּ אַ ריינער קאַפּאָרע!" זאָג איך: „וואָס מאַכט דאָס דיר קאַליע, נאַרישע? אין באַלעבאַטישקײַט, זאָג איך, קומט אַ פּלעדערוויש אויך צונוץ." מאַכט זי צו מיר: „גיי צו אַלדע שוואַר־צע יאָר מיטן פּלעדערוויש!" העלפט ניט — אַ ווײַב, אַז זי זאָגט גיי, דאַרף מען גיין. אַזױ־װי איך גיי, איך טו אַ קוק, אָפּ די נאַליוו־קעס טוט זיך כווישעך, שוין לאַנג שטיל געוועזן. וואָס איז שוין ווײַטער? נאָך אַ צײַטונג האָט זיך מיסקאַנע געוועזן אין יענע צײַ־טונגען: אָט דאָס הייסט פּרעמיעס? כאַ־כאַ־כאַ! וואָס איז אַ ווי־לע מיט באַלעבאַטישקײַט, אַז ס'איז נישטאָ קיין מעלקנדיקע קו? קליינע קינדער, נעבעך, ווילן מילך. קיין ציג, קיין אָפּ, קיין געגנדזל, קיין קאַטשקע. אי, פּע! מיר שפּילן אויס, זאָגט זי, פּאַר אונדזער'ע אַבאָנענטן אַלע צוויי וואָכן בעהיימעס, ציגן, אויפּעס, געגנדז און קאַטשקעס, און אַפילע אַ שטײַג אָפּ צו האַלטן אויפּעס. אַ סימען, זאָגט זי, נאָט אײַך אַ געמילד פון אַ בעהיימע, וואָס מעלקט זיך, אַ מעלקערן זיצט אונטער איר מיט אַ מעלקשעפל, און דאָרט אַביסל ווײַטער, זעט איר, שטייט אַ האָן מיט אַ הויכן קאַם און אַ גאַנצע שטײַג מיט אויפּעס. דאָס אַלצדינג, זאָגט זי, גיבן מיר אײַך אַלע צוויי וואָכן בעכינעם, אַ פּרעמיע, הייסט עס. ניט מער, איר באַדאַרפט, זאָגט זי, נאָר קויפן אונדזער צײַטונג אַלע טאָג און שנײַדן קופּאָנעס, יעדן טאָג אַ קופּאָן. פּופּצן טעג — פּופּצן קופּאָנעט.

געקומען אַהיים מיט דער נײַער געדולע. איז דאָך עס אַ ייִדענע: „טאָמער אַזוי און טאָמער אַזוי?" זאָג איך איר, נאַרישע ייִדענע וואָס דו ביסט. נאַ זע — אָט האָסטו פּאַר די אויגן: אַ

בעהיימע, זאָג איך, וואָס מעלקט זיך, א האָן מיט א הויכן קאַם, א פולע שטייַג מיט אויפעס.

בעקיצער, איך בין דאָך עפעס א מאַנצבל, איך האָב אזוי לאַנג גערעדט, ביז איך האָב זי איבערגערעדט, און מיר האָבן זיך געגעבן א נעם קלייַנע קופּאָנעס. יעדן טאָג א קופּאָן. פופצן טעג — פופצן קופּאָנעס. און אפן זעכצנטן טאָג — טראַך! כ'האָב געוווּנען א מעלקשעפל. האָבן מיר שוין, הייסט עס, אזוי גרויס, ווי דרייַ טויזנט איילן הינטער וואַרשע, א פּאַרטיקן פּלאַן פון א ווילע, און א פלעדערוויש אין דער באַלעבאַטישקייַט, און א מעלקשעפל אפ צו מעלקן א קו. געקומען אהיים מיטן מעלקשעפל, איז דאָך עס א יידענע. הייבט זי דאָך מיך אָן צו יאָדען: „וועמען וועסטו מעלקן, דו שלימאַזל איינער?" זאָג איך איר: „האָב צייַט, עסטערבראָכע, אז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, זאָג איך, אפ א מעלקשעפל, וועט ער שוין העלפן אפ א בעהיימע". זאָגט זי: „ביסט אליין א גוטע בעהיימע, גייַ זאָלסט דו, זאָגט זי, אין דער ערד מיטן מעלקשעפל!" העלפט ניט — א ווייַב, אז זי זאָגט גיי, דאַרף מען גיין. אזויווי איך גיי, איך טו א קוק—אפ די נאַליוועס טוט זיך שוין ווידער כוישעך. וואָס איז שוין ווייַטער? נאָך א צייַטונג האָט זיך מיסקאַנע געווען אין יענע צייַטונגען און זאָגט אזוי: דרייַ טויזנט קוואַדראַט איילן הינטער וואַרשע גיבן זיי, מיט ווילעס, מיט באַלעבאַטישקייַט, פי און רינדער, און האָבן, אפּאָנעם, פאַרגעסן, אז פאָרן יעדן טאָג אפ דער ווילע קאָסט, זאָגט זי, געלט, און גיין — קאָן מען בלייַבן אָן פיס. ניטאָ בא זיי קיין ראַכמאָנעס, זאָגט זי, אפ יענעמס בייַטל און אפ יענעמס פיס. מיר, וואָס אונדזער גאַנצער מיין, זאָגט זי, איז נאָר טויוועסהאַקלאַל און באַקוועמלעכקייַט פון אונדזערע לעזער, האָבן מיר געפונען, זאָגט זי, א מיטל צו געבן אונדזערע אַבאָנענטן די מעגלעכקייַט צו באַגיין זיך אָן א באַן און אָן פיס. יעדער איינציקער, זאָגט זי, וועט זיך פאָרן אין זייַן ווילע מיט זייַן אייגן פערד־און־וועגעלע. אָט דאָ גיבן מיר אייַך, זאָגט זי, א פּאָרטרעט פון א

פערד־און־װעגעלע און דאָרט אביסל ווײַטער, זאָגט זי, נאַטעטשאַנ־קעס, פראָליאָטקעס און ליגייקעס. דאָס איז אַלץ, זאָגט זי, פון אײַערטװעגן, אפילע א זבריע און פערד־געצײַג — דאָס אַלצדינג, זאָגט זי, גיבן מיר אונדזערע לעזער בעכינעם, א פרעמיע, הייסט עס, צוויי מאָל אין כוידעש. ניט מער, זאָגט זי, מע באַדאַרף קויפן אַלע טאָג אונדזער בלאַט און שנײַדן קופּאָנעס, יעדן טאָג א קופּאָן, פופצן טעג—פופצן קופּאָנעס. געקומען אַהיים מיט דער פּסוירע, איז עס דאָך א ייִדענע, הייבט זיך אָן: טאָמער אזוי און טאָמער אזוי? זאָג איך איר: נארישע נעקייווע וואָס דו ביסט! נא זע, אָט האָסטו, זאָג איך, א פּאָרטרעט פון א פערד־און־ווע־געלע, און א זבריע, און דאָס גאַנצע פערד־געצײַג... בעקיצער, איך בין דאָך עפּעס א מאַנצבל, כ׳האָב אזוי לאַנג גערעדט, ביז איך האָב זי איבערגערעדט, און מיר האָבן זיך גענומען א נעם זאַמלען קופּאָנעס, יעדן טאָג א קופּאָן. פופצן טעג — פופצן קופּאָ־נעס, און אָפּן זעכצנטן טאָג — טראַך! כ׳האָב געוווּנען א בײַטש אָפּ אָנצוטרײַבן.

געקומען אַהיים מיטן בײַטשל, איז דאָך עס א ייִדענע, הייבט זי מיך אָן מיסטאַמע צו יאַדען: „שיינע זאַכן געווינט ער, דער שלימאַזל! פלעדערווישן, מיט מעלקשעפלעך, מיט בײַטשלעך! גיין זאָלסטו, זאָגט זי, קאַפּאַקעלע מיטן בײַטשל!" העלפט ניט — א ווײַב, אז זי זאָגט גיין, דאַרף מען גיין. אַזױװי איך גיי, איך טו א קוק — אָפּ די נאַליוקעס איז כוישעך וועאַפּיילע. וואָס איז שוין ווײַטער? א שפּאָגל נײַע פרעמיע. נאָך א צײַטונג האָט זיך מיסקאַנע געוועזן אין יענע צײַטונגען און זאָגט אזוי: צײַטונגען גיבן פרעמיעס: דרײַ טויזנט קוואַדראַט־איילן הינטער וואַרשע, ווילעס, באַלעבאַטישקײַט, פי און רינדער, פערד און וועגעלעך. נו, און מענטשן? דינערשאַפטן? ווי קען זיך עס באַגיין, זאָגט זי, א שטוב אָן א קעכנע, אָדער אָן א שטוב־מיידל, אָדער אָן א באָנע, אָן א ניאַנקע און אָן אן אַם? ביכדיי אויסצופּיילן, זאָגט זי, דעם דאָזיקן כיסאָרן, האָבן מיר זיך, זאָגט זי, אונטער־

גענומענ צושטעלנ אונגדזוערע אבאָנענטנ דורכ א לאָטערייע אלע צוויי וואָכנ, לויטנ געוווּנטש, א קעכנ, א שטוב־מיידל, א באָנע, א ניאנקע אָדער אנ אמ. אונ מיר, זאָגט זי, אז מיר זאָגנ, זאָגט זי, איז געזאָגט. א סימענ, אָט גיבנ מיר אײַכ דאָ, זאָגט זי, א „טיפּאָגראפיע” פונ א יִדענע א קעכנע מיט פארקאטשעטע ארבל, פונ א באָנע, וואָס גייט שפּאצירנ מיט די קינדער אינ וואלד, פונ אנ אמ מיט פולע ברוסטנ. אָט די אלע מענטשנ שטעלנ מיר אײַכ צו, לויט א לאָטערייע, אלע פערצנ טאָג גלײַכ אפ אײַער ווילע גאנצ בעכינעמ, זאָגט זי, ניט מער, זאָגט זי, איר באדארפט קויפנ אונדזער צײַטונג אונ שנײַדנ קופּאָנעס. אלע טאָג א קופּאָנ, פופצנ טעג — פופצנ קופּאָנעס.

געקומענ אהיימ מיט דער פּסורע: מאזלטאָוו דיר, עסטער־בראָכע, מיר האָבנ שוינ, זאָג איכ, א דינסט אויכ אינ אונדזער ווילע. איז עס דאָכ א יִדענע, הייבט זיכ אָנ: „א נײַער שווינדל! אונ טאָמער אזוי אונ טאָמער אזוי?” זאָג איכ איר: נא זע, זאָג איכ, וואָס פאר אנ אײַנגעשפּארטע זאכ דו ביסט! מע ווײַזט דיר, זאָג איכ, א „טיפּאָגראפיע” פונ א קעכנע, זאָגסטו גאָר דאָס!...

אקיצער, איכ בינ דאָכ עפּעס א מאנצבל, איכ האָב אזוי לאנג גערעדט, ביז איכ האָב זי איבערגערעדט, אונ מיר האָבנ זיכ גענעבנ א נעמ גאָר איבעראנײַס זאמלענ אלע טאָג א קופּאָנ. פופצנ טעג — פופצנ קופּאָנעס. אונ אפ דעמ זעכצנטנ טאָג — טראכ! איכ האָב געוווּנענ אנ אמ. האָבנ מיר שוינ, באָרעכהאשעמ, אלצדינג: דרײַ טויזנט קוואדראט־אייל̃נ הינטער ווארשע, א פּאר־טיקנ פּלאנ אפ א ווילע, א פלעדערוויש אינ באלעבאטישקײַט ארײַנ, א מעלקשעפל אפ צו מעלקנ א קו, א בײַטשל אפ אָנצוטרײַבנ א א פערד אונ אנ אמ.

געקומענ אהיימ מיט דער אמ, האָב איכ געוווּסט, אז איכ וועל האָבנ פונ מײַנ ווײַב א וויסטנ סאָפ. א יִדענע בלײַבט א יִדענע, זי וועט אוואדע נעמענ מיכ יאדענ: וואָס וועלנ מיר טאָנ מיט אנ אמ, אז מיר זײַנענ בעזדעטניקעס אונ האָבנ ניט

קיינע קינדער? גיי ריכט זיך אף אזא שלאק! אָפּגעלעבט מיט א ווייַב יאָרן, איך ווייס? — דאכט מיר, אזוי פייַן, אזוי שיין — און פלוצעם כאפּן פון איר אזא מיִעסן פּסאק! מיילע, די פּעטש בין איך אייַך מוחל, אָבער דער ביזויען! פון א ווייַב, פון א ייִדענע זייַן געפּאטשט!... א גרוב, ווען עס עפנט זיך מיר, וואָלט איך ארייַן א לעבעדיקער! זינט איך לעב, זינט איך שטיי אף מייַנע פיס, הערט איר, בין איך ניט געווען אזוי אופגעבראכט, ווי איך יענער מינוט. נאָר פאר קאס, אפּאָנעם, און פאר גריזאָטע בין איך שוין געווען אזוי צעטומלט, אז די צונג האָט זיך מיר צוגעקלעפּט צום גומען, איך זאָל כאָטש קענען אויסריידן א וואָרט. און זי, מייַן עסטער־בראָכע, הייסט עס, האָט זיך עס אביסל צעלאָזט! ווו נעמט זיך צו א מענטשן אזויפיל ווערטער? „ס׳א ליגן, זאָגט זי, אָט די אלע פּיזמוינעס, מיט די גאזעטן, מיט די פּרעמיעס, מיט די גליקן. ניט געשטויגן, זאָגט זי, ניט געפלויגן, אפן הימל, זאָגט זי, א יאריד. דאָס האָב איך אליין, זאָגט זי, אויסגעטראכט. איר הערט? איך אליין האָב עס, זאָגט זי, אויסגעטראכט פונעם קאָפּ, זאָגט זי, און געבראכט, זאָגט זי, צו איר אין שטוב ארייַן, זאָגט זי, ניט קיין אמ, זאָגט זי, נאָר א ... טפו! ניין. איך קען עס גאָר, הערט איר, פאר מייַן מויל ניט ברענגען, מיט וואָס פאר א נאָמען מייַן עסטער־בראָכע האָט זי אָנגערופן... א פּאָטעפּאלנאָסט פון א ייִדענע! — דאָס האָט מיך שוין אזוי, הערט איר, פארקאָכט באם הארצן, אז איר וועט מיר גלייבן צי ניין? — איך האָב דער־זען פאר זיך דעם מאלכאמאָוועס א לעבעדיקן און איך רופ מיך אָן צו מייַן ווייַב אזוי: „הער־זשע אויס, מייַן ווייַב, זאָג איך, ביז אהער האָב איך, זאָג איך, דיר אָפּגעשוויגן, זאָג איך, נאָר וויבאלד, זאָג איך, דו קענסט, זאָג איך, אף מיר, זאָג איך, זאָגן, זאָג איך, אזעלכעס, איז עק וועלט! אָדער דיר, זאָג איך, אָדער מיר — נאָר דער טויט זאָל זייַן!״ און ניט לאנג געטראכט כאפּ איך די שער פונעם טיש — טראכ — אויסגעזעצט א פענצטער און ארויסגעשפרונגען אין דרויסן ארויס, און פּאשאָל — פייַל־אויסג־

בויגן מיט א געשריי: „לאָזט מיך, ייִדישע קינדער, שריַי איך ניט מיט מיַין קאָל, — לאָזט מיך! אָט שטעכט איך מיך! אָט הענג איך מיך! אָט טרינק איך מיך!" אָט אזוי שריַי איך און לויף פון איין גאס אין דער אנדערער, און נאָך מיר לויפן נאָך ייִדן, און וויַיבער, און קינדער אָן א שיר, און שריַיען מיך נאָך: „יאָגט אים! כאפט אים! האלט אים! לאָזט אים ניט!" און איך אין איין קאָל: „לאָזט מיך! ייִדישע קינדער, לאָזט מיך!"...

איך ווייס גאָרניט, הערט איר, פונוואנען האָט זיך צו מיר גענומען אזא קויעך? הונדערט פערד מיט צען אווטאָמאָבילן וועט עס יאָגן מיך נאָך, קאָנען זיי מיך ניט כאפן. אָט בין איך שוין אפ פאוויע, און אָט בין איך שוין אפ די נאליוווקעס, אָט בין איך אפ מעדאָוואָ, און אָט, ווי איך רייד מיט אייַך, בין איך שוין אפ דעם טיראספאָלער בריק. גיך, איין מינוט, איין רעגעלע — און טראכ!... איך כאפ מיך אוף — ערשט איך בין גאָר בא זיך אינדערהיים אפ מיַין בעטל, אפ סמאָטשע־גאס. ס'איז שוין וויַיט נאָך האלבער נאכט, די זילבערנע לעוואָנע האָט זיך שוין לאנג אוועקגעמאכט אפ יענער זיַיט לאזענקעס, די בריליאנטענע שטערן האָבן שוין געהאלטן באם אויסלעשן זיך איינציקוויַיז, ווי די בענטשליכט, און מיַין עסטער־בראָכע זיצט אפ איר בעטל אנטקעגן מיר אָן איבערגעשראָקענע, איַינגעבויגן איבער מיר און פרעגט מיך: „וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר! א כאָלעם?" — „א כאָלעם, זאָג איך, נאָך וואָסער כאָלעם! שוין איינמאָל א כאָלעם!"...

„אויב אזוי, זאָגט זי, טאָ שפּיַי אויס, זאָגט זי, זיבן מאָל און לאָז עס פאלן, זאָגט זי, אפ די סאָנימס קעפּ, און זאָג, זאָגט זי, אָמיין".

איך פאָלג מיַין וויַיב און זאָג „אָמיין" און איך דאנק גאָט, וואָס ס'איז א כאָלעם און וואָס די גאנצע מיַיסע — וואָס די דריַי טויזנט קוואדראט־איילן הינטער ווארשע, מיט די ווילעס, מיטן באלעבאטישקיַיט און מיט אלע איבעריקע גליקן איז, אפּאָנעם, אן אויסגעטראכטע זאך, א נעכטיקער טאָג, טאקע ווי מיַין עסטער־בראָכע זאָגט, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, אפּן הימל א יאריד...

צווישנ מייסימ

(מײַסעס ניט אנטקעגנ נאכט דער־ציילנדיק)

.1

פונ אײַער קאָוועד־וועגנ.

ניט הײַנט געדאכט, בעשאס כאָליערע, זײַנענ אפּנ אלטנ בעט־אלמענ אינ מאזעפּעווקע, אינעמ אלטנ, האלבּ־אײַנגעפאלענעמ אויעל, געלעגנ אויסגעצויגנ אפּ צוויי בּענק, איינס אנטקעגנ דעמ אנדערנ, מיט האלבּ־אָפּענע פארגליווערטע אויגנ, צוויי נאקעטע מייסימ: יאנקל דער שנײַדער אונ יאָסל דער שוסטער, אונ האָבּנ געוואַרט, בּיז די שאמאָסימ וועלנ קומענ, מע וועט זיי טאָנ זייער רעכט אונ מע וועט זיי בּרענגענ צו קייווער־ייִסראָעל.

דאָ מוז איך איבּערײַסנ די מײַסע אונ אײַך זאָגנ, ליבּער פרײַנט, א פּאָר ווערטער. איך אליינ לייענ ניט קיינ האקדאָמע אונ האָבּ פײַנט אויסהערנ היסנאצלעס פונעמ מעכאבּער. נאָר וואָס זאָל איך טאָנ, אז עס קוועטשט מיך? — איך מוז מיך א בּיסל אויסריידנ פארנ אוילעמ, אניט וועל איך דאָס ניט אויסהאלטנ! טוט מיר צוליבּ אונ הערט מיך אויס א פּאָר ווערטער.

די מײַסע דערפונ איז אזוי: אינ דער לעצטער צײַט האָבּנ זיך אָנגעהויבּנ ארויסרוקנ אינ די ייִדישע בּלעטער מענטשלעך, וואָס קאָנענ קיינ אוולעס ניט לײַדנ, אונ האָבּנ אָנגעהויבּנ צו זאָגנ

מוסער, אז ס'איז ניט שיין פאר יידן, עס פּאסט ניט, אז יידן זאָלן לאכן. יידן באַדאַרפן וויינען, ניט לאכן. וואָס איז דאָס פאר אן אווידע, זאָגן זיי, אַ יידישער שרייבער זאָל האלטן אין איין לאכן? פון יעהופּעצ געלאכט, פון בערדיטשעוו געלאכט, פון בויבעריק געלאכט — טאָמער ווייסט איר וואָס איז דער געלעכטער? אמכאָ יִסראָעל צריכין פּאַרנאָסע, זאָגן זיי, יידן נעבעך זוכן פּאַרנאָסע, און ער, שאָלעמ־אַלייכעם, איז פריילעך, — אפּאָנעם, עס גייט אים אָפּ קאָפּווייטעק!...

ליבע פריינט, זאָל דאָס אונדז ביידן צוקומען, וואָס מיר פעלט. איך שווער איַיך בענעמאָנעס — לעמיַי זאָל איך לייקענען? — ס'איז באַ מיר, ניט פאר איַיך געדאַכט, אַזאַ כאַלאַס פון קינדוויַיז אָן — עס לאכט זיך, איך בין ניט שולדיק! די מאַזלדיקע יאָר זאָל איך האָבן, וויפל פּעטש איך האָב געכאַפּט דערפאר פונעם טאַטן, פון דער מאַמע און פונעם רעבן. איז אַפ מיר אָנגעפאַלן דער געלעכ־טער, האָט ניט געהאָלפן קיין שמאַ־יִסראָעל. וואָס מער מע האָט מיך געשלאָגן, אַזוי מער האָב איך געלאכט. איינמאָל האָט מיך דער טאַטע געקאַטעוועט ביז בלוט. ער האָט געזאָגט, ער מוז מיר אַרויסשלאָגן דעם געלעכטער! קוים אַ לעבעדיקן האָט מיך די מאַמע אַרויסגענומען פון זיַינע הענט און רופט זיך אָן צו מיר:

— וויי איז מיר, וויינד איז מיר, איך וועל דיר געבן אַן אייצע, מיַין קינד: אַז עס וועט אַפ דיר אָנקומען דער געלעכטער, זאָלסטו זיך נעמען אַ טויטן אין זינען.

האָט דאָס מיך געראַטעוועט.

האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען אויך איצט: וואָס דאַרף איך מיך אַרומדרייען צווישן לעבעדיקע, וואָס מע קאָן שטאַרבן פאר געלעכטער אַפ זיי קוקנדיק, אַמער וועל איך בעסער גיין אַפּן בעס־ וילעם זיך דרייען צווישן די טויטע. דאָ איז שוין געוויס ניטאָ וואָס צו לאכן. ביפראַט, אַז מע דערמאָנט זיך, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיר אַלע זיַין דאָרטן — אי איך, אי מיַינע קריטיקער דער קליינער פון בערדיטשעוו, אי איר, מיַינע ליבער

פֿרײַנט. וואָרעם סאָף אָדעם לאָמוס, מיר וועלן אַלע שטאַרבן.

„העוועל־האוואָלים — אַ נאַרישע וועלט, עכ־עכ־עכ!" — פֿלעגט זאָגן מײַן רעבע, רעב שמוליק, בעשאס ער האָט גענומען אַביסל בראָנפֿן און פֿאַרביסן מיט אַן אייערקיכל.

אַצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו אונדזער מײַסע.

זײַנען זיי געלעגן, הייסט עס, יאַנקל דער שנײַדער און יאָסל דער שוסטער, אויסגעצויגן איינס אַנטקעגן אַנדערן מיט האַלב־אָפֿענע פֿאַרגליווערטע אויגן, און האָבן געוואַרט, ביז די שאַמאָ־סים וועלן קומען, מע וועט זיי טאָן זייער רעכט און ברענגען צו קייווער־ייִסראָעל.

יאַנקל דער שנײַדער און יאָסל דער שוסטער זײַנען געווען, בעשאַס זיי האָבן געלעבט, ביידע אָרעמעלײַט, אַניִים וועעווויִנים. נאָר דער כילעק איז, וואָס יאַנקל דער שנײַדער איז געווען אַ פֿריילעכער אָרעמאַן, האָט ליב געהאַט אַ ווערטל, און יאָסל דער שוסטער איז געווען פּונקט דער הייפּעך — אַ גרויסער באַל־מאָרע־שכוירע, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט איז אויף אים געפֿאַלן.

יאַנקל איז געווען אַ ייִדל אַ קליינס, אַ טרוקנס, אַ ווײַס, מיט אַ קליין שפּיצעכיק בערדל, און יאָסל איז געווען אַ געזעצט ייִדל, באַוואַקסן מיט אַסאַך שוואַרצע געדיכטע האָר, שוין אַביסל גרויע. אויך אַצינד, נאָכן טויט, זײַנען אויף זייערע פּענעמער געווען אָנגעצייכנט פֿאַרשיידענע סימאָנים: אויף יאַנקלס פּאָנעם איז געווען אַ פֿריילעכ־קײַט, אַ פֿאַרגליווערט שמייכעלע, און יאָסלס פּאָנעם האָט אויסגעזען פֿילאָזאָפֿיש, פֿאַרטיפֿט אין טרויעריקע געדאַנקען, אומעטיקע מאַכשאָוועס. זיי ליגן ביידע און שווײַגן, ביז עס ווערט זיי נימעס און זיי פֿאַרבינדן צווישן זיך אַ געשפּרעך:

יאַנקל: וואָס הערט זיך, יאָסל, ס'איז געפּײַפֿט!

יאָסל: שלעכט, ברודער, ביזן עק אַרײַן שלעכט.

יאַנקל: בלאָטע, וואָס איז דאָס שרעקלעכקײַט?

יאָסל: מע וועט באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן.

יאַנקל: איך זאָג דיר דעם עמעס: בעסער ליגן אין דער

ערד און באקן בייגל, איידער זיך מוטשען אף דער וועלט איבערן שטיקל ברויט.

יאָסל: סטייטש, און דאָס ווייב און קינדער? נעבעך אן אל־מאָנע מיט זיבן יעסוימים!

יאנקל: א דייגע דו האָסט! ווילסט באוואָרענען א וועלט?

יאָסל: א שטיקל ברויט כאָטש! זיי וועלן אויסגיין פון הונ־גער!

יאנקל: מאכ בעסער! א ברייטע האָסטו!

יאָסל: נאָך ניט אזוי די קלענערע קינדער, ווי דאָס עלטערע מיידל מיינס, פייגעלע, נעבעך א קאלע. צוגעזאָגט דעם כאָסן א פופציקער. ווער וועט זי איצטער נעמען אָן נאדן? זאָלסט געווען זען, ווי זי איז מיר געפאלן אפן האלדז מיט א געוויין: טאטע! טאטע! — קאָן רירן א טויטן.

יאנקל: עט, זי וועט זיך איבערוויינען.

יאָסל: וואָס רעדסטו, א יעסוימע!

יאנקל: א יעסוימע, וועט זי גיין דינען.

יאָסל: בא אונדז אין מאזעפעווקע? פארפינצטערט איז זי געוואָרן! און מיינע אלטע, נעבעך? אן אלמאָנע!

יאנקל: זאָל זיך די שטאָט זאָרגן.

יאָסל: די שטאָט, זאָגסטו, אז אָך און וויי. בעסער שטארבן, איידער אָנקומען צו יענעם.

יאנקל: הערסטו, אָט דאָס זאָג איך דאָך.

יאָסל: ווו וועלן מיר נעמען טאכריכים?

יאנקל: טאכריכים? אזא דייגע זאָל איך שוין האָבן מיט כיבעט־האקיוועך, ווי איך האָב א דייגע מיט טאכריכים.

יאָסל: עס זאָל כאָטש ניט דויערן לאנג.

יאנקל: וואָס כאפסטו זיך אזוי?

יאָסל: מי יוידייע, ווו מע וועט אונדז לייגן?

יאנקל: וואָס איז די נאפקעמינע, אבי איניינעם. אָ, עמעצער גייט, שא...

עס עפנט זיך די טיר פונעם אויעל און עס קומען אריַין די שאמאָסים און מע נעמט זיי — איינער פארן קאָפּ, דער אנדערער פאר די פיס — און מע לייגט זיי אנידער איינס לעבן אנדערן אפ דער ערד און מע בעט זיי מעכילע: כעוורע־קאדישע בעטן איַיך, איר זאָלט זיי מויכל זיַין. מע טוט עס פון איַיער קאָוועד וועגן.

יאנקל: דו הערסט, יאָסל, פון אונדזער קאָוועד וועגן.

יאָסל: וואָס עפּעס אפ דער ערד?

יאנקל: וואָס דען האָסטו געוואָלט? שא, אָן טראָגט מען אהערצו א ניַיעם מעס. ווייַזט אויס, עפּעס זייער א געהויבענעם.

יאָסל: דעריבער דארפן מיר זיך וואלגערן אפ דער ערד?

יאנקל: מיר דאכט, ס׳איז רעב איצי.

יאָסל: און אז רעב איצי — איז וואָס?

יאנקל: סטיַיטש, א ייִד א נאָגיד!

יאָסל: בעכיינע איז וואָס, דאָ גייט אויך אָן קאָוועד?

יאנקל: וואָס דען האָסטו געמיינט? דעם נאָגיד איז אומע־טום גוט.

(כעוורע־שאמאָסים האָבן זיך גענומען צו רעב איציס אים מאכן זיַין רעכט).

יאָסל: זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך, אלע פּאטקעווען ארום אים, ווי עפּעס ארום ווייסעכ וואָס!

יאנקל: וואָס זאָלסטו קלערן, מע האָט זיי גוט באצאָלט.

יאָסל: זע נאָר דעם אויבער־שאמעס, ווי ער איז פארטארע־ראמט.

יאנקל: ס׳איז בא אים א סימכע.

יאָסל: הער נאָר, ווי דער כאזן זינגט ווייַנענדיק.

יאנקל: געקויפטע טרערן.

יאָסל: לייבעניו קאָכלעפל טאנצט אויך אין קאָן.

יאנקל: ארום א שווערן וואָגן...

יאָסל: מע הערט ניט די קינדער זאָלן ווייַנען און קלאָגן, ווי בא אונדז.

יאנקל: פארטראָגן מיט דער יערושע.

יאָסל: און דאָס ווײַב, זע נאָר, האָט אָנגעטאָן א שווארצן שלייער און מאכט ליכטלעך.

יאנקל: האָב קיין יעסורים ניט, זי וועט אינגיכן כאסענע האָבן.

יאָסל: זע נאָר א לעווײַע.

יאנקל: קיין איינאָרע ניט.

יאָסל: איך וואָלט געמעגט שווערן, אז דער ראָוו איז אויך בעסויכעם.

יאנקל: ער וועט מאכן א העספעד.

יאָסל: וואָס וועט ער זאָגן אף אים?

יאנקל: דאָס, וואָס מע דארף זאָגן אף א נאָגיד.

יאָסל: זע נאָר וויפל אָרעמעלײַט?

יאנקל: מע וועט טיילן א גראָשן אף צווייען, צוויי גראָשן אף דרײַען.

. . . .

פארטײַטשונגענ

צוויי שטיינער

ראָשװערישנ — דער קאָפּ, דער אָנפירער.
באיבאק — א פוילער.
כײַעװ — שולדיק.

די וויבאָרעס

מיפּעל־עפּע — דאָ: פול געפּאַקט.
ועטאלמוד טוירא קענעגעד קולאָם — טוירע לערנענ איז כאָשעווער פאר אלצ.
ביינ מינכע לעמײַרעװ — צווישנ פארנאכטיקנ (מינכע) אונ אפּדער־נאכטיקנ (מײַרעוו) דאוונענ.

„דער דײַטש"

„יִפּטאָכ אינ זײַנ צײַט איז ווי שמועל אינ זײַנ צײַט" — א טאלמודיש ווערטל, וואָס זײַנ זינ איז דאָ אנערעכ ווי דאָס יִדישע: „אז ס'איז ניטאָ קיינ פיש, איז הערינג אויכ א פיש".

אווראָהאָמ, יִצכאָק אונ יאנקעוו — די לעגענדארע אורעלטערנ (אָוועס) פונ די יִדנ.

מאזקיר־נעשאָמעס־זײַנ — זאָגנ א טפילע ווענג פארשטאָרבענע.

„כצאָס" — האלבע נאכט, ווענ פרומע יִדנ פלעגנ אופשטיינ אונ אָפּריכטנ טפילעס.

„שמורע" — „אָפּגעהיטע" מאצעס, וועלכע די גאָר פרומע יִדנ פלעגנ צוגרייטנ פונ ספּעציעל־אָפּגעקליבענעמ ווייצ.

זיכ מיסקארעװ זײַנ — זיכ דערנעענטערנ,

באל־אכסאניע — באַלעבאָס פֿון איינפֿאָר־הויז.
מופלאָגים, טאַנאָים — גרויסע לערנער און קענער פֿון דער טוירע.
בײַשנ — א שעמעוודיקער.
גריזים, אייוואָל — פּאלעסטינער בערג, וואָס ווערנ דערמאָנט אינ דער ביבל.
אַ דאָוועראכער — א כאַזער.
באַוויזיעסאַנו האָראַבים — פֿאַר אונדזערע גרויסע זינד.
טויכעכע (שטראָף) — א קאפּיטל אינ דער ביבל, וואָס אנטהאלט שרעקלעכע קלאָלעס און שטראָף־רייד.

דער „אויצער"

„ביקער־כוילים", „סוימעכ־נויפּלים", „רויפּע־כוילים", „מאטיר־אסורים" — פֿארשיידענע צדאָקע־כעוורעס.

די געשיכטע פֿונעם פֿרומענ מאַנ — א מײַסע פֿונעם יידישנ רעליגיעזנ פֿאָלקלאָר וועגנ אנ אָרעמענ ערלעכנ מאַנ, וואָס איז דורכ א נעס אינ איינ נאכט שטארק רײַכ געוואָרנ.

ספירע — אייגנטלעכ: ציילונג. געמיינט, די זיבנ וואָכנ פֿונ פּייסעכ ביז שוועס, אינ וועלכע די רעליגיעזע יידנ פֿלעגנ יעדנ אָוונט ציילנ וויפֿל איז שוינ אוועק פֿונ די דאָזיקע וואָכנ.

נאכלע — יערושע.

שמוינעסרע — א טפילע.

לעגבוימער — דער דרײַ־אונ־דרײַסיקסטער טאָג אינ דער „ספירע".

רח'ש (רעכאש) — די אָנהייב־אויסיעס פֿונ די ווערטער — ראָוו, כאַזנ, שאמעס. געמיינט דאָס געלט, וואָס מע פֿלעגט שענקענ די דאָזיקע קלייקוידעש פֿאר זייער „טירכע" בײַם דער כאסענע־צערעמאָניע.

שעאָל — לויט דער פֿאָרשטעלונג פֿונ דער ביבל — די אונטערערד, ווו עס האלטנ זיכ אופ די מייסים.

כויש־האָרייעכ — דער שמעק־געפּיל.

דאם־האטאמציס — דאָס לעצטע ביסל בלוט.

דאָנ קישאָט פֿונ מאזעפּעווקע אונ זײַנ כאווער סימכע־פּינכעס

האשאָרעס אונ סוואָרעס — היפּאָטעזעס און מיינונגענ.

דער בויט, און דער צעווארפֿט — געמיינט, דער זאָגט אזוי, דער צווייטער קאפּויר.

זײַנען זיכ מיספּאלפּעל — כקירענ.

אַ ב אַ ג ו נ ע — אַ פֿרוי, וואָס דער מאַן האָט זי פֿאַרלאָזט אָן אַ גט.

כּ ו י ו ו ע ו ו י ם — ליבהאָבער, געמיינט די פּאַלעסטינאָפֿילן — די ערשטע ציִאָניסטן אין רוסלאַנד, סאָף 80־ער יאָרן.

פּ כ י ס ע ס־ה א ק אָ ו ע ד — אַ באַליידיקונג.

„לאָ וו אָ נ ה אָ א ר א מ י" — געמיינט: דער מאָשעניק, דער אָפּנאַרער (לויט דער ביבל האָט לאָוואָן — יאַנקעווס שווער אָפּגענאַרט זײַן איידעם).

אַ ל יי ה ע מ־ה א ש אָ ל ע ם — פֿרידן צו זיי (וועגן אַ טויטן).

ב ע נ מ ע ל ע כ א ו נ ב א ס מ א ל ק ע — פּרינץ און פּרינצעסן.

ז י כ מ י ס ב ו י ד ע ד ז ײַ נ — אָפּצוּוווּנדערן זיך.

סטאַנציע מאַזעפּעווקע

„מ יי ל י צ" — פֿאַרקירצט פֿון „האַמייליץ", אַ העברעיִשע צײַטונג. (1880—1904)

„ה ו י ז פ ר ײַ נ ט" — אַ ליטעראַרישער זאַמלבוך. (1888—9 און 1894—6).

„ב י ב ל יִ אָ ט ע ק" — געמיינט „די יִדישע פֿאָלקס־ביבליִאָטעק", וועלכע שאָלעמ־אַלייכעם האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1889 — 1890.

ר א ב ו י ס י מ — מײַנע הערן.

ט א ר ב ו ס — דערציִערעצ.

ב י ז מ א נ ה א ז ע — הײַנטיקע צײַט.

צ ע ד ע ר ב ו י מ — דער רעדאַקטאָר פֿונעם „האַמייליץ".

ב ע נ־א ו ו י ג ד ע ר — אַ העברעיִשער פֿאַרלאַג־טוער און שרײַבער. האָט דאָן (אין די 90־ער יאָרן) אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַן העברעיִשע „קאָפּיקע־ביבליִאָטעק".

אין ספֿאָרים־קלייטל

„ד ע ר י ו ד" — אַ יִדישע צײַטשריפֿט. (1899—1902)

ש ײַ ק ע ו ו י ט ש — דער באַוווּסטער שונד־ראָמאַניסט שאָמער.

ש ק אָ ט י ס ט — אַ פּראָצענטניק, וואָס האַנדלט מיט וועקסלען.

„ק ע ד א ס מ ו י ש ע ו ו ע יִ ס ר אָ ע ל" — לויטן געזעץ פֿון מוישע און יִדן — די אָנגענומענע פֿאָרמולע באַם צערעמאָניִאַל פֿון דער כאַסענע.

י א כ ד אָ ו — אינאיינעם, שותּפֿעס.

ב ע ז ע־ה א ל אָ ש נ — מיט דער דאָזיקער שפּראַך.

ווער ווייסט

ב י כ ו ו י ד ו י ו ו ע א צ מ ו י — אַליין מיט זײַן קאָווער.

ע ק אָ י ב אָ ר אָ ד א ט ש ק א ק אָ י! — זע נאָר, וואָס פֿאַר אַ בערדיקער פֿאַרשוין!

בעלאָשן סאגינאָהער — מיט א פארשטעלטער שפּראך.

מינאצאד — פון דער זײַט.

מעאָראס האמאכפּײלע — די אייל, וווּ ס'ליגן באגראָבן, לויט דער לעגענדע, די פּאטריארכן (די אָוועס) און זייערע פרויען (די אימאָעס).

מוישע מאָנטיפיאָר — באוווּסטער ייִדיש־ענגלישער פילאנטראָפּ.

ריישעס כאָכמע — דאָ: דאָס ערשטע, וואָס מע דארף טאָן.

קיין שמא־ייִסראָעל — דאָ: קיין שום זאך.

מעקאדעש געווען די לעוואָנע — טפילע געטאָן אקעגן דער לעוואָנע.

„צדאָקע טאציל מימאָוועס" — „צדאָקע ראטעוועט פון טויט" — מיט אָט דעם אויסרוף פלעגט מען בייס א לעווייַע קלייַבן נעדאָוועס.

איישעס־כאיעל — א פרוי א כוואט.

אָדעם האָרישן — דער ערשטער מענטש — דער לעגענדארער אורפאָטער פון די מענטשן.

טכינעס, באקאָשעס, סליכעס, טילים, מאמאָדעס, מאכזער, האגאָדעס — פארשיידענע טפילע־ספאָרים.

מײַנע־לאָשן — טפילעס, וואָס מע זאָגט אפּן בעסוילעם.

וואשטי — לויט דער לעגענדע א פערסישע קעניגן.

יאקרענטע — אזעלכע, וואָס נעמט טײַער.

פון „מאטוייוו" — דאָ: פון אָנהייב.

איימעסמאָוועס — ווי פארן טויט.

צנועס — פרומע, לײַטישע.

מײַסים אשער לוי יעאָסו — אומדערלאָזבארע מײַסים.

יעפאסטויער — א שיינהײַט.

א מופלעג — א גרויסער קענער.

מעפורסעם — ברייט באוווּסט.

„קאסוואָ־ראבאָ" — דער אויסגעצייכנטער שרײַבער.

שינ אלאָפים — דרײַ הונדערט טויזנט רובל.

בעעזראס האשעם — יוים... פארשע... שנאס לפ'ק — מיט גאָטס הילף, דעם טאָג... סעדרע... יאָר... — דער טראדיציאָנעלער נוסעך פון אן אלטמאָדישן ייִדישן בריוו.

מאאלאָסוי — אײַער ווירדע (אן העפלעכע ווענדונג צום אדרעסאט).

א כאכאָמע ניפלאָע — א וווּנדערלעכע קלוגע.

בעעמונאָ שעלי — בא מײַן נעמאָנעס.

א גווירו אָצום — א גרויסער אוישער.

אקויעכ־הארשאָע — א פולמאכט.

טארפאט (תרפט) אלאָפימ — 689 טויזנט, ד.ה. זייער אסאך געלט.

ליכוויד יעדידי האיאָקאָר האָראבאָני מעהורער רעב יוינע בערעב עלקאָנע ניירוי יאָיר — דעמ הער מײַנ טײַערנ פרײַנט דעמ געלערנטנ רעב יוינע, זײַנ ליכט זאָל טאָנ לײַכטנ (א טראדיציאָנעלער מעליצעדיקער אָנהייב פונ א בריוו).

וועצידקאָסכאָ — א פרומאטשקע.

מינ האשאָמאיִמ — פונ הימל, פונ גאָט.

היויצע לאָנו מיזע — דער סאָפ, דער רעזולטאט.

מימיצראיִמ וועאד הײנאָ — פונדאנענ ביז מיצראיִמ. געמיינט: א גרויסער נאר.

א בעריע ניפלאָ — א וווּנדערלעכער בעריע.

גיי לאָד מיכ צומ „אונסאנע טויקעפ" — געמיינט: גיי טו מיר עפּעס!

מעוויעש — פארשעמט.

האָבנ אפ אימ האשגאָכע — אכטונג געבנ אפ אימ.

מא שמײכעס — ווי הייסט איר.

שלוישימ — די ערשטע דרײַסיק טרויער־טעג נאָכ א מעס.

האסמאָדע — פלײַס.

צווײ קיטעס — צוויי גרופּעס.

צאכעס האלאָשנ — רײנע שפּראכ.

לארעג אולאבער אפ אייסעווג — שטארק אינ קאס אפ אייסעוונ. (לויט דער ביבל האָט אייסעוו, יאנקעווס עלטערער ברודער, געוואָלט האור־גענענ יאנקעוונ).

מעכירעס־יויסעפ — דאָס פארקויפנ יויסעפנ, יאקאָווס ייִנגערנ זונ, פאר א קנעכט (לויט דער ביבלישער לעגענדע).

כורבנ־בײסהאמיקדעש — די צעשטערונג פונעמ טעמפל אינ יערושאָלאיִמ בײס דעמ ייִדיש־רומישנ קריג.

אגאדעטע „אָמאר ראבי יויכאָנאָנ" — טאלמודישע לעגענדע וועגנ כורבנ, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער: „געזאָגט האָט רעב יויכאָנאָנ".

טישעבעאָוו — בא רעליגיעזע ייִדנ דער טאָג, ווענ מע טרויערט אפנ כורבנ־בײסהאמיקדעש.

מעטאמע געווענ — אומרײנ געמאכט.

קאָדשע־קאָדאָשימ — דאָס אלערהייליקסטע אָרט.

לעאָסיד לאָווי — אינ דער צוקונפט.

מײַסעס פונ בעסמעדרעש

רעדיפעס אונ מעסירעס — פארפאָלגונגענ אונ דאָנאָסנ.

פוראָניעס — אומגליקנ.

לוי־אלייכעמ — ניט פאר אײַכ געדאכט.

א יוירעד — א געפאלענער, א פארצאָרעמטער.

קיסייהאקאָוועד — גאָטס טראָנ אינ הימל.

א קאמייע — א טאליסמאנ (א מאטבייע, א געשריפטס), וואָס מע פלעגט באקומענ באמ רעבנ „אפ גליק אונ האצלאָכע".

אָני וועוויענ — א גרויסער אָרעמאנ.

א שאלעס־כאָכעמ — אנ אָנפראגע בא א געלערנטנ.

מאריכ יאָמימ זײַנ — זאָל לאנג לעבנ.

„פידיענ" — „אויסלייז"־געלט, וואָס די כסידימ פלעגנ ברענגענ זייער רעבנ.

מעסאקנ־זײַנ — פאריכטנ, אופטאָנ.

אוילעמ האטאכטנ — די אונטערשטע וועלט, ד.ה. „די וועלט" אינ אונטערשייד פונ „יענער וועלט".

בארג סינײַ — דער בארג, אפ וועלכנ ס'איז, לויט דער ביבל, געגעבנ געוואָרנ די טוירע.

מאָפסימ — ניסימ, ווונדער.

אנ אסיפע פונ „יִקא" אינ פאריזש

„יִקא" — פארקירצט פונ „יִדישע קאָלאָניִאלע אסאָציִאציע" — א פילאנטראָפישע געזעלשאפט אפ מיטצוהעלפנ דער איבערוואנדערונג פונ דער יִדישער אָרעמשאפט פונ רוסלאנד, גאליציע אאוו. אפ ערד־ארבעט. מיט די קאָלאָסאלע געלט־מיטלענ אונ מיט אלע איניאָנימ פונ דער „אסאָציִאציע" האָבנ פארוואלטעט א קופקע מאגנאטנ פונ דער יִדישער גרויס־בורזשואזיע, וואָס האָבנ זיכ זייער ווייניק געקימערט וועגנ די אינטערעסנ פונ די ברייטסטע יִדישע ארבעטנדיקע מאסנ אונ האָבנ אויסגענוצט די גרויסע קאפיטאלנ פונ „יִקא" אפ א ווילקירלעכנ אונ ביוראָקראטישנ אויפנ.

אוימעלעכ, פיכאָל א.א.וו. — דאָס איז אלצ נעמענ פונ ביבלישע פערסאָנאזשנ — הויכגעשטעלטע סאטראפנ אונ דעספאָטישע מיניסטאָרנ.

טײַכ סאמבאטיענ — א לעגענדארער טײַכ.

פונ הוידו ביז קוש, פונ דויסנ ביז גוישנ, קאָדעש־בארנייאָ — לעגענדארע ערטער פונ דער ביבל.

האָרעכוישעכ — פינצטערע בערג, לעגענדארע ערטער.

ב נ ו י ס צ ל אָ פ כ אָ ד — צלאָפכאָדס טעכטער — פּערסאָנאַזשן פֿון דער ביבל. דאָ געמיינט: פּאַטראָנעסעס פֿון אָפּגעקומענע ייִכעסדיקע אַלטע, מיידן.

מ י ט ר אָ ו ד יי ע ס — מיט דער מערהייט שטימען.

קיין אמעריקע

ל י כ ו ו י ד י ע ד י ד י ה א י אָ ק ע ר ה א נ אָ ג י ד ה א מ פ ו ר ס ע ס ו ו ע־כ ו ל ע מ ע ה ו ר ע ר... ניירוי יאָיר — צום קאָוועד פֿון מײַן פֿרײַנט, דעם באַוווסטן גוויר. אַ טראַדיציאָנעלע ווענדונג אין אַ בריוו.

פ ס ו ר ע ס ט ו י ו ו ע ס, י ע ש ו ע ס ו ו ע נ ע כ אָ מ ע ס — גוטע ידיעס, הילף און טרייסטונגען.

א פ נ ק ל א ל י יִ ס ר אָ ע ל — אַף אַלע ייִדן.

ל אָ כ יי נ — דעריבער.

ה א צ ל אָ כ ע ב ע כ אָ ל א ש ע ר ע פ נ ע — גליק, ווו איך וועל זיך נאָר ווענדן.

ב ע ד י ל־ה א ד א ל־ג ע ו ו אָ ר ג — אומגליקלעך געוואָרן, זייער פֿאַראָרעמט געוואָרן.

„ט א ר ע ט א ר" — פֿאַרגרײַזט פֿון טראַטואַר.

ש י ג אָ ע נ — מעשוגאַס.

„פּ ר ע פ י ק ס" — אַ פֿעסטער פּרײַז. (פֿאַרגרײַזט פֿון: „פּריפֿיקס").

ג ע ו ו אָ ר נ א ו ו א יִ צ א ק ו — געוואָרן אַ געשריי.

ק ע א כ א ד ה אָ ר יי ק י מ — ווי אַ לעצטן לומפּ.

י אָ מ י מ ו ו ע ש אָ נ י מ — טעג און יאָרן.

ק אָ ש ע — ניט פֿאַרשטענדלעך.

ל פ׳ק (ל ע פ א ק) — געמיינט, די פֿאַרצייכענונג פֿון יאָר, לויט דער רעליגיעז־ייִדישער ציילונג.

מ ע ר ו צ ע — מאַסקים.

ה א נ א ל — דער זעלבער.

א ל ע ש י ו ו ע מ ע ד ו ר ע ג ע נ ע מ — געמיינט, אַלע צאָרעס.

ב י ט מ י מ ע ס — אופֿריכטיק.

נ ע ג יי ע ב ע ק אָ ו ו ע ד ז ײַ נ — אָנרירן עמעצנס קאָוועד, באַליידיקן.

ש ו י מ ע ר א ו מ א צ ל ז ײַ נ — אָפּהיטן און ראַטעווען.

מ י י ע ד יי ע ו ו י פ ל — ווער ווייסט וויפֿל.

א ש יי נ ע ר ק א ל־ו ו ע כ ו י מ ע ר — אַ שיינער פֿאַרגלײַך.

נ יי ט מ ע נ א י מ פ ו נ ק אָ ה אָ ל — מע צווינגט אים פֿון דער געזעלשאַפֿט, געמיינט, פֿון דער מאַכט.

אָ ג ר א נ י ט ש ע נ י ע ס — באַגרענעצונגען.

א געבענטשט לאנד

מעזוינעס — שפײַז.

קעסטל־גארדן — אַן אָרט אין ניו־יאָרק, וווּ די עמיגראַנטן פֿלעגן דורכגיין אַן אינספּעקטאָרישע רעוויזיע בײַ זייער אָנקומען קיין אַמעריקע.

טאכטויניִם — אונטערשטע הויזן.

בעדערעכ האליכע — פֿאַרייניוועגס, איינצײַטיק.

מויסעפ זײַן — העכערן דעם געהאַלט.

שאכריס — די ערשטע העלפֿט פֿונעם דאַווענען אין די שאַבעס־און יאָנ־טעוו־טעג. דער כאַזן פֿון שאַכרעס האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ כאַזן פֿון נידעריקערן ראַנג.

טרייפע סכוירע — געמיינט, קאָנטראַבאַנדע־סכוירע.

מאכנ א וואַ־ורא־כ — אַנטלויפֿן.

יעהודי בעלוי — געמיינט, מאַכן אַ שוויַיג...

קאָל אווידעס פערעכ — אַלערליי שווערע אַרבעטן.

מעשאנע־שעמ געווענ — געענדערט דעם נאָמען.

דער פּירפּענעמדיקער ראַבינער

ווייהי האיומ — אין איינעם אַ טאָג.

איינ לעשאער — ניט אויסצומאָלן זיך.

באר־מיצווע — אַ סימכע, וואָס מע פֿלעגט מאַכן בײַ רעליגיעזע ייִדן, בײַס דער זון איז געוואָרן אַלט 13 יאָר.

סאָסנ ווּעסימכע אויר לאיהודים — אַ פֿרייד און אַ גדולע, אַ ליכטיקייַט פֿאַר ייִדן.

א „פּידיענ האבענ" — אַ „זון־אויסלייזונג" (דעם עלטסטן זון — דעם בכאָר פֿלעגט מען דאַרפֿן „אויסלייזן" — אָפּצאָלן פֿאַר אים אַ געוויסע סומע געלט דעם קויהען).

א סיִעמ־האשאס — אַ סימכעלע, וואָס רעליגיעזע ייִדן פֿלעגן מאַכן בײַם פֿאַרענדיקן דאָס לערנען אַ בוך פֿון טאַלמוד.

דאיינו — גענוג פֿאַר אונדז.

אל אכאס קאמאָ ווּעקאמאָ — ביפֿראַט נאָך, ווער שמועסט.

קריִעס האטוירע — דאָס לייענען די טוירע.

„אָסער לייִלעכ דאלעד אמעס בעגילעראָש" — מע טאָר ניט גיין פֿיר איילן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ.

אכאשטראָנימ — לויפֿערס, פֿלינקע קוריערן בײַם פּערסישן קעניג (לויט דער ביבל).

קעהאילישנאָ — מיט אזא שפראכ.
קעצוינבעלירויע — ווי שאָפ אָנ א פאסטעכ.
בּעשעמעלעקיייִסראָעל — אינ גאָטס נאָמענ.

ווער בינ איכ, אָדער צוויי קונילעמלס

שאָלעמ־לאאהווי־בריול — א בריוול צו א פרײַנט.
אישכאָשעוו — א כאָשעווער מענטש.
ליהאָיאָ וועלוינִיוראָ — ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ.
יִעוו — א פערסאָנאזש פונ דער ביבל, וועגנ וועלכנ עס איז פאראנ א מיינונג אפילע אינ טאלמוד, אז ער איז אפ דער וועלט ניט געוועג.
„האצויפע“ — א צײַטונג (אינ העברייִש). דערשינענ אינ ווארשע אינ די יאָרנ 1903 — 1905.
ניווהעלוועניִשטוימעמ — דערשיטערט אונ איבעראשט.
פילײ־פלאָיִמ — גרויסער וווּנדער.

דאָס נײַגעבוירענע

צומגאָדל־האדאָר, צומבאלמויפעס — צומ גרויסנ מענטשנ פונ דעמ דאָר, צו דעמ, וואָס טוט ווונדער, ד.ה. צומ רעבנ.
אשמירע — א טאליסמאנ.
מאפטִעכגעווענ — צוגעזאָגט.
מעקאיעמ־פסאקגעווענ — געשטראָפט, געשמיסנ.
קאָהייִנאָ ווע כאָהייִנאָ — נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל אזויפיל.
אמאראָכע — א צופאל.
אמאגעמאסע — א באציִונג.
בעקייִפל קיפלאִימ — צוויי מאָל אזויפיל.

דער פעטער פיניע אונ די מומע רייזע

יאש — בראָנפנ.
יאָדוע — באוווסט.
אנעכמאד־לאבריִעס — באליבט בא אלע מענטשנ.
מאקעס־רעצעכ — אכזאָריעסדיקע קלעפ.
אומײַסע שעהאָיאָ קאכ האָיאָ — אונ אזוי איז געווענ די געשיכטע.
אגוויר אָצומ — א גרויסער אוישער.
אכאָכעמ־מעכוקאָמ — זייער א גרויסער כאָכעמ.

בעהיימע בעצורעס אָראָמ — א בעהיימע אינ געשטאַלט פונ א מענטשנ, ד. ה. אנ אָפּגעריסענער נאר.

אטעל אוילעמ — א כורווע אפ אייביק, א וויסטער סאָפ.

מעאיענ זייַנ אינ פּויווע־סהאַלוואָוועס — ארייַנקוקנ אינ א מוסער־סייפער, א בוכ מיט מאָראַליש־רעליגיעזנ אינהאַלט.

קאַוו האַיאָשער — א סייפער מיט רעליגיעז־מיסטישנ אינהאַלט.

שאָלעמ־ווע־שאַלווע — פרידנ אונ רו.

דער בעזעמ אונ די באַרשט

זאָל מאַריכ יאָמימ וועשאָנימ זייַנ — זאָל האָבנ לאַנגע טעג אונ יאָרנ, זאָל לאַנג לעבנ.

דער ערשטער „בעזעמ" — דער ערשטער נומער פונעמ הומאָריסטישנ זשורנאַל „דער בעזימ", וואָס איז דערשינענ אַלס בייַלאַגע צו דער צייַטונג „פרייַנד" אינ 1908 יאָר.

מאַרע — צורע, פּאָנימ.

לוי־אַלייכעמדיק — פילט זיכ ניט גוט.

קעלוי יאָדע — גלייַכ ווי ניט וויסנדיק.

קאָל כאַמאָסאָ — איר גאַנצנ צאָרנ.

אייַנגעמאַכטס

סכאַר־לימעד — געצאָלטס פאַרנ לערנענ.

אַוודע — אַרבעט.

סעדרע — אנ אָפּטייל פונ דער ביבל, יעדע וואָכ לערנט מענט אנ אַנדער סעדרע.

„באָלאָק" — א סעדרע, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער: „אונ באָלאָק — (א לעגענדאַרער קעניג) האָט דערזענ". סע רעכנט זיכ אַלס זייער א האַרב לערנענ. „לערנענ באָלאָק" הייסט אויכ: אָנלערנענ.

קיבעד — צובייַסנ, מיט וועלכנ מע נעמט אופ א גאַסט.

א צנוע — א פרומע.

מאַלאַכע־כאַבאָלע — די שלעכטע מאַלאָכימ, די הימלשע הענקערס.

דער רעבע אונ די רעבעצנ

אכרייַ ראַבימ לעהאַטויס — זאָלסט נאָכגיינ נאָכ דער מערהייַט.

קונע — אזא שטראָפ פאַר א טאַלמיד, וואָס האָט זיכ פאַרזינדיקט.

ייִמאַכ שמוי — עס זאָל זייַנ נאָמענ אָפּגעמעקט ווערנ.

מיסע־מעשונע — אנ אויסטערלישער טויט.

שעקער וועקעזעוו — א גראָבער ליגנ.

פּוישע־יִסראָעל — פארברעכער, זינדיקער.
יִמאכ שמאָמ וועזיכראָמ — אָפּגעמעקט זאָל ווערנ זייער נאָמענ אונ זייער אָנדענק.
טאָרעד — שטארק פארנומענ.

שאָלעכמאָנעס

אלרעגל אכאס — אפ איינ פוס, אפגיכ.
מאטאָנעס לעעוויוינימ — מאטאָנעס פאר אָרעמעלייט.
מעקאבל פּאָנעמ זיינ — באגעגענענ.
מי וואָמי — ווער.
באלדאברענ — ריידער.
א כילעל־האשעמ — א גאָט־לעסטערונג.
עסטערטאָנעס — ד.ה. ערעוו פורימ — א טאָג ווענ מע פאסט.
פארנ מאלכוס — פארנ קייסער.
צומ נייעמ אָדנ — צומ נייעמ האר.

„קאָמעדיע בראק"

שישימ ריבע — 600 טויזנט, ד.ה. א גראנדיִעזע צאָל.
קאָכע יעאָסעלאָיִש — אזוי טוט מענ דעמ מענטשנ.
סאָריסימ — באדינערס, העכסטע טשינאָווניקעס באמ שאכ.

אפנ הימל א יאריד

האיִטאָכנ — קאָנ דענ געמאָלט זיינ.
קאָל טויוו — אלדאָס גוטס.
זויכע בעגוירל זיינ — אויסנעמענ דאָס געווינס.
בעכינעמ — אומזיסט.
קאפאקעלע — אינ דר׳ערד.
כוישעכ וועאפיילע — פינצטערניש אונ טונקלקייט, דאָ געמיינט: א גרויסער טומל.

צווישנ מייסימ

אויעל — געצעלט — דאָס שטיבל, ווו מע גרייט די מייסימ צומ באגראָבנ (לויט דעמ רעליגיעזנ ריטואל).
היסנאצלעס — אנטשולדיקונג.
סאָפּ אָדאָמ לאָמוס — יעדער מענטש וועט שטארבנ.
כיבעט־האקייווער — די קלעפּ אינ קייווער, וואָס לויט דעמ אבערגלויבנ באקומט זיי דער מעס בייסנ אויספרעגנ זיינ נאָמענ אונ זיינ טועכצ באמ לעבנ.

באמערקונגען

צווי שטיינער

שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע דערציילונג, געדרוקט אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט" פאַרן 1883־טן יאָר, נומערן 26, 27, 28, 30.

אין די נומערן 26, 27, 28 איז געכאַסמעט:

„ערציילונג פון שאָלעם־ראַב־וויטש".

אין נומער 30 צום סאָף איז געכאַסמעט „ראַבינער שאָלעם ראַבינאָוויטש, לובני 1883".

די וויבאָרעס

געדרוקט אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט" 1883, נומ. 38, און צום ערשטן מאָל געכאַסמעט מיטן פסעוודאָנים „שאָלעם־אַלייכעם".

„דער דײַטש"

געדרוקט אין „האַמיליץ", 1889, נומ. נומ. 135, 137. איבערזעצט פון העברעייִש.

דער „אויצער"

געדרוקט אין „האַמיליץ", 1889. נומ. נומ.272, 275, איבערזעצט פון העברעייִש.

דאָס קישאָט פון מאַזעפּעווקע און זײַן כאַווער סימכע־פּינכעס

געדרוקט אין זאַמלבוך „פּאַרדעס", 1892, איבערזעצט פון העברעייִש.

סטאַנציע מאַזעפּעווקע

געדרוקט אין זאַמלבוך „הויז־פרײַנד", דריטער בוך, 1894.

אין ספאָרים־קלייטל

געדרוקט אין זשורנאל „דער יוד", 1899, נומ. 17.

ווער ווייסט

געדרוקט אינעם זשורנאל „יודישע פרויען־וועלט", 1903.

מײַסעס פון בייסמעדרעש

געדרוקט אין צײַטונג „האצופע", 1903, נומ. 160. איבערזעצט פון העברייִש.

אנ אסיפע פון „יִקא" אין פאריזש

געדרוקט אין צײַטונג „פרײַנד", 1903, נומ. 246.

קיינ אמעריקע

געדרוקט אין זשורנאל „צוקונפט", 1903, אווגוסט.

א געבענטשט לאנד

געדרוקט אין צײַטונג „פרײַנד", 1904, נומ. 1.

דער פירפענעמדיקער ראבינער

געדרוקט אין צײַטונג „דער טאָג", 1904, נומ.נומ. 26, 27, 28.

ווער בינ איכ, אָדער צוויי קונילעמלס

געדרוקט אין דער צײַטונג „דער טאָג", 1904. נומ. 111.

דאָס נײַ־געבוירענע

געדרוקט אין צײַטונג „דער וועג", 1904, דעקאבער כוידעש

דער פעטער פיניע און די מומע רייזע

דערשינענ אינ 1905, אינ פארלאג „ביכער פאר אלע" און באלד קאָנפיסקירט געוואָרנ דורכ דער צארישער צענזור.

דער בעזעמ און די בארשט

געדרוקט אין זשורנאל „דער בעזימ", 1908, נומ, 1. בײַלאגע צומ „פרײַנד".

אײַנגעמאכטס

געדרוקט אין זשורנאל „דער בעזימ", 1908, נומ. 2. בײַלאגע צומ „פרײַנד".

דער רעבע און די רעבעצנ

דערשינענ אינ אָדעס, פארלאג „מוריה", 1908, איבערזעצט פון העברייִש.

שאָלעכמאָנעס

געדרוקט אין זשורנאל „דער בעזים", 1908, נומ. 9, בײלאגע „צום פרײַנד".

„גוטמאָרגנ"

געדרוקט אין צײַטונג „גוטמאָרגנ", 1910, נומ. 1

„קאָמעדיע בראק"

געדרוקט אין צײַטונג „גוטמאָרגנ", 1910, נומ.נומ. 5,4.

אפנ הימל א יאריד

געדרוקט אין צײַטונג „הײַנט", 1913, 1 יול.

„צווישנ מייסים"

געדרוקט אינ „שאָלעמ-אלייכעמ-בוכ".

אינהאלט

פאָרוואָרט . . . 5

צוויי שטיינער . . . 11

די וויבאָרעס . . . 37

„דער דײַטש" . . . 42

דער „אויצער" . . . 62

דאָנ־קישאָט פונ מאזעפעווקע אינ זײַנ כאוועה סימכע־פינכעס . . . 79

סטאנציע מאזעפעווקע . . . 91

אינ ספאָרים־קלייטל . . . 99

ווער ווייסט ? . . . 110

מײַסעס פונ בייסמעדרעש . . . 191

אנ אסיפע פונ „ייקא" אינ פאריזש . . . 198

קיינ אמעריקע . . . 206

א געבענטשט לאנד . . . 222

דער פירפענעמדיקער ראבינער . . . 230

ווער בינ איכ, אָדער צוויי קונילעמלס . . . 242

דאָס נײַ־געבוירענע . . . 247

דער פעטער פיניע אונ די מומע רייזע . . . 256

דער בעזעם אונ די בארשט . . . 267

אײַנגעמאכטס . . . 272

דער רעבע אונ די רעבעצנ . . . 278

שאָלעכמאָנעס . . . 287

„גוטמאָרגנ !" . . . 294

„קאָמעדיע־בראק" . . . 297

אפנ הימל א יאריד . . . 305

צווישנ מייסים . . . 318

פארטײַטשונגענ . . . 324

באמערקונגענ . . . 335

רעדאקטאָר — ב. סטעפּאנסקי.
טעכנישער רעדאקטאָר — מ. רעזניטשענקאָ.

פּאפּיר 108×72 — $1/_{32}$ — 45 קג. $10\,5/_{8}$ דרוק־בויגנ
15,48 דיסקאָנט־אווטאָר־בויגנס. טיראזש 5000
עקז. פארלאג־נומער 177 9־טע פּאָליגראפ. פאבריק
גופּ און קפּ. קיִעוו, רויטער פּלאצ 2_a. באשטעלונג
נומ. 726. באפולמ. פונ הויפּטליט נומ. 1020.
אָפּגעגעבנ אינ זאצ 28/II—1939, אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 22/III — 1939.

Ціна 4 крб. Оправа 2 крб.